This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

1

1985

היימלאַנד

1985

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

יאַנוואַר

1

1985

אינהאַלט

יובילײ־פּלענום פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר דעם 25 סענטיאבער 1984. **באַשטעטיקן דעם לעבנס־עמעס, די הויכע אידעאַלן. רעדע פונעם כאַווער ק. או. טשערנענקאָ** 4

כאַשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע... **פיניע קיריטשאַנסקי. מײַן ערד איז שיין. זיסי ווײַצמאַן. פון ליכטיקער וועלט דער אָנהייב. מאָטל גרוומאַן. ווידער פליִען קאָסמאָנאַווטן. יאָסל בוכבינדער. די ביימער רעדן זיך צונויף. דאָרע כײַקינע. צוויי צוואָעס. ליפע העלער. מײַן גאָלדענער פאָנד. בראָניע סינעלניקאָווע. דער טרוים. מוישע פענס. לויטערע מינוטן. עליע ביידער. דער קויעך פון א קוש. ליאָווע בערינסקי. נאָכן רעגן. מאָטל גאָלבשטיין. א ליד** 13

הערשל פּאָליאַנקער. די צײַט פון גרויסע האָפענונגען (ראָמאַן. ערשטער טייל) 18

זיכרוינעס. **יעווסיי יאַצאָווסקי. די קאָמיוגיסטן פון קאָוונער אונטערערד** 78

פון דער הײַנטצײַטיקער ליטווישער פּאָעזיע. **לידער פון אלגימאַנטאַס באַלטאַקיס, יאָנאַס סטרעלקונאַס, וויִאָלעטאַ פּאַלטשינסקײַטע, אלעקסיס כורגינאַס, יודיטאַ ווײַטשיונײַטע, אלפאָנסאַס מאַלדאָניס, עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס, ווינצאַס גערא** (יִדיש — **בער האַלפּערן**) 94

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **פּײַוול סיטאָ** (1909—1945). **מילכאָמע־דערציילונגען** 98

הירש בלאָשטיין (1895—1980). **אין דער אלטער היים** (יעפים מענדעלעוויטש) 107

כאַיִם גורעוויטש. באַם אירטיש (לידער) 120

פּובליציסטיק. **אלעקסאַנדער פּעטשערסקי. באַשטראָפן די נאַציסטישע פאַרברעכער!** 122

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט
ליפע העלער. א פרוכטבאַרער שעפערישער וועג . 126

קורצע רעצענזיעס. **ב. מילער. דורכגעדרונגען מיט קאַמף. מ. שלוימעס. יאָרן פון געוויטער. מ. וואָלף. „א קערפּער אָן א קאָפּ, וואָס הערט ניט אויף צו לויפן". א. טאָרפּוסמאַן. א נײַע סאָוועטישע אויסגאַבע איבער פראַגן פון סעמיטאָלאָגיע. ל. שומסקי. א ליטעראַרישער דענקמאָל פונעם אלטערטום** . 130

מאַקס גאָלדין. שטריכן פון דער געמיינזאַמקײַט פון דער ייִדישער מוזיקאַלישער שאַפונג מיט דער מאָלדאַווישער 141

צו אונדזער לינסטלערישער בײַלאַגע. **גריגאָרי קורסטאָוו. א פילזײַטיקער קינסטלער** 145

פּאַוועל קוזמענקאָ. א ביבליִאָטעק אין סאָקאָלניקי 147

אונדזערע מיטיילונגען. **לייב ווילסקער. יעהודע האַלייוויס מאָטאָנע** 149

דאָס איז טשיקאַווע. **דער ערשטער דענקמאָל לעניגען** . . 163

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 165

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 168

כראָניק 140, 148, 164

רעזיומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**), י. שרײַבמאַן

דאָס 1985 יאָר,
דאָס שליסנדיקע אינעם עלפטן פינפיאָר,
וועט דורכגיין אונטערן צייכן
פונעם פאַרשטייענדיקן XXVII צוזאמענפאָר
פון דער רומפולער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד.
די סאָוועטישע פעלקער וועלן פאַרזעצן זייער העראָישע מי
לעשעם דער ליכטיקער צוקונפט פון דער מענטשהײַט.
מיט 40 יאָר צוריק האָט די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע
זיך פאַרענדיקט מיטן זיג איבערן בלוטיקן פאַשיזם.
פּײַערנדיק דעם דאָזיקן פאָלקס־יאָמטעוו,
וועלן די פּראָגרעסיווע קויכעס
פון דער גאַנצער וועלט
רימען דעם היסטאָרישן פאַרדינסט
פונעם ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם.
די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד“
באַגריסן די לייענער פונעם זשורנאַל
מיטן נײַעם יאָר
און ווינטשן זיי ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין דער אַרבעט,
גליק אין פּערזענלעכן לעבן.

יובֿיליי־פּלענום פֿון דער פּאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר
דעם 25 סעפּטעמבער 1984

באַשטעטיקן דעם לעבנס־עמעס, די הויכע אידעאַלן

רעדע פֿונעם כאַווער ק. או. טשערנענקאָ



טײַערע כאַווײרים!

אײַער פּלענום איז געווידמעט דעם פֿופֿציקסטן יאָרטאָג פֿון זייער א באַדײַטנדיקער געשעעניש אין דער געשיכטע פֿון דער סאָוועטישער קולטור — דעם ערשטן אַלפֿאַרבאַנדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע שרײַבער. און הײַנט קוקן מיר מיט שטאָלץ אויפֿן וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די סאָוועטישע ליטעראַטור, א געבוירענע פֿון דעם גרויסן אָקטיאַבער, די ליטעראַטור, אין וועלכער ס׳האָבן געפֿונען א בולטע אָפּשפּיגלונג די רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאַלטונגען פֿונעם XX יאָרהונדערט (אַפּלאָדיסמענטן).

דאָס איז א ליטעראַטור, וועלכע לעבט מיט איין לעבן מיטן פאָלק, מיט דער פּאַרטיי, מיטן לאַנד. אין אירע ווערק שטייען אויף אין גאַנצן וווּקס די פּרעכטיקע פיגורן פון לענינען און זײַנע מיטקעמפער, פון די העלדן פונעם בירגערקריג און פון די ערשטע פינפיאָרן, פון די אומשטערבלעכע שלאַכטלײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער. דאָס איז א ליטעראַטור, וואָס אין צענטער פון איר געפינט זיך דער אַרבעטס-מענטש און דער מענטש אין זײַן מי, א ווויסנגיריקער, א זוכנדיקער, א טעטיקער, אן אַקטיווער בויער פונעם סאָציאַליזם. דאָס איז א ליטעראַטור, וועלכע קען באַנעמען און שילדערן איר מיטצײַטלער אין דער גאַנצער קאָמפּליצירטקײַט פון זײַן אינערלעכער וועלט און מאָראַלישע זוכונגען, אין זײַנע פרײדן און זאָרגן, אין זײַן שטרעבונג צו עמעס און יוישער.

די זאַך, וואָס עס האָבן אזוי מערקווירדיק אָנגעהויבן גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי, פאַדייעוו און שאָלאָכאָוו, זעצן הײַנט פאָר די שרײַבער און דיכטער, וועלכע אַרבעטן אַקטיוו און פרוכטבאַר אין אונדזער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור (אַפּלאָדיסמענטן). איך וועל, פאַרשטענדלעך, דאָ ניט אָנרופן קיין נעמען אָדער קאָנקרעטע ווערק. כ'וועל אָפּמערקן איינס: דאָס נײַע, טאַלאַנטפולע און טיפע, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור פאַר די לעצטע יאָרן, וואָס רעגט דעם סאָוועטישן לייענער, צווינגט טראַכטן און שטרײַטן, — איז דער ווויכטיקסטער איידעס פון דעם, אַז אויף אונדזערע און אײַערע אויגן גייען אַרײַן אין דער סאָוועטישער, ווי אויך אין דער וועלט-קלאַסיק, אַזעלכע שאַפונגען, וועלכע וועלן איבערלעבן זייער צײַט און וואָרהאַפטיק דערציילן וועגן איר די קינדער און קינדס קינדער.

איך וועל, אַפּאַנעם, ניט דערלאָזן קיין טאָעס, אויב כ'וועל זאָגן, אַז דער סאַמע פינקטלעכער קריטעריי פון די דערפאָלגן פון דער ליטעראַטור און קונסט אינגאַנצן גענומען איז יענע רעאַלע שטופּע פון דער אויפווירקונג, וואָס זיי מאַכן אויף דער פאָרמירונג פון דעם אידייִש-מאָראַלישן אָנבליק פונעם פאָלק. אין דעם זין וויסט ניט די סאָוועטישע ליטעראַטור ווירקלעך צו זיך קיין גלײַכן. זי פאַרקערפּערט אין זיך די גײַסטיקע רײַכקײַט פון דער נײַער, סאָציאַליסטישער ציוויליזאַציע. אָט פאַרוואָס די פּאַרטיי, דאָס פאָלק באַציִען זיך מיט אַזאַ קאָוועד צו דער נאָבעלער מי פון די שרײַבער, פון אַלע קונסט-מײַסטערס (אַפּלאָדיסמענטן).

כאַווײרים! דער יאָרטאָג פונעם ערשטן שרײַבערישן צוזאַמענפאָר רופט אַרויס א פאַרלאַנג צו אן אָפנהאַרציקן, אויספירלעכן געשפּרעך ניט בלויז וועגן דער זאַכלאַגע אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך וועגן די פּראָבלעמען פון קינסטלערישער שאַפונג ביכלאַל, וועגן דעם אָרט פון דער קונסט אין אונדזער לעבן. א באַדערפעניש אין אַזאַ געשפּרעך איז באַ אײַך, טוער פון דער סאָוועטישער קונסט, מיין איך, פאַראַן. איך בין איבערצײַגט, אַז אין דעם זײַנען פאַרינטערעסירט אויך צענדליקער מיליאָנען אײַערע לייענער, צושויער, צוהערער — קורץ גערעדט, אונדזער גאַנצע געזעלשאַפט. כ'וועל ניט מאַכן קיין סאָד: אין אָט דעם געשפּרעך וואָלט אויך איך געוואָלט זיך באַטייליקן. און, נאַטירלעך, רײדנדיק וועגן די פּראָבלעמען פון קינסטלערישער שאַפונג, קלײַב איך זיך ניט צו געבן אײַך רעצעפּטן, וויאַזוי זיי צו לייזן. כ'וואָלט געוואָלט קוידעמקאָל זיך אַרויסזאָגן מיקויעך די פּאָליטישע אַספּעקטן פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, זיך טיילן מיט מײַנע זאָרגן, דערציילן וועגן די איקערדיקע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי-פּאָליטיק הײַנט, וועגן דעם, וויאַזוי מיר פאַרשטייען זיי, וויאַזוי מיר זײַנען זיך נויעג.

קיין פּראָבלעמען פון קינסטלערישער שאַפונג אויסער פּאָליטיק עקזיסטירן ניט. פאַר אונדז איז דאָס א באַשײַמפּערלעכער עמעס. אָבער דורכגעשלאָגן פאַר זיך א וועג האָט ער, ווי באַוווּסט, ניט לײַכט. און ס'איז א סאָפעק, צי מע קאָן איבערשאַצן יענעם צושטײַער, וואָס עס האָט אַרײַנגעטראָגן אין זײַן פּרינציפּיִעלער באַשטעטיקונג דער ערשטער שרײַבערישער צוזאַמענפאָר.

א רייד איז אויף אים געגאַנגען וועגן דעם באַרוף פון דער ליטעראַטור אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועגן איר ראָליע אינעם דערציִען א נײַעם מענטשן, וועגן דעם בירגערלעכן כויוו פונעם ליטעראַט. ברייט, לעניניש איז צוגעגאַנגען צו די דאָזיקע פראַגן אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי. איר געדענקט, פאַרשטייט זיך, זײַן הויפּט-געדאַנק: א שרײַבער דאַרף זיך אויסלערנען אַקטיוו אויסנוצן די גרויסע רעכט, וועלכע ס'האָט אים געגעבן דער סאָציאַליזם. די רעכט דירעקט זיך צו באַטייליקן אין דער בויונג פון א נײַ לעבן, זײַן א שטרענגער ריכטער פון אַלץ, וואָס עס איז קאָנסערוואַטיוו, אָפּגעלעבט, באַשטעטיקן מיט זײַן קונסט עכטן הומאַניזם, די העכע אידעאַלן פונעם סאָציאַליזם. אַזאַ איז אין טאָך דער פּאָליטישער זין פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם — דעם קינסטלערישן גרונט-מעטאָד פון אונדזער ליטעראַטור, קונסט.

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר איז געוואָרן אַן איבערבראַך־עטאַפּ אינעם פּראָצעס פֿון אויסבילדן די ליטעראַטור פֿון אַ נײַער, סאָציאַליסטישער ריכטונג. און אָנגעהויבן האָט זי זיך, ווי מע זאָגט, ניט פֿון אַ ריין בלעטל, נאָר אויסגעוואַקסן אויפֿן פֿונדאַמענט פֿון דער פּאָר־געשריטענער רוסישער ליטעראַטור, פֿון דער דעמאָקראַטישער קולטור פֿון אַלע פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, פֿון דער וועלט־קלאַסישער ירושה.

אונטערצייִענדיק די סאַכאַקלען פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, האָט גאָרקי אים אָפּגעשאַצט אַלס זיג פֿונעם באָלשעוויזם. און ער איז בעפֿירעש געווען גערעכט: דאָס אַרײַנטראָגן קאָמוניסטישע פּאַרטייִשקייט און אָרגאַניזירטקייט אין דער ספֿער פֿון ליטעראַטור האָט איר געהאָלפֿן צו ווערן, ווי עס האָט פֿאָרויסגעזען לענין, אַ ווירקלעך פֿרײַע, אַן אָפֿן פֿאַרבונדענע מיטן אַרבעטס־מענטש.

די געפֿונענע נאָך לאַנגע זוכונגען און פֿאַרפֿעסטיקטע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם פֿון פֿאַרייניקן די ליטעראַטן האָבן גענומען אויף באַוואָפֿענונג די מײַסטערס פֿון אַנדערע מינים קונסט. און זי האָט אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו פֿון דער צײַט.

אָבער די באַדײַטונג פֿונעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר האָט איבערגעשפּאַנט די ראַמען פֿונעם קינסטלערישן לעבן: ער איז געוואָרן אַ גרענעץ־פּונקט אין דער געשיכטע פֿון אויסבילדן די סאָוועטישע אינטעליגענץ. דערמאָנט זיך: צוויי דריטל פֿון די דעלעגאַטן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר זײַנען לויט דער אָפּשטאַמונג געווען אַרבעטער און פּויערים. אַנדערש געזאָגט, אינטעליגענטן אינעם ערשטן דאָר. דער דאָזיקער פֿאַקט האָט געזאָגט בעסער פֿון יעטווידע ווערטער איידעס וועגן דעם, אַז עס איז געבוירן געוואָרן און האָט פֿאַרנומען אַ ווירדיק אָרט אין אונדזער געזעלשאַפֿט אַ נײַע אינטעליגענץ.

דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ליטעראַטן האָט פֿאַרפֿעסטיקט דעם בונד פֿון מי און קולטור, וועלכער האָט זיך געשאַפֿן נאָכן אָקטיאַבער. אַן אַזאַ בונד, אַן אַ בונד פֿון די אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענץ, וואָס איר צעמענטירנדיקע קראַפֿט איז געווען און פֿאַרבלײַבט דער אַרבעטער־קלאַס, וואָלט די דערפֿאָלגרײַכע בויונג פֿונעם סאָציאַליזם געווען פּשוט אוממעגלעך. דאָס איז געווען ריכטיק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. ביפֿראַט נאָך ריכטיק איז עס הײַנט, ווען די אינטעליגענץ איז שוין קיין ניט קיין שמאָלער צווישנשיכט פֿון געבילדעטע מענטשן, נאָר אַ מעכטיקער פֿלאַסט פֿונעם אַרבעטס־פֿאָלק, ווען אומאָפּנייגלעך שטײַגט איר בײַטראָג אין אונדזער אַלגעמיינער זאַך — אין פֿאַרפֿולקומען דעם אויסגעבויטן אין פּסר סאָציאַליזם.

די דאָזיקע זאַך איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ קאָמפּליצירטע. זי דולדעט ניט קיין לײַכטוואַגיקן פֿאַרייִנפֿאַכטן צוגאַנג. דאָ בעט זיך גלײַך אויף דער צונג דאָס גלײַכוואָרטל: ניט אַזוי מיט קויעך, ווי מיט מויעך. יאָ, נעמלעך אַזוי. אַפֿילו פֿון די מאַשינען פֿאָדערן מיר הײַנט, זיי זאָלן זײַן קלוגע. און האַגאַם דאָס איז בלויז אַ מעטאַפֿאָרע, שטרײַכט זי ריכטיק אונטער די ספּעציפֿישע באַזונדערקײַט פֿונעם הײַנטצײַטיקן פּראָדוציר־פּראָצעס — זײַן שטײַגנדיקע אינטעלעקטועלע אָנגעזעטיקטקײַט. ניט אומזיסט פֿאַרבינדן מיר דאָך אויפֿן ענגסטן אויפֿן דאָס העכערן די עפֿעקטיווקײַט פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, די אינטענסיפֿיקאַציע פֿון דער פּראָדוקציע מיט דער פֿאַרשנעלערטער באַהערשונג פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע אַנטדעקונגען, פֿון די דערגרייכונגען פֿונעם אינזשענערישן געדאַנק. און, פֿאַרשטייט זיך, מיט דער איבערבויונג פֿונעם עקאָנאָמישן דענקען גופֿא.

ביכלל, כאַוויירים, וואָס פֿאַר אַ געביט פֿון פּאַרטייִשער, מעלוכישער, ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט ניט נעמען, קאָנען מיר ניט אין ערגעץ דערפֿאָלגרײַך זיך באַוועגן פֿאָרויס אָן אַן אָנשפּאַר אויף טיפֿע קענטענישן, אויף הויכער באַוווּסטזיניקײַט און קולטור פֿון אַלע אַרבעטנדיקע, אויפֿן קאָלאָסאַלן גײַסטיקן, שעפֿערישן פּאָטענציאַל, וועלכן ס'האָבן אָנגעזאַמלט דורכאויס סאָוועטישע מענטשן. די באַשטימונגען פֿונעם XXVI צוזאַמענפֿאָר, פֿון די פּלענומס פֿון צק פֿאַר דער לעצטער צײַט זײַנען, אייגנטלעך גערעדט, טאַקע געריכטעט אויף אַ פֿולשטענדיקער מאָביליזאַציע פֿון דעם דאָזיקן פּאָטענציאַל. דאָס איז, ווי מיר זײַנען איבערצײַגט, פֿעיִק צוגעבן אַ מעכטיקע פֿאַרשנעלערונג אונדזער גאַנצער אַנטוויקלונג.

דאָ אין זאָל האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿאָרשטייער פֿון יענע פּראָפֿעסיעס, פֿאַר וועלכע עס האָט זיך לויט דער טראַדיציע פֿאַרפֿעסטיקט דער נאָמען — שעפֿערישע אינטעליגענץ. נאָר איך מיין, אַז איר וועט מיך אונטערהאַלטן, אויב איך וועל זאָגן אַזוי: אַ שעפֿערישער כאַראַקטער פֿון דער מי, אַ שעפֿערישער צוגאַנג צו זײַן זאַך דאַרף הײַנט זײַן דער ספּעציפֿישער שטריך פֿון יעדן אינטעליגענט — פֿון אַ געלערנטן צי אינזשעניר, פֿון אַ לערער אָדער אַ דאָקטער. ווי, פֿאַרשטייט זיך, אויך פֿון יעדן אַרבעטער, יעדן קאָלווירטניק, פֿון אַלעמען, ווער

עס מידט זיך ערלעך און געוויסנהאַפט לעשעם דער צעבליִונג פון אונדזער גרויסן היימלאַנד. און אַזעלכע מענטשן זיינען באַ אונדז מיליאָנען און מיליאָנען.

איר האָט שוין, אפּאַנעם, באַמערקט, כאַוויירים, אַז איך וויל צופירן צו אָט אַזאַ גע־דאַנק: אַליין דער כאַראַקטער פון די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונדזער געזעלשאַפט, עפּנט בעעמעס אַן אומענדלעך פעלד אַף צולייגן די שעפערישע קויכעס און ענערגיע פון אַלע אַטריאַדן פון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ. די פאָרמען און ריכטונגען פון זייער טעטיקייט זיינען אויסשליסלעך פאַרשיידנאַרטיקע. אָבער ס'איז פאַראַן עפּעס אַ געמיינזאַמס, וואָס פאַראייניקט זיי. איך האָב אין זינען יענע גראַנדיִוזע ווירקונג, וואָס די אינטעליגענץ ווייזט אַרויס אַפן געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין, אַפן גייסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט. דיסקאַנטירן דאָס אין דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, אין איר אידעאָלאָגישער און אָרגאַ־ניזאַטאָרישער אַרבעט, ווי לענין האָט געלערנט, דאַרף מען שטענדיק. אָבער באַזונדערס וויכטיק איז די פּעריאָדן, ווען די געזעלשאַפט ווייזט זיך אַרויס פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט קוואַ־ליטאַטיוו נייַע אויפגאַבן, וואָס אַף צו לייזן זיי פאָדערט זיך, נאַטירלעך, אַ נייַער ניוואָ פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין.

נעמלעך אַזוי באַשטייט די זאַך אויך אין אונדזערע טעג. דער טעאָרעטישער געדאַנק פון דער פּאַרטיי האָט אונדז באַוואָפנט מיט דער קאָנצעפּציע פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם. דער קויער פון אָט דער קאָנצעפּציע איז אין דעם, וואָס זי דערלויבט דייַטלעך צו באַשטימען די שטופּע פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער רייַפקייַט פון דער נייַער געזעלשאַפט, וועלכע מיר האָבן דערגרייכט, פּינקטלעכער זיך פאָרשטעלן אונדזערע נאָענטסטע און פּערספּעקטיווע ציֵלן. קאָן זייַן, אַז אַפן ערשטן בליק קלינגט עס עטוואָס אַבסטראַקט. נאָר אויב זיך אייַנ־טראַכטן, אויב אויפמערקזאַם זיך אייַנלייענען אין די פּאַרטיי־דאָקומענטן, קאָן מען נישט ניט באַמערקן: עס גייט אַ רייד וועגן זייער קאָנקרעטע לעבנסוויכטיקע זאַכן, וועגן דער נייטיקייַט אָפּוועגן, רעאַליסטיש אָפּשאַצן די באַזונדערקייַטן פונעם פּעריִאָד, וועלכן מיר לעבן איבער, נישט דערלאָזנדיק ניט קיין פאַרמינערונג פון אונדזערע גרויסע, אומבאַשטרייַטלעכע דער־גרייכונגען, ניט קיין לאַקירונג פון דער ווירקלעכקייַט, ניט קיין דראַמאַטיזירונג פון די בלויזן. וועגן דער באַדייַטונג פון שעפעריש זוכן נייַע, אַנטשפּרעכיקע צו די דאָזיקע באַזונדערקייַטן וועגן אַף צו לייזן די אַנטשטייענדיקע אויפגאַבן.

דאָס שטיצן מיצאַד די מאַסן די פּאָליטיק פון קפּסס איז דער וויכטיקסטער באַדינג פון איר עפעקטיווער פאַרווירקלעכונג. און אַזאַ שטיצע ווערט געזיכערט דורך אַן אָפענעם גע־שפּרעך מיט די מענטשן. ערלעכקייַט, אויפריכטיקייַט אין דער פּאָליטיק — דאָס איז אַ פעסטער געזעץ פאַר דער פּאַרטיי. ווי וו. אי. לענין האָט געשריבן, „אויפריכטיקייַט אין דער פּאָליטיק, דאָס הייסט אין יענעם געביט פון מענטשלעכע באַציִונגען, וועלכער האָט צו טאָן ניט מיט יעכידים, נאָר מיט מיליאָנען, — אויפריכטיקייַט אין דער פּאָליטיק איז אַ גאַנץ צו־גענגלעכע פאַר קאָנטראָלירן די אַנטשפּרעכיקייַט צווישן וואָרט און טאַט". אַזוי־אַרום, כאַווי־רים, אַנטהאַלט די קאָנצעפּציע פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם, אַכוץ דעם וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט, אויך אַ קאָלאָסאַלן מאָראַליש־פּאָליטישן זין.

די פאָדערונג רעאַליסטיש אויפצופאַסן די ווירקלעכקייַט הייסט ניט לאַכלוטן, אַז מיר פאַרשליסן זיך קלוימערשט אין וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקייַט. די פּאַרטיי קוקט פאָרויס. זי לייגט אַן ערשטראַנגיקע אַכט אַף יענע פּראָבלעמען, וואָס פון זייער לייזונג איז אָפּהענגיק די צוקונפט פונעם לאַנד, פונעם פאָלק, און אין פיל הינזיכטן אויך די זאַכלאַגע אַף דער וועלט־אַרענע.

עס דערנעענטערט זיך דער XXVII צוזאַמענפאָר פון קפּסס. יעדער צוזאַמענפאָר שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק. אָבער שוין איצט איז ניטאָ קיין ספק: די באַדייַטונג פונעם אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר וועט באַשטימט ווערן דער־מיט, וואָס אַף אים וועט אָנגענומען ווערן אַ נייַע רעדאַקציע פון דער פּראָגראַם פון קפּסס, אַפן יעסאַד פון וועלכער עס שטייט אונדז פאָר צו אַרבעטן יאָרצענדליקער.

ווי מיר איז שוין אויסגעקומען צו ריידן אַף דער פּראָגראַם־קאָמיסיע פון צק, דאַרפן מיר אַרויסגיין פון די געשאַפענע רעאַליעס, דיסקאָנטירנדיק אַלדאָס ווזנטלעך נייַע, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק און אין דער טעאָריע פאַרן לעצטן פערטל יאָרהונדערט, דיסקאָנטירנדיק די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון די מאַסן. און די דאָזיקע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אײַדער צו לייזן אויפגאַבן, וועלכע זייַנען פאַרבונדן אומיטלבאַר מיט דער בויונג פון קאָמוניזם, איז נייטיק דורכצוגיין אַ היסטאָריש דויערנדיקן עטאַפּ פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם, אין אָנהייב פון וועלכן עס געפינט זיך אונדזער לאַנד.

ווי עס באַווייַזט דער אַנאַליז פון די בריוו פון די אַרבעטנדיקע, פון די אָפּרופן פון דער

געזעלשאַפטלעכקײַט, באַקומט אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע אַ פולשטענדיקע שטיצע. צוזאַמען מיט דעם, ריידנדיק מיט מענטשן, דורכקוקנדיק די פּאָטשט, שטויסטו זיך צומאָל אָן אַף דער פראַגע: צי דערווײַטערן מיר ניט דערמיט גופע די קאָמוניסטישע פּערספּעקטיוו? דער ענטפער אַף איר איז אַ פּאַשעטער און ניט קיין צווײדײַטיקער: פאַרשטייט זיך, אַז ניין. פאַרקערט, מיר טוען אַלץ, קעדיי צו דערנעענטערן די דאָזיקע פּערספּעקטיוו. און דערנעענטערן זי קאָן מען בלויז מיט איין וועג — לייזנדיק דעם גאַנצן קאָמפּלעקס גרויסע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו די אָדער אַנדערע שטאַפּלען פון דער ערשטער פאַזע פון דער קאָמוניסטישער פאָרמאַציע. דאָס אַנטשפּרעכט אין דער פולער מאָס דער לעניניסטישער פאַרשטעלונג וועגן דעם, אַז „קאָמוניזם איז דער העכסטער שטאַפּל פון דער אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליזם". און איך וויל באַזונדערס אונטערשטרײַכן, כאַווירים: די דויערהאַפטיקײַט פונעם עטאַפּ פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם באַטײַט בעשום-אויפן ניט, אַז מיר קאָנען ניט זאָרגן וועגן אַ קעסיידערדיקן אָנוווּקס פון די טעמפּן, אָפּלייגן וועלכע-ניט-איז רײַפגעוואָרענע איניאָנים אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן. אַף מאַקסימאַל צו פאַרשנעלערן אונדזער אַנטוויקלונג ריכטן מיר איצט אַלע שעפערישע קויכעס פונעם פאָלק, זײַן אַרבעטס-איניציאַטיוו.

אַזוי אַז מיט דער פאָרמולע „אַנטוויקלטער סאָציאַליזם" טאָר מען זיך ניט נוצן בלויז ווי מיט אַ גראַמאַטע, וועלכע באַשטעטיקט, אַזוי צו זאָגן, אונדזערע פאָריקע דערפאָלגן און גאַראַנטירט אויטאָמאַטיש אונדזערע דערפאָלגן אין דער צוקונפט. זי צילט אונדז אָן אַף אַנדערס. אַף דעם, קעדיי צו ברענגען אַלע זײַטן פונעם לעבן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט אין העסקעם מיט די סאַמע הויכע, מיט די סאַמע פּאָדערהאַפטיקע און, פאַרשטייט זיך, וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע פאָרשטעלונגען וועגן סאָציאַליזם.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס פּאָדערט ענערגישע ווירטשאַפטלעכע און אָרגאַניזאַטאָרישע באַמיִונגען. צוזאַמען מיט דעם איז נייטיק אויך אַן אַקשאָנעסדיקע אַרבעט אַף צו העכערן די באַוווּסטזיניקײַט פון די מאַסן, אַף אַ געוויסער, אויב איר ווילט, איבעראָריענטירונג פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן, ער זאָל גיכער באַהערשן די נײַע אידייען, וועלכע עס רוקט אַרויס די פּאַרטיי, אַנטשיידנדיקער זיך באַפרײַען פון פאַרעלטערטע, אָפּגעשטאַנענע אָנשויונגען. און אין אָט דער וויכטיקער אידייִש-פּאָליטישער אַרבעט רעכענען מיר אויס אַף דער אַקטיווער הילף פון אונדזער אינטעליגענץ.

איך בין איבערצײַגט אין דער קאָלאָסאַלער באַגײַסטערנדיקער באַדײַטונג פון אָט דער אויפגאַבע פאַר די טוער פון אונדזער ליטעראַטור און קונסט. מיט זייערע מיטלען זײַנען זיי באַרופן צו באַשטעטיקן נעמלעך יענעם צוגאַנג צום לעבן, צו זײַנע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע עס טרעט אַרויס, קעמפט די פּאַרטיי. אַגעוו, אויב ס'וואָלט זיך געפּאָדערט קורץ צו פאָרמולירן דעם טאָך פונעם דאָזיקן צוגאַנג, קאָן מען, אַפּאָנעם, זיך ניצן מיט די גוט באַקאַנטע אײַך ווערטער — סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

די ליטעראַטור, קינאָ, טעאַטער ווענדן זיך הײַנט ניט זעלטן צו קאָמפּליצירטע ווידערשפּרעכלעכע דערשײַנונגען. און אין דעם איז ניטאָ קיין שום כידעש. ווידערשפּרוכן זײַנען נאַטירלעך און אומפאַרמײַדלעך אין פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. און, פאַרשטייט זיך, שטענדיק ווירקן זיי אַזוי אָדער אַנדערש אַף די גורלאָלעס פון מענטשן, ווערן אַ קוואַל פון מאָראַלישע קאָליזיעס. ביפראַט נאָך, אַז צוליב בײַקומען אָט די ווידערשפּרוכן, האַגאַם זיי טראָגן ניט בא אונדז קיין אַנטאַגאָניסטישן כאַראַקטער, פּאָדערן זיך ניט ווייניק באַמיִונגען, אַ גרויסע בירגערלעכע דרייסטקײַט, פּרינציפּיִעלקײַט. דאָס איז די רײַכסטע שפּײַז פאַר מאַכשאָוועס פונעם שרײַבער, צוליב דעם, קעדיי אויסצופילן די אייביקע מיסיע פון דער ליטעראַטור: וועקן די געזעלשאַפט, יעדן מענטשן אויפמערקזאַמער, שטרענגער אַ קוק טאָן אַף זיך אַליין. צוליב דעם, קעדיי אים העלפן שטענדיק און אין אַלץ פאַרנעמען אַן אַקטיווע פּאָזיציע פון אַ שטאַנדהאַפטיקן קעמפער פאַר אונדזער אַלגעמיינער זאַך.

העלפנדיק דער פּאַרטיי דערציִען די מענטשן אין קאָמוניסטישן גײַסט, פאָרמירן אַן עכט סאָוועטישן כאַראַקטער, האָבן אונדזערע ליטעראַטור און קונסט געטאָן אַ סאַך אַף צו אַנטפּלעקן די נאַטור פון אַזאַ כאַראַקטער, קעדיי צו שאַפן עמעסדיקע, פולבלוטיקע געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע זײַנען מיט לײַב און לעבן טרײַ דעם פאָלק, דעם סאָציאַליזם, פאַרקערפּערן די העראָיִק פון דער בויונג פון אַ נײַער וועלט. מיר אַלע פאַרשטייען: דאָס צו טאָן, אַריבערטראָגן פונעם לעבן אין אַ קינסטלעריש ווערק אַזעלכע מענטשן איז ניט פּראָסט. און דערפאַר, וואַרשײַנלעך, זײַנען די שטרײַטן אין דער שעפערישער סוויווע וועגן דעם, אַוועלכער דאַרף זײַן דער פּאָזיטיווער העלד, נאַטירלעך און נייטיק. איך קלײַב זיך ניט,

פאַרשטייט זיך, אין זיי זיך אַרײַנמישן. כ'וואָלט געוואָלט אַרויסזאָגן בלויז איין געדאַנק. מיר ווײַזן זיך אויס אַלס ווייניק פּראָדוקטיווע די דיסקוסיעס וועגן דעם, אַוועלכע דאַרף זײַן, לעמאָשל, די „דאָזיראָווקע“ פון די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן פונעם העלד. ס'איז וויכטיק, כאַווײרים, אַז די שעפערישע זוכונגען פונעם קינסטלער זאָלן האָבן, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַן איינציקן אויסגאַנג-פּונקט — טרײַהײַט דעם לעבנס-עמעס, די סאָציאַליסטישע אידעאַלן. דאָס איז אַ נייטיקער באַדינג פון פּאַרטייישקײַט, פאָלקסטימלעכקײַט פון דער קונסט.

אַוואַדע וואָלט דער לייענער, דער צושויער, באַזונדערס דער יונגער, געוואָלט אָפּטער זיך באַגעגענען אין אַ בוך אָדער אויפן עקראַן מיט אַזאַ מין מיטצײַטלער זײַנעם, וועלכן ער וואָלט געקאָנט גלייבן, וועלכן ער וואָלט געקאָנט ליב באַקומען, וועלכן עס וואָלט זיך גע-וואָלט נאָכפאָלגן. איך כאַזער איבער דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט אויפן יון-פּלענום פון צק, ווײַל איך בין זיכער: גאָרנישט קאָן ניט פאַרבײַטן די ליטעראַטור, קונסט אינעם דערציִען געזעלשאַפטלעכע זיטן און געפילן פון די מענטשן, אין זייער פעיִקײַט צו אויפווירקן סײַ אויפן סייכל, סײַ אויפן האַרץ.

איך וואָלט געוואָלט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויך אָט וועגן וואָס זאָגן. די באַ-העפטונג פונעם מענטשן צו דער קינסטלערישער קולטור, די עסטעטישע דערציִונג גיט פעסטע רעזולטאַטן, ווען זי הייבט זיך אָן פון די קינדער-יאָרן. אַן אומבאַשטרײַטלעכער פאַר-דינסט פון אונדזער שול איז דאָס, וואָס בײַ אונדז זײַנען פּראַקטיש ניטאָ קיין „מיטראָפּאַ-נושקעס“, וועלכע ס'האָבן אויסגעלאַכט די קלאַסיקער. נאָר מיט אַמעראַצעס אין עמאָציאָנעל-פּסיכאָלאָגישן זין טרעפן מיר זיך נאָך, צום באַדויערן. מע דאַרף, ווײַזט אויס, אויסנוצן די שול-רעפאָרם צוליב פאַרשטאַרקן די אויפווירקונג פון דער ליטעראַטור און קונסט אויף דער פאָרמירונג פון דער פּערזענלעכקײַט. איך בין איבערצײַגט, אַז דער אידייִש-מאָראַלישער דערציִונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות, דער דערציִונג פון קולטור פון געפילן דאַרף מען הײַנט אָפּגעבן ניט ווייניקער אַכט, איידער דעם שטודירן די יעסוידעס פון וויסנשאַפטן. די פּאַרטיי רעכנט אויס אין אָט דער זאַך אויף דער קאָנקרעטער הילף פון די שעפערישע פאַרבאַנדן, פון אונדזער קינסטלערישער אינטעליגענץ.

אַ וויכטיקער אינסטרומענט אינעם דערציִען בירגערלעכקײַט, סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען און פאַרבלײַבט דאָס דערציִען דורך געשיכטע. און ס'איז גוט, וואָס אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט לעבט איבער אַן אייגנאַרטיקן ווידערגעבורט די היסטאָרישע טעמע. דאָס קענען ריידן וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט ערנסט, אָפּגעוויגן, פון די פּאָזיציעס פון מאַרקסיסטיש-לענינישער וועלט-אָנשויונג — אָט וואָס עס ברענגט, ווי עס באַווײַזט די פּראַקטיק, אַ דערפאָלג אין דער דאָזיקער זאַך. איבערשרײַבן די געשיכטע, צו-רייניקן זי טאָר מען ניט. אַ באַזונדערס באַקלערטן, אַן עכט קלאַסווען צוגאַנג פאָדערט די קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון דער געשיכטע פונעם קאַמף פון דעם סאָוועטישן פאָלק פאַר סאָציאַליזם. און קעדײַ זיך ניט פאַנאַנדערגיין מיטן עמעס, איז דער קינסטלער מעכויעוו צו שטיין פעסט אויפן באָדן פון פאַקטן, ניט פאַרבײַטן מיט עמאָציעס און אייגנווויליקער שפּיל פון דער פאַנטאַזיע דאָס קענען די געזעצמעסיקײַטן און דעם ריעלן גאַנג פון דער געזעל-שאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

און נאָך וועגן איינס. ס'איז פריידיק, וואָס די סאָוועטישע קינסטלער האָבן אָפּטער גענומען זיך ווענדן צו פּובליציסטיק. דאָס גיט זיי אַ מעגלעכקײַט דרייסט און באַצײַטנס אַרײַנדרינגען אין דער סאַמע אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק, אין קאָנקרעטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן, וועלכע רעגן די מענטשן. דאָס העלפט שאַפן אַזעלכע ווערק, וועלכע יאָגן, אַזוי צו זאָגן, צומאָל איבער מיט די קונסט-מיטלען די צײַט, שטעלנדיק שאַרף רײַפגעוואָ-רענע לעבנס-פּראָבלעמען און פאָרלייגנדיק קאָנקרעטע וועגן פון זייער לייזונג.

קורץ גערעדט, כאַווײרים, פאַר אַוועלכער טעמע — אַ הײַנטצײַטיקער אָדער היסטאָרי-שער, אַן אינערלעכער אָדער צווישנפעלקערלעכער — דער קינסטלער זאָל זיך ניט נעמען, אין וועלכן זשאַנער ער זאָל ניט אַרבעטן, ווערט דער געזעלשאַפטלעכער ווערט פון זײַן מי באַשטימט קוידעמקאָל מיט יענער אַקטיווער אידייִש-פּאָליטישער וועלט-אָנשויִקער פּאָזי-ציע, וועלכע ער פאַרנעמט און באַשטעטיקט.

כאַווײרים! אויף די טעמפּן פון אונדזער פאָרויסבאַוועגונג ווירקט ניט אין קיין קלענער מאָס די אויסערן-פּאָליטישע אומגעבונג. און זי שאַפט זיך איצט זייער אַן אומרויִקע. לעצטנס איז מיר שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם. אַזוי אַז דערלויבט זיך טיילן בלויז מיט עטלעכע געדאַנקען.

דער הארבער עמעס פון דער איצטיקער צווישנפעלקערלעכער סיטואציע איז אזא, אז די נוקלעארע געפאר איז, צום באדויערן, גרויס. פון איר וועסטו זיך ניט אויסבאהאלטן, זיך ניט אָפּוויצלען. מיט דער נוקלעארער געפאר דארף מען אקטיוו און צילגעווענדט קעמפן. אזוי טוען מיר טאקע.

דערמיט ווערט קוידעמקאָל באשטימט אויך אונדזער צוגאנג צו די באציִונגען מיט די פאראייניקטע שטאטן. ווײַל פונעם צושטאנד פון די דאָזיקע באציִונגען הענגט אָפּ אין א באדײַטנדיקער מאָס די זאכלאגע אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע. אין די פשא אָבער, אורטיילנדיק לויט אלץ, אָדער מע וויל ניט, אָדער מע איז נאָך דערווײַל ניט גרייט צו פארשטיין, אז קיין אנדערער פארנונפטיקער וועג, איידער נאָרמאליזירן די סאָוועטיש-אמעריקאנער באציִונגען אף די פרינציפּן פון גלײַכהײַט, קעגנזײַטיקער אכטונג און ניט-ארײַנמישונג אין די אינערלעכע איניאָנים איינער פונעם אנדערן, — איז ניטאָ.

פארמאָגן אין אונדזערע טעג א מעכטיקן נוקלעארן פּאָטענציאַל איז א קאָלאָסאלע לאסט. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, ווי טײַער עס קאָסט. איך רייד וועגן דער לאסט פון דער גרעסטער פאראנטוואָרטלעכקײַט, וועלכע דאָס לייגט ארויף אף די פּאָליטישע טוער, פאָדערנדיק פון זיי אן אויסערסט ערנסטע באציִונג צו די פראגן פון מילכאָמע און שאָלעם. צו קאָנפליקט-סיטואציעס. דערפון גייען מיר טאקע ארויס. אונדזערע צילן זײַנען קלאָרע און אומגעענדערטע: מיר זײַנען קאטעגאָריש קעגן א קאָנפראָנטאציע אין מיליטערישן געביט. מיר זײַנען אנטשיידן פאר ראדיקאל באגרענעצן און פארקירצן דעם באוואָפענונג-פארמעסט, פאר א פארבאָט און פולשטענדיקער ליקווידאציע פון נוקלעארן געווער.

פאר די זעלבע צילן טרעטן איצט ארויס אין אויסלאנד מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן פון פארשיידענע אָנשויוּנגען און איבערצײַגונגען. זייערע געמיינזאמע אקציעס ווײַזן ארויס א מערקבארע אופווירקונג אף דער פאָרמירונג פון דער געזעלשאפטלעכער אנטימילכאָמע-מיינונג. און דאָס איז זייער וויכטיק, כאָווײרים. און דאָ קאָנען א סאך אופטאָן די אינטעליגענץ, די טוער פון קולטור. אָט פארוואָס עס קלינגט הײַנט אזוי אומגעוויינלעך אומרויִק און פאָדערהאפטיק גאָרקיס בארימטער פראגע-רוף: „מיט וועמען זײַט איר, מײַסטערס פון קולטור?”. די זאך אָבער ווערט ניט באגרענעצט פראָסט מיטן אויסוואל צווישן פּסער און פשא, ווי עס מאָלן דאָס ניט זעלטן די אנטיקאָמוניסטן. די זאך באשטייט אינעם אויסוואל צווישן לעבן און אומקום פון אונדזער ציוויליזאציע. קיין שום „גאָלדענע מיט” איז דאָ ניטאָ: אָדער דו ביסט מיט יענע, ווער עס גרייט א מילכאָמע, אָדער מיט יענע, ווער עס ווארפט אָפּ די אוואנטוריסטישע פּאָליטיק פונעם אימפּעריאליזם, קעמפט פאר א פרידלעכער קאָעקזיסטענץ, פאר אנטוואָפענונג.

און דערפאר איז אזוי וויכטיק, אז אונדזער שפּעררישע אינטעליגענץ זאָל העלפן זייערע אויסלענדישע קאָלעגן אזא אויסוואל מאכן. פאר דעם האָבן, אגעוו, די רעגירנדיקע קרײַזן פון מײַרעוו זייער מוירע. זיי שטרעבן צו דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון דער אינטעליגענץ פון זייערע לענדער די אידייען און פּראקטיק פונעם סאָציאליזם, זי צעקריגן מיט דער שעפערישער אינטעליגענץ פון די סאָציאליסטישע מעלוכעס. די פײַנט פון שאָלעם האָבן מוירע פאר א באהעפטונג מיט די מײַסטערס פון קולטור, צו דער שטים פון וועלכע עס הערן זיך צו מיליאָנען מענטשן.

און ביינע לעביינע האָט מען ליב אפּן מײַרעוו צו פּלאפּלען מיקויעך דער נוץ פון קעגנשטעלן אידייען און אָנשויוּנגען, וועגן אנטוויקלען קאָנטאקטן צווישן מענטשן. מיר זײַנען, פארשטייט זיך, פאר דעם. אָבער אף וואָס שטויסן מיר זיך אָן אין דער פּראקטיק? אף פּרוּוון אומפארשעמט זיך ארײַנמישן אין אונדזערע אינערלעכע איניאָנים, אף אן עמעסער פּסיכאָלאָגישער מילכאָמע. און איינער פון אירע צילן איז כאָטש א ביסל צעוואקלען די איינהײַט פון די טוער פון אונדזער קולטור מיט דער פּארטיי.

מעטאָדן, ווי איר ווייסט, ווענדט מען אָן, אָפן געזאָגט, ניט קיין אינטעליגענטישע — שעקער, אונטערטאשונג פון פאקטן, א פארבײַט פון באגריפן. מע רעדט, לעמאָשל, אז דער סאָציאליזם „דולדעט” ניט קיין פרײַהײַט פון שאפונג, אז די קפּסף צוימט קלוימערשט איבער די וועגן פאר קינסטלערישע זוכונגען, פאָדערט אן „איינארטיקײַט” אין דער ליטעראטור און קונסט. דאָ איז אלץ אוועקגעשטעלט קאפּויר. און, פארשטענדלעך, לאכלוטן ניט איבער אומוויסן. אזוי אז איבערעדן אונדזערע אידייִשע קעגנער איז, פארשטייט זיך, א האָפענונגסלאָזע זאך. אָבער פארטיידיקן און אופקלערן אונדזערע אָנשויוּנגען, כאָפּן בא דער האנט די שמוציקע „קריטיקער” פון דער נײַער אָרדענונג, אקטיוו טראָגן פאר די מענטשן דעם עמעס וועגן סאָציאליזם, דערציִען די סאָוועטישע מענטשן, באזונדערס די יוגנט, אין גײַסט פון

קלאַסן-וואַכזאַמקייט, פון זײַן גרייט צו באַשיצן אונדזער גרויס היימלאַנד דאַרף מען אומדערמידלעך.

כ'וואָלט געוואָלט נאָך אָט וואָס באַמערקן. מיר האָפן, אַז אין פּעריאָד פון דער צוגרייטונג צו פּײַערן דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע וועט די אָנפירונג פון די שעפערישע פאַרבאַנדן און אָרגאַניזאַציעס געפינען אַ מעגלעכקייט צוציִען אַ נאָך מער טיפע אויפמערקזאַמקייט פון די מײַסטערס פון קונסט צו דער מיליטעריש-פּאַטריאָטישער טעמע. הײַנט קאָנען מיר זיך ניט זשאַלעווען אַף דער צאָל ווערק, וועלכע זײַנען געשאַפן אַף אָט דער טעמע — זי פאַרנעמט פון לאַנג אַ ווירדיק אָרט אין דער שאַפונג פון אונדזערע טוער פון קולטור. ס'האָט זיך אָבער געוואָלט, אַז וואָס אָפטער זאָל דאָס באַווײַזן זיך פון אַזעלכע ווערק ווערן אַן עכטע געשעעניש אינעם קינסטלערישן לעבן פון דעם לאַנד, אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און קונסט.

כאַווײרים! אונדזער פּאַרטיי און די מעלוכע שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע העלפן אַ טאַלאַנט זיך אַנטפּלעקן אין דער פולער מאָס, שאַפן לעטויוועס דעם פאָלק. מיר וואַרפן אַנטשיידן אָפּ קליינלעכע אָפּעקע איבער מענטשן פון שעפערישער מי. שאַפונג איז דעריבער שאַפונג, וואָס זי איז פרײַ: פון אונטער אַ קאַנטשיק וועסטו גאָרנישט ווירקלעך נײַס, פּרעכטיקס ניט שאַפן. דאָס איז אַן אַלטער עמעס, אים דערווײַזן איז אַלציינס ווי זיך רײַסן אין אַן אָפענער טיר.

אָבער פרײַהייט פון שאַפונג — דאָס איז ניט קיין פּריווילעגיע פאַר אויסדערוויילטע. די פּאַרטיי באַציט זיך צו אַ טאַלאַנט זאָרגעוודיק, זעט אין אים אײַן אַ ווערטפול פאַרמעגן פון דער געזעלשאַפט. נאָר קיינער און גאָרנישט קאָן ניט באַפרײַען דעם מענטשן פון אָבליגאַטאָרישע פאַר אַלעמען פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, פון אירע געזעצן. ס'איז נאַיִוו צו מיינען, אַז מע קאָן מעוזאָל זײַן די מאָראַליש-פּאָליטישע פּרינציפּן פון אונדזער אָרדענונג און גלײַכצײַטיק וואַרטן פון איר טויוועס און אָנערקענונג. און, געוויינלעך, קיינעם וועט דאָס פאָלק דאָך ניט מויכל זײַן דאָס אַריבערגיין אַף דער זײַט פון אונדזערע אידייִשע קעגנער אין יענעם שאַרפסטן קאַמף, וואָס גייט הײַנט אין דער וועלט. דאָ קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זײַן.

יאָ, כאַווײרים, אַ סאַך אומגעלומפּערטקייטן, אופּריכטיקע פּיזמוינעס זײַנען אָנגעשריבן און אָנגערעדט אָפּן מײַרעוו, קעדיי פאַרקריפּלען גופע דעם טאָך פונעם פּאַרטייִשן צוגאַנג צו קונסט. טרעפט דאָך אַזוי צומאָל: מע נעמט ניט זייער קיין געלונגען ווערק פון אַ סאָוועטישן אויטאָר, ווו די קינסטלערישע פאָרשונג פונעם לעבן ווערט פאַרביטן מיט דעקלאַראַטיווקײַט, און מע פאַרזיכערט קינד און קייט: אָט איז, קלוימערשט, דער עטאַלאָן, וועלכן די קפּספּ צווינגט נאָכפאָלגן. און אַ טיפּן, בעעמעס שאַרפן בוך, וואָס איז אָנגעשריבן פון פּאַרטייִשע פּאָזיציעס, כאַראַקטעריזירט מען אַלס אַן „אָפּנייגונג" פון דער נאָרמע. איך מיין, אַז איר וועט מיר דערלויבן זיך באַגיין אָן קאָנקרעטע בײַשפּילן: אייניקע פון די כאַווײרים, וועלכע זיצן אין אָט דעם זאַל, זײַנען געווען קאָרבאָנעס פון אַזעלכע מאַניפּוליאַציעס.

טיפע אידייִשקײַט, בירגערלעכקײַט און אַ הויכער ניוואָ פון קינסטלערישער מײַסטערשאַפט — אַזאַ איז די הויפּט-פאָדערונג פון דער פּאַרטיי, פונעם פאָלק צו די טוער פון קונסט. נעמלעך אַף דעם אָריִענטירן אונדזער שעפערישע אינטעליגענץ סײַ די באַשלוסן פונעם יון-פּלענום (1983) פון צק, סײַ אַ ריי באַוווּסטע אײַך באַשטימונגען פון דער לעצטער צײַט איבער פראַגן פון קולטור.

אונדזער גרויסע זאַך, אונדזערע הומאַניסטישע צילן נייטיקן זיך ניט אין קיין פּוסטער פּלאַפּלערײַ אין גראַמען און אין פּראָזע. ווערק, אין וועלכע אָן אָריגינעלער, פרישער געדאַנק ווערט פאַרביטן, ווי עס האָט בײַסיק באַמערקט שטשעדרין, מיט „קאַלטן מאַלאַגיירען אַלעפּבייס-עמעסן", קאָן מען בלויז אַף געלעכטער אָנרופן קינסטלערישע. שלעכט אָנגעשריבענע ביכער און אָפּערעס, פּרימיטיוו אָראָפּגענומענע טעלע- און קינאָפילמען, לעפּיש אויסגעמעלאָכעטע סקולפּטורן און בילדער מאַכן ניט פּאָשעט קאַליע דעם געשמאַק פון מיליאָנען מענטשן, זיי דיסקרעדיטירן די טעמעס און אידייען, פאַר וועלכע עס נעמען זיך זייערע באַשעפער. אַזוי אַז קעגן גרויקײַט און געזיכטלאָזיקײַט אין דער קונסט דאַרף מען קעמפן אײַנגעשפּאַרט און פּרינציפּיִעל. און, פאַרשטייט זיך, עס קאָנען ניט זײַן קיין שום האַנאָכעס לעגאַבע אַנטפּלעקונגען פון אידייענלאָזיקײַט אָדער וועלט-אָנשויִקער ניט-איבערקלײַבערישקײַט.

אַגעוו גערעדט, צי ניט אין דעם, כאַווײרים, באַשטייט דער אומגליק פון אייניקע אונדזערע קריטיקער, וואָס זיי באַציִען זיך צו דער זאַך איינזײַטיק: אָדער זיי לויבן אין הימל אַרײַן

א שוואכן ראָמאַן, ספּעקטאַקל, פילם פאַר דער „וויכטיקייט פון דער טעמע", אָדער זיי ווערן שיר ניט צעשמאָלצן, ריידנדיק וועגן די „עסטעטישע געפינסן" פון אַן אידייִש אומגעלונגענעם ווערק?

ביינע לעבײנע באַווייַזט אונדזער פּאַטערלענדישע, ווי אויך די וועלט-דערפאַרונג, אַז אַ גרויסע ליטעראַטור, אַ גרויסע קונסט קאָנען ניט עקזיסטירן אָן אַ הויכפּראָפעסיאָנעלער, בירגערלעך פאַראַנטוואָרטלעכער קריטיק. און דאָס באַטייַט, אַז אונדזער מאַרקסיסטיש-לעניניש קריטיק דאַרף ניט נאָר פּינקטלעך אָפּשאַצן די אָדער אַנדערע ווערק. מיר דערוואַרטן פון דער קינסטלערישער קריטיק מערער. דאָס קענען אַנטבלויזן דעם טיפן געזעלשאַפטלעכן טאָך פון די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן באַרירט אין די ווערק, שטיצן די אויטאָרן, אויב זיי שטעלן זיי ריכטיק, אַרגומענטירט שטרייַטן מיט זיי, ווען זיי פאַרבלאָנדזשען זיך. קורץ גערעדט, אונדזער קריטיק דאַרף העלפן זיך צו באַוועגן דעם גייַסטיקן לעבן פונעם פאָלק. אָט פאַרוואָס, ווי לעניןן האָט געהאַלטן, ס'איז נייטיק צו „פאַרבינדן אויך די ליטעראַטור-קריטיק ענגער מיט דער פּאַרטיי-אַרבעט".

אַלע, וועמען די פּאַרטיי האָט אָנגעטרויט דורכצופירן די לענינישע ליניע אין געביט פון קונסט, דאַרפן דאָס טאָן קלוג, איניציאַטיוופול. און דאָס באַטייַט — פירן אַן אופריכטיקן, פּרינציפּיעלן געשפּרעך מיט מענטשן פון שעפערישער מי. אין קיין שום פאַל זיך ניט אָפּקערן פון שאַרפע פּראָבלעמען, וועלכע באַאומרויִקן דעם קינסטלער. ניט אַריבערלייגן דאָס לייזן זיי אויף די אַזויגערופענע העכערשטייענדיקע אינסטאַנצן, קענען איבערצייַגן, און אויב ס'איז נייטיק, — אויך דערשלאָגן זיך, דער מיטשפּרעכער זאָל בייַטן זייַן מיינונג. אָן דעם איז אומזיניק אַ פּאַרטייִשע אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור און קונסט. דאָס מאַכט זי, לויט גאָרקיס טרעפלעכן אויסדרוק, פאַר אַ „מאָראַליש-אויטאָריטעטישן קויעך".

כאַווײרים! דער פּאָליטישער קערן, די קראַפט, וועלכע באַהעפט די שעפערישע פאַרבאַנדן, — דאָס זייַנען די קאָמוניסטן, וועלכע אַרבעטן אין זיי. זיי זייַנען באַרופן קאָנסעקווענט באַשטעטיקן דעם גייַסט פון פּאַרטייִשקייַט אין דער קינסטלערישער סוויווע, אַקטיוו ווירקן אויף דער אידייִשער ציִלגעווענדטקייַט פון דער שאַפונג, מיטהעלפן צו פאָרמירן בא די טוער פון דער ליטעראַטור און קונסט אַ מאַרקסיסטיש-לענינישע וועלט-אָנשויונג, העלפן זיך פאַרפעסטיקן דער שעפערישער יוגנט. אַ באַזונדערע באַדייַטונג האָט די פאַרשטאַרקונג פון דער אַטמאָספער פון הויכער פּאַדערהאַפטיקייַט און שטרענגקייַט פון די קינסטלער איינער צום אַנדערן. דאָס גייט בלויז לעטויוועס סיי די קינסטלער גופע, סיי דער קונסט אינגאַנצן גענומען.

די סאָוועטישע קולטור אַנטשטייט הייַנט ווי אַן אָרגאַנישער געשמעלץ פון גייַסטיקע ווערטן, וועלכע עס שאַפן אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן פונעם לאַנד. און דערפאַר איז גאַנץ פאַרשטענדלעך די שטרעבונג פונעם שרייַבער און קינסטלער, פונעם מוזיקאַנט און אַרכיטעקטאָר זיך אָנשפּאַרן אויף די פּילדויערעסדיקע טראַדיציעס פון זייַן פאָלק, טיפער און בוילעטער שילדערן דאָס לעבן פון זייַן רעפּובליק. צוזאַמען מיט דעם איבערצייַגט די קינסטלערישע פּראַקטיק: וואָס ענגער די נאַציאָנאַלע קולטור איז פאַרבונדן מיט אַנדערע, וואָס אינטענסיווער זי נעמט אין זיך אַרייַן יענע שטריכן פון דער גייַסטיקער און קינסטלערישער דערפאַרונג פון די ברידערלעכע פעלקער, וועלכע האָבן באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייַטונג, אַלץ גיכער און פרוכטבאַרער אַנטוויקלט זי זיך. אַלץ אַ גרעסערן צושטייַער טראָגט זי אַרייַן אין דער באַרייַכערונג פונעם גייַסטיקן לעבן פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, פון אונדזער גאַנצער געזעלשאַפט.

טייַערע כאַווײרים! איידער פאַרענדיקן די אַרויסטרעטונג, וואָלט איך געוואָלט מיטיילן אַ נייַעס, וועלכע וועט, איך צווייפל ניט, דערפרייען אייַך אַלעמען. פאַר די פאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאַרן גרויסן בייַטראָג פון די סאָוועטישע שרייַבער אין דער קאָמוניסטישער בויונג און אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50-טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פונעם שרייַבער-פאַרבאַנד פון פססר האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר אים באַלוינט מיטן אָרדען פעלקער-פרייַנטשאַפט (שטורמישע, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

און איצטער דערלויבט ווינטשן אייַך אַלעמען גוטן געזונט, שעפערישע דערפאָלגן און איבערגעבן דעם שרייַבער-פאַרבאַנד די הויכע באַלוינונג, וועלכע ער האָט פאַרדינט (שטורמישע, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).



פ י נ י ע   ק י ר י ט ש א נ ס ק י

מײַן ערד איז שיין

מײַן ערד איז שיין, מײַן ערד איז עמעס שיין
מיט אירע פריידן און מיט אירע זאָרגן.
ווי שטיל הײַנט שיט א יונגער, ווײַסער שניי—
ס׳פלאַמט אוף די ערד אין העלקײַט פון
פרימאָרגן.

ס׳פארשמעקט די לופט ווי יונגער עפל-צוויט,
מיט זילבערדיקע סטרונעס זי צעקלינגט זיך.
און ס׳דוכט: זי שרײַבט מוזיק צו יענער ליד,
וואָס ס׳האָט קיין דיכטער נאָך ניט
אויסגעזונגען.

מײַן ערד איז שיין, מײַן ערד איז מאָלע-כיין,
אפילע ווען דער שניי ווערט גרויער,
שוואַרצער.
און ווען אינגאנצן נעמט ער שוין צעגיין,
און ס׳טוט א שפּראָץ א גרעזל פון איר הארצן,

וואָס טרינקט זיך אָן מיט פרישן הימל-בלוי.
בא ערשטער ווארעמקײַט פון זונען-שטראַלן
זיך אָנטרינקען מיט פרילינגדיקן טוי
א פייגעלע, מיר דוכט זיך, איז א באַלן.

מײַן ערד איז שיין, מײַן ערד איז זייער שיין,
ווען אלע ביימער אין די סעדער בלִיען.
צו אָט דער צײַט דער עפל-צוויט, ווי שניי,
א קילער פאַלט אראָפּ אף מײַנע וויִעס.

מײַן ערד איז שיין, און שענער אלץ זי ווערט,
ווען ס׳רוישט אין פעלד א וואָגיקער דער קאָרן
און די גערעטעניש זיך מערט און מערט
און רײַכער ווערט זי איידער פאראיאָרן.

מײַן ערד איז שיין, זי זינגט,
זי קלינגט, מײַן ערד.
אָט פאלן עפל קלינגעוודיק פון צווײַגן.
איר איינציקער, איר ליכטיקער באגער —
די וועלט אין פרידן זאָל צו הייכן שטײַגן.

מײַן ערד איז שיין, ווען וואלד,
ווי פײַער פלאַמט,
ווי רויטע מאָנען פלאַטערן די בלעטער.
דאָס האָט די זון דעם אָסיען אײַנגעשפּאנט
און פאָרט ארויס אין גאָלדענער קארעטע.

און ווידער שיט א יונגער, ווײַסער שניי,
ס׳פלאַמט אוף די ערד אין העלקײַט פון
פרימאָרגן.
מײַן ערד איז שיין, מײַן ערד איז עמעס שיין,
מיט אירע פריידן און מיט אירע זאָרגן.

◇

מ אַ ט ל   ג אָ ל ב ש ט י י ן

א ליד

ווען אף רויטער קאלינע
זון צינדט אָן דעם צוויט,
ווערט אין הארץ געבוירן
א באַשטראַלטע ליד.

וואָס איז הייסער, שענער איצט,—
ווינט מיט שטיין זיך קריגט:
צי די רויטע קאלינע,
צי מײַן נײַע ליד?

בא דער רויטער קאלינע
ביטער איז דער צוויט.
ס׳איז א זיסע קאטאָרגע
דאָס אָנשרײַבן א ליד...

◇

זיסי ווייצמאַן

פון ליכטיקער וועלט דער אָנהייב

און ווידער — אין וועג! ס'איז פון לאַנג מיר באַקאַנט
דער ניגון פון צוגן, וואָס שאַלט אַזוי מונטער
אין קאַנט פון דעם באַס, אין פרימאַרגיקן קאַנט,
ווו ס'אָטעמט שוין די מאַגיסטראַל פון יאָרהונדערט.
דאָ, צווישן די סאָפּקעס, קיין ווילדקייט ניט פעלט,
די טייַגע דערציילט אירע אייביקע סוידעס,
נאָר ווער האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ עק־וועלט?
פון ליכטיקער וועלט זייַנען דאָ די יעסוידעס!
אצינדער געקומען כ'בין ווידער צו דיר,
אָף ראַכוועסן דייַנע כ'וועל קערן וועלטן.
איך ווייס, אַז דו קאָנסט אויך באַגייַן זיך אָן מיר,
נאָר וואָס וועל איך טאָן אָן דייַנע וועלדער,
אָן דייַנע טייַכן, אָן דייַנע שטעט,
אָן דייַן שטרענגן און מילדן אָנטייל?
ווער האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ עק־וועלט?
דאָ איז פון ליכטיקער וועלט דער אָנהייב!

◇

מאָטל גרוומאַן

ווידער פליִען קאָסמאָנאַווטן

אַלעמאָל, ווען איך דערהער,
א דערפרייטער, א פאַרגאַפטער,
אַז ארום
דער גרויסער ערד
פליִען ווידער קאָסמאָנאַווטן,
בין איך טאַקע גליקלעך, שטאָלץ,
און א פרייד קוקט ארויס פון די אויגן —
פאַר די העלדן, וואָס דאָס פאָלק
האָט אין זיך אליין דערצויגן.
זאָל מען זאָגן, זאָל מען דאַרפן, —
איך וואָלט אויך געפלויגן וויַט...
כאָטש איך ווייס:
די קאָסמאָנאַווטן,
זייַנען אַלע יונגע לייַט.

ס'איז געווען א צייַט אַזאַ מין,
ווען אויך מיר (אצינד שוין אַלט)
האָבן אין פאַרקלעמטע פלאַמען
ביז דערשיטערטקייַט געשאַלט!
אויב ניט אונדזערע ניצחוינעס,
אויב ניט אונדזער מוט און ברען —
אין די קאָסמישע מעקוימעס
וואָלט גאַגאַרין ניט געווען...
קאָסמאָנאַווטן,
זין און טעכטער
אין דעם גרויסן הימל־רוים,
פליט נאָך וויַטער, פליט נאָך העכער,
אייַך באַגלייט מייַן שענסטער טרוים!

◇

יאָסל בוכבינדער

דיביימער רעדן זיך צונויף

ס'קאָן זײַן, אַז ביימער רעדן צווישן זיך,
מיט גרינער שורשעניש עס ענטפערן די בלעטער,
אַז קיין צווײַגעלע קיין איינציקס
זאָל ניט וואגן צו פאַרנייגן זיך,
ווען ס'בושעוועט, ווען ס'ווילדעוועט דער וועטער.
זע איך, ווי די צווײַגן נייגן זיך און טוליען זיך,
די שורשעניש פון בלעטער
גרעסער ווערט און גרעסער,
ווײַזט אויס, די ביימער רעדן דאָרט צונויף זיך,
ס'זאָל יעדע צווײַג זיך האַלטן פעסטער,
ניט נייגן זיך, ניט ברעכן זיך,
ווען ס'הוליעט שווער דער וועטער.

◇

דאָרע כײַקינע

צוויי צוואָעס

„ווען איך וועל שטאַרבן — בראַנגט צו קווורע
מיך אַף אוקראַינע...״
טאַראַס שעווטשענקאָ, „זאַפּאָוויט״

„ווו איך זאָל ניט שטאַרבן — באַהאַלט מיך
צווישן די אָרעמעלײַט...״

שאָלעם־אַליכעם, „צוואָע״

איך קען אַף אויסווייניק ביידע זאַפּאָוויטן,
איך סטאַרע זיך באַנעמען זייער טיף.
ס'איז די צוואָע-ליד א ווייטיק א צעגליטער,
די צווייטע איז — אַן אומעטיקער בריוו.

דער דיכטער בעט אין „זאַפּאָוויט״ מיט טענער דינע
צו קווורע בראַנגען אים אין ברייטן פעלד,
באַם ברעג פון דניעפּער, אַף זײַן ליבער אוקראַינע,
ווו ס'הערט זיך ווי עס רוישט אין טײַך די וועל.
און ווען ער וועט שוין רוען אינעם סטעפּ אין ברייטן —
האָט אָנגעזאָגט דער דיכטער קינד-און-קייט —
„שטייט, מענטשן דרייסטע, אוף, צערײַסט די קייטן,
דערמאָנט מיך אויך אין שאָ פון אײַער פרייד...״

דער בריוו „צוואָע״ שרײַט פון אָוואַר אַלטן:
„ווען איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר מיך באַהאַלטן
ניט ווו עס ליגן גווירים און אַריסטאָקראַטן —
ניט ברידערן וועט אונדז אַליין דער טויט —
באַהאַלט מיך צווישן די, וואָס פון א לעבן זאַטן
געטרוימט האָבן, זיך מוטשענדיק אין נויט״.

שעווטשענקאָס ליד בא שוועל בא היימישער איז אויסגעדיכטעט,
שאָלעם-אַלייכעמס לעצטער ווונטש — בא א ווילד-פרעמדער צאַם.
איןביידע זאַפּאָוויטן — מענטשלעכקייט און דיכטונג,
אין פערזן און אין ווערטער אָן א גראַם.

◇

ליפע העלער

מײַן גאָלדענער פאָנד

די ערד און דער הימל און דער האָריזאָנט —
מײַן גאָלדענער פאָנד.
מײַן גוטער זיקאָרן, וואָס העלפט און דערמאָנט —
מײַן גאָלדענער פאָנד.

סאָלדאַטן, וואָס האָבן געזיגט אפן פראָנט, —
מײַן גאָלדענער פאָנד.

מײַן האַרץ און מײַן קאָפּ,
און מײַן שטוב, וואָס איך האָב,
און די וועלט, וואָס איז נאָ'נט —
מײַן גאָלדענער פאָנד.

◇

בראָניע סינעלניקאָווע

דערטרוים

ביז מײַן האַרץ וועט שלאָגן,
לויכטן וועט די שײַן,
זאָל מײַן טרוים זיך טראָגן
אין דער וועלט אַרײַן.

מעג זײַן אף א לײַנער,
מעג זײַן אף א שליטן,
נאָר די זון זאָל שײַנען,
איך זאָל זײַן אינמיטן.

ביז מײַן האַרץ וועט שלאָגן
דערפרייען זאָל עס הערצער,
און די זון דעריאָגן
זאָלן מײַנע ווערטער.

◇

מ ו י ש ע פ ע נ ס

לויטערע מינוטן

עס שמעקט דער רעגן מיט א ווײַטן שטערן
און מיט א גרעזעלע באשיידנס
און מיט דעם דופט פון דײַנע טרערן
און מיט דעם צוג,
וואָס איז געקומען אונדז צעשיידן.

אזא מין רעגן!
און אזוינע טרערן!

און אלץ ארום מיר זאָגט:
עס איז צו גוטן!
דער צוג —
ער טראָגט אוועק דײַן הארץ דאָס שווערע
און לאָזט מיר איבער
לויטערע מינוטן.

◇

ע ל י ע ב ײ ד ע ר

דער קויעך פון א קוש

א גאנצע נאכט געמאָזלט האָט דער הימל,
נאָר אופגעשטאַנען יונג, געזונט און פריש.
קיין שפור געבליבן איז פון דעם געווימל,
אכוץ דעם סימען פון א צאַרטן קוש,
וואָס די לעוואָנע האָט דעם הימל הײַנט געגעבן,
ווען זי געקומען איז פון ווײַטע וועגן.

◇

ל י א ָ ו ו ע ב ע ר י נ ס ק י

נאָכן רעגן

יעדער טראָפּן, וואָס פאלט
פונעם הימל אראָפּ,
לאָזט א שפור, ווי א גלעזערן טרײַבל.

ווען די זון גייט ארויס,
ווערט פארגליווערט דאָס גלאָז
און באדעקט זיך מיט גאָלד און מיט קופּער.

און דער ווינט, וועלכער קומט
פון דער וויסטעניש, זינגט
אף דעם אָרגל און פינקלט מיט זעמדלעך.

◇ ◇ ◇

הערשל פּאָליאַנקער

די צײַט פֿון גרויסע האָפֿענונגען

ראָמאַן

ערשטער טײל

1

קיינער וועט אײַך ניט זאָגן, אַז אַף דער מילכאָמע איז שטאַרק פֿריילעך... אפֿילע יענע, וואָס האָבן קיין פּולווער ניט געשמעקט, פֿאַרשטייען אויך גאַנץ גוט, אַז קיין האָניק לעקט מען דאָרט ניט און אַז עס איז טויזנט מאָל בעסער א געמיינער שאָלעם, איידער א גוטער קריג.

ניט שײַער א סאַך צו ברייַען — ס'איז גאָרניט פֿריילעך אַף דער מילכאָמע... נאָר וואָס זשע, אָפּטלעך איז דאָרט אויך ניט אומעטיק, באַזונדערס דעמלט, ווען עס הייבט אָן גיין

בעסער און אויב איר געפינט זיך אפן פראָנט א לענגערע צײַט און שוין געווינט צו די צאַרעס פונעם פראָנט-שטייגער; ווען איר זײַט געווען שוין אפן פערד און אונטערן פערד, געהאט קאָלטס און ווארעמס, זיך אַרויסגעריסן פון דער פײַנטלעכער אַרומרינגלונג, פאַרזוכט דעם טאַם פון גאַספּיטאָלן, איבערגעלעבט די ביטערקײַט פון מאַפּאָלע, זיך געפרייט מיט ניצחוינעס...

נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, גייט מען דאָרט ניט אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מע פאַלט ניט אַרײַן אין מאַרעשכוירע, מע לעבט מיט האָפענונג. מיט איין וואָרט, מע געווינט זיך צו, ווי צו אַלע צאַרעס...

ווער געדענקט זיי דען ניט, די ערשטע מילכאָמע-כאַדאָשים? זיי האָבן זיך אײַנגעגעסן אין זיקאָרן, אין האַרצן, און אַף לאַנג אָנגעפּילט מיט האַס, ווייטיק און צאַרן. נאָר ניט געקוקט אַף אַלץ, איז מען בא זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, ניט פאַרלוירן דעם גלויבן, זיך געהאַלטן, געוווּסט, אַז אַזוי קאָן עס לאַנג ניט דויערן, ס'איז ניט העפקער פעטערשקע — עס וועט קומען די צײַט און דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען...

אָט פאַרוואָס יענער סאָף האַרבסט און אָנהייב ווינטער בא דער וואָלגע, בא סטאַלינגראַד, איז צו אונדז געקומען, ווי א שיינער אָנזאָג, ווי א באַלוינונג פאַר אַלע צאַרעס און אומגליקן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און אויסגעשטאַנען ביז דעם.

כאַטש די פרעסט מיט די ווינטער האָבן גערינסן שטיקער, געוואַלגערט פון די פיס, באַוויזן זייערע מיִעסע קונצן, — דריקער אינעם אָפענעם סטעפּ, — און די לעצטע שלאַכטן זײַנען געווען באַזונדערס גרויזאַם, דאָך איז, ווי קיינמאָל, געווען גוט אַפן האַרצן.

פאַרכאַפּנדיק האָבן אויסגעזען די אַרומיקע פאַרשנייטע סטעפּעס. מיט אָנגעוואַלגער פון צעקלאַפּטע, פאַרברענטע, צעמאַזיקטע דײַטשישע טאַנקען און האַרמאַטן, מאַשינען און וועגענער. דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט זען אַראָפּגעקלאַפּטע, אַף העלפט פאַרברענטע „היינקעלס" און „פאַקע-וואָלפן", „מעסערשמיטן" און אַנדערע מינים אַעראָפּלאַנען. אַרום איז פול געווען מיט ברוכוואַרג פון געווער, מיט בערג טויטע, פאַרקאַטשעווייעטע גופים פון סאָלדאַטן, אָפּיצערן פונעם דריטן רײַך, וועלכע האָבן אַמאָל זיגרײַך מאַרשירט איבער די גאַסן פון פּראַג און פּאַריזש, בריסל און וואַרשע, — דאָ, בא דער וואָלגע, האָבן די טאַליאָנים געקראָגן זייער פאַרדינטע שטראָף.

א געדיכטער שניי האָט פאַרדעקט אָט דעם אומענדלעכן צווינטער פון פײַנטלעכער טעכניק, די קאַטן אין די גרינע מונדירן.

דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך געהערט א שוואַכע שיסערײַ פון קוילנוואַרפערס, האַרמאַטן, — דאָס האָט מען דערלאַנגט די לעצטע קלעפּ איבער די רעשטלעך דײַטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן.

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, איז עס געגאַנגען צום סאָף. זייער יאַמטעוו האָט זיך שוין געענדיקט, און אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם. א מעכײַע איז געווען צו קוקן אַף די מענגעס געפאַנגענע, גאַנצע טשערעדעס פאַרפרוירענע, פאַרקאַטשעווייעטע פון פראָסט, הונגעריקע, קויטיקע זאָלדאַטן, אָבערס, גאַולייטערס, שטורעמבאַנפירערס, אײַנגעוויקלטע אין שמאַטעס, אין זעק, ראַגאָזשעס, אין גרויסע אומגעלומפּערטע שטרויענע לאַפּטיעס. זיי זײַנען געגאַנגען מיט אופגעהויבענע הענט און געשריגן אַף יעדן פאַל: „היטלער קאַפּוט!", „דריטער רײַך קאַפּוט!", „קאַפּיטוליאַציע!".

עס האָט מיט זיי געמאַרדעוועט, ווי אין א קאַדאַכעס, זיי האָבן געציטערט ניט אַזוי פונעם פראָסט, ווי פון פּאַכעד.

מע האָט געלעכצט נאָך איינס — מע זאָל זיי וואָס גיכער נעמען אין געפענקעניש, אַרויספירן פון דעם געגנעם, ראַטעווען ווי-ניט-איז זייערע מיִעסע נעשאָמעס און ניט טאָן מיט זיי דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די רוסישע קריגסגעפאַנגענע, מיט טויזנטער פרידלעכע סאָוועטישע מענטשן...

קוקנדיק אַף די שמאַטעס, אין וועלכע די פריצן האָבן זיך געקוטעט, אַף זייערע שטרויענע לאַפּטיעס, האָבן אונדזערע סאָלדאַטן געשריגן:

— דאָס האָט אײַך אײַער פירער אַזוי פײַן עקיפּירט?

אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געשפּאָט אופגעלייגטע, צופרידענע, וואָס מע קאָן זיך שוין א ביסל אָפּרוען. און די זאַווערוכע האָט אַלץ שטאַרקער געדרייט, זיך געמאַרדעוועט. דער סטאַרשינאַ, דער אומדערמידלעכער קוזמאַ גאַראַשקאָ, האָט פון מאָל צו מאָל אונטערגעמונטערט די סאָלדאַטן, וועלכע ער האָט געפירט צום זאַמלפּונקט פון באַטאַליאָן.

— לעבעדיקער! ניט אָפּשטיין!

ער האָט געשפּאַנט באַ דער זײַט פון פאַרשנייטן שליאַך, דער באַיאָרטער קאָמאַנדיר מיט די לאַנגע קאָזאַצקע וואָנצעס, מיט די ברייט-צעשטעלטע טונקעלע, עטוואָס צוגעזשמו-רעטע אויגן, וועלכע האָבן געשפּילט מיט א כיטרע מאַמזוריש שמייכעלע.

דער ווינט האָט געריסן די פּאָלעס פון זײַן ווײַס שעפּסן-פעלצל. די קובאַנקע איז ווילינגעריש געזעסן אויף א זײַט, און אפן האַלדז איז געהאַנגען דער אויטאָמאַט, וועלכן ער האָט צוגעהאַלטן מיט די שטאַרקע, אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיקע הענט.

מידע, אויסגעמאַטערטע, נאָר אויפגעלייגט-צופרידענע, האָבן געשפּאַנט זײַנע סאָלדאַטן, זיך געוואָרטלט, געשפּאַסט.

דער וווּאָדנער האָט איבערגעכאַזערט:

— ברייטער דעם שפּאַן! זיך אונטערציִען! נאָך א קאַפּעלע, און מיר וועלן זיך דער-קלײַבן צו א ניִער כאַטע. דאָרטן וועלן מיר זיך דערוואַרעמען און כאַפּן א גוטן דרעמל.

— יעסט, גוואַרדיע-סטאַרשינאַ, זיך אונטערציִען! — האָט אויסגערופן דער גוואַרדיע-סערזשאַנט מישקע שערמאַן, דער שטענדיק לעבנסלוסטיקער אָדעסיט, דער ליבלינג פון ווזוואָד. — יעסט, זיך אונטערציִען!

דאָס פאַברווינטע פּאָנעם זײַנס האָט געקוועלט, די גרויסע ציגײַנעריש-שוואַרצע אויגן האָבן געשמייכלט. ער האָט גענומען די שווערע קעגנטאַנקען-ביקס זײַנע אפן אַנדערן אַקסל און וווּקגעשפּאַנט שנעלער.

דער סטאַרשינאַ איז צוגעגאַנגען נעענטער צום געהילף זײַנעם, צו מישקע שערמאַנען, און א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— האָסט געטאָן ווי א כאַכעם, וואָס ביסט ניט אוועק אין מוזיקאַלן ווזוואָד.

שערמאַן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— וואָס זשע, איך בין א נאַר? ווען מע האָט מיר פאַרגעלייגט אריבערגיין אין מוזי-קאַלן ווזוואָד, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט. מיט דער מוזקאָמאַנדע פאַרשטעקט מען זיך אַלע לעכער. עס קומט אויך אויס צו זײַן א באַגרעבער... איך קאָן ניט אָנקוקן קיין לעבעדיקן פריץ, דאַרף איך האָבן צו טאָן מיט טויטע...

ארום האָט מען אונטערגעשמייכלט, קוקנדיק אויף דעם קרעפטיקן לוסטיקן באַכער, דעם שטענדיקן וויצלער און זאַפּעוואַלע, דעם גוטן פאַרניכטלער פון טאַנקען, און אין די אי-בערײַסן צווישן די שלאַכטן — דעם פריילעכן גיטאַריסט.

דער קראַנאָווזשטשיק און טרעגער פונעם באַרימטן אָדעסער פּאַרט מישקע שערמאַן האָט אנומלטן זיך א באַרים געטאָן, אז ער איז א שטיקל קאַרעוו, צי א שאַכן פון דעם באַ-רימטן לעאָניד אוטיאָסאָוו, און אז יענער האָט זיך געקליבן אים אַרײַנעמען צו זיך אין אָר-קעסטער. ווען דאָס איז דערגאַנגען צום אָנפירער פונעם מוזיקאַלן ווזוואָד, האָט ער מישקע שערמאַנען פאַרשריבן צו זיך אין אָרקעסטער. עמעס, מישקען איז ניט אויסגעקומען נעמען קיין אינסטרומענט אין די הענט. אים האָט איינגיכן אָפּגעגליקט — ער האָט באַגעגנט דעם קאָמוזוואָד קוזמאַ גאַראַשקאַ. יענעם איז דער פריילעכער אָדעסיט פון ערשטן אויגנבליק געפעלן געוואָרן, האָט אים גענומען צו זיך און אים אויסגעלערנט אַרבעטן מיט דער קעגנ-טאַנקען-ביקס. פּאַר א קורצער צײַט איז דער באַכער געוואָרן ניט בלויז אַן עכטער פאַר-ניכטלער פון דײַטשישע טאַנקען, נאָר אויך קוזמאַ גאַראַשקאָס טרײַער שטעלפאַרטרעטער און עטוואָס שפּעטער האָט מען אים צוגעייגנט דעם מיליטערישן טיטל — גוואַרדיע-סער-זשאַנט.

און אָט איצט, אינעם זאַווערוכעדיקן סאָף-טאָג, ווען דער שניי-וויכער האָט געוואָיעט אין די אויערן, האָט מען געשפּאַנט צום זאַמלפּונקט, און קוזמאַ דאַנילאָוויטש גאַראַשקאָ האָט ניט אַזוי באַפוילן זײַנע כעוורע, ווי אײַנגערעדט:

— נו, טײַערע מײַנע, נאָך א קאַפּעלע, און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אָפּרו. שטייט ניט אָפּ, כײַ יאָמו ביס!...

נאָך לאַנגע וואָכן שווערע שלאַכטן, נאָכן מיִרעדיקן געברום פון עראָפּלאַנען, גריל-צערײַ פון טאַנקען, שיסערײַ, האָט די מעשונעדיקע שטילקײַט, וואָס איז פּלוצעם געקומען אויף דער ערד, זיך אויסגעוויזן, ווי א כאַלעם...

פּלוצעם האָט דורך דער שטילקײַט זיך דורכגעריסן א געברום פון א שווערגעלאָדענעם באָמבאַרדירער. וועגן דעם, אז דאָס איז א דײַטשישער, איז באַ קיינעם קיין סאָפעק ניט גע-ווען, אַלע האָבן זיך גוט פאַנאַנדערגעקליבן, וועלכער עס איז א פײַנטלעכער עראָפּלאַן און וועלכער אונדזערער. געוויס ניט אונדזערער. איז וואָס פּאַר א טײַוול האָט אים פאַרטראָגן אהער?

מישקע שערמאַן האָט זיך אויסגעזידלט, ווי אַן עכטער אָדעסער בינדיוזשניק:

— וואָס, ער זעט ניט, אַז דאָ גייט קוזמאַ גאַראַשקאַס גוואַרדיע?

ער האָט אַראָפּגענומען פון אַקסל זײַן שווערע ביקס און פונעם פּאַטראָנטאַש אַרויס־געכאַפּט עטלעכע קוילן.

— ברייטער דעם טראָט! — האָט באַפוילן גאַראַשקאַ, — ער זעט אונדז ניט, דער טײַוול.

דער געברום פונעם אַעראָפּלאַן האָט זיך פאַרשטאַרקט.

קוזמאַ גאַראַשקאַ האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע אַז יעדן פאַל זיך פאַנאַנדערגיין אין פאַר־שיידענע זײַטן און זיך לייגן, צוגרייטנדיק זיך שיסן, ווען דער שפּאַרבער וועט זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער.

מישקע שערמאַן האָט זיך אָנגעלייגט לעבן דעם שליטן, וואָס איז געגאַנגען די גאַנצע צײַט נאָכן ווזוואָד מיטן ביסל באַלעבאַטישקײַט, אָנגעשפּאַרט זײַן ביקס אויף אים, קעדיי עס זאָל באַקוועמער זײַן שיסן, און אויסגערופן:

— דער פּריץ, דאַכט זיך, האָט גאָר פאַרבלאָנדזשעט און ער פירט ניט קיין באָמבעס, נאָר וועטשערע פאַר זײַנע אַרומגערינגלטע וואָיאַקעס...

— יאָ, דאַכט זיך, טאַקע אַזוי, — האָט צוגעשטימט נאָדאַר באַשידזע און אָפּגעשאַרט פון זײַנע קליינע וואָנצעלעך דעם שניי, — ווען ער פירט באָמבעס, וואָלט ער זיי שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפן...

נאָדאַר האָט ניט באַוויזן פאַרענדיקן, ווי פון אונטער די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער פאַרביקער פּאַראַשוט. ער האָט אומגעלומפּערט געניִדערט צו דער ערד און דער ווינט האָט אים אָפּגעטראָגן אין אַ זײַט. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ, אַ גרויסער קאַסטן האָט אַ זעץ געטאָן איבער דער פאַרשנייטער ערד און עס זײַנען זיך פון אים פאַנאַנדערגעפלויגן אין אַלע זײַטן קעסטלעך און פּעקלעך...

מישקע איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און פריילעך אויסגערופן:

— נו כעוורע, ווער איז גערעכט?

— שאַ, מישקע, פרײ זיך נאָך ניט, — האָט זיך אָנגערופן נאָדאַר, — מעגלעך, אַז דאָס איז אַ באָמבע, וואָס רײַסט זיך אויף אין אַ צײַט אַרום... — נאָר מישקע האָט זיך גלײַך געלאָזט לויפן צום פּאַראַשוט און נאָך אים זײַנען אַוועק די אַנדערע.

באַם פּאַראַשוט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעקוקט אין די קעסטלעך און פּעקלעך, פאָרזיכטיק גענומען צעשאַרן זיי מיט די פיס. מישקע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטיוול איבער אַ קעסטל און פון דאָרטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אָפּן שניי קאָלירטע פלוגבלעט־לעך. ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאַפּירל, עס דורכגעלאָפן מיט די אויגן און זיך הילכיק צע־לאַכט.

— הערט, וואָס דער מעטורעפּער אַדאָלף היטלער שרײַבט צו זײַנע זעלדאַטן. ער בעט זיך באַ זיי, זיי זאָלן זיך האַלטן ביזן לעצטן פּריץ, און ער וועט אונטערוואַרפן עסנוואַרג פון אַעראָפּלאַנען.

מישקע שערמאַן האָט אַ שלײַדער געטאָן דאָס בלעטל און צוגעטאָפּטשעט עס מיט די פיס.

פון אַ צווייטן פּעקל האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּאַפּירענע זשילעטן. ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט:

— דער פּיורער האָט מוירע, אַז זײַנע סאָלדאַטן זאָלן זיך, כאַלילע, ניט צוקילן און ניט אַרײַנכאַפּן קיין פּאַפּלעקציע. זעט נאָר, זעט! — האָט ער צעשאַרט נאָך אַ פּעקל און פון דאָרטן זײַנען אַרויסגעפלויגן שטרויענע גרויסע פּאַסטעלעס...

געוווען אויך פּעקלעך מיט ערזאַץ־קאָנפעקטן, געבעקס, סיגאַרעטן.

— כײַ יאָמו ביס! — האָט, לאַכנדיק, אויסגערופן קוזמאַ גאַראַשקאַ, אונטערײַלנדיק דעם אוילעם, מע זאָל זיך דאָ לאַנג ניט פאַרהאַלטן, מע דאַרף שפּאַנען ווײַטער.

ניקיטין, דער באַיאָרטער אָנטרײַבער מיט אַ פוזשעלע אין די הענט, אין אַ לאַנגער שי־נעל, אין אַ גרויסן פוטערנעם הוט, וואָס איז געזעסן נידעריק אָנגערוקט אָפן שטערן, האָט גענומען אַ פּאָר קעסטלעך מיט קאָנפעקטן, סיגאַרעטן און געבעקס:

— אין דער באַלעבאַטישקײַט באַ אונדז וועט עס צוניץ קומען, — האָט ער געזאָגט. די געפאַנגענע דײַטשן האָבן זיך געהאַלטן ווײַטער פון די רוסישע סאָלדאַטן און גע־קוקט מיט קינע, ווי יענע נעמען צונויף זייערע טראָפעיען, מע איז אויך גערן געווען עפּעס אַ נאַש טאָן, נאָר ניט געוואָגט.

— טפו, כײַ יאָמו ביס! — האָט, פאַררייכערנדיק אַ סיגאַרעטל, בייז אויסגעשפּיגן דער וווואָדנע, — וויאַזוי רייכערן די פּריצן אַזאַ איפּעש?

— יאָ, ס'איז ניט אונדזער קרעמענטשוגער מאַכאָרקע! — האָט זיך אָנגערופן ניקיטין. דערזען, ווי דער ווינט האָט אַ טרײַב געטאָן איבערן שניי אַ בלוי פּאַפּירל, האָט קוזמאַ גאָראָשקאָ אָנגעטראָטן אַף דעם מיטן פוס, עס אויפגעהויבן, אַ רגע אַרײַנגעקוקט אין דעם און זיך אָנגערופן צו זײַן געהילף:

— מישקע! דאַכט זיך, אַז דו קענסט אַ ביסל לייענען אַף זייער לאָשן? אַנו, כאַפּ נאָר אַ קוק, וואָס ברעשען זיי דאָרט?

— איין מינוטקעלע, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, באַלד וועלן מיר אַ קוק טאָן, — האָט מישקע זיך אָנגערופן, פאַרוקנדיק די אושאַנקע אַרויף: — אָט וואָס יענער בעבעט: „דויטשע זאָלדאַטן און אָפיצירן! דאַס שפּרעכט אײַער טרײַער פיורער אַדאָלף היטלער...“ סאַראַ הונט מיט אויערן, — האָט מיט אַ געלעכטער אויסגעווישט די נאָז מישקע און פאָרגעזעצט: — „צו אײַך ווענדט זיך אײַער פיורער אין דער שרעקלעכסטער שאָ פון זײַן לעבן...“ — האָט ער גלײַך גענומען איבערזעצן: — „דאָ, באַ סטאַלינגראַד, ווערט געלייזט דער גוירל פון עם דריטן רײַך און פון אונדז אַלעמען. אײַער מאַפּאָלע איז מײַן מאַפּאָלע... זשאַלעוועט ניט דאָס לעבן, און איך וועל פאַר אײַך בעטן גאָט!“

— נו, אַ פּאָדליוגע! — האָט זיך אָנגערופן וואַסילי ניקיטין. — אָנשטאָט די פּעקלעך, וואָלטן זיי בעסער אַראָפּגעוואָרפן אַהער זייער פיורער מיט דער באַנדע.

— שנעלער דעם טראָט! — האָט אונטערגעײַלט דער ווזוואָדנער, — ניט קיין סאָלדאַטן, נאָר עמעסע פילאָסאָפן. פאַרמאַכן די מײַלער!

ווײַטער האָט מען געשפּאַנט שווײַגנדיק, קעגנשטעלנדיק זיך דער זאַווערוכע, וואָס האָט געוויכערט אין סטעפּ.

2

קוזמאַ גאָראָשקאָ, אָנגערוקט די קובאַנקע, פאַרשפּיליעט דאָס שעפּסענע פּעלצל אַף אַלע קנעפּ, האָט געשפּאַנט באַ דער זײַט פון דער קאָלאָנע. די וואָנצעס און געדיכטע ברעמען, פאַרשאָטענע מיט שניי, האָבן דעם ווזוואָדנע געמאַכט עטוואָס ענלעך אַף טשאַפּאַיעוון. אַף אַ קורצן פריוואַל האָבן די סאָלדאַטן ליב געהאַט אַ שפּאַס טאָן איבער דעם אויסערלעך שטרענגן, נאָר אינדערעמעסן האַרציק גוטמוטיקן סטאַרשינאַ. אין שפּאַס האָבן זיי אים באַדויערט, וואָס, זײַענדיק אַזוי ענלעך אַפן לעגענדאַרן קאָמדיוו, האָט ער דערווײַל ניט דערצויגן העכער פון אַ ווזוואָדנעם, כאָטש אָרדענס און מעדאַלן האָט ער שוין געהאַט אַ סאַך מער פון טשאַפּאַיעוון...

ער האָט זיך ניט געבייזערט אַף די כעוורע, געזאָגט, אַז ניט צוליב הויכע טיטולן איז ער פרײַוויליק אוועק אַפן פראָנט. באַ אים זײַנען אַלטע כעזשבוינעס מיט די פּרוסאַקעס.

...דאָס איז געווען אין 1918 יאָר. אַ באַנדע דײַטשן האָט זיך אַרײַנגעריסן צו זיי קיין לוקאַשיווקע, ניט ווײַט פון פאַסטאָוו. שיקערע, צעיושעטע אַרײַן אין שטוב, געכאַפּט, וואָס מע האָט געזען מיט די אויגן, דערנאָך אַרויסגעפירט פון דער קלוניע די בעהיימע, דעם כאַזער. דאָ האָט דער טאַטע, פון איין זײַט, די מאַמע, פון דער צווייטער, אויפגעהויבן אַ גוואַלד, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל. מע האָט די עלטערן געטאָפּטשעט מיט די פיס, געבראָכן די ביינער. אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען זיי ביידע אויסגעגאַנגען. קוזמאַ, דעמלט נאָך גאָר אַ יונגער, איז אוועק אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. שפּעטער, ווען עס האָט זיך געיאַוועט קאָטאָווסקי מיט זײַנע העלדן, איז קוזמאַ געוואָרן איינער פון זיי.

ווען דער בירגערקריג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט קוזמאַ זיך אומגעקערט קיין לוקאַשיווקע, דאָ האָט אַף אים געוואָרפן אַן אויג אַ שיינע, באַלעבאַטישע מויד אָדאַרקע, מע האָט אָפּגעשפּילט אַ שטילע כאַסענע און געבליבן וווינען אונטער איין דאַך.

ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער קאָלווירט אין דאָרף, האָבן קוזמאַ מיט אָדאַרקען זיך פאַרשריבן די ערשטע, — זי איז אוועק אַרבעטן אַף דער פערמע, ער — אין אַ בוי-ברי-גאַדע. אײַגיכן איז ער געוואָרן בריגאַדיר פון די בויער. עס איז אוועק אַ לעבן. מע האָט אויסגעכאָוועט דרײַ קינדער. און מע האָט זיך געגרייט צו אַ רויִקער עלטער. נאָר דאָ האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. דער דײַטש קריכט ווידער אַהער. דעם ערשטן טאָג, ווען די דײַטשישע באָמבאַרדירער האָבן זיך געיאַוועט איבער לוקאַשיווקע, האָט קוזמאַ זיך אָפּגעזעגנט מיט ווײַב און קינדער און אוועק אַפן פראָנט. צוערשט האָט ער זיך געשלאָגן ניט

ווײַט פֿון קיִעוו, געווען אַ קוילנוואַרפֿלער. אײַנגיכן האָט נאַטשאַלסטווע באַמערקט, אַז קוזמאַ איז אַ געניטער שלאַכטמאַן, האָט מען אים פֿאַרטרויט אַ שיסער־ווזוואָד, ווו ער איז געוואָרן אַ געהילף פֿונעם ווזוואָדנעם און אײַנגיכן באַקומען דעם טיטול סטאַרשינאַ. אין איינער פֿון די שלאַכטן איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר פֿון ווזוואָד, און קאָמאַנדיר איז געוואָרן גאַראַשקאָ, כאָטש געבליבן אין זײַן אַלטן ראַנג פֿון אַ סטאַרשינאַ.

ער האָט געוווּסט איינס: ער דאַרף פֿאַרטיידיקן זײַן היים, זײַן לעבן, זײַן מישפּאָכע, דאָס לאַנד. און זײַנע סאָלדאַטן האָבן שטאַרק פֿון אים געהאַלטן, הויכע נאַטשאַלסטווע איז מיט אים געווען צופֿרידן.

עמעס, די ראַטנע און באַטאַליאָנע נאַטשאַלסטווע האָבן געהאַט צו אים אַ טײַנע:

— וואָלסט געדאַרפֿט זײַן, — האָבן זיי געזאָגט, — עטוואָס שטרענגער צו דײַנע סאָלדאַטן. דו דערלאָזסט צופֿיל פֿאַניבראַטסטווע, באַ דיר אין ווזוואָד איז עפּעס צו פֿריילעך, מע לאַכט, מע כאַכמעט זיך. און דײַן געהילף, דער סערזשאַנט שערמאַן, זינגט לידלעך מיט אַ גיטאַרע...

— אָבער אַלע באַפֿעלן פֿילן מיר אויס, — האָט געזאָגט גאַראַשקאָ, — די סלוזשבע קענען מײַנע סאָלדאַטן ניט שלעכט? וואָס זשע נאָך דאַרף מען? און דאָס, וואָס זיי האָבן ליב אַ שפּאַס, אַ לידל אין אַ פֿרײַער מינוט, איז עס דאָך גוט! וואָס זשע, בעסער איז אַרומגיין מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער? אָ, וואָלט איך געווען אַ גרויסער נאַטשאַלניק, וואָלט איך פֿאַר אַ גוטן וויץ, פֿאַר אַ שיין לידל געגעבן אַ מעדאַל.

נאַטשאַלסטווע האָט ניט געהאַט וואָס דערויף צו דערווידערן.

ערשט ניט לאַנג איז געקומען אַ נײַער קאָמבאַט אָנשטאָט דעם פֿריִערדיקן, וואָס איז געפֿאַלן אין שלאַכט, מאַיאָר אוועטיסיאַן גורגען אָוואַנעסאָוויטש. ער האָט זיך אַ סאַך אָנגעהערט וועגן קוזמאַ גאַראַשקאָ און זײַן ווזוואָד. און ווען דער באַטאַליאָן האָט אָפּגעשלאָגן עטלעכע פֿײַנטלעכע אַטאַקעס, זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד, זיך גוט אײַנגעאָרדנט אין די טראַנשייעס, איז אוועטיסיאַן אַוועק זיך באַקענען מיטן ווזוואָדנע און זײַנע מענטשן. דער נײַער קאָמבאַט האָט באַטראַכט די באַלעבאַטישקײַט, זיך דורכגערעדט מיט די מענטשן, דורכגעקאָנטראָלירט אַלץ און איז געבליבן צופֿרידן. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בלינדאַזש צום ווזוואָדנע, האָט יענער אַ ווונק געטאָן צו וואַסילי ניקיטינען, און גלײַך האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער פּעמפּיקוואַטער קופּערנער סאַמאָוואַר, וועלכן דער ווזוואָדנע האָט שוין לאַנג געפֿונען אין אַ צעבראָכן שטיבל און זינט יענער צײַט פֿירט מען אים מיט זיך. ניקיטין האָט פֿאַרקאָכט, ווי עס דאַרף צו זײַן, די זאַוואַרקע, מעכאַבעד געווען דעם געהויבענעם גאַסט מיט אַ סאָלדאַטסקע וועטשערע. יענער האָט זיך אַפֿילע היפּשלעך פֿאַרכידעשט, דערזען דעם סאַמאָוואַר, און מע האָט שוין מוירע געהאַט, אַז ער וועט אים הייסן אַרויסוואַרפֿן. נאָר דער קאָמבאַט האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שפּאַס, ווי איינער זאָגט, אויב דער אַגרעגאַט דינט, זאָל ער דינען...

ווען מע האָט דערוואָרעמט די נעשאָמע מיט אַ גוט גלעזל טיי, האָט קוזמאַ דאַנילאָוויטש אַרײַנגערופֿן זײַן געהילף מישקע שערמאַנען. דער אַדעסיט האָט גענומען אין האַנט זײַן גיטאַרע, וועלכע מע פֿירט צוזאַמען מיטן סאַמאָוואַר אין אָבאָז, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נאַרע און מיט זײַן ניט שטאַרקער, נאָר האַרציקער שטים, פֿאַרצויגן אַ לידל. דער קאָמבאַט איז געזעסן אָנגעכמורעט, פֿאַרטראַכט, און מע האָט געמיינט, אַז באַלד וועט מען אַרײַנכאַפּן אַ פֿײַנעם פּסאַק. נאָר אוועטיסיאַן האָט געשוויגן און מיטאַמאָל אַפֿילע גענומען אונטערזינגען צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן. דאַן האָט מישקע שערמאַן זיך דערפֿילט אײַנגאַנצן פֿרײַ און, אוועקלייגנדיק די גיטאַרע אין אַ זײַט, גענומען דערציילן פֿריילעכע געשיכטעס וועגן אַדעס, וועגן די פּאַרט־טרעגער, מיט וועלכע ער האָט פֿאַר דער מילכאָמע געאַרבעט, וועגן דער מאַלדאַוואַנקע, וועגן לעאָניד אוטיאָסאָוון. דער קאָמבאַט האָט געהערט און צוזאַמען מיט אַלעמען געלאַכט. פֿון דער שטרענגקײַט, מיט וועלכער ער איז געקומען אַהער, איז קיין סימן ניט געבליבן, ער האָט זיך אײַנגאַנצן געענדערט און, אוועקגייענדיק אין שכייניש ווזוואָד, געזאָגט: ווען אַלע סאָלדאַטן זאָלן זײַן אַזעלכע, ווי אין קוזמאַ גאַראַשקאָס ווזוואָד, וואָלט צו דער מילכאָמע גאָר אײַנגיכן געקומען אַ סאָף.

זינט דעם טאָג פֿלעגט דער קאָמבאַט אָפֿטלעך זיך אַראָפּכאַפּן אין אַ פֿרײַער שאָ אויסטרינקען אַ גלאָז טיי פֿונעם פּעמפּיקוואַטן קופּערנעם סאַמאָוואַר און הערן מישקע שערמאַנס פֿריילעכע אַדעסער לידלעך.

געווען איז אָבער אין דעם אַלעמען פֿאַרן ווזוואָד אויך אַ היפּשער כיסאָרן. דעם ווזוואָד האָט מען פֿאַרטרויט די סאַמע שווערע פֿאַרגעבונגען, און וואָס איז דער כידעש — דאָס פֿערדל, וואָס שלעפּט גוט, שפּאַנט מען דאָס ערשטע אין שפּאַן...

נאָר די פּרײַנטשאַפט איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַף קיין האָר! א לענגערע צײַט איז דער באַטאַליאָן געשטאַנען אין שוץ. אָפט איז אויסגעקומען אָפּ-שלאָגן פײַנטלעכע אַטאַקעס. ניט לײַכט איז אויסגעקומען קוזמאַס ווזוואָד, וואָס איז גע-שטאַנען אין סאַמע צענטער, ווו עס האָבן זיך געפּרוּווט דורכרײַסן דײַטשישע טאַנקען. דער ווזוואָד האָט זיי ניט דורכגעלאָזט, ער האָט אָבער געליטן פאַרלוסטן, און ס'איז באַוווּסט, ווי שווער עס איז צו שיידן זיך מיט אייגענע מענטשן...

נאָר אָט איז געקומען דער זיג בא סטאַלינגראַד, און עס איז ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן.



מידע, אויסגעמאַטערטע, שפּאַנען די סאָלדאַטן צום זאַמלפּונקט. בא דער זײַט — דער ווזוואָדנער, קוזמא גאַראַשקאָ, און נאָך דער קאָלאָנע סקריפּעט דער אַנגעלאָדענער שליטן מיט די מידע פערדלעך, מיט זייער טרײַען באַלעבאָס, דעם אַנטרײַבער ניקיטין.

גאַראַשקאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז צײַט מאַכן אַ קליינעם פּריוואַל.

— ניקיטין, שטעל אָפּ דײַנע לאָשעקעס! — האָט ער באַפוילן. — בא דיר אין זאַק איז נאָך עפּעס פאַרבליבן? אַנו, ביִנד אים פאַנאַנדער און דערלאַנג די פליאַגע מיטן ביסל בראַנשטאָף... געבליבן עפּעס בא דיר?

— געבליבן, כאָוער קאָמאַנדיר פון ווזוואָד! — האָט געענטפערט ניקיטין. און גענומען זיך פּאָרען אין דער שטרויִ. — נאָר איך האָב געמיינט, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז מיר וועלן צוואַרטן ביז מירן קומען אָף אַן אָרט...

— און דאָס זאָגט אַן אַלטער סאָלדאַט? — האָט אים איבערגעשלאָגן דער ווזוואָדנע. — האָסט גאָר פאַרגעסן די וויכטיקסטע דרײַ קלאָלים פון אַ סאָלדאַט?

— וואָס פאַר אַ קלאָלים? — האָט געפרעגט ניקיטין.

— הער און פאַרגעדענק: אַ סאָלדאַט טאָר ניט אָפּשטיין פון דער קיך, טאָר זיך ניט צעשיידן מיט זײַן לעפל און טאָר ניט אָפּלייגן אָף שפּעטער, אויב ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקײַט אָפּעסן און אויסטרינקען, ווײַל אָף אַ מילכאָמע שיסט מען... און אַז מע שיסט, קאָן מען פאַרשפּעטיקן... נו, ווו איז דײַן פליאַגע?

ניקיטין האָט אַקוראַט פאַנאַנדערגעטיילט די סוכאַרעס מיטן דאַרן וווּרשט און פּינקט-לעך, ווי אַ גוטער אַפּטייקער, פאַנאַנדערגעגאָסן אין די קווערטלעך דאָס ביסל ספּירט פון דער פליאַגע.

ניקיטין האָט אָפּן פּראָנט געטראָפן צופעליק. ער האָט געהאַט אַ ווײַסן בילעט, געאַר-בעט אין אַן אַרטעל. האָט זיך אַזוי באַקומען, דער שיסער-פּאָלק האָט מאָביליזירט עטלעכע פורן און אַנטרײַבער, און אַהער איז אויך אַרײַנגעפאַלן ניקיטין. מע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אָף גאָר אַ קורצער צײַט און די אַנטרײַבער מיט די פערד און וועגענער וועלן זיך אײַנ-גיכן אומקערן אַהיים. נאָר דער אײַניען האָט זיך פאַרצויגן, און ניקיטינס שטאָט האָבן פאַרכאַפּט די דײַטשן, ניט געוועזן וווהין זיך אומקערן. אַזוי איז מען דערגאַן ביז סטאַלינ-גראַד.

— כײַ יאָמו בים, — האָט, צוטראַגנדיק צום מויל דאָס קווערטל, געזאָגט דער ווזוואָד-נע, — פאַר אונדזער ניצאָכן!

מישקע שערמאַן איז צוגעגאַן נעענטער צום שליטן, אויפגעהויבן דאָס קווערטל און זיך אָנגערופן:

— ער, מאַמעלע געטרײַע! גוט, וואָס אונדזער נאַטשאַלניק האָט זיך דערמאָנט אין דעם ביסל מאַשקע, אין אונדזער סאָלדאַטישער רעפּוע. זאָל איך אַזוי לעבן, מיט אַזאַ מענטשן קאָן מען גיין אין פײַער און אין וואַסער.

— קירצער, סערזשאַנט, זעסט ניט, ווי דער פראָסט נעמט בײַסן שטאַרקער? — האָט איבערגעשלאָגן גאַראַשקאָ.

— איר ווילט קירצער? קען איך קירצער! — האָט זיך ניט פאַרלוירן דער אָדעסיט, — לאָמיר אויסטרינקען פאַר מײַן אָדעס!

— און איך פאַר מײַן טביליסי, — האָט אויסגערופן באַשידזע. — אָ, וואָלט איך אײַך דאָרט מעכאַבעד געווען מיט אַ טײַערן שאַשליק און מיט אַ בורדיוק עמעסן ווײַן.

— גענוג צו פלאַפּלען! — האָט איבערגעשלאָגן ניקיטין, פאַריכטנדיק דעם געשפּאַן אָף די צוגעפרוירענע פערדלעך. — מע דאַרף גיין, עס זאָל ניט אויסקומען צו נעכטיקן אין סטעפּ.

— געדעכט, ניקיטין, געדעכט! — האָט אונטערגעוווּנקען קוזמא גאַראַשקאָ.

די קאָלאָנע האָט זיך אויסגעצויגן אָפן שליאַך. דער שליטן האָט געסקריפּעט איבערן שניי, און מישקע שערמאַן האָט אוועקגעלייגט אָפן שליטן זײַן לאַנגע קעגנטאַנקען-ביקס און אַ לאַך געטאָן צו ניקיטינען, ווי יענער זיצט שוין אָף זײַן פּרעסטאָל.

— וואָס איז דיר אַזוי פריילעך? — האָט געפרעגט דער אַנטרײַבער.

— אַזוי זיך, באַטיאַ, איך לאַך, די קעלט זאָל צו מיר ניט צושטיין.

— מיסטאָמע האָסטו זיך דערמאָנט עפּעס לאַכנדיקס? — האָט געפרעגט ניקיטין.

— אָט-אָט, טאַקע געטראָפן! — און מישקע האָט גענומען דערציילן: — פאַר דער מילכאָמע בין איך געקומען מיט אַ גרופּע טוריסטן אָף קאַווקאַז. שפּאַנען מיר אַזוי מיט רוקזעקלעך אָף די פּלייצעס צווישן די בערג און זעען: ניט ווײַט פון פאָרט רײַטנדיק אָף אַן

אײזל א געזונטער גרוזינער מיט שוואַרצע וואָנצעס און לאַנגע פיס, וואָס שלעפּן זיך איבער דער ערד. ער פאַרט אַרוף-באַרג. און נאָך אים שלעפּט זיך אַן אַלטיטשקע אײַנגעהויקערטע פרוי מיט א שוואַרצן קלומעק אויף די פּלײצעס, קוים וואָס זי גײט.

קומט אַנטקעגן א שאָכן און רופט זיך אָן:

— הײ, איראַקלי, וווּהין פאָרסטו?

— וווּהין איך פאָר, קאַצאָ? — רופט זיך אָפּ יענער. — דאָס פיר איך מײַן אַלטיטשקע אין שפּיטאָל, מע דאַרף איר מאַכן, זאָגט מען, אַן אָפּעראַציע.

אַלע אַרום האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער, און ניקיטין איז געבליבן זיצן אויפן שליטן א ביסל אָנגעבלאָזן, פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטײנדל איז געוואָרפן צו אים אין גאָרטן.

— איך זע, מישקע, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו ביסט מיר מעקאַנע, וואָס איך פאָר, און דו גײסט צופוס? אויב אַזוי, קאָן איך זיך מיט דיר גלײַך בײַטן. נעם די ווישקעס און טרײַב די פערד. דו זעסט, ווען איך פאָר אויפן שליטן אָדער אויפן וואָגן. און פאַרוואָס זעסטו ניט, ווען איך רײניק די פערד, פּאָיע זײ, האָדעווע, ווען איך פיר אײַך קוילן, גראַנאַטעס אונטערן פײַער? דו קומסט אויף א נײַ אָרט, גראָבסטו זיך אויס אַן אָקאָפּ, פאַרקלײַבסט זיך אַהין און קײן שום טײַוול נעמט דיך ניט. און איך, ווען איך קום אויף א נײַ אָרט, דאַרף איך פאַר זיך אויסגראָבן אַן אָקאָפּ און דערצו נאָך פאַר מײַנע פערדלעך א באַהעלטעניש. וואָס זשע, מײנסט, אַז מיר איז גרינגער?

— וואָס האָסטו, וואַסיל, זיך אַזוי צעבײזערט אויף מישקען? — האָט גענומען באַרויִקן דעם אָנטרײַבער קוזמאַ גאָראַשקאָ, — ער שפּאַסט דאָך, ער קאָן דיר אויך זאָגן, אַז ער איז גרײט דיר אָפּטרעטן זײַן ביקס און גײ קלאַפּ די דײַטשישע טאַנקען. דו ווײסט, וויפל עס וועגט זײַן ביקסעלע? און ווען ער נעמט קלאַפּן איבער די טאַנקען, ווענדן די פריצן אויף אים דאָס גאַנצע פײַער... און בלויז פאַר די לעצטע שלאַכטן האָט מישקע פון זײַן ביקס אונטערגעקלאַפּט און פאַרברענט צוויי היטלערישע טאַנקען און דרײַ טראַנספּאָרטיאָרן... איז וואָס זשע, טאָר ער ניט א שפּאַס טאָן?

— איך בײזער זיך דען אויפן סערזשאַנט? — האָט זיך גענומען פאַרענטפערן ניקיטין. — זאָל אים גאָט געבן געזונט און ער זאָל זיך נאָך כאָכמענען א יאָר הונדערט...

מע איז אָפּגעגאַנגען א שטיק וועג שווײַגנדיק.

פּלוצעם האָט זיך אָפּסנײַ צעהודעט דער הימל. הויך אין די בלײַענע וואָלקנס האָט געררוישט א באָמבאַרדירער. קוזמאַ גאָראַשקאָ האָט פאַריסן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אויפן נאָענטן האָריזאָנט און זיך אויסגעזידלט. די פריצן קאָנען א שיט טאָן באָמבעס...

נאָר קײן באָמבעס זײַנען ניט געפאַלן. עס האָבן זיך ווידער באַוויזן דאָ און דאָרט פּיל-קאָלירקע בלעטלעך. אונטערגעכאַפּטע פונעם ווינט, האָבן זײ זיך געדרײט אינדערלופטן און געפאַלן אויפן שנײ.

— אַנו, מישקע, כאַפּ נאָר א קוק, וואָס ברעשעט דאָרטן ווידער זײער פיורער? — האָט א ווונק געטאָן צום סערזשאַנט דער ווזוואָדנע.

דער באַכער האָט א כאַפּ געטאָן א געל בלעטל, אַרײַנגעקוקט אַהין און, ניט געײַלט, גענומען לײענען:

— „דױטשע זאָלדאַטן אונדז אָפּיצירן, מײַנע טרײַע זין...". ע, — האָט ער א מאַך געטאָן, — די זעלבע פּלוידערײַ, — און האָט אָפּגעשלײַדערט פון זיך מיט עקל דאָס פּאַפּירל.

אין סטעפּ, אין שטאָט, אויף די צעהאַרגעטע גאַסן און פּלעצער האָבן געברענט שײַטערס. שײַטערס צווישן רויִנען.

צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע כאַדאָשים איז די סאָלדאַטן ניט אויסגעקומען מער זיך מאַסקירן.

— מענטשן טײַערע, סאַראַ לעבן הײבט זיך אָן! — האָט אויסגערופן טאַראַס ראָזוענקאָ, א רויטהאָריקער דאַרינקער קוילנוואַרפלער, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, ווײַל דאָס מויל איז בא אים פאַרנומען געווען מיט קײַען פאַרשטײנערט געבעקס. — שוין לאַנג איז מײַן קוילנוואַרפער ניט געלעגן אַזוי רויִק אויפן שליטן און געשוויגן.

— נו, יאָ, — האָט צוגעשטימט נאָדאַר באַשידזע, — מיר דאַכט, אַז מיר זײַנען געבליבן אַרבעטסלאָז...

— אויף אַנדערע פראָנטן איז נאָך געבליבן גענוג אַרבעט, — האָט זיך אָנגערופן גאָראַשקאָ. ער האָט צעשפּיליעט דאָס ווײַסע שעפּסענע פּעלצל, אַרויסגענומען פון דעם פעלד-טאַש די מאַפּע און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, גענומען זי באַטראַכטן.

— יאָ, מיר זײַנען געבליבן אין טיפן הינטערלאַנד. ביז דער פראָנט-ליניע האָבן מיר א כעזשבן פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, ניט ווײניקער... מע וועט אונדז מיסטאָמע

אריבערוואָרפֿן אויף אַ צווייטן פֿראַנט... — האָט געזאָגט גאַראַשקאַ און זײַן ווינטיק פֿאַרבריונט פּנעם איז אין דער רעגע געוואָרן שטרענג. ער האָט אַפֿגיך צונױפֿגעלייגט די מאַפּע און זי פֿאַרוקט צוריק אין פֿעלדטאַש.

— ווען אונדזער הויכע נאַטשאַלסטווע, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — פֿרעגט באַ מיר אַן אייצע, ווי ווײַטער פֿירן די מילכאָמע, וואָלט איך זיך ניט געשעמט און געענטפֿערט: איצט, אַז דאָס אײַז האָט זיך גערירט, און מיר האָבן דערלאַנגט די פֿריצן גוט אין די ציין, אַז עס איז זיי געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, טאָר מען זיך ניט אָפּשטעלן, נאָר טרײַבן אַן אָפּשטעל פֿון אינדזער ערד „צוריוקי!", „צוריוקי!", „נאָך בערלין". מע טאָר זיי ניט לאָזן איבערכאַפּן דעם אָטעם. דער פֿירער סטראַשעט, אַז ער האָט „געהיים געווער", דאַרף מען אים גיכער פֿאַרטרײַבן אין קיוועֶר צוזאַמען מיט זײַן געווער, און כּיי יאָמו ביס!..

— דאָס שרעקט ער די געגנדז אַפֿן בוידעם, — האָט אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט מישקע שערמאַן.

— עפּשער איז דאָס אַזוי, — האָט געזאָגט דער ווזוואָדנע, — נאָר ער איז נאָך שטאַרק. גאַנץ אייראָפּע אַרבעט אויף אים.

— איר, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, שטייט נעענטער צו נאַטשאַלסטווע און ווייסט מער פֿון אונדז. נאָך דעם, ווי מע האָט דאָ אַזוי פֿײַן אַ קלאַפּ געטאָן די פֿריצן, קאָן מען רעכענען, אַז פֿרילינג אָדער זומער וועלן מיר זיי ענדגילטיק פֿאַרטרײַבן און צעפֿאָרן זיך יעדערער צו זיך אַהיים. איך — אין מײַן אָדעס.

— אַ־האַ, ווּהין דו האָסט זיך שוין פֿאַרקליבן! וואַרט אַ קאַפּעלע...

— ניין, איך טראַכט אַזוי. שטעלט זיך פֿאָר: אָט נעמט איר אײַער פֿרוי, אַדאַרקען, און די טעכטערלעך, און קומט אַראָפּ צו מיר צוגאַסט. איך קריך אַראָפּ פֿונעם קראַן, טו זיך איבער יאָמטעוודיק, נעם באַם נאַטשאַלניק פֿון פּאָרט זײַן קאַטער און מיר מאַכן מיט אײַך אַ רײַזע איבערן יאַם. דערנאָך פֿיר איך אײַך אַוועק אין רעסטאָראַן „לאַנדאַנסקי" אָדער, ווי מע רופֿט אים איצט, „אָדעסאַ".

— נו, ביסט אַ לעץ, וועל איך דיר זאָגן! כּיי יאָמו ביס! דו ווייסט, עס גלוסט מיר צײַטנווײַז זיך אַ בייזער טאָן אויף דיר און קאָן ניט! ביסט אַ פֿאַנטאַזיאָר — נאָר אַזעלכע ניט געזען. ניט אומזיסט, ווײַזט אויס, האָט לעאָניד אוטיאָסאָוו געוואָלט דיך אַרײַנשלעפּן אין זײַן קאָמפּאַניע. צום ערשטן דאַרפֿן מיר דערגיין ביז בערלין און דערנאָך וועלן מיר טראַכטן וועגן דײַן אָדעס, מײַן לוקאַשיווקע און ניקיטינס מאַרוסיע... און דו מיינסט, אַז נאַטשאַלסטווע אײַצעט זיך מיט מיר אוודע? אַליין קומט מיר אויס זיך ברעכן דעם קאָפּ. אָט, לעמאַשל, ווו וועלן מיר הײַנט איבערנעכטיקן?

— נישקאָשע, גוואַרדיע־סטאַרשינאַ! מיר פֿאַרלאָזן זיך אויף אײַך, — האָט טאַראַס זיך אָנגערופֿן, — איר וועט עפּעס צוטראַכטן. אויף אײַך פֿאַרלאָזן מיר זיך...

— דאָס איז גוט, וואָס איר פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער ווזוואָדנע, — נאָר איר זעט דאָך אַליין, אַז אַרום איז אַ מידבער, און ניטאָ קיין איין גאַנץ שטיבל...

שנעל האָט גענומען גויסן דער קורצער ווינטער־טאָג. אַ האַלבן קילאָמעטער רעכטס האָט זיך אָנגעזען אַ צעקלאַפּט קלויסטערל, און אַרום דעם האָבן געסטאַרטשעט הױלע שוואַרצע קוימענס. קוזמאַ גאַראַשקאַ האָט זיך אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, און כאָטש ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָרטן קאָן מען טרעפֿן בלויז רוינען, ניט קיין הײַזער, נאָר דאָך וואָלט ער זיך מיט זײַן גוואַרדיע גאַנץ גוט געקאָנט צושפּאַרן.

גיין ווײַטער זוכן אַ בעסערן נאַכטלעגער איז ניט קעדײַ, האָט באַ זיך באַשטימט קוזמאַ גאַראַשקאַ, און ער האָט באַפֿוילן פֿאַרקערעווען צו יענעם צעמאַזיקטן קלויסטערל.

מישקע שערמאַן איז אָפּגעגאַנגען עטוואָס ווײַטער פֿונעם פֿאַרשנייטן שליאַך, זיך אופֿגעהויבן אויף אַן אונטערגעקלאַפּטן פֿאַרשנייטן טאַנק און אויסגעשריִען:

— מאַמעלע געטרײַע! זעט נאָר, וויפֿל שײַטערס עס ברענען דאָרט! זעט אויס, אַז דער „לאַנדאַנסקע" האָטעל איז שוין פֿאַרנומען און פֿאַר אונדז וועט זיך ניט געפֿינען קיין איין ווייכער דיוואַן. וואָס זשע טוט מען, אַ?

— געוען געדאַרפֿט געבן פֿונעם וועג אַ טעלעגראַם דער דירעקציע פֿונעם האָטעל, מע זאָל אונדז פֿאַרבראָנירן צימערן, — האָט איבערגעשלאָגן טאַראַס ראַזוֹנקאָ. — ווען מיר גיבן אַזאַ טעלעגראַם, וואָלט מען אונדז דאָרטן פֿאַרגרייט אַ האָטעל מיט אַ וואַרעמען בודש־ניק, מיט אַ גוטער באָד...

— אַנו, פּאַרענדיקן די פּלאַפּלערײַ אין סטראָי! — האָט באַפֿוילן דער ווזוואָדנע. — אונדזער פּלאַץ וועט דאָרטן קיינער ניט פֿאַרנעמען, דאָרט זײַנען דאָך אַלע אונדזערע, אייגענע, און צווישן אייגענע וועלן מיר ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

3

מע האָט ניט באַוויזן זיך אָפּרוען, ווי געהעריק אָנוואַרעמען, ברענגען אין אָרדענונג, איז אָנגעקומען דער באַפֿעל: זיך גרייטן אין וועג.

ווּהין? אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג?

דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. אַ מיליטערישער סאָד.

נאָר פֿאַר געניטע סאָלדאַטן זײַנען קיין סודות נישטאָ. אין די פּאָר טעג, וואָס מע איז געזעסן אַרום די הייסע שײַטערס און געטריקנט דאָס אָנטאָן, זיך געוואַרעמט, געהיילט די ווונדן, האָט די ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ פֿריידיקע ידיעה: נאָך שווערע אָנגעשטרענגטע שלאַכטן האָבן אונדזערע טיילן באַפֿרײַט די שטאָט קורסק, און דער אָנגריף ווערט פֿאַרגעזעצט.

דאַרף מען שוין ניט זײַן קיין גרויסע סטראַטעגן, מע זאָל זיך אָנשטויסן, אַז אַהין וועט מען אַ וואַרף טאָן די דיוויזיעס, וועלכע האָבן זיך דאָ באַפֿרײַט. מע דאַרף אַנטוויקלען דעם אָנגריף און צוליב דעם זײַנען נייטיק פֿרישע קויכעס. מע טאָר ניט לאָזן, דער סוינע זאָל זיך פֿאַרפֿעסטיקן אויף נײַע פּאָזיציעס.

אויך אוועטיסיאַנס באַטאַליאָן האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג. מע האָט געוואַרט אויף מאַשינען, וועלכע וועלן איבערוואַרפֿן די טיילן מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקײַט צו דער אײַזנבאַן-סטאַנציע, וואָס געפֿינט זיך גאַנץ ווײַט פֿונדאַנען.

קוזמאַ גאָראַשקאָ איז געווען שטאַרק פֿאַרהאַוועט. אַ קלייניקײַט אויסצורײדן: פֿאַר אַ פּאָר געציילטע טעג צוגרייטן די מענטשן, דאָס געווער, די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט צו אַ ווײַטן מאַרש צוזאַמען מיט מאַשינען, דערנאָך מיט דער אײַזנבאַן. אַרבעט — אַ וועלט! דאָס רופֿט מען אַרויס אין שטאַב אויף אַ באַראַטונג, דאָס דאַרף מען באַקומען נײַ געווער, אַמוניציע, פּראָדוקטן אויפֿן וועג, קוילן, גראַנאַטעס, הײַנט — נײַע מענטשן...

און גראָד אין דער צײַט איז אָנגעקומען דער באַפֿעל באַפֿרײַען פֿון דינסט וואַסילי ניקיטינען. אים מיט די פֿערד. גענוג. ער האָט ערלעך געדינט, דאַרף מען האָבן גאָט אין האַרצן און אים שיין אַרויסבאַגלייטן. זײַן דאַרף איז שוין, זעט אויס, באַפֿרײַט פֿונעם סוינע און ער מעג שוין דערקלײַבן זיך אַהיים צו ווײַב און קינדער און דאָרטן העלפֿן אין דער באַלעבאַטישקײַט. ער מעג זיך שוין אומקערן צו זײַן מאַרוסיען. יאָ, אַ מענטש האָט ערלעך אויסגעפֿילט זײַן פּאַטריאָטישן כּיוו פֿאַרן היימלאַנד, און פֿאַר זײַן אַקטיוון אָטייל אין די שלאַכטן בײַ סטאַלינגראַד, ווערט ער באַלוינט מיטן אָרדען פֿון דעם „רויטן שטערן".

ווען קוזמאַ דאַנילאָוויטש גאָראַשקאָ האָט פֿאַרגעלייענט דעם באַפֿעל, האָבן אויף ניקיטינס אויגן געפֿינקלט טרערן. עס איז געווען פֿאַר אים אַ פֿאַרשטערטע סימכע. ערשט נעכטן האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון דער היים. דעם בריוו האָט געשריבן ניט זײַן פֿרוי, מאַרוסיע, ניט די קינדער און קרויווים, נאָר זײַנע אַ שכנה. זי האָט געשריבן, אַז די פֿאַשיסטישע שפּאַרבערס זײַנען דאָ ניט לאַנג אָנגעפֿלויגן אויפֿן דאָרף און ניט געלאָזט דאָ קיין איין גאַנצע כאַטע, אויך פֿון זײַן, ניקיטינס, כאַטע איז געבליבן אַ באַרג מיט אַש און אַ הוילער קוימען... נאָר דאָס איז, שרײַבט די שכנה, נאָך ניט דאָס סאַמע שרעקלעכע, דער גרויסער אומגליק באַשטייט דערין, וואָס בעשאַס דער באָמבאַרדירונג זײַנען אומגעקומען ניקיטינס ווײַב, מאַרוסיע, מיטן טעכטערל...

און די שכנה ענדיקט איר בריוו אַזוי: אויב ער איז אַ לעבעדיקער, ניקיטין, זאָל ער זיך ניט שאַנעווען און נעמען נקאָמע פֿאַר זײַן מישפּאָכע, פֿאַר זײַן שטוב, פֿאַרן אומגעבראַכטן דאָרף און פֿאַר אַלע אומשולדיק אומגעקומענע מענטשן...

נאָך דעם, ווי דער ווזוואָדנע האָט איבערגעלייענט דעם באַפֿעל וועגן דעמאָביליזירן וואַסילי ניקיטינען, האָט דער אָנטרײַבער, קוים אײַנהאַלטנדיק די ביטערע טרערן, געבעטן מישקע שערמאַנען, ער זאָל פֿאַרן גאַנצן ווזוואָד און פֿאַר דער ראָטע איבערלייענען דער שכנהס בריוו.

אויסגעהערט דעם בריוו, האָט מען צוזאַמען אָנגעשריבן א מעלדונג, ס'הייסט, א ראַפּאַרט צו נאַטשאַלסטווע, אַז אַזוי און אַזוי. אַזויווי באַם סאָלדאַט וואַסילי ניקיטין אינדערהיים איז געשען א גרויסער אומגליק, ווענדט ער זיך לויט דער קאָמאַנדע און דער גאַנצער ווזוואָד האַלט אונטער זײַן הישטאַדלעס, מע זאָל אים דערלויבן פֿאַרבלײַבן ווײַטער דינען אינעם ווזוואָד פֿונעם סטאַרשינאַ גאַראַשקאָ. און פּונקט ווי בעשאַסן בירגערקריג האָט ער ערלעך געדינט אין דער בריגאַדע פֿון גריגאָרי קאָטאָווסקי, געווען א קוילנוואַרפֿלער און געקאַסעט אויף לינקס און אויף רעכטס די קאָנטרע, שווערט ער נאָך שטאַרקער קאַסען פֿונעם קוילנוואַרפֿער, אויב מע וועט אים פֿאַרטרויען, די היטלערישע מערדער. און אויב מע וועט באַפֿרײַדיקן זײַן באַקאָשע, וועט זײַן נעקאָמע זײַן ערלעך און הייליק, וואָס עס ווערט פֿאַרפֿעסטיקט מיט זײַן כסימע און מיט די כסימעס פֿון דעם גאַנצן גוואַרדייִשן ווזוואָד, מיט וועלכן עס קאָמאַנדעוועט דער גוואַרדיע-סטאַרשינאַ קוזמאַ דאַנילאָוויטש גאַראַשקאָ.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט איבערגעלייענט דעם ראַפּאָרט, אָנגעשטעלט א טרויעריקן בליק אויף דעם פֿאַרומערטן אָנטרײַבער און ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל אים דערויף ענטפֿערן.

וואָס קאָן ער אים איצט העלפֿן, ניקיטינען? ער האָט באַקומען דעם באַפֿעל צו דעמאָבילִיזירן אים, מוז ער אים אויספֿילן. נאָר ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן מיטגעפֿילט דעם מענטשן. און טאַקע אינדערעמעסן, וווּהין וועט זיך איצט ניקיטין מיט זײַנע פּאָר אויסגעמאַטערטע פֿערדלעך אוועקלאָזן? ער וועט אומקומען אין די טיפֿע שנייען, אין די פֿרעסט. וואָלט ער כאָטש געהאַט א היים, א ווײַב און קינדער. נאָר ער איז געבליבן איינער אַליין, ניט קיין כאַטע, ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד, און דאָס געפֿיל פֿון נעקאָמע איז גרויס.

נאָך א לאַנגער ווײַלע שווײַגן האָט קוזמאַ גאַראַשקאָ אַוועקגעלייגט די שווערע האַנט ניקיטינען אויפֿן אַקסל און זיך אָנגערופֿן:

— מיר האָבן מיט דיר אופֿגעגעסן א פּוד זאַלץ. איך וועל גיין מיט דײַן ראַפּאָרט צו נאַטשאַלסטווע בעטן, מע זאָל באַפֿרײַדיקן דײַן באַקאָשע, זאָלסט בלײַבן מיט אונדז. איך גלייב, אַז נאַטשאַלסטווע וועט ניט אָפּזאָגן. אָבער, זאָג מיר, וואָס וועל איך טאָן מיט דײַנע פֿערדלעך? אָט וועלן קומען די גרוזאָוויקעס נאָך אונדז און מיר וועלן אָנלאָדן די באַלעבאַטישקײַט, זיך אַרופֿזעצן און הײַדאַ, צו דער סטאַנציע. און וויאַזוי וועלן מיר די פֿערד אַרופֿשלעפּן אויפֿן קוזאָוו? און ווער וועט עס אונדז דערלויבן?..

— אויב מע טאָר ניט נעמען מיט זיך די פֿערד, — האָט געזאָגט ניקיטין, — וועל איך זיי איבערגעבן דער אינטענדאַנטסטווע און פֿאָדערן באַ איר א צעטל, אַז זי האָט באַקומען מײַנע פֿערד... און איך וועל נעמען א קוילנוואַרפֿער און אַרבעטן באַ דיר לויט מײַן אַלטער פּראָפֿעסיע.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט א קוק געטאָן אויף די פֿערדלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן א צעוואַלגערט פֿלויטל און געגעסן די איבערגעטריקנטע און פֿאַרקאָוועטע שטרוי, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון א צעוואַלגערטער סטריכע. די אויגן זײַנען באַ זיי געווען פֿײַכט, טרערנדיק.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט פֿאַררייכערט און אויף א פּאָר ווײַלעס זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט עפּעס שטאַרק ראַכמאָנעס געהאַט אויף די פֿערדלעך און אויף ניקיטינען, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט זיי. וויפֿל נוץ האָבן זיי געבראַכט, ווי ערלעך געהאָרעוועט, און איצט וועט מען זיי מוזן עמעצן איבערגעבן, איבערלאָזן!

קוזמאַ האָט אָפּגעשאַרט דעם שניי פֿון זייערע גריוועס.

— ניין, טײַערינקע, מיר וועלן אײַך דאָ ניט איבערלאָזן. קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט שוין עטלעכע אויסריידן פֿון נאַטשאַלסטווע פֿאַר אייניקע זײַנע נאַרישקײַטן, וועט ער באַקומען נאָך איינעם. איר וועט פֿאָרן מיט אונדז. אַי כײַ יאָמו ביס!..

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די שאָפֿערן פֿון די גרוזאָוויקעס, וואָס האָבן זיך מיט גרויסע צאָרעס דורכגעשלאָגן איבער די שניי-הורבעס, זײַנען געווען שטאַרק צופֿרידן דערפֿון, וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך געקליבן אַרופֿשלעפּן אין קוזאָוו צוויי פֿערד.

— היי, גוואַרדייער, וואָס זײַנען עס פֿאַר כײַעס און צו וואָס פֿאַר א טײַוול דאַרפֿן מיר זיי האָבן? — האָט אויסגעשריגן א קליינער, דיקער שאָפֿער אין א לאַנגן שפּעסנעם פּעלץ, — אונדז איז קלאָר באַפֿוילן געוואָרן נעמען אויפֿן באָרט די העלדן פֿון סטאַלינגראַד מיט זייערע זאַכן און געווער און ניט אָט די פּעגירעס. אַזוי אַז טרײַבט זיי אַוועק... אָט...

ער האָט געקוקט מיט פֿאַרוווּרף אויף דעם ווזוואָדנע מיט די לאַנגע וואָנצעס מיט דער קובאַנקע, וואָס איז ווויליונגעריש געזעסן אויף זײַן שפּיץ קאָפּ.

דאָ האָט שוין ניט אויסגעהאַלטן ניקיטין און איבערגעשלאָגן:

— דײַן זאַך, ברודערקע, איז דרייען די באַראַנקע. און דאָס איבעריקע מעגסטו זיך שוין פאַרלאָזן אף אונדז און אפן ווזוואָדנעם... דו ווייסט, וואָס פאַר א פערדלעך דאָס זײַנען? בא דיר אפן קאָפּ איז נישטאָ אַזויפיל האָר, וויפל סנאַריאַדן, מינעס, קעסטלעך גראַנאַטעס זיי האָבן איבערגעטאַסקעט צו דער פאָדערשטער ליניע...

— אויב, פּאַפּאַשע, זיי האָבן בא דיר אזוי פאַרדינט, — האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער שאָפער, — קאָנסטו זיי אַרויסגעבן מעדאַלן. נאָר צו מיר און צו מײַן מאַשין האָבן זיי ניט קיין שײַכעס... נישטאָ אזא באַפעל, איך זאָל אף מײַן גרוזאָוויק פירן פערד...

מישקע שערמאַן האָט פון א זײַט באַטראַכט דעם בייזן שאָפער און האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אז אָן זײַן אַרײַנמישן זיך וועט זיך גאָרניט באַקומען. האָט ער אָפּגערופן דעם שאָפער אין א זײַט, דערלאַנגט אים דעם קיסעט מיטן טוטין און זיך אָנגערופן:

— פאַרייכער, ברודערקע, וועלן זיך די נערוון דײַנע גלײַך באַרויִקן!..

— איך רייכער ניט...

— דו רייכערסט ניט? איך וואָלט דיר געגעבן א קווערטל ספּירט, זאָלסט זיך דערוואַרעמען און ניט זײַן אזא בייזער, ביסטו דאָך בא דער באַראַנקע און טאָרסט ניט אויסטרינקען... זאָג מיר נאָר, מײַן טײַערינקער, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו די פערד? זיי האָבן דיר, כאָלילע, שלעכטס געטאָן? זינט זיי לעבן אף דער וועלט, האָבן זיי נאָך קיין שלעכט וואָרט ניט אַרויסגערעדט, קיינעם קיין אומקאָוועד ניט געמאַכט, שטילע אומשולדיקע באַשעפענישן. זיי וועלן שטילערהייט שטיין אין קוזאָוו, ווי די ליאַלקעלעך, און שווײַגן. פאַרשטייסט?

— פערד דאַרפן גיין צופוס און ניט פאָרן אף קיין אווטאָמאָבילן.

— הער נאָר אויס, מײַן טײַערער! — האָט מישקע אים א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע. — הער, וואָס פּעכאָטע רעדט צו דיר. מיר דאַכט זיך, אז דו ביסט אַמאָל געווען אין אָדעס א טאַקסיסט...

— וואָס געהער זיך אָן אָדעס, אז איך בין גאָר פון ניקאָלײַעוו.

— מאַמעלע געטרײַע, זע נאָר! פון ניקאָלײַעוו! זײַנען מיר דאָך מיט דיר קימאַט זעמליאַקעס. — האָט זיך דערפרייט מישקע און אים גענומען אונטער דער האַנט, אָפּגעפירט אין א זײַט און א ווונק געטאָן צו די כעווראַ, זיי זאָלן אַרופשלעפּן די פערד אף דער מאַשין, — ביסטו פון ניקאָלײַעוו?!

מישקע האָט אים פאַרעדט די ציין און די כעווראַ האָבן שנעל דורכגעפירט די אָפּעראַציע מיט די פערד, אָנגעלאָדן אף די מאַשינען די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט, זיך אַליין אַרופגעזעצט. צוגעשפּאַרט צו דער הויכער קאַבינקע, זײַנען געשטאַנען די פערד, און ניקיטין האָט זיי צוגעהאַלטן פאַר די צײַמלעך. דער אָנגעדראָלעוועטער שאָפער האָט נאָך עפּעס געבורטשעט, נאָר פאַרשטאַנען, אז אָט די גוואַרדייער וועסטו ניט איבערשפּאָרן, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרײַן אין קאַבינקע.

4

א לאַנגע קאַלאָנע פּראַכטמאַשינען האָט זיך אויסגעצויגן אפן פאַרשנייטן שליאַך. כאָטש די זאַווערוכע איז אײַנגעשטילט געוואָרן נאָך אינמיטן נאַכט און עס האָט אפילע א ווייַע געטאָן א לינד ווינטל, נאָר פאַרטאָג איז נאָך געווען היפּש קאַלט, און די סאָלדאַטן האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן.

ווי מע האָט זיך ניט באַמיט וואָס שנעלער דערקלײַבן צו דער אײַזנבאַן-סטאַנציע, האָט מען זיך באַוועגט גאַנץ פּאַמעלעך. אַלעמאָל זײַנען די שווערגעלאָדענע מאַשינען געזונקען אין די שניי-הורבעס, עס איז אויסגעקומען אַלעמאָל אַראָפּשפּרינגען און אַרויסשלעפּן די מאַשינען.

ענדלעך האָט מען זיך דערקליבן צו דער סטאַנציע, ווו עס האָבן שוין געוואַרט די עשעלאָנען. די אָנלאָדונג איז געגאַנגען שנעל, מע האָט גוט פאַרשטאַנען, אז מע טאָר ניט פּאַטערן אומזיסט קיין צײַט. דאָרט, אין דער ריכטונג אף אָריאָל, זײַנען געגאַן פאַרביטערטע שלאַכטן, און מע האָט געדאַרפט וואָס גיכער אַהין זיך דערקלײַבן.

די עשעלאָנען האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אף די קליינע סטאַנציעס און פּאָלוסטאַנקעס. אין די טעפּלושקעס איז געווען ניט איבעריק וואַרעם, און מע האָט געכאַפּט א גוטן ציטער.

— אַבי מע האָט צוגעזאָגט, אַז אין די טעפּלושקעס וועלן מיר זיך דערוואַרעמען... — האָט זיך אָנגערופן סיוואָשקין, דער קוילנוואַרפער.

— יאָ, דאָס ביסטו, סיוואָשקין, גערעכט, — האָט צוגעשטימט מישקע, — נאָר מיר פאָרן אין די דאָרעם-קאַנטן און דאָרט וועט אונדז זײַן וואַרעם, אַפילע הייס...

ווען דער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט, זײַנען די כעוורע אַראָפּגעשפּרונגען, געכאַפּט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער די הענט, קעדיי אויסהייצן די הרובע. נאָר אויף וויפל האָבן געקלעקט די עטלעכע סלופּטשיקעס און ברעטלעך, וואָס מע האָט אַהער געבראַכט?

וואָס גיכער מע האָט זיך דערנעענטערט צום פראָנט, אַלץ אָפטער האָט זיך דער עשעלאָן אָפּגעשטעלט. דאָס האָט מען פאַריכט די ליניע, דאָס ליקווידירט די שנייִ-הורבעס, מע זאָל זיך קאָנען באַוועגן ווײַטער. און אָט איז מען אָנגעקומען אויף אַ פאַרברענטער סטאַנציע, וווּ קיין איין גאַנצע געבײַדע איז ניט פאַרבליבן — צעבאָמבירט. ווײַטער איז אויפגעריסן די ליניע און פאָרן קאָן מען ניט.

פאַרן אָפּטרעטן האָבן די דײַטשן אַלץ פאַרניכטעט, אַפילע אַרויסגעפּירט די רעלסן מיט די שפּאַלעס.

מע האָט באַפוילן פאַרלאָזן די וואַגאָנען. ווײַטער וועט מען זיך באַוועגן צו דער פראָנט-ליניע צופוס.

פאַר די אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ווײַסער מידבער. בערג מיט שנייִ — ניט דורכצוגיין, ניט דורכצופאָרן. מע האָט געפּרוּווט לאָזן פאָרויס עטלעכע טאַנקען, גרוזאָוויקעס, זיי זאָלן דורכקלאַפּן אין שנייִ אַ וועג, נאָר אומזיסט! זיי זײַנען פאַרזונקען געוואָרן. דאָס זעלבע די פערד מיט די וועגענער. שווער געווען קוקן אויף די שאָפערן, וועלכע האָבן זיך געמוטשעט לעבן זייערע מאַשינען און אָפּגעגאַנגען מיט שוויס.

איבערגעלאָזט אין די מאַשינען די פערד, גענומען אויף די אַקסל קעסטלעך מיט קוילן, גראַנאַטעס, מינעס, האָבן די קאָלאָנעס זיך אַ לאָז געטאָן צופוס. אויף זיי קוקנדיק, האָבן זיך די אַרטילעריסטן אײַנגעשפּאַנט אין די ליאַמקעס פון די האַרמאַטן און געשלעפּט זיי אַהין, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט דער געברום פון שלאַכט.

שווער האָט זיך באַוועגט אוועטיסיאַנס באַרימטער באַטאַליאָן און אין סאַמע פאָרנט — קוזמאַ גאַראַשקאָס ווזוואָד.

שלעפּנדיק אויפן אַקסל די קעגנטאַנקען-ביקס, האָט מישקע שערמאַן נאָך אונטערגעשטעלט די פּלייצע אונטער אַ האַרמאַט. ווי ער האָט געקאָנט, ווי עס האָבן געקלעקט קויכעס, האָט ער געהאָלפן זײַנע גוטע שכיינים, די האַרמאַטלער, ווײַל ניט איין מאָל האָבן זיי אים אין דעם ווזוואָד אַרויסגעהאָלפן.

עמעצער האָט אויסגעשריִען, אַז עס דעריאָגט די קאָלאָנע דער קאָמבאַט אוועטיסיאַן גורגען אָוואַנעסאָוויטש.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז צוגעפלויגן אויף אַ פאָר ליזשעס דער מיטלוווּקסיקער ענערגישער שוואַרצכיינעוודיקער קאָמאַנדיר מיט קורץ געשוירענע שוואַרצע וואָנצעלעך אין אַ שעפּסן-פּעלצל. דאָס איידעלע לענגלעכע פּאָנעם איז געווען פאַרשוויצט, די קאַרע גרויסע אויגן האָבן באַטראַכט די קאָלאָנע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער זײַט, זיך אָנגעשפּאַרט אין די שטעקלעך פון די ליזשעס, שווער אָפּגעאָטעמט און, דערזען קוזמאַ גאַראַשקאָן, מישקע שערמאַנען און זייערע כאַוויירים, די אויסגעהאַרעוועטע און פאַרשוויצטע האַרמאַטלער, האָט ער זיך האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס אָנגערופן:

— נו, ווי פילט זיך די מאַטאָ-פּעכאָטע? מע האַלט זיך?..

קיינער האָט ניט געוואַגט ענטפערן דער ערשטער, און דאָ האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן מישקע שערמאַן:

— די מאַטאָ-פּעכאָטע, גוואַרדיע-מאַיאָר, פילט זיך גוט, נאָר ווי זאָגט מען בײַ אונדז אין אָדעס: קיינער איז דערווײַל אונדז ניט מעקאַנע...

— אַ, דער גיטאַריסט, שערמאַן? — האָט דער מאַיאָר אים דערקענט. — אײַנגיכן וואַדע וועט מען אונדז מעגן מעקאַנע זײַן. עס איז שוין ניט גאָר ווײַט...

— פון סאַמע סטאַלינגראַד זאָגט מען אונדז, אַז עס איז שוין ניט ווײַט... — האָט אַרײַנגעשטעלט סיוואָשקין, — נאָר דערווײַל זעט מען נישט ניט קיין אָנהייב, ניט קיין סאָף...

דער קאָמבאַט האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטרענגן בליק:

— ווער זאָגט עס אַזוי? פון די נײַינקע? אָ-האָ, די אַלטע סאָלדאַטן קלאָגן זיך ניט.

— ניין, כאַווער גוואַרדיע-מאַיאָר, אונדזער סיוואָשקין קלאָגט זיך ניט, — האָט אים געפּרוּווט אַרויסהעלפן מישקע שערמאַן, — קיינמאָל ניט... ער איז לויט זײַן ציווילער פראָ-

פעסיע א סינאַפּטיקער. האָט ער ליב צײלן די שטערן און די פּאַגאָדע לאָזט אים הײַנט ניט שפּירן נאָך זיי, איז דערפאַר בא אים די שטימונג א שלעכטע...

— א סינאַפּטיקער? — האָט זיך צעשמייכלט דער קאָמבאַט. — זע נאַר, סאַרא מענטשן קוזמא גאַראַשקאַ קלײַבט זיך. אונטער! ווו איז אײַער קאָמאַנדיר?

— איך בין דאָ, גוואַרדיע-מאַיאָר! — איז גלײַך אויסגעוואַקסן קוזמא גאַראַשקאַ. א הייב געטאָן די האַנט צו דער קובאַנקע, און צוגעגעבן: — דער גוואַרדיע-סטאַרשינאַ קוזמא גאַראַשקאַ הערט...

אוועטיסיאַן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א גוטמוטיקן בליק:

— איך קען ניט קיין „גוואַרדיע-סטאַרשינאַ גאַראַשקאַ". מיר איז באַקאַנט: „גוואַרדיע-לייטענאַנט גאַראַשקאַ"! פאַרשטאַנען?

— כײַ יאַמו ביס... — האָט א מאַך געטאָן גאַראַשקאַ, — וואָס איז פאַר א כילעק וואָס פאַר א זוואַניע בא מיר? ווי זאָגט מען עס בא אונדז אין לוקאַשיווקע: רוף מיך טעפּל, נאַר רוק מיך ניט אין אויוון...

— „כײַ יאַמו ביס"! — האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעלאַכט אוועטיסיאַן, קוקנ-דיק מיט זײַנע ברענענדיקע אויגן אפן ווזוואָדנע. אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן יענעמס ווערטל „כײַ יאַמו ביס"!

— נו, ווי גייען בא אײַך די אינײַנים, כאָוער קאָמאַנדיר פון ווזוואָד?

— געהילף פון קאָמאַנדיר... — האָט גאַראַשקאַ פאַריכט, — די גאַנצע צײַט פאַרבײַט איך דעם קאָמאַנדיר. אונדז, כאָווער גוואַרדיע-מאַיאָר, גליקט ניט מיט אונדזערע קאָמאַנדירן. א פּאָר מאָל האָט איר אונדז צוגעשיקט יונגע לייטענאַנטן. איינעם האָט מען אפן צווייטן טאָג שווער פאַרוווּנדעט, דער צווייטער איז אפן דריטן טאָג געפאַלן... און מיר קומט אויס די גאַנצע צײַט פאַרבײַטן דעם ווזוואָדנע קאָמאַנדיר.

— נו, מער וועט איר ניט פאַרבײַטן. פאַראַן א באַפעל אײַך פאַרעכענען פאַרן קאָמאַנ-דיר פון ווזוואָד און דערצו נאָך — צוזיגענען דעם טיטול „לייטענאַנט", דאָס הייסט, גוואַרדיע-לייטענאַנט. אָט וועלן מיר קומען אף אן אָרט, זאָלט איר גלײַך גיין אין וואָיענטאָרג און זיך אײַנשאַפן פּאַגאָנעס און צוויי שטערנדלעך... קאָמאַנדעווען וועט איר מיט אײַער ווזוואָד ניט ערגער, ווי בא סטאַלינגראַד.

— יעסט, קאָמאַנדעווען מיטן ווזוואָד, ווי בא סטאַלינגראַד, — האָט א הייב געטאָן די האַנט צום היטל קוזמא גאַראַשקאַ.

דער קאָמבאַט האָט נאָכאַמאָל באַגריסט דעם „באַטיאַ" מיטן נײַעם טיטול, זיך געזעגנט און, געשטעלט זיך ווידער אף זײַנע ליזשעס, שנעל און געניט זיך אוועקגעגליטשט איבערן שניי לענגויס דער צעצויגענער קאָלאָנע און זיך פאַרלוירן אינעם שניי-וויכער.

די כעוורע האָבן מיט צופרידנקײַט געקוקט אף זייער קאָמאַנדיר. מע האָט געזען, אים טוט האַנאָע זײַן נײַע לאַגע און ער פּרוּווט עס בלויז אויסבאַהאַלטן פון די כעוורע, נאַר דאָס גיט זיך אים שלעכט אײַן... אים האָט געפרייט, וואָס נאַטשאַלסטווע האָט אַזוי הויך אָפּגע-שאַצט זײַנע שלאַכט-פאַרדינסטן, אים האָט בלויז באַנג געטאָן, וואָס ער קאָן וועגן דעם ניט אָנשרײַבן אַהיים, זײַנע קינדער און אַדאַרקען, זײַנע לאַנדסלײַט. מיטאַמאָל האָט דאָס פאַר-ברוינטע פּאָנעם זײַנס באַדעקט אַן אומעט. שוין א צײַט, ווי ער האָט ניט קיין לעבעדיקן גרוס פון דער היים און שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס איז מיט זײַן מישפּאָכע דאָרט. פאַרטאָן די גאַנצע צײַט אין זײַנע דײַגעס, האָט ער שיר ניט פאַרגעסן אין אַלץ, און איצט איז דאָס האַרץ שטאַרק פאַרקלעמט.

מישקע שערמאַן האָט גלײַך באַמערקט אפן קאָמאַנדירס פּאָנעם אַן ענדערונג, איז ער צוגעגאַן צו אים, באַגריסט און א ווונק געטאָן:

— נו, גוואַרדיע-לייטענאַנט, איצט וואָלט געווען א פּלאַן אָפּמערקן די זאַך. אזא גע-לעגנהײַט טרעפט ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. מע וואָלט געדאַרפט אײַערע צוויי שטערנדלעך באַנעצן...

— יאָ, וועסט באַנעצן... — האָט אַנגעכמורעט געענטפערט קוזמא גאַראַשקאַ און א ווונק געטאָן אף דער פאַרשנייטער קאָלאָנע, — די אַבאַזן זײַנען אָפּגעשטאַנען און נישטאָ אפילע מיט וואָס אָנהאָדעווען די כעוורע. עס וועלן קומען בעסערע צײַטן...

— א גרויסער שאָד, — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ מישקע שערמאַן און איבער-געוואָרפן זײַן קעגנטאַנקען-ביקס אפן צווייטן אַקסל, — עך, וואָלטן מיר איצט מיט אײַך אַרײַנגעגאַן צו אונדז אין „לאַנדאַנסקע" רעסטאָראַן, זיך דערוואַרעמט מיט א פּאָר פלעשעלעך „מאַסקאָווסקע" און פאַרביסן מיט געריכערטער סקומבריע...

— אָ-האָ, וואָס אים האָט זיך פֿאַרגלוסט! — האָט אַרײַנגעשטעלט נאָדאַר באַשידזע. — ביז מיר וועלן זיך דערקלײַבן, מישקע, צו דיר קיין אָדעס, אין דײַן „לאַנדאָנסקע” רעסטאָראַן, וועט שוין אונדזער גוואַרדיע-לייטענאַנט זײַן אַ פּאָלקאָווניק, אָדער אַ גענעראַל. דערצו נאָך, איז ניט קיין מוז אָפּמערקן די זאַך אין אָדעס, מיר וואָלטן עס געקאָנט טאָן אין אַ פֿײַנעם דוכאַנטשיק אין טביליסי.

— גענוג געפּלאַפּלט! — האָט זיך אָנגערופֿן קוזמאַ גאַראַשקאָ.

עס איז אונטערגעקומען וואַסיל ניקיטין. צוגעווינט פֿאַרן אָפּן שליטן, צו זײַנע פֿערד, האָט ער שווער געשפּאַנט מיטן קוילנוואַרפֿער אויפֿן אַקסל.

— אַ שאָד, באַטיאַ, וואָס דו האָסט געביטן דײַן פּראָפֿעסיע... — האָט זיך עמעצער פֿון די סאָלדאַטן אָנגערופֿן, — ווען דו ביסט איצט מיט דײַן שליטן, וואָלסטו עפּשער געפֿונען הינטער דער שטרוי דײַן באַרימטע פֿליאַגע...

— נאָר דאָס פֿעלט מיר איצטער אויס! — האָט איבערגעשלאָגן גאַראַשקאָ. און שטרענג אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — ניט פּלאַפּלען אין סטראָי! שנעלער דעם טראָט!

טאַראַס ראָזשנקאָ, אונטערשטויסנדיק מיטן אַקסל אַ האַרמאַט, וואָס האָט זיך פֿאַרגראָבן אין אַ הורבע שניי, האָט אַ ווונק געטאָן אויפֿן ווזוואָדנע און שטילערהייט אַרויסגעזאָגט:

— איר הערט, ווי אונדזער נאַטשאַלניק קאָמאַנדעוועט? עס פֿילט זיך, אַז דאָס רעדט שוין ניט קיין סטאַרשינאַ, נאָר אַ גוואַרדיע-לייטענאַנט.

— אוואַדע... — האָט אַרײַנגעשטעלט סיוואָשקין, — איצט האָט אונדזער ווזוואָדנע מער מאַכט...

— נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, האָבן מיר אַ גאָלדענעם פּאַפּאַשע... — האָט זיך אָנגערופֿן נאָדאַר באַשידזע, — מיט אים קאָן מען גיין אין פֿײַער און אין וואַסער!

5

מע איז געווען אַרויסגעוויקט אין שוויס פֿונעם שלעפּן אויף זיך די קעסטלעך פּאַטראָנעס און גראַנאַטעס, די קעגנטאַנקען-ביקסן און קוילנוואַרפֿערס. עס האָט געוואַלגערט פֿון די פֿיס אַ שטאַרקער צאָפֿן-ווינט און עס איז שווער געווען כאַפּן דעם אָטעם. די קאָלאָנעס האָבן ניט באַוויזן זיך אונטערצוציִען צו דער צײַט און אַרײַנטרעטן אין שלאַכט.

רעכטס און לינקס האָבן געהילכט די האַרמאַטן, מינענוואַרפֿערס, עס האָט זיך געהערט אַן אָפּגעשוואַכטע שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿערס.

די פֿאָדערשטע טיילן, מידע, הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע, האָבן זיך געלאָזט פֿאָרויס, נאָר קוילן און גראַנאַטעס זײַנען געווען ווייניק. און דאָך האָט אוועטיסיאַנס באַטאַליאָן זיך אַרויסגערוקט פֿאָרויס, אַרויסגעקלאַפּט די פֿאַשיסטן פֿון זייערע פּאָזיציעס אין האַנט-געפֿעכט, נאָר אַנטוויקלען ווײַטער דעם אָנגריף ניט געהאַט קיין קויכעס, ווײַל די האַרמאַטלער זײַנען פֿון זיי אָפּגעשטאַנען און ניט אונטערגעהאַלטן מיט פֿײַער.

דער אָנגריף האָט זיך פֿאַרכלינעט, אָפּגעשטעלט.

דער קאָמבאַט האָט באַפֿוילן זיך פֿאַרפֿעסטיקן, אײַנגראָבן זיך אין דער ערד און מע האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט.

דאָס געלינגנסטע אָרט האָט פֿאַרכאַפּט קוזמאַ גאַראַשקאָ מיט זײַן ווזוואָד. מע האָט זיך אײַנגעגראָבן אויף אַ באַרג-שיפּוע, פֿונוואַנען די דײַטשישע פּאָזיציעס זײַנען געלעגן, ווי אויף דער דלאָניע. די פּריצן איז ניט געפֿעלן אַזאַ נאָענטע שכנישאַפֿט מיט די גוואַרדייער, מע האָט געפּרוּווט זיי אַראָפּשלאָגן פֿונעם באַרג, נאָר עס האָט זיי ניט געהאָלפֿן. זייערע קאָנטראַטאַקעס האָט מען אָפּגעשלאָגן און ביז קאַיאָר זיך גוט פֿאַרגראָבן אין דער ערד, פֿאַרשטייענדיק, אַז דאָס ווינקל טאָר מען ניט פֿאַרלאָזן בשום-אופֿן.

ביז באַגינען האָט קיינער ניט צוגעמאַכט קיין אויג, מע האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט דאָ, זעט אויס, אויף לאַנג. קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט נאָך דעם, ווי ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ פֿאַרבינדונג מיט דער ראָטע און באַטאַליאָן, איבערגעגעבן, אַז עס זײַנען געבליבן ווייניק קוילן, גראַנאַטעס, דעם אויבערשטן מוז מען וואָס גיכער אָנהאָדעווען, דערצו נאָך זאָל מען זען צושיקן נײַע מענטשן אָנשטאָט יענע, וואָס זײַנען פֿאַרוווּנדעט און וועלכע מע דאַרף דרינגענד פֿאַרבײַטן...

אין דער ערשטער באַנאַכטיקער שלאַכט, ווען מע האָט אָפּגעשלאָגן די פּאָר אַטאַקעס פונעם פײַנט, וואָס האָט געוואָלט אומקערן דעם באַרג, האָט גאַנץ גוט געאַרבעט ניקיטין מיט זײַן קוילנוואַרפער און דערוויזן, אַז די מעלאָכע, וואָס ער האָט דעראָבערט נאָך בעשאַסן בירגערקריג, האָט ער ניט פאַרגעסן. עס האָט זיך אויך אויסגעטיילט מיט זײַן קוילנוואַרפער סיוואָשקין, דער סינאָפּטיקער, איבער וועלכן די כעוורע האָבן ליב געהאַט אַ שפּאַס טאָן. נאָך עטלעכע פון די נײַגעקומענע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שרעקלאָזע סאָלדאַטן און דאָס האָט דעם גוואַרדיע-לייטענאַנט געפרייט: פאַראַן מיט וועמען גיין צום טיש.

דעם צווייטן פרימאָרגן האָבן זיך אונטערגעצויגן די הינטערלאַנד-טיילן. מע האָט געבראַכט קוילן, גראַנאַטעס, מינעס, אָנגעהאָדעוועט דעם אויסגעהונגערטן אוילעם און גלײַך איז געוואָרן פרייילעכער אויפן האַרצן. מע האָט געבראַכט זאַסטעפּעס, קירקעס, העק, שטעכלדראָט און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ קלײַבט מען זיך פאַרפעסטיקן אויף אַ לענגערער צײַט.

קוזמאַ גאָראָשקאָ איז אויסגעקומען אַז זײַן אַלטער מעלאָכע פון אַ בויער. פון די אַרומיקע צעבאָמבירטע שטיבלעך האָט מען געבראַכט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט — ברעטער, סלופּעס, בלעך. מע האָט פאַרפעסטיקט די טראַנשייעס, די אָקאָפּעס, אויסגעגראָבן אין אַ זײַט פון דער הויפּט-טראַנשיי אַ בלינדאַזש מיט עטלעכע נאַקאַטן. עטלעכע טעג און נעכט האָט קוזמאַ גאָראָשקאָ ניט גערוט און ניט געלאָזט רוען זײַנע סאָלדאַטן — ער האָט אַלעמאָל איבערגעכאַזערט זײַנס: „ווי מיר וועלן זיך אויסבעטן, אַזוי וועלן מיר שלאָפן”. און כאָטש די ערשטע צײַט האָט מען געבורטשעט, לעמײַ דער ווזוואָדנע לאָזט ניט רוען, צווינגט זיך פאַרגראָבן טיפער אין דער ערד, פאַרפעסטיקן די אָקאָפּעס, גלײַך ווי מע זאָל זיך קלײַבן דאָ באַזעצן אויף אייביקע צײַטן, נאָר אינגיכן האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קעדײַ געווען טאָן. דעריקער, ווען די דײַטשן האָבן גענומען באַשיסן די פּאָזיציע און ווען עס זײַנען אָנגעפלויגן אַהער די באָמבאַרדירער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אַהער זיך דערקלײַבן דער קאָמבאַט מיטן קאָמאַנדיר פון פּאָלק. דערזען, וואָס עס האָבן דאָ באַוויזן אויפטאָן גאָראָשקאָ מיט זײַנע מענטשן, איז מען געבליבן העכסט צופרידן. אָט דאָס איז אַרבעט! אָט דאָס איז פאַרפעסטיקט אַ פּאָזיציע! ווי עכטע אינזשעניערן. מע האָט גאָראָשקאָן אַרויסגעטראָגן אַ דאַנק, געלויבט אין טאָג אַרײַן און אָנגעהויבן שיקן אַהער אָפּיצערן פון די שכייניש טיילן, מע זאָל זען, וויאַזוי מע דאַרף זיך פאַרפעסטיקן. מע האָט דעם באַרג-שיפּוי פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג. עטלעכע מאָל האָבן די דײַטשן פאַרגענומען נײַע אַטאַקעס, שטרעבנדיק אַראָפּוואַרפן פון באַרג זײַנע פאַרטיידיקער, נאָר אַלעמאָל האָבן זיי זיך געמוזט אָפּקײַקלען צוריק, איבערלאָזנדיק אויפן שנײ דערהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע.

אין אַ שטילער שאָ האָט מען געקאָנט אַרײַן אין בלינדאַזש זיך אָנוואַרעמען, אַ דרעמל טאָן. מישקע שערמאַן האָט ליב געהאַט דאָ נעמען די גיטאַרע אין די הענט און אויסזינגען זײַנס אַן אַדעסער לידל. ווען עמעצער האָט אים געפּרוּווט אָפּשטעלן, באַמערקט, אַז ער זאָל זינגען שטילער, ווײַל די דײַטשן זײַנען דאָך ניט ווײַט און קאָנען דערהערן, האָט מישקע געענטפערט:

— איך שפּײַ זיך אויס אויף זייער טאַטנס קיווער! זאָלן זיי הערן און צעזעצט ווערן. זאָלן זיי וויסן, אַז מיר זײַנען בא זיך פעסט און גלייבן, אַז זיי וועלן אינגיכן באַקומען די ווייסטע מאַפּאָלע. ניט לאַנג וועלן זיי טאָפּטשען אונדזער ערד...

און נאַדאַר באַשידזע, קוקנדיק אויף דעם אויפגעלייגטן סערזשאַנט, האָט צוגעגעבן:

— מישקע טוט ריכטיק. ער שפּילט די פריצן אַפּצולאָכעס! דערצו האָט ער נאָך אַ מיין — די פינגער ניט אָפּגעווינען פונעם אינסטרומענט. נאָך דער מילכאָמע קומט ער דאָך אָן אין לעאָניד אוטיאָסאָווס אָרקעסטער. — אַלע האָבן געלאַכט און אויף דער נעשאָמע איז געוואָרן לײַכטער.

אין בלינדאַזש האָט מען פאַרשלעפּט אויך עטלעכע בענקלעך פון די צעבאָמבירטע שכייניש הײַזער און אויך דעם פּעמפּיקעוואַטן קופּערנעם סאַמאָוואַר, מיט וועלכן קוזמאַ גאָראָשקאָ צעשיידט זיך ניט. וויאַזוי אים האָט זיך אײַנגעגעבן פאַרהיטן אים אין דעם געוויסט, ווייסט איין וואַסילי ניקיטין. אָט שטייט ער, דער סאַמאָוואַר, אין אַ ווײַט ווינקל פונעם בלינדאַזש און ווען עס לאָזט זיך, טרינקט מען פון אים הייסע גוט פאַרקאָכטע טיי.

אינגיכן האָט דער קאָמבאַט צוגעשיקט אַהער עטלעכע יונגע סאָלדאַטן, קעדיי פאַרפולן די פאַרלוסטן, וואָס דער ווזוואָד האָט לעצטנס געליטן.

די יונגע כעוורע, וואָס האָבן נאָך קיין פּולווער ניט געשמעקט און זיך געבוקט פאַר יעדער נאַרישער קויל און שפּליטער, האָבן מיט קינע געקוקט אויף די פאַרהאַרטעוועטע, גע-

ניטע סאָלדאַטן, וועמענס ברוסטן עס זײַנען געווען באַהאָנגען מיט אָרדענס און מעדאַלן, גוואַרדייִשע צייכנס.

נאָך פֿריִער, געפֿינענדיק זיך אין צווייטן עשעלאָן, האָבן די ייִנגלעך געהערט ווערט וועגן דעם העלדישן ווזוואָדנע גאָראָשקאָ און זײַנע בראַווע כעווראַ, ניט איינמאָל געלייענט וועגן זיי אין דער סאָלדאַטישער צײַטונג און האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מע איז געקומען אין אַ גוטער פֿרײַנטלעכער מישפּאָכע, וווּ איינער העלפֿט שטענדיק דעם אַנדערן, מיט אַזעלכע איז ניט שרעקלעך צו גיין אין פֿײַער און אין וואַסער.

צווישן די ייִנגלעך האָט זיך אויסגעטיילט אַ שלאַנקער, בלאָנדער, יונגער סאָלדאַט מיט אַן אײדל לענגלעך פּנים און בלויע אויגן. אויף אים איז אַ ביסל לעפּיש געהאָנגען די לאַנגע שינעל, און די אושאַנקע האָט זיך געדרייט בײַ אים אויפֿן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שילער, וואָס איז ערשט נאָרוואָס אַראָפּ פֿון דער שול-באַנק. זײַן אײדל פּנים און ראָזעלעכע באַקן האָבן נאָך, זעט אויס, ניט געוווּסט פֿון קיין גאָלמעסער. אויף אַלץ אַרום האָט ער געקוקט מיט אַ ביסל פּאַכעד און כידעש. באַזונדערס, אויף די פֿאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטן און אויפֿן לייטענאַנט מיט די לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זײַן זייער אַ שטרענגער און אפֿילו אַ בייזער.

די סאָלדאַטן האָבן דעם ייִנגל באַגעגנט מיט מיטגעפֿיל: אַזאַ יונגס און גרינס זאָל מען גלײַך שיקן אויף דער פֿאָדערשטער ליניע!...

מישקע שערמאַן האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אוי, מאַמעלע געטרײַע, צוליב וואָס שיקט מען אַזעלכע קינדערלעך צו אונדז אין גענעם! ער וואָלט נאָך געמעגט אַרומלויפֿן איבערן קאָרידאָר אין שול, שרײַבן ליבע-בריוועלעך די מיידלעך, זיי שלעפּן פֿאַר די צעפּלעך...

— אומזיסט רעדט איר אַזוי, כאַווער גוואַרדיע-סערזשאַנט, — האָט טרוקן מיט באַליידיקונג באַמערקט דאָס באָכערל, — איך בין שוין לאַנג ניט קיין שילער. איך בין אַ סטודענט פֿון ערשטן קורס פֿונעם מאָסקווער קינסטלערישן אינסטיטוט.

— מאַמעלע געטרײַע, אויב אַזוי, בעט איך מיר אַנטשולדיקן, כאַווער סטודענט! הייסט עס, האָט מיך מײַן ריִע אונטערגעפֿירט? אַ שאָד. אַנטשולדיק מיר, ברודערקע, טויזנט מאָל...

דאָס ערשטע מאָל איז מישקע שערמאַן אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ אומגעלומפּערטער לאַגע.

יאָ, וויקטאָר סוואָראָוו האָט פֿאַרענדיקט די מאָסקווער קונסט-שול, אָנגעקומען אינעם באַרימטן קינסטלערישן אינסטיטוט. נאָר אײַנגיכן האָט געטראָפֿן, אַז וויקטאָרס פֿאָטער, וואָס איז פֿון די ערשטע טעג מילכאָמע אַוועק אויפֿן פֿראָנט, אין דער אָפּאָלטשעניע, איז געפֿאַלן אין שלאַכט. האָט ער אַלץ געוואָרפֿן און אַוועקגעלאָפֿן אין וואָיענקאָמאַט בעטן, מע זאָל אים שיקן אויפֿן פֿראָנט, ער וויל פֿאַרבײַטן דעם פֿאָטער.

אין אַ פֿראָסטיקן ווינטער-פֿרימאָרגן, ווען עס זײַנען געגאַנגען די לעצטע שלאַכטן בײַ סטאַלינגראַד, האָט זיך געיאַווועט אין שטאַב פֿון אוועטיסיאַנס באַטאַליאָן צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע סאָלדאַטן וויקטאָר סוואָראָוו, און ער איז געווען שטאַרק אַנטוישט דערפֿון, וואָס ער האָט פֿאַרשפּעטיקט... געקומען צום סאָף פֿון די שלאַכטן און ניט באַוויזן אפֿילו אויסשיסן פֿון זײַן אויטאָמאַט.

דער באָכער האָט ניט געוווּסט, וווּ מע טוט זיך אַהין. צו וועמען ער האָט זיך ניט געווענדט, האָט מען אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — אַלע זײַנען געווען פֿאַרטראָגן, פֿאַרנומען מיט וויכטיקע איניאָנים און געזאָגט, ער זאָל ניט דולן דעם מויעך, צוּוואַרטן, און ווען מע וועט דאַרפֿן, וועט מען אים געפֿינען. אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט פֿון איין שײַטער צום אַנדערן, ווי אַ שפּעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פֿון דער אָטאַרע און האָט זיך געפֿילט ווי עפּעס אַן איבעריקער, אַ פֿינפֿטע ראָד אין וואָגן. ער האָט ניט געצווייפֿלט, אַז פֿון די ערשטע שריט וועט ער זיך אויסטיילן אין שלאַכט, אפֿילו באַקומען אַ הויכע באַלוינונג און וועט קאָנען אָנשרײַבן דער מוטער, די פֿרײַנט, אַז ער האָט אויסגעפֿילט זײַן ערשטן כויוו. איז אָט האָסטו דיר! אַרום איז שטיל, רויִק, מע הערט ניט קיין שיסערײַ, קיין אויפֿרײַסן, און בלויז די צעמאַזיקטע דײַטשישע האַרמאַטן, טאַנקען, מאַשינען, וואָס וואַלגערן זיך איבערן פֿאַרשנייטן סטעפּ, די מענגעס געפֿאַנגענע, וואָס גייען אין פֿלען, דערמאָנען וועגן דעם, וואָס דאָ איז ערשט ניט לאַנג געשען.

דער פֿראָנט איז געבליבן טיף אין הינטערלאַנד.

קאָלאָנעס מאַשינען מיט אויפֿגעלעבטע, לוסטיקע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אָקאָרשט אַרויס פֿון דער שלאַכט און נאָך ניט געקומען צו-זיך, אײַלן צו דער ווײַטער סטאַנציע, וווּ עס וואַרטן אויף זיי עשעלאָנען, וועלכע וועלן זיי אָוועקפֿירן אויף אַ נײַעם פֿראָנט. אַלע האָבן געאײַלט,

געוועזן פאַרהאַוועט, פאַרטאָן, אַלע זײַנען מיט עפּעס געווען באַשעפטיקט, בלויז ער און יענע,
וועלכע זײַנען מיט אים געקומען פון רעזערוו-פּאָלק, האָבן ניט געוווּסט, וווּהין מע טוט זיך
אַהין. האָט ער אַרומגעבלאָנקעט אין זײַן צו גרויסער שינעל, אין די גרויסע שטיוול, וועלכע
האָבן אָנגעריבן די פיס, און דער פראָסט האָט געריסן שטיקער.
אַזוי-אָ, אַרומדרייענדיק זיך, פרוווּנדיק געפינען זײַן אָרט אין סטראָי, האָט וויקטאָר ניט
געפילט, ווי זײַנע באַקן און די נאָז זײַנען ווײַס געוואָרן פונעם פראָסט, אַ גליק, וואָס אים
האָט באַגעגנט מאַשע בערעזינאַ, דער סאַנינסטרוקטאָר פון דער סאַנראָטע אין אַוועטיסיאַנס
באַטאַליאָן. ריכטיקער געזאָגט, צום ערשטן האָט זי דערזען אַ שיינעם באָכער, אַ בלאָנדהאָ-
ריקן, מיט כיינעוודיקע בלויליכע אויגן אין אַן אומגעלומפּערט לאַנגער שינעל מיט אַן אווו-
טאָמאַט אויפן האַלדז, און דער באָכער האָט געציטערט פון קעלט. דאָס מיידל, אַ קליינוווק-
סיקס, אַ פאַרברוינטס פונעם פראָסט, מיט אַ פּעלצל אין אַן אושאַנקע מיט אַ סאַניטאַרן
רענצל אויפן אַקסל, האָט ביי זלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם סאָלדאַט, אַ כאַפּ געגעבן פאַרן
אַרבל און אַוועקגעפירט אים אין אַ זײַט, צום סאַניטאַרן ערדשטיבל.
— וואָס הייסט עס, סאָלדאַט? צי דען פילט איר ניט, אַז בײַ אײַך זײַנען אָפּגעפרוירן
די באַקן מיט דער נאָז? אַ פײַנער שלאַכטמאַן קאָן פון אײַך זײַן... און איר גייט אַרום, ווי
עס וואָלט גאָרניט ניט געשען. אַנו, גיכער אין זעמליאַנקע!
שיר ניט מיט גוואַלד האָט זי אַרײַנגעשטויסן אים אין ערדשטיבל, פון וועלכן עס האָט
אויפן באָכער אַ ווייע געטאָן אַ מעכײַעדיקע וואַרעמקײַט. און עפּשער טאַקע ניט אַזוי פונעם
הייוועלע, ווי פון דעם שטרענגלעכן קורנאָסע מיידל מיטן שוואַרצן רענצל.
אויף דער שוועל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ זשמעניע שניי און גענומען אײַנרײַבן די צו-
געפרוירענע באַקן זײַנע, די נאָז, רײַבן און זיך בייזערן אויף אים:
— אײַער גליק, כאַווער, וואָס איך האָב אײַך דערזען, — אײַנרײַבנדיק אים די באַקן
מיט שניי, האָט מאַשע בערעזינאַ געזאָגט און זיך פאַרלוירן, פאַרוויטלט זיך אַ ביסל אונטער
זײַן דורכדרינגעוודיק-שעמעוודיקן בליק, — אײַערע באַקן וועל איך פרוּוון אָפּראַטעווען, נאָר
אויף ווײַטער זעט, דאָס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן... און איר הינקט, דאַכט זיך, אויך אַ ביסל,
אויב איך האָב ניט קיין טאָעס? וואָס זשע, איר זײַט פאַרוווּנדעט?
ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און שעמעוודיק געענטפערט:
— ניין, שוועסטער, איך בין נאָך אין שלאַכט ניט געווען. נאָרוואָס געקומען אויפן
פראָנט און זעט, סאַראַ קאַרוסעל...
מאַשע בערעזינאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:
— צאָרעס מיט די יונגע סאָלדאַטן!.. — האָט זי געזאָגט, רײַבנדיק זײַנע באַקן מיט
שניי, — אַ געניטער פראָנטאָוויק שפירט אַליין נאָך זיך, און נײַנקע נייטיקן זיך אין ניאַ-
ניעטשקעס... וואָס קאָן אויפטאָן אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט מיט אָפּגעפרוירענע באַקן? נישטאָ,
ווער עס זאָל אײַך שמײַסן... — איר קײַלעכיק כיינעוודיק פּאָנעם מיט די בלאַסע קלײַענדלעך,
אירע גרויסע ליכטיק-גרינבלעכע אויגן האָבן איר צוגעגעבן נאָך מער כיין. זי האָט זיך
שוין ניט געבייזערט אויף אים, געפילט צו אים מיטלײַד און פאַרגעזעצט:
— נישקאָשע, באַלד וועט אַלץ בײַ אײַך זײַן גוט... איין ווײַלע...
אין איר שעפּסענעם פּעלצל און גרויסער אושאַנקע האָט זי אויסגעזען פּולבלעך און
עטוואָס אפילו אומגעלומפּערט. זעט אויס, אַז די נאַטור איז צו איר ניט געווען זייער מילד
און קיין איבעריקע שיינקײַט ניט צוגעגעבן. נאָר זי האָט געהאַט אַ גוטע נעשאָמע און דאָס
האָט דאָס מיידל געמאַכט מילדער און האַרציקער אין וויקטאָרס אויגן. און אין דער מינוט,
ווען זי האָט אים געהאָלפן אין זײַן אומגליק, האָט זיך אים געדאַכט, וויקטאָר סוואָראָוון,
אַז קיין שענער און בעסער מיידל איז ניט צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט.
ער איז שוין געזעסן אויף דער טאַבורעטקע אין דער וואַרעמער זעמליאַנקע, ווו די לופט
איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן שטאַרקן רייעך פון מעדיקאַמענטן. גוט אָנגעריבן זײַנע באַקן
מיט שניי, האָט מאַשע בערעזינאַ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּעלצל, דאָס היטל, פאַרקעמט
מיט די פינגער די קורץ-אונטערגעשאָרענע האָר. אויף איר סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע האָט
געשײַנט אַן אָרדען פון „רויטן שטערן" און אַ מעדאַל „פאַר געוואַגטקײַט". דערזען אירע
שלאַכט-באַלוינונגען, האָט וויקטאָר זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, זיך דורכגעדרונגען צו איר מיט
באַזונדערן אָפּשײַ. און אַלעמאָל זיך נאָך שטאַרקער געריטלט, ווען זי האָט געווענדט אויף
אים אירע גוטע כיינעוודיקע אויגן.
יאָ, מאַשע בערעזינאַ האָט געקוקט אויף דעם יונגן שעמעוודיקן באָכער מיט אַ ביסל
קינע. און טאַקע ווירקלעך, וואָס האָט געשטערט דעם אייבערשטן, ער זאָל געווען אָט די
בלאָנדע האָר מיטן גאָלדענעם אָפּגלאַנץ, די שיינע בלויע אויגן און זײַן מאָלעכיינעוודיקן

שעמעוודיקן שמייכל געבן איר? אָבער גלײַך האָט זי פֿון זיך אָפּגעטריבן אירע נאַרישע געדאַנקען, מוירע האָבנדיק, דער באָכער זאָל ניט מיינען, אַז ער האָט זי געריִרט מיט זײַן כיין. זי האָט שטאַרקער גענומען אײַנרײַבן זײַנע באַקן מיט שניי.

— אוי, וויפֿל מאַראָקע מיט די גרינע סאָלדאַטן!..— האָט זי געזאָגט אָן שום בייזקײַט.— ווען איך באַגעגן אײַך ניט און פֿאַרשלעפּ אײַך ניט אַהער, וואָלט איר צוליב אַזאַ נאַרישקײַט אַרײַנגעכאַפּט פֿון נאַטשאַלסטווע... יאָ, שיר ניט פֿאַרגעסן, אַנו, וואַרפֿט אַראָפּ די שטיוול, וועל איך אַ קוק טאָן, וואָס איז מיט אײַערע פֿיס... וואָס איז ווערט אַ סאָלדאַט אָן פֿיס?.. אַנו, גיכער, טוט אויס!

— ניין, ניין, שוועסטער, ס'איז ניט געפֿערלעך... פּאָשעט אָנגעריבן... — האָט ער פֿאַרלוירן זיך אָנגערופֿן.

— נאַרישקײַטן... וואָס שעמט איר זיך? — האָט זי באַפֿעלעריש איבערגעשלאָגן. — פֿאַר אונדז דאַרפֿט איר זיך ניט שעמען. שנעלער טוט אויס די שטיוול!

מאָשע, ניט לאַנג געטראַכט, האָט זיך פֿלינק אָנגעבויגן, אַראָפּגעשלעפּט פֿון זײַנע פֿיס די שטיוול און געבליבן שטיין געפּלעפֿט, דערזעענדיק די אָנגעריבענע ביז בלוט פֿיס:

— גאָט מײַנער, וואָס האָט איר מיט זיך געטאָן? אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט פֿאַרוויקלען די אָנעטשעס! און ווּהין קוקט אײַער סטאַרשינאַ, דער טײַוול? און וויִאַזוי קלערט איר מילכאָמע האַלטן מיט אַזעלכע פֿיס? אײַ, אײַ, אײַ!

זי האָט מיט אַ ווייטיקלעכער מינע אויפֿן פּאָנעם זיך אָנגעבויגן, אַרויסגענומען פֿון איר סאַניטאַר-רענצל וואַטע, אַ בינט, יאָד, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ערדענעם דיל אויף די קני און שנעל גענומען שמירן די אָנגעריבענע ערטער פֿון זײַנע פֿיס און זיי איבערבינדן.

יאָ, לעפּיש האָט זיך אָנגעהויבן זײַן דינסט. וואָס זאָל ער שרײַבן דער מאַמען, זײַנע פֿרײַנט? דערווײַל איז דער איינציקער גוטער מאָמענט אין זײַן איצטיקן לעבן — די באַגעגעניש מיט אָט דעם קורנאָסע, שטרענגלעך, נאָר האַרציק מיידל, וואָס האָט געצוווּנגען דאָס האַרץ זײַנס שטאַרקער, אומרויִקער זיך שלאָגן. ווי גוט ער פֿילט זיך איצט אין דער אָנגעהייצטער זעמליאַנקע, מיט וואָס פֿאַר אַן איבערגעגעבנקײַט בינדט זי אים איבער, סאַראַ גוטע, טײַערע הענט בײַ איר! מיט וואָס פֿאַר אַ גוטע אויגן קוקט זי אויף אים. ער וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט אַזוי זיצן אַ גאַנצן טאָג, נאָר אָט האָט מען געבראַכט אַהער צוויי פֿאַרווּנדעטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָקאָרשט געליטן פֿון אַ מינע, וועלכע האָט זיך אויפֿגעריסן ניט ווײַט, און מאָשע בערעזינאַ האָט וויקטאָרן אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך פֿירן פֿאָרזיכטיקער, און געווענדט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקײַט אויף די פֿאַרווּנדעטע.

וויקטאָר איז נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט בײַ דער שוועל, געקוקט מיט דאַנקבאַרקײַט אויף דער שוועסטער און, באַמערקט, אַז זי קוקט מער ניט אין זײַן זײַט, שטילערהייט פֿאַרלאָזט דאָס ערדשטיבל.

וויקטאָר סוּוואָראָוו האָט זיך אָוועקגעלאָזט זוכן דעם קאָמבאַט אוּועטיסיאַנען, צו וועלכן מע האָט אים ווידער געהייסן זיך ווענדן. ער האָט אים געפֿונען אין דער ענגשאַפּט און טומל אויפֿן שליאַך, ווּ מע האָט געלאָדן די מאַשינען מיט דער באַלעבאַטישקײַט פֿונעם באַטאַליאָן. דער באָכער איז צוגעגאַנגען צום גוואַרדיע-מאַיאָר, אַ הייב געטאָן די האַנט צום היטל און געמאָלדן, אַז דאָס האָט מען אים, וויקטאָר סוּוואָראָוון, געשיקט צו אים אין באַטאַליאָן פֿאַרזעצן די דינסט.

ווען אוּועטיסיאַן האָט דערהערט, אַז יענעמס פֿאַמיליע איז סוּוואָראָוו, האָט ער זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט און צוזאַמען מיט אים אַלע, וואָס זײַנען דאָ אַרום געשטאַנען.

— טײַערער מײַנער! — האָט דער קאָמבאַט אָפּגעמאָסטן דעם כיינעוודיק-שעמעוודיקן באָכער, — אויב מע האָט מיר געשיקט סוּוואָראָוון, הייסט עס, אַז איך האָב מער ניט וואָס צו טאָן אין באַטאַליאָן. מיר שײַנט, אַז דער גענעראַליסימוס סוּוואָראָוו וואָלט געקאָנט מער נוץ ברענגען אין גענעראַל-שטאַב, איידער דאָ, בײַ מיר אין באַטאַליאָן... צי זײַט איר ניט סוּוואָראָווס אַ ווײַטער קאָרעוו?

אַרום האָט מען צופֿרידן געלאַכט, און וויקטאָר סוּוואָראָוו איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן.

זיך דערוווּסט, אַז דער יונגער באָכער איז אַ סטודענט, דערצו נאָך פֿון אַ קינסטלערישן אינסטיטוט, האָט אים דער קאָמבאַט געזאָגט, אַז דערווײַל וועט ער זײַן לעבן אים, אין באַטאַליאָן-שטאַב, ביז ער וועט זיך אַ ביסל אויסרײַבן, צוגעוווינען, און דערנאָך וועט מען זען.

ניט לאנג אָבער איז וויקטאָר סוואָראָוון אויסגעקומען זײַן אין שטאַב אף דער באַרימ-טער שטעלע: „דער עלטסטער — וווהין מע וועט שיקן". גאָר ניט לאנג. און דערפון איז געוועזן זייער אנטוישט מאַשע בערעזינא, וועלכע איז אָפטלעך געקומען אין באַטאַליאָן-שטאַב, עפשער דאַרף מען עמעצן העלפן. נאָר דער אָנגעשפּיצטער אוילעם האָט גלײַך פאַר-שטאַנען, אַז די קורנאָסינקע איז ניט גאָר גלײַכגילטיק צו דעם יונגן נײַעם סאָלדאַט און וואַרפט אף אים שעמעוודיקע בליקן.

אָבער קיינער האָט ניט געוואָגט אַ שפּאַס טאָן איבער איר, צו דעם האַרציקן מיידל האָבן זיך אַלע באַצויגן מיט אַ באַזונדער אַכטונג און אָפּשײַ. די סיבע איז באַשטאַנען דע-רין, וואָס זי איז ניט ענלעך געווען אף יענע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך ניט געפירט איבע-ריקס באַשיידן, געפלירטעוועט, געזוכט לײַכטזיניקע באַגעגענישן, געפירט ליבע-אינטרי-

געס. צום אונטערשייד פון יענע איז מאשע בערעזינא געווען זייער באַשיידן, אין שלאַכט שרעקלאָז, העלדיש, ניט געזוכט קיין גרינג לעבן און באַצויגן האָט מען זיך צו איר מיט פאָטערלעכער ווארעמקייט. און איצט, ווען בא איר האָט זיך אופגעוועקט דער לויטערער געפיל פון ליבע צו אָט דעם יונגן באַשיידענעם קינסטלער, — און די ארומיקע האָבן עס גלייך באַמערקט, — האָט מען זיך באַמיט מאכן דעם אָנשטעל, אז מע באַמערקט עס ניט און זי געהיט פון גראָבלעכע סאָלדאַטישע וויצן און געלעכטערלעך.

וויקטאָר סוואָראָוו האָט געהערט צו יענע יונגע סאָלדאַטן, וועלכע ווענדן אף זיך די אופמערקזאַמקייט פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, און דעם קאָמבאַט איז ער אויך געפעלן. ער האָט באַשטימט אים האַלטן לענגער לעבן זיך, ביז ער וועט זיך צוגעווינען צום שווערן און געפערלעכן סאָלדאַטישן לעבן. נאָר ניט אַלץ איז געווענדט אין אים, און אוועטיסיאַנען איז אויסגעקומען פאַר דער צייט זיך צעשיידן מיט וויקטאָרן, ווייל נאָך דעם שווערן מאַרש, וואָס מע האָט דורכגעמאַכט צופוס, איבער די טיפע שנייען, ווען דעם באַטאַליאָן איז גלייך פונעם מאַרש אויסגעקומען אַריינגטרעטן אין שלאַכט, איז נייטיק געווען פאַרפולן די שיטערגעוואָרענע ראָטעס און וזוואָדן, און אוועטיסיאַן האָט באַשטימט אוועקשיקן סוואָראָוון צו קוזמא גאַראַשקאַן אין וזוואָד. ער האָט פאַרשטאַנען, דער קאָמבאַט, אז דער גוואַרדיע-לייטענאַנט וועט גוט באַגעגענען דעם גרינינקן באַכער. דאַכט זיך, פונקט אַזאַ זון האָט געהאַט קוזמא גאַראַשקאַ, אין אָנהייב מילכאָמע געדינט אף דער סאַמע גרענעץ, און ער ווייסט ניט, וואָס איז מיט אים. קוזמא גאַראַשקאַ וועט זיך צום באַכער באַציִען, ווי צו אַן אייגענעם זון און אים העלפן ווערן מיט דער צייט אַן עכטער סאָלדאַט.

קוזמא גאַראַשקאַ האָט גלייך געוואָרפן אַן אויג אף דעם באַשיידענעם סטודענט, וואָס האָט אים מיט עפּעס טאַקע דערמאַנט אָן זיין זון. פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט יענער פאַרשטאַנען, אז וויקטאָר האָט נאָך קיין פולווער ניט געשמעקט און מע דאַרף אים לערנען מילכאָמע האַלטן. ער האָט אים אוועקגעשטעלט באַנאַנד מיט מישקע שערמאַנען, און דער אַדעסיט האָט אים גענומען אונטער זיין אופזיכט, אים אויסגעלערנט, ווי מע פירט זיך אונטערן פייער, ווי מע דאַרף אַרבעטן מיטן אַווטאָמאַט. אינגיכן איז שוין וויקטאָר סוואָראָוון שווער געווען אונטערשיידן פון די אַנדערע בראַווע סאָלדאַטן פון גאַראַשקאָס וזוואָד. ער האָט זיך צוגעווינט צו מישקע שערמאַנס כאָכמעס און וויצן, צו זיינע לידלעך און זיך באַמיט אפילע ענלעך זיין אָפּן פאַרשייטן אַדעסיט. אינגיכן האָט ער זיך שוין דאָ געפילט, ווי אין אַן אייגענער מישפּאָכע און האָט פּאַשעט ליב באַקומען דעם אויסערלעך שטרענגן, רויִקן וזוואָדנע מיט די לאַנגע וואָנצעס, עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן מיטן כיטרע פייערל. פון דעם וזוואָדנעם, האָט וויקטאָר געטראַכט, וואָלט ער געקאָנט אָנמאָלן ניט קיין שלעכטן פּאָרטרעט. עפּעס אומגעווינלעך-צוציִענדיקס איז געווען אין זיין גאַנצן אָנבליק. גוט וואָלט זיך בא אים אויך באַקומען דער פּאָרטרעט פון אָט דעם פאַרשייטן אַדעסיט.

וויקטאָר סוואָראָוו האָט אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן בענקען נאָכן בלייער. קיינער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אז בא אים אינעם סאָלדאַטישן זעקל ליגן אַ פּאָר אַלבאָמען, בלייערס, פענדזלעך און אַ ביסל פאַרב, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט מיט זיך פון דער היים. דערווייל, עמעס, האָט ער זיך צו זיי נאָך ניט צוגערירט — ניט געווען קיין צייט, ניט קיין געהעריק אָרט דערצו, נאָר ער האָט באַשטימט בא דער ערשטער מעגלעכקייט מאַכן פאַרצייכענונגען, עסקיזן. צוקוקנדיק זיך צו זיינע פּראָנט-כאַווירים, האָט ער אין זייערע פּנעמער אַלעמאָל געכאַפּט אַ נייעם שטריך. אין מויעד זיינען געקומען אינטערעסאַנטע פאַרטראַכטן, פּלענער, נאָר דערווייל האָט ער ניט געקאָנט זיי פאַרווירקלעכן. ביסלעכווייז האָבן זיינע נאָענטע כאַווירים און דער וזוואָדנע שוין אויך אָנגעהויבן פאַרגעסן, אז ער איז אַ קינסטלער.

אַלץ שטאַרקער האָבן מישקע שערמאַן און וויקטאָר סוואָראָוו זיך דערנעענטערט, באַפריינדעט. וויקטאָר האָט אים דערציילט וועגן זיין טרוים — פאַרצייכענען אף פּאַפּיר און לייוונט דאָס, וואָס ער זעט פאַר זיך, און יענער האָט זיך דערפרייט:

— מאַמעלע געטרייַע, וועסטו אונדזערע כעווראַ אַמאָל אויסמאָלן?

— מע וואָלט געדאַרפט אַ פּרווו טאָן, עפּשער וועט זיך עפּעס באַקומען...

— וואָס הייסט — עפּשער וועט זיך באַקומען? דו האָסט דאָך געלערנט. וואָס זשע דאַכט זיך דיר, אז דו האָסט פאַרגעסן, ווי מע האַלט אַ בלייער אין האַנט? ווייסט דאָך, אַרום איז נישטאָ קיין פאָטאָגראַף, ער זאָל אונדז אָפּפאָטאָגראַפירן, וואָלסטו אונדזערע כעווראַ אויסגעמאָלט און זיי וואָלטן אוועקגעשיקט זייערע פּאָרטרעטלעך אַהיים.

וויקטאָר האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט, נאָר שפּעטער האָט ער אַ קלער געטאָן, אז מישקע איז גערעכט — מע דאַרף אַ פּרווו טאָן.

אין איינעם א ווארעמען פרימאָרגן, ווען אויף די פּאַדערשטע פּאַזיציעס האָט געהערשט אַן אומגעוויינלעכע שטילקייט, האָט וויקטאָר סוואָראָוו ארויסגענומען פונעם זעקל אַן אַלבאָם מיט א פּאָר בלייערס, זיך צוגעשפּאַרט אין א ווינקל, און מישקע זאָל ניט באַמערקן, האָט ער אים אָנגעהויבן מאָלן. צום ערשטן האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען, און וויקטאָר האָט מיט כּעס אַלעמאָל צעריסן און אנדער בויגן, נאָר דאָך געכאַפּט די ליניעס און שנעל געגומען אַנווארפן זיין אָנבליק. עטלעכע מאָל האָט זיך עס איבערגעכאַזערט, און אין אַלבאָם האָט מען שוין געזען דעם פאַרשייטן אַדעסיט. וויקטאָר האָט אים אַראָפּגעכאַפּט אין יענע אַנגעשטרענגטע מינוטן, ווען מישקע האָט ניט באַמערקט, אז מע מאָלט אים און עס האָט זיך באַקומען נאַטירלעך, גוט.

אין א פּאָר טעג אַרום איז וויקטאָר געלעגן אויף דער נאַרע איינעם טונקעלן ווינקל פון דעם קאָמאַנדירס בלינדאַזש און זיך אָפּגערוט נאָך דעם, ווי ער איז די גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך. באַמערקט, ווי קוזמא גאָראַשקאָ זיצט באַם הרובקעלע אין דער קובאַנקע מיט א צעכראַסטעטער גימנאַסטיאָרקע, האָט ער אים בישטיקע אַראָפּגעמאָלט, און ווען יענער האָט דערזען זיין בילד, האָט ער געעפנט מויל-און-אויערן:

— זע נאָר, וויקטאָר, און איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דו ביסט אַזא כוואַט.

ער האָט לאַנג באַטראַכט די צייכענונג, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זע נאָר... כּיי יאָמו ביס!

און דאָס איז געווען די בעסטע אָפּשאַצונג.

— כּאָוער גוואַרדיע-לייטענאַנט! — האָט וויקטאָר זיך ווידער איינגעקוקט אין געמעל, — איך בעט אייך, זיצט אָפּן אָרט נאָך פינף מינוט. איך מוז דאָ עפּעס פאַריכטן...

— נו, אויב אַזוי, וואַרט צו, וועל איך בעסער אָנטאָן די קובאַנקע און פאַרשפּיליען דעם קאָלנער, אַראָפּנעמען דאָס פּעלצל, קעדיי דו זאָלסט קאָנען אויסמאָלן די אָרדענס מיט די מעדאַלן און די פּאָגאָנעס...

— ניין, ניין, דאָס דאַרף מען ניט! זיצט אַזוי, ווי איך האָב אייך צום ערשטן געמאָלט. מע דאַרף זיך ניט פּוצן... איר פאַרשטייט? דאָס וועט ניט זיין קיין פאָטאָגראַפיע, נאָר א געמעל. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, נאָר מאַכ אַזוי, איך זאָל זיין ענלעך...

וויקטאָר האָט שנעל געמאָלט, אַלעמאָל איבערפירנדיק דעם אָנגעשטרענגטן בליק פונעם בלאָקנאָט אָפּן ווזואָדנע. דאָס האָט געדויערט ניט לאַנג, און וויקטאָר האָט אָפּגעלייגט דעם בלייער אין א זייט.

קוזמא גאָראַשקאָ איז צוגעגאַנגען, גענומען אין די הענט דעם געמעל, און דאָס פּאָנעם זיינס האָט זיך צעפלאַסן אין א גוטמוטיקן שמייכל.

— אָט א סאַטאַנאַ! איך האָב זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אז דו קאָנסט אַזוי פיין מאָלן! ענלעך, נישטאָ וואָס צו זאָגן, כּיי יאָמו ביס! נאָר ווען דו מאָלסט נאָך אויס די אָרדענס...

וויקטאָר האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— דאָס וועלן מיר מאַכן אַן אנדערש מאָל, נאָר אָט דער געמעל איז מיר בעסער געפעלן...

קוזמא דאַנילאָוויטש האָט געקוקט אויף דעם פּאָרטרעט מיט אומעט. ווען ער קאָן אים אוועקשיקן זיין אַדאָרקען קיין סאָקאַליוועק, זי מיט די קינדער זאָלן זען! ער, וואָלטן זיי זיך דערפרייט! נאָר וווהין קאָן ער שיקן, אז דאָרטן שטעקט נאָך דער דייטש און ווער ווייסט, צי לעבן זיי, די זייניקע?

פון דעם טאָג האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן קוקן אויף דעם יונגן אויטאָמאַטלער מיט גאָר אנדערע אויגן.

נאָך מיט א זאַך האָט וויקטאָר ארויסגערופן כידעש: ער האָט ניט גערייכערט און ניט געניצט זיך מיט די נאַרקאָמאָווסקע הונדערט גראַם. זיין כּיילעק האָט ער אָפּגעגעבן אַנדערע. קוקנדיק, ווי וויקטאָר סוואָראָוו גיט אָפּ דאָס קווערטעלע שנאַפּס זיינע כאַוויירים, האָט מישקע שערמאַן געקנייטשט מיט די אַקסל:

— א מאָדנער מענטש ביסטו, וויטיע! אויב דער נאַרקאָם האָט באַפוילן ארויסגעבן די פראָנטאָוויקעס צו הונדערט גראַם, הייסט עס, אז דאָס ביסל בראַנפן קאָן קיינעם ניט פאַרשאַטן, ס'איז אפילו נוצלעך, דעריקער בעשאַס א פראָסט אָדער אין א רעגן. עס דערמונטערט און דערוואַרעמט א ביסל דעם גוף מיט דער נעשאָמע. מיר דאַכט זיך, אז דיין ווייטער קאָרעוו, אַלעקסאַנדער סוואָראָוו, האָט זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם בעשאַס דער מילכאָמע, פאַרקערט, יענער האָט נאָך, זאָגט אויס, געבעטן דאַבאַווקע...

די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט, קוקנדיק מיט מיטגעפיל אַף וויקטאָרן, אונטערגעווונקען, ווי איינער זאָגט: נישקאָשע, דאָס מעשוגאַס וועט אינגיכן בא אים איבערגיין, און ער וועט זיך צוגעווינען.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צום ווענטל פון טראַנשיי, זיך פאַרצויגן טיף מיטן טערפּקן רויך פון זײַן ציגן-פיסל און טרוימעריש געזאָגט:

— יאָ, איך קוק אַף אײַך, כעווריע, און טראַכט, אַז מיט אײַך וואָלט גוט געווען זיך באַגעגענען נאָך דער מילכאָמע, נאָך אונדזער ניצאָכן בא אַ געדעקטן טיש, אַף אַ גוטן מאָלצײַט. מיר האָבן זיך צוגעוווינט אָט צו דער כאַטע אונדזערער, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן זיצן מיר אַזוי אין דער מאַטושקאַ-ערד. איר שטעלט זיך פאָר, ווי גוט עס וועט זײַן דאָס לעבן נאָך דעם, ווי מיר וועלן אַרויסטרײַבן פון אונדזער היים דעם פאַשיסט! מיר דאַכט, אַז דעמלט וועלן מיר שטאַרקער שאַנעווען איינער דעם צווייטן. און נאָך איין זאַך וועל איך אײַך זאָגן — ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים און דערציילן די ווײַבער, די קינדער, די עלטערן, די קאַלעס, ווי מיר האָבן געלעבט אָט דאָ, אין די טראַנשייען, ניט ווײַט פונעם סוינע און נאָך געשפּאַסט צווישן זיך, געלאַכט, זיך געכאָכמעט, זיך געווערטלט, וועט מען מיינען, אַז מיר זאָגן ליגן. נאָר דאָס איז אַ גרויס גליק, וואָס סאָלדאַטן קאָנען אויך אין אַזעלכע באַדינגונגען זיך כאָכמענען, לאַכן, וואָס מע פאַלט בא זיך ניט אַראָפּ. זאָלן די פאַשיסטן וויינען! נישקאָשע, דאָס איז ערשט אָן אָנהייב, זיי וועלן נאָך פאַרשעלטן דעם טאָג, ווען זיי זײַנען אָנגעפאַלן אַף אונדז. עמעס זאָג איך, כעווריע?!

— געוויס, עמעס, גוואַרדיע-לייטענאַנט, עמעס! — האָט זיך דערהערט פון אַלע זײַטן. — טאָטשנאָ, קוזמאַ דאַנילאָוויטש!

— נו אָט! אונדזער וויקטאָר סוואַראָוו וועט זיך אומקערן פון דער מילכאָמע און וועט, מעגלעך, אויסמאָלן, ווי מיר האָבן געלעבט אין די אָקאָפּעס, אָפּגעשלאָגן אַטאַקעס, געשטאַנען אַף לעבן און אַף טויט. אָט... שווער געווען, ביטער, געפערלעך, נאָר אַן אַנדער ברייַרע האָבן מיר געהאַט? מע דאַרף פאַרטיידיקן אונדזער היים, אונדזער ערד פונעם סוינע. וויקטאָר וועט מאָלן אונדזער לעבן אין די אָקאָפּעס, און דער אוילעם וועט גלייבן...

ער האָט ניט באַוויזן ענדיקן, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער דונער. ניט ווײַט האָבן זיך אויפגעריסן עטלעכע סנאַריאַדן, אויפגעהויבן פאָנטאַנען ערד, אין הימל האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע באָמבאַרדירער. דער גוואַרדיע-לייטענאַנט האָט אויסגעשריגן:

— אַף די ערטער! צום געווער!

מישקע שערמאַן האָט זיך גענומען צו זײַן קעגנטאַנקען-ביקס, זי צוגעשפּאַרט צום ראַנד פון טראַנשיי, גרייטנדיק זיך שיסן אַף די אַעראָפּלאַנען:

— אַ פּעגירע אַף זיי! — האָט ער זיך אָנגערופן. — ווי נאָר אונדזער ווזוואָדנע הייבט אָן אַ ביסל פילאָסאָפירן, אַזוי קומען צו פליִען די פּרוסאַקעס. קיין וואָרט לאָזן זיי ניט אויסריידן...

6

פאַר דער צײַט, וואָס קוזמאַ גאַראַשקאָס ווזוואָד האָט פאַרטיידיקט דעם באַרג, איז מען עטלעכע מאָל אָפּגעפירט געוואָרן אין צווייטן עשעלאָן אַף אָפּרו, און יענער האָט שטרענג, וואָס שטרענג הייסט, געפאָדערט, אַז יענע, וואָס וועלן אים דאָ פאַרבײַטן, זאָלן ניט אונטערפירן.

— איר זעט, שכיינים, סאַראַ כאַטע מיר לאָזן אײַך דאָ איבער? מע קאָן זאָגן — מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. אַלץ איז דאָ אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַפן בעסטן אויפן. קיין באָמבעס און סנאַריאַדן זײַנען דאָ ניט שרעקלעך, ווײַל מיר האָבן דאָ גוט אָנגעוואַרעמט די טשובעס, קעדיי זיך פאַרפעסטיקן. איז אָט, זאָלט איר געדענקען — ווען מירן זיך אַהער אומקערן נאָכן אָפּרו, זאָל דאָ אַלץ זײַן אין פולער אָרדענונג. אַלץ אַף אַן אָרט. שאַנעוועט די אַרבעט פון מײַנע מענטשן... אָט...

און יענע, די שכיינים, האָבן אונטערגעשמייכלט:

— גוואַרדיע-לייטענאַנט, אויב איר זשאַלעוועט אײַער כאַטע, קאָנט איר דאָ בלײַבן און מיר וועלן אַף אײַער אָרט גיין זיך אָפּרוען...

— זײַט רויק, מיט אײַער כאַטע וועט קיין שלעכטס ניט געשען, קוזמאַ דאַנילאָוויטש. און ביכלאַל האָט איר זיך ניט וואָס צו זאָרגן. אינגיכן וועט קומען דער פֿרילינג, דער זומער, די זון וועט אַ שײַן טאָן, וועלן מיר פֿאַרטרײַבן פֿונדאַנען די פֿריצן, וועלן מיר אַלצײנס איבערלאָזן אײַערע גוטע פּאָזיציעס, אײַער כאַטע, ווי איר זאָגט, פֿאַר די בערן.

— אוי, נאָך ניט אַזוי גיך! ביז די זון וועט אופֿגיין, וועט דער טוי די אויגן אופֿעסן... — האָט אַ זאָג געטאָן האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס דער וווואָדנע, — און דאָך פֿאַרגעסט ניט, איר זאָלט דאָ האַלטן אַלץ אין אָרדענונג. אַלץ זאָל זײַן אויף אַן אָרט, ווען מיר וועלן זיך אַהער אומקערן.

און ער האָט פֿאַרלאָזט זײַן בלינדאַזש מיט די אַקוראַט אויסגעגראָבענע טראַנשייען אַן גרויסן כײשעק.

די צײַט איז געגאַן שנעל. באַזונדערס דעמלט, ווען קוזמאַ גאַראַשקאַס סאָלדאַטן זײַנען געווען אויף אָפּרו. באַנוצנדיק זיך מיט דער האַפּסאָקע, האָבן די כעוורע געשריבן — ווער עס האָט געהאַט, וווּהין צו שרײַבן, — בריוו אַהיים, זיך געבראַכט אין אָרדענונג. מישקע שערמאַן, וואָס האָט ניט געהאַט, וווּהין צו שרײַבן, האָט זיך געמאַטערט, נאָר דאָך באַמיט זיך האַלטן פֿעסט, זיך ניט צעשיידט מיט זײַן גיטאַרע און געמאַכט דעם אוילעם פֿריילעך. אַרום האָבן זיך די גאַנצע צײַט געשטויסן סאָלדאַטן, זיך אײַנגעהערט אין זײַנע לידער, אינעם געקלאַנג פֿון דער גיטאַרע, און יענע, וואָס האָבן ניט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ שווערע געדאַנקען עס מאַטערן אים, זײַנען אים מעקאַנע געווען אויף זײַן לעבנסלוסטיקײַט, געמיינט, אַז ער איז גליקלעך און האָט ניט קיין שום דײַגעס.

וויקטאָר סוואָראָוו איז אויך ניט געזעסן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל און געמאָלט, געמאַכט עסקיזן. די דאָזיקע צייכענונגען האָט ער באַהאַלטן און געהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג. ווי עס איז ניט געווען שווער, האָט ער דאָך געטראַכט, אַז די אַלע צייכענונגען און עסקיזן וועלן אים אַמאָל צוניץ קומען צו דער אַרבעט, אויב אים וועט באַשערט זײַן זיך אומקערן אַהיים.

אָבער אויך דאָ, ווו מע האָט גערוט, האָט קוזמאַ גאַראַשקאַ ניט געלאָזט, זײַנע כעווורע זאָלן זיך צופֿיל באַלעווען. ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט הינטערן געדיכטן דעמבענעם וואַלד, אויפֿן לערן-פּאָליגאָן, און האָט זיך שאָענלאַנג פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיידענע איבונגען. ער האָט די יאַטן אַרײַנגעזעצט אין די ערד-שפּאַלטן און איבער זיי זײַנען דורכגעגאַן טאַנקען. מע האָט זיך געלערנט פֿאַרוואַרפֿן די טאַנקען מיט גראַנאַטעס און פֿלעשלעך ברענשטאָף. ער האָט געוווּסט, קוזמאַ גאַראַשקאַ, אַז ניט אייביק וועט מען זיצן אין די טראַנשייען „אָן אַרבעט“.

דער פֿרילינג האָט זיך געלאָזט ביסלעכווײַז פֿילן, און וואָס אַ מאָל מערער. עס איז שוין קימאַט אומעטום צעשמאָלצן געוואָרן דער שניי, נאָר אין די באַלקעס האָט ער זיך נאָך פֿאַרהאַלטן. אויף די ביימער און קוסטעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן קנאָספּן, וועלכע האָבן זיך אונטער די וואַרעמע זון-שטראַלן גענומען צעעפֿענען.

מיטן אָנקומען פֿונעם פֿרילינג איז גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן.

— מאַמעלע געטרײַע, פֿאַרוואָס לאָזן זיך ניט הערן אונדזערע אינטענדאַנטן? אָט קומט שוין באַלד די צײַט, ווען זיי וואָלטן געדאַרפֿט בײַטן די פֿעלצלעך אויף שינעלן אָדער בושלאַטן. וואָס זשע, זיי ווייסן דען ניט, אַז אין אַזאַ צײַט הייבן שוין אָן אַפֿילע די ציגײַנער פֿאַרקויפֿן זייערע פֿעלצן?

— אײַל ניט, מישקע! — האָט אים באַרויִקט קוזמאַ גאַראַשקאַ. — דערווײַל שוויצט נאָך קיינער ניט. עס איז נאָך פֿרי און וועסט כאַפּן אַ גוטן ציטער.

מיטן דערנעענטערן זיך פֿונעם פֿרילינג איז צוגעקומען אַ סאַך אַרבעט. אומעטום, אויף דער גאַנצער ליניע פֿונעם אומענדלעכן פֿראָנט האָט מען געגראָבן טראַנשייען, וועגדורכגאַנגען, בלינדאַזשן, ערדשטיבלעך, מינירט די „קיינעמס ערד“, זיך פֿאַרפֿעסטיקט אַלץ שטאַרקער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער גאַנצער ערד וויקלט זיך פֿאַנאַנדער אַ גרויסע בויונג. אַלץ איז אַוועק אונטער דער ערד, און אויף דעם איבערפֿלאַך האָט מען נישט געזען ניט קיין מענטשן, ניט קיין טאַנקען, ניט קיין האַרמאַטן. גאָספּיטאַלן, קיכן, סקלאַדן — אַלץ איז אַוועק טיפֿער אין דער ערד. דאָ און דאָרט האָט מען געבויט נײַע וועגן, פֿאַריכט און אויסגעגלײַכט די אַלטע. דאַכט זיך, אַז פֿאַר אַלע מילכאָמע-כאַדאָשים האָט מען זיך נאָך אַזוי ניט מאַסקירט, ווי דאָ. דער פֿראָנט-קאָמאַנדיר און די קאָמאַנדאַרמען זײַנען ניט געזעסן אין זייערע שטאַבן, באַטאָג און באַנאַכט זיך באַוויזן אויף דעם פֿראָנט-באַצירק און געשפּירט, ווי מע בויט, ווי מע פֿאַרפֿעסטיקט זיך, ווי מע גרייט זיך באַגעגענען דעם סוי-

נע, וואָס האָט זיך פֿון יענער זײַט פֿראָנט־ליניע ניט וויניקער געגרייט. עס איז שווער געווען באַגרײַפֿן, צי דער פֿראָנט קלײַבט זיך דאָ אױף לאַנג פֿאַרהאַלטן, צי איבערגיין אין אַ גרויסן קאָנטער־אָנגריף.

יאָ, קיינער — פֿון קליין ביז גרויס — האָט דאָ ניט גערוט. אַלע זײַנען געווען פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט. און גאַראַשקאָ האָט אין אַ שפּאַס געזאָגט, אַז די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן גייען איצט דורך אַ גרויסע שול פֿון בויער. אַלעמאָל זײַנען צו אים אױפֿן באַצירק געקומען יונגע אָפֿיצערן אַ קוק טאָן, וויאַזוי ער פֿאַרפֿעסטיקט זיך, וויאַזוי מע דאַרף בויען בלינדאַזשן, טראַנשייען, קעדיי בעשאַס די שלאַכטן זאָלן זײַן וויניקער פֿאַרלוסטן. צו די אָפּטע „אָנפֿליִען" פֿון די שכיינים האָט קוזמאַ גאַראַשקאָ זיך שוין צוגעוווינט, ווי אויך צו די אָפּטע אַרויסרופֿן אין שטאַב פֿון פּאָלק און באַטאַליאָן אױף פֿאַרשיידענע באַראַטונגען, אינסטרוקטאַזשן.

איינמאָל, שפּעט באַנאַכט, האָט בײַ קוזמאַ דאַנילאָוויטשן אין בלינדאַזש זיך שטאַרק צעקלונגען דער טעלעפֿאָן.

— כײַ יאָמו ביס! — האָט ער זיך אױפֿגעכאַפּט און גענומען דאָס טרײַבל, ער האָט גלײַך דערקענט אוועטיסיאַנס שטים.

— ווי גייען די געשעפֿטן בײַ דיר אין קאָלכאָז? — האָט יענער געפֿרעגט. — רויִק? דער בייזער שאָכן טשעפּעט זיך צו דיר ניט?

— ער כראָפּעט, דער טײַוול, די כאָליערע נעמט אים ניט! — האָט געענטפֿערט קוזמאַ גאַראַשקאָ.

— אויב אַזוי, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, הער מיט קאָפּ. צו דיר וועלן באַלד קומען דרײַ מענטשן מיט מוזיק, עס זאָל אײַך ניט זײַן סקוטשנע. פֿאַרשטאַנען?

— בלויז געסט פֿעלן מיר איצט!.. — האָט איבערגעשלאָגן דער וזוואָדנע.

— נעם אױף די געסט. פֿון אויבן האָט מען געהייסן זיי גוט אױפֿנעמען. עס וועלן זײַן אַ קאַפּיטאַן אין ברילן און מיט אים צוויי געהילפֿן. און מיט זיי איין פּריץ. אַן עמעסער. אויך אין ברילן... נאָר וועגן דעם פּריץ זאָלסטו קיין שלעכטס ניט טראַכטן. אַ דײַטשישער פּריץ.

— כײַ יאָמו ביס! ווו האָט איר געזען דײַטשישע פּריצן? אַלע זײַנען זיי ווערט די טליִע.

— קורץ גערעדט, דיר וועט אַלץ זאָגן דער קאַפּיטאַן.

— אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר וואָס וועלן די געסט בײַ מיר דאָ טאָן?..

— אַ קאָנצערט וועלן זיי בײַ דיר דורכפֿירן.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, אױפֿגעהאָנגען דאָס טרײַבל, ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ קאָנצערט קלײַבט מען זיך דאָ בײַ אים אײַנאָרדענען אינמיטן דער נאַכט און וואָס פֿאַר אַ לייצים דאַרפֿן צו אים קומען.

אױף יעדן פֿאַל איז ער אַוועק איבער דער טראַנשיי אַ קוק טאָן, וואָס טוען די וועכטער, צי שלאָפֿן ניט די באַאָבאַכטער, און אײַנצײַטיק אָנזאָגן, מע זאָל ניט באַגעגענען די אומבאַקאַנטע געסט מיט פֿײַער.

עס איז דורכגעגאַן ניט קיין סך צײַט, און אין דער צווייטער זײַט פֿון דער לאַנגער טראַנשיי האָט זיך דערהערט אַ שטרענגער געשריי פֿונעם וועכטער: „שטיי, איך וועל שיסן! ווער גייט?!"

דער גוואַרדיע־לייטענאַנט האָט פֿאַריכט אױפֿן קאָפּ די אַראָפּגעפּאַרענע קאַסקע און אַוועקגעלאָפֿן אין יענער ריכטונג. דאָ האָט ער דערזען אַן עטוואָס דיקלעכן קאַפּיטאַן אין גרויסע ברילן, אין אַ קאַסקע און נאָך אים — אַ הויכן, סטולן דײַטש אין אַ גרין רעקל מיט אַ צעקנייטשטער פּילאָטקע, פֿאַרוקט אױפֿן שפּיץ קאָפּ. ער האָט אַ ביסל געציטערט צי פֿון שרעק, צי פֿון קעלט, און אױף יעדן פֿאַל זיך געהאַלטן נעענטער צום רוסישן קאַפּיטאַן. נאָך זיי איז געגאַן אַ לייטענאַנט מיט צוויי שוואַרצע קעסטלעך און אַ יעפֿרייטאָר, וואָס האָט אויך עפּעס געטראָגן אױפֿן אַקסל.

קוזמאַ גאַראַשקאָס מידע, ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן זײַנען געווען אונטערגעשטראָכן ערנסט. ער האָט געשוויגן, באַטראַכטנדיק די ניט־דערוואַרטע געסט און לסוף זיך אָנגערופֿן:

— מיר האָט מען געקלונגען, כאַווער קאַפּיטאַן, אַז איר ווילט בײַ מיר דאָ אײַנאָרדענען אַ קאָנצערט? וואָס זשע: קיין רויִקער אָרט האָט איר צוליב דעם ניט געפֿונען? פֿונדאַנען, ווי איר זעט, איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו די פּריצן... — און, מיט ביטל אַ קוק טוענדיק אױף דעם לאַנגן דײַטש: — גיט איבער אײַער פּריץ, צי וויאַזוי הייסט ער

בא אײַך, ער זאָל ניט טאַרטשען, ווי א פּלאַקן, איבער דער טראַנשיי, ווײַל זײַנע ברידער פון יענער זײַט קאָנען אים מאַכן קירצער מיט א קאָפּ...

— איך ניכט פריץ! — האָט דער דײַטש אַרײַנגעשטעלט, פאַרשטאַנען, אַז וועגן אים גייט א רייד, — איך ריכאַרד... ריכאַרד!..

— זאָל זײַן ריכאַרד! — האָט איבערגעריסן קוזמאַ גאַראַשקאָ. — אַבי ער זאָל זיך האַלטן נעענטער צו דער ערד, אויב ניט...

פאַריכטנדיק די ברילן אַף דער דיקער נאָז, האָט דער קאַפּיטאַן עפּעס געזאָגט דעם דײַטש אַף זײַן לאַשן, און יענער האָט זיך אָנגעבויגן.

דער קאַפּיטאַן איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צום עק טראַנשיי, זיך אײַנגעקוקט אין יענער זײַט, וווּ עס האָבן זיך געצויגן די דײַטשישע טראַנשייען, א ווונק געטאָן צו זײַנע געהילפן און יענע האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעשטעלט אַפן ברוסטווער זייערע קעסטלעך, צע-צויגן איבערן דעק טראַנשיי זייערע דראָטן.

— מיר וועלן זיך באַלד ווענדן דורך אונדזער אַפּאַראַטור צום סוינע, — האָט דער-קלערט דער קאַפּיטאַן. — ריכאַרד וועט דער ערשטער צו זיי ריידן... ער וועט זיי זאָגן...

— וואָס קאָן ער זיי זאָגן, כאָוער קאַפּיטאַן? — האָט א שמייכל געטאָן קוזמאַ גאַ-ראַשקאָ. — מיר קאָנען זיי בעסער אַרײַנזאָגן!.. — האָט ער א ווונק געטאָן אַף די קוילנ-וואַרפערס, וואָס האָבן געשטעקט דאָ און דאָרט.

די סאָלדאַטן האָבן מיט כשאַד געשפּירט נאָכן קאַפּיטאַן און זײַנע געהילפן. און דע-ריקער נאָכן לאַנגן דײַטש מיט די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. וועלנדיק זיי באַרויִקן, האָט דער קאַפּיטאַן דערקלערט, אַז אָט דער אָבערעפרײטאָר איז נאָך צוריק מיט א פּאָר טעג געזעסן אַקעגן זיי, ניט ווײַט פונעם וואַלד, און באַנאַכט אַריבער אַף אונדזער זײַט... און איצט איז ער גרייט אַרויסטרעטן פאַרן מיקראָפאָן און זיך ווענדן צו זײַנע געוועזענע קאַ-לעגן, מע זאָל נאָכטאָן זײַן בײַשפּיל.

— כאָוער קאַפּיטאַן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט קוזמאַ גאַראַשקאָ, — קאָן דען די מענטשלעכע שפּראַך ווירקן אַף יענע הענקער? זיי פאַרשטייען בעסער די שפּראַך פון סטאַלינגראַד... וואָס קאָן אײַער פריץ זיי זאָגן?

— איך ניכט פריץ! איך ריכאַרד שמולקע!.. — האָט זיך א קרים געטאָן דער דײַטש.

— מישקע, זעץ איבער, וואָס בעלעמעטשעט ער? — האָט א ווונק געטאָן גאַראַשקאָ צו זײַן געהילף.

— ער באַלײדיקט זיך אַף אײַך, לעמיר רופט אים פריץ. ער זאָגט, אַז זײַן נאָמען איז ריכאַרד שמולקע...

— איז עפּשער וועלן מיר פּריִער אַהין אַרײַנהאַקן עטלעכע מינעס? — האָט קוזמאַ גאַראַשקאָ א ווונק געטאָן אַף די דײַטשישע פּאָזיציעס.

— וואָס רעדט איר? גאָט באַהיט! האָט זיך דערשראָקן דער קאַפּיטאַן. — וואָס הייסט, איר וועט שיסן? איר קאָנט מיר דאָך קאַליע מאַכן די גאַנצע אַרבעט.

דער קאַפּיטאַן מיט זײַנע געהילפן האָבן פאַרענדיקט זיך פּאָרען בא די קעסטלעך, אָפּגעגאַנגען אין דער זײַט, און אין א פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט א סקריפּ, א טראַסק און פונעם שוואַרצן קעסטל האָט זיך אַרויסגעריסן און אַוועק אין דער נאַכט אַרײַן א האַרצרײַסנדיק לידל:

מעדכען, מײַן ליבע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען, איך קאָם צו דיר!
מעדכען, מײַן גוטע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען —
דו קאָם צו מיר!..

גאַראַשקאָ האָט זיך צעשײַנט מיט א שמייכל:

— זעסט, כאַליערע, ווי עס זינגט, כײַ יאָמו ביס!..

באַם קאַפּיטאַן זײַנען די ברילן אַראָפּ פון דער נאָז:

— שאַ, שטיל! איר זײַט משוגע? דאָס אַלץ גייט דאָך אין עפיר! קיין וואָרט זאָל איך פון אײַך ניט הערן! — האָט ער געשפּעט און רויט געוואָרן. — אַלץ גייט אין עפיר.

דער מיקראָפאָן איז אײַנגעשלאָסן און אַלץ הערן זיי...

— אויב די פריצן הערן, — האָט שטיל זיך אָנגערופן מישקע שערמאַן, — טאַ לאָזט מיך צו צו אײַער קעסטל, וועל איך זיי אַרײַנזאָגן, ווי בא אונדז אין אָדעס, אין פּאַרט...

— איך האָב דאָך אײַך געבעטן שווײַגן! — האָט שיר ניט ווײַנענדיק זיך געבעטן דער קאַפּיטאַן. — איר שטערט מיר אַרבעטן. איר וועט מיר אַראָפּרײַסן די פּראָגראַם...

— מע האָט דאָך אונדז איבערגעגעבן, אַז מע וועט פאַר אונדז מאַכן אַ קאָנצערט...— האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער אָדעסיט.

— אַ קלײנינקער קאָנצערט, נאָר ניט פאַר אײַך... פאַר די דײַטשן...

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, אָפּסנײַ זיך אַ פּאָרע געטאָן באַם קעסטל און עס האָט זיך ווידער צעגאָסן דאָס ווײַנענדיקע לידעלע:

מעדכען, מײַן גוטע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען,
דו קאָם צו מיר!

וואַסיל ניקיטין איז צוגעגאַנגען צו קוזמאַ גאַראַשקאָ און אים אַ טאָרע געטאָן:

— גוואַרדיע-לײטענאַנט, זעט, ווי די פריצן האָבן זיך אַרויסגערוקט פון זײערע אָקאָ-פּעס און הערן זיך צו צום לידעלע. זיי הערן מוזיק, געלײמט זאָלן זיי ווערן. דערלויב, וועל איך זיי פון מײַן קוילנוואַרפער אַ קאַסע טאָן...

— בעשום-אויפן! איך פאַרווער אײַך איצט שיסן! — איז פאַרציטערט געוואָרן דער קאַפּיטאַן. — זײער גוט, וואָס דער סוינע הערט... ווונדערלעך! באַלד וועלן מיר זיך ווענדן צו זיי... אײן ווײַלע.

ער האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן און גענומען דעם מיקראָפאָן אין דער האַנט, זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דעק פון טראַנשײ און הויך, אַף אַ קאָל, גענומען אַף דײַטש אַרײַנ-שרײַען:

— דויטשע זאָלדאַטן! אַנשטאָט דעם, איר זאָלט אין אַזאַ שיינער פרילינג-נאַכט שפּאַ-צירן מיט אײַערע פרײַלנס איבער די גאַסן פון בערלין, מוזט איר זיך וואַלגערן אין די אָקאָפּעס און שטאַרבן פאַר אײַער פאַרפלוכטן היטלער? אין די רוסישע פעלדער זײַנען טויזנטער, טויזנטער זאָלדאַטן פונעם רײַך אומגעקומען, הינטער מאָסקווע, בײַ סטאַלינגראַד. דאָס דערוואַרט אײַך אויך דאָ, אַף דער קורסקער ערד! אויב דאָס לעבן איז אײַך טײַער און איר ווילט זיך אומקערן צו אײַערע מעדכענס, וואַרפט דאָס געווער און גייט אַריבער אַף אונדזער זײַט. מיר גאַראַנטירן אײַך דאָס לעבן און איר וועט זיך אומקערן אַהײם נאָך דער מילכאָמע, דויטשע זאָלדאַטן!..

אָט די שטים, זעט אויס, איז ווײניקער געפעלן געוואָרן די פריצן און זיי האָבן גע-ענטפערט מיט אַ שיסערײַ פון די מינענוואַרפערס און קוילנוואַרפערס.

נאָדאַר באַשידזע האָט זיך אויסגעזידלט אַף זײַן לשון.

— אָט האָסטו דיר אַ קאָנצערט!

דאָס פײַער איז שטיל געוואָרן און ווידער האָט זיך עפּעס צעשיפּעט, צעפּײַפט און איבערן אַרום האָט זיך צעטראָגן דאָס האַרצרײַסנדיקע קאָל:

מעדכען, מײַן גוטע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען,
דו קאָם צו מיר!..

די דײַטשן זײַנען ווידער אַרויסגעקראָכן פון זײערע אָקאָפּעס, זיך אײַנגעהערט, קײנער פון זיי האָט ניט געשאָסן. און ניקיטין, דער סינאָפּטיקער סיוושקין, די מינאָמיאָטשיקעס האָבן זיך ווידער געבעטן באַם וואָזוואָדנע, ער זאָל דערלויבן דערלאַנגען איבער די קאַסקעס, וואָס האָבן זיך דאָרטן אַרויסגערוקט צו די ברוסטווערס, נאָר באַם קאַפּיטאַן איז איצט געווען אַזאַ אויסזען, אַז אויב מע וועט אים לאָזן זיך ווידער ווענדן צו די דײַטשן, וועלן זיי באַשפּיץ גלײַך וואַרפן דאָס געווער און זיך איבערגעבן אין געפענקעניש. ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום מיקראָפאָן און אַרײַנגעשריגן:

— דויטשע זאָלדאַטן! נעכטן איז אַריבערגעגאַנגען אין געפענקעניש אײַער קאַמראַד דער אָבער-עפרייטאָר פון דעם פערטן באַטאַליאָן, דריטע קאָמפּאַני, ריכאַרד שמולקע. ער האָט שוין געענדיקט די מילכאָמע. נאָך דער מילכאָמע וועט ער זיך אַ לעבעדיקער אומקערן צו זײַן פראַו עלזע שמולקע, צו זײַן פאַטער האַנס שמולקע... שיסט ניט, וועט איר באַלד הערן די שטים פון אײַער קאַמראַד ריכאַרד שמולקע! עס ווענדט זיך צו אײַך דער אָבער-עפרייטאָר ריכאַרד שמולקע!..

שמולקע איז צו צום מיקראָפאָן:

— קאַמראַדן פון דער דריטער קאָמפּאַני! איך, ריכאַרד שמולקע פון פראַנקפורט, ווענדע זיך צו אײַך! איך האָב ניט געוואָלט שטאַרבן פאַרן פיורער און געענדיקט מיט דער מיל־כאָמע! די רוסן האָבן מיך גוט באַגעגנט, מיך אָנגעהאָדעוועט מיט וווּרשט, זופּע... איך בין אויסער געפאַר. נאָך דעם קריג קאָם איך נאָך האַוז! פאָלגט נאָך מײַן בײַשפּיל! עס רעדט צו אײַך ריכאַרד שמולקע פון פראַנקפורט...

קוזמא גאַראַשקאָ האָט וויניק־וואָס פאַרשטאַנען, וואָס דער אָבעריעפרייטאָר רעדט, און א טאָרע געטאָן מישקע שערמאַנען:

— דו, הער זיך נאָר גוט צו, וואָס דער פריץ בעבעט. זע, ער זאָל ניט אַרײַנהאַקן א מין קאָנטרע... דו פאַרשטייסט דאָך א ביסל דײַטש.

— איך בין דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך! — האָט א שעפּטשע געטאָן דער קאַפּיטאַן, — שטערט ניט, בעט איך אײַך, ווײַל אַלץ, וואָס איר רעדט, גייט אין עפיר. וויפל מאָל קאָן איך אײַך בעטן?

— נו גוט, מיר שווײַגן. זאָל אײַער אָבער ריידן צעזעצטערהייט... — האָט צוגעשטימט קוזמא גאַראַשקאָ. — נאָר מע דאַרף האַלטן דעם אויער וואַך. דער פריץ זאָל קיין איבעריקס ניט זאָגן...

— איך ניכט פריץ, — איך ריכאַרד שמולקע!.. — האָט פאַריכט דער רעדנער. זעט אויס, ער איז געווען שטאַרק אופגעבראַכט, ווען מע האָט געפּלאָנטערט זײַן נאָמען.

דער אָבעריעפרייטאָר האָט ווידער אַרײַנגעשריִען אין מיקראָפאָן, נאָר די דײַטשן האָבן אפסנײַ אָנגעהויבן א שטאַרקע שיסערײַ, און אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן אפן דעק פון דער טראַנשײ.

ווען די שיסערײַ האָט אופגעהערט, האָט קוזמא גאַראַשקאָ געזאָגט צום קאַפּיטאַן:

— לאָזט אונדז א רעד טאָן מיט די פריצן, וועלן זיי אונדזער שפּראַך גיכער פאַרשטיין, ווי אײַערע. מיט וועמען ווילט איר זיך דורכריידן? מיט ווילדע כײַעס? וועמען קלײַבט איר זיך אגיטירן? העגקער? אנטקעגן אונדזערע פּאָזיציעס זיצן אויסגעשפּראָכענע פאַשיסטן פון דער דיוויזיע „טויטער קאָפּ”. מיר וועלן בא זיי גיכער אראָפּנעמען דעם קאָפּ, איידער איר וועט אין זייער טעמפּן מויער עפּעס אַרײַנזאָגן...

אין דער מינוט האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען, און קוזמא גאַראַשקאָ האָט א כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל.

— דאַנילאָוויטש! — האָט זיך נאָכגעפרעגט דער קאָמבאַט אוועטיסיאַן. — נו, ווי גייט בא דיר דער קאָנצערט? פריילעכער מיט די געסט?

— כײַ יאָמו ביס! — האָט געענטפערט דער ווזוואָדנע. — דער שאָכן בײַזערט זיך שטאַרק און אָרדנט אונדז אײַן נאָך יעדער נומער אזא קאָנצערט... עפּשער וועט איר די געסט שוין צונעמען? מיר זײַנען שוין זאַט מיטן קאָנצערט... וואָס? מע דאַרף? נאָר די פריצן הייבן אָן אַלעמאָל א שיסערײַ!

— הייסט עס, אז יענע האָבן מוירע פאַר אונדזער וואָרט? פאַרן עמעס האָבן זיי מוירע. אויב אזוי, וועלן די געסט נאָך א פּאָר נעכט צו דיר קומען דורכפירן קאָנצערטן. טראַכט עפּעס צו, די פריצן זאָלן ניט שטערן ריידן...

— וואָס קאָן איך צוטראַכטן?

— בא דיר, קוזמא, זײַנען כעוורע גראַמאָטנע, קלוגע, עפּשער וועלן זיי עפּעס צו־טראַכטן, מע זאָל לאָזן, אונדזערע זאָלן זיך דורכריידן מיט דײַנע שכיינים...

די געסט האָבן שנעל צונויפגענומען זייער באַלעבאַטישקײַט און זיך געלאָזט אין צווייטן עשעלאָן. דער קאַפּיטאַן מיט די ברילן האָט שיין אָפּגעדאַנקט דעם ווזוואָדנעם און זײַנע סאָלדאַטן פאַר דער הילף און געזאָגט, אז דאָס אָרט געפעלט אים שטאַרק, און אז אין א פּאָר טעג אַרום וועט ער ווידער קומען...

קוזמא דאַנילאָוויטש האָט דאָס אויסגעהערט אָן איבעריקן ענטוזיאַזם, נאָר וואָס ווערסטו מאַכן, אז עס איז דאָ אזא באַפעל. און ער האָט זיך פאַרטראַכט: וואָס אזוינס קאָן ער טאָן, אז די פריצן זאָלן ניט שיסן בעשאַס דער קאַפּיטאַן וועט זיך ווידער יאַווען אהער?

וויקטאָר סוואָראָוו האָט עפּעס צוגעטראַכט און זײַן פּלאַן האָט מען אונטערגעהאַלטן.

פריִער מיט עטלעכע טעג, ווען די דײַטשישע באָמבאַרדירער זײַנען אָנגעפלויגן אהער, האָבן זייערע באָמבעס געטראָפן אין די לעצטע פּאָר שטיבער, וואָס זײַנען געשטאַנען אין א זײַט, אין א טיפער באַלקע. קוזמא דאַנילאָוויטש האָט אהין אוועקגעשיקט א פּאָר סאָלדאַטן, זיי זאָלן ברענגען, וואָס עס וועט זיך לאָזן, און יענע האָבן געבראַכט ברעטער, סלופּעס, עטלעכע בויגנס פּאַפּיר. צוליב וואָס האָט ניקיטין פאַרשלעפּט אהער די בויגנס פּאַפּיר, קאָן

קיינער ניט זאָגן, נאָר דער קוילנוואַרפער איז פון לאַנג אַ באַלעבאַטישער מענטש און ער וועט ניט לאָזן אַזאַ גוטס זאָל פאַרלוירן גיין.

אויף אַ גרויסן בויגן פון אָט דעם פּאַפּיר האָט סוואָראָוו אויסגעמאָלט אַ גרויסע קאַריקאַטור אויף היטלערן און אָנגעשריבן אונטער איר מיט גרויסע דײַטשישע ווערטער: „שיסט אין היטלערן, דעם הונט!”.

דער פּלאַקאַט האָט זיך באַקומען אויסגעצייכנט. די שוואַרצע וואָנצעלעך, דאָס טײַוולאָנישע טשופּרינקעלע, דער איבערגעקרימטער פּאַרצעף, די מעשוגענע אויגאַנעס — אַן אויסגעשפּראַכענער היטלער! ער איז געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט...

די כעוורע האָבן דערזען דעם פּלאַקאַט און דעם אָנשריפט און האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן.

— מיר וועלן אים אַרויסשטעלן מיטן פּנים צו זײַנע פריצן, — האָט געזאָגט וויקטאָר, — זיי וועלן אין זייער פירער ניט שיסן, און דער קאַפּיטאַן וועט קענען ריידן, וויפל ער וועט וועלן.

— און דו טראַכסט, אַז זיי וועלן ניט שיסן? — האָט געפרעגט דער ווזוואָדנע.

— מירן אַ פּרווו טאָן...

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מע וואָלט געדאַרפט בעטן דערויף אַ דערלויבעניש פונעם קאָמבאַט, נאָר נישקאָשע! וואָס וועט מען אים טאָן? ווײַטער פון דער פּאַדערשטער ליניע וועט מען אים דאָך ניט שיקן? דער אײַנפאַל איז אים געפעלן און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— כײַ יאָמו ביס... לאָמיר אַ פּרווו טאָן!..

שפּעט באַנאַכט, ווען אַלץ איז געווען אײַנגעהילט אין כוישעך, האָט סוואָראָוו, מישקע שערמאַן און נאָדאַר זיך אַרויסגערוקט פון דער טראַנשיי און אוועקגעשטעלט, פאַרפעסטיקט דעם פּלאַקאַט אַזוי, אַז די דײַטשן זאָלן אים גוט זען, מיטן פּנים צו זייערע אָקאָפּעס.

ווען עס האָט זיך אָהער נאָכאַמאָל דערקליבן דער קאַפּיטאַן אין די ברילן מיט זײַנע געהילפן, מיטן געפאַנגענעם דײַטש, מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקײַט און דערזען פאַר דער טראַנשיי דעם פאַרצעף פונעם פירער אויפן פּלאַקאַט, איז ער דערשטוינט געבליבן שטיין, נאָר אײַנגיכן איז צו אים דערגאַנגען דער מיין פון אָט דעם אײַנפאַל, און כאָטש אַזוינס איז אין קיין שום אינסטרוקציעס ניט פאָרגעזען, האָט ער זיך צופרידן צעשמייכלט און באַפוילן זײַנע געהילפן פאַנאַנדערוויקלען די אַפּאַראַטור און צוגרייטן זיך צו דער אַרבעט.

די צײַט איז דורכגעלאָפן אומבאַמערקט, און עס האָט אַ שאַריִע געטאָן אויף טאָג. אויפן האָריזאָנט האָט זיך געיאַוועט דער פרימאָרגן — אַ בלאַסער, אַ דורכזיכטיקער, און זײַן לויטערקײַט האָט זיך גענומען שפּרייטן איבער דער ערד. אַרום האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט, וואָס האָט ניט אָנגעזאָגט קיין גוטס. ניט ווײַט האָבן געררישט די צעגרינטע קוסטעס, ביימלעך. דער ווינט האָט זיך גענומען שטאַרקן. ניט ווײַט פון דער טראַנשיי אויפן העכסטן פּונקט האָט זיך לײַכט געהוידעט דער פירער, מיט אַ צעעפנטן פּיסק און אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

און אָט האָט זיך פונעם קעסטל אַרויסגעריסן אַ כריפּ, אַ סקריפּ, אַ פּײַף, און איבערן באַרג, איבערן גאַנצן אַרום האָט זיך צעטראָגן, ווי פון אונטער דער ערד, דאָס לידל:

מעדכען, מײַן גוטע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען,
דו קאָם צו מיר!..

עטלעכע דײַטשישע קאַסקעס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די אָקאָפּעס, עמעצער האָט דאָרטן זיך פרעך אויסגעזידלט, זעט אויס, דערזעענדיק דעם פירער. קאַסקעס זײַנען געוואָרן מער און מער, און ניקיטין איז געווען אויסער-זיך, וואָס מע לאָזט אים ניט אַ שטעפּ טאָן איבער זיי פון זײַן קוילנוואַרפער.

קוזמאַ גאַראַשקאָ און אַלע זײַנע כעווריע האָבן זיך אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, שפּירנדיק, וואָס אַלץ מערער און מערער קאַסקעס רוקן זיך אַרויס פון די אָקאָפּעס, ווי עס וואַקסט דאָרטן אָן דער טומל.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועלן די פריצן אָנהייבן אַ מוירעדיקע שיסערײַ און אַראָפּקלאַפּן דעם פירער, נאָר זיי האָבן ניט געוואַגט עס צו טאָן. קיינער האָט ניט געשאָסן,

אפילו ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיך געווענדט צו די פּריצן, זיי זאָלן זיך איבערגעבן אין געפּענקעניש און אַזויאַרום ראַטעווען זייער לעבן...

וויקטאָר סוואָראָוו האָט געשוויגן. שטייענדיק מיטן אויטאָמאַט באַם ברוסטווער פון דער טראַנשיי, האָט ער אַ טאָרע געטאָן מישקע שערמאַנען:

— זעסט, סערזשאַנט, זיי שיסן ניט. זיי האָבן דערקענט דעם פּיורער...

און דער קאַפּיטאַן האָט פאַרגעזעצט אַרײַנשרײַען אין מיקראָפאָן יענע זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. נאָכדעם האָט ער צוגעפירט צום קעסטל דעם לאַנגן אָבער־פריײַטאָר מיט די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, און יענער האָט אָנגעהויבן:

— זאָלדאַטן פון דריטער קאָמפּאַני! צו אײַך שפּרעכט, צו אײַך ווענדט זיך ריכאַרד שמולקע, וועלכער האָט זיך פרײַוויליק איבערגעגעבן צו די רוסן אין געפּענקעניש...

— איר זעט, כאַווער קאַפּיטאַן, — האָט שטיל זיך אָנגערופן וויקטאָר, — ווי די פּריצן פירן זיך לײַטיש. קיין איין שאָס! איצט מעגט איר ריידן, וויפל איר ווילט.

— דויטשע זאָלדאַטן! — האָט פאַרגעזעצט דער אָבער־פריײַטאָר, — קאַמעראַדן פון דריטער קאָמפּאַני! די רוסן האָבן מיך גוט אויפגענומען, געגעבן ווורשט און זופּע. נאָך דער מילכאָמע וועל איך זיך אומקערן אַ לעבעדיקער נאָך האַוזע, צו מײַן עלזע. טוט נאָך מײַן בײַשפּיל, דויטשע זאָלדאַטן!..

פון יענער זײַט האָט זיך דער טומל פאַרשטאַרקט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געאײַלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועט אַזוי ניט בלײַבן. צײַט פאַרענדיקן דעם קאָנצערט. ער האָט ווידער זיך אַ פּאָרע געטאָן באַם קעסטל און עס איז אַרויס דאָס האַרצרײַסנדיקע לידל:

מעדכען, מײַן גוטע מעדכען,
מײַן שיינע מעדכען,
די קאָם צו מיר!..

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט. די סטראַשידלע פּונעם פּיורער האָט געסטאַרטשעט באַ די דײַטשן פאַר די אויגן און זיי האָבן ניט געוווּסט, וואָס מע נעמט פאַר. גאָראַשקאָ מיט זײַניקע זײַנען געשטאַנען אַף זייערע ערטער אין פולער שלאַכט־גרייטקײַט.

מיטאָמאָל האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.

— נו, ווי גייט היינט באַ דיר דער קאָנצערט, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, — האָט זיך אָנגעפרעגט דער קאָמבאַט.

— כײַ יאַמו ביס! — האָט גאָראַשקאָ געענטפערט. — דאַכט זיך, עס ענדיקט זיך שוין מיט גאָטס הילף...

— וויאַזוי האָט דאָס פּובליקום אויפגענומען די אַרטיסטן?

— גוט, אָבער אָן אַפּלאָדיסמענטן.

— פאַרוואָס זשע אָן אַפּלאָדיסמענטן?

— מיר האָבן דאָ עפּעס־וואָס צוגעטראַכט, און זיי האָבן אײַנגענומען שטומעניש.

— וואָס זשע האָט איר צוגעטראַכט?

— אַ טשוטשעלע, כאַווער קאָמבאַט.

— איך פאַרשטיי גאָרניט, גוואַרדיע־לייטענאַנט, — האָט געזאָגט אוועטיסיאַן, — דאַכט זיך, איך וועל מוזן באַלד צו אײַך אַליין אַראָפּקומען.

לאַנג און אָנגעשטרענגט האָט זיך געצויגן די צײַט. אין פאַרשיידענע זײַטן לעגנגויס דער פראָנט־ליניע האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ, נאָר אַף דעם באַצירק איז געווען שטיל. דער קאַפּיטאַן מיט זײַנע געהילפן האָבן אָנגעהויבן צונויפנעמען זייער באַלעבאַטישקײַט. אַרום איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שטילקײַט, עס האָט געשמעקט מיט פּולווער, מיט אַ שטורעם.

7

דער דאָרעם־ווינט האָט אָנגעטריבן אַ גאַנצע טשערעדע געדיכטע וואָלקנס און ס'האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן.

עס זאָל כאָטש ניט אָפּוואַשן דעם פּיורערס פאַרצעף אַפן פאַניר־בויגן, האָט געטראַכט וויקטאָר סוואָראָוו, — זײַן אַרבעט קען גיין צו גרונט. דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט, און

דער פּלאַקאַט מיטן פּיורער האָט זיך גענומען בוקן נידעריקער צו דער ערד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דער ווינט אים אָפּרײַסן און אַוועקטראָגן דער רועך ווייסט וווּהין, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן פעסט.

— כּײַ יאַמו ביס!.. — האָט געזאָגט גאַראַשקאָ. — די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן... ער האָט זיך מיר געכאָלעמט.

עס איז שוין געווען גאַנץ טיף אין דער נאַכט, ווען קוזמא דאַנילאָוויטש האָט מיט זײַן גוט אַנגעטרענירטן געהער אויפגעכאַפּט אַ סקריפּען פון שטעכלדראָט און פון אַ שער. דער רעגן האָט שוין, ווי עס ווײַזט אויס, אויפגעהערט. פאַרטײַעט דעם אָטעם, האָט דער ווזוואָדנע זיך אַ פּאָר ווײַלעס אײַנגעהערט אין דעם מאָדנעם סקריפּען און איז אַרויס פונעם בלינדאַזש. פון צווישן די צעריסענע וואָלקנס האָט אַרויסגעקוקט אַ ריפּטל לעוואָנע און אין דער קנאַפּער אָפּשײַן האָט ער דערזען, ווי צוויי דײַטשן פּאָרען זיך אויף „קיינעמס ערד“ בײַ די דראָטפאַרצוימונגען. זיי האָבן, ווי עס ווײַזט אויס, געשניטן די דראָטן, מאַכנדיק אַ דורכגאַנג. עטוואָס ווײַטער האָבן אַנדערע צוויי דײַטשן געפּויזעט איבער דער ערד מיט מינענזוכער און אַראָפּגענומען די מינעס. הייסט עס, די דײַטשן האָבן עפּעס פאַרטראַכט? ער האָט גלײַך איבערגעגעבן די שכיינים פון רעכטס און לינקס און די האַרמאַטלער, וואָס שטייען דאָ ניט ווײַט, מע זאָל ניט שלאָפן.

אין הימל זײַנען נעלעם געוואָרן די פּילפּאַרביקע באַלויכטונג־ראַקעטעס, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג געשײַנט דאָ און דאָרט. פון יענער זײַט זײַנען אַרויסגעקראָכן פון טראַנשייען עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן. אָפּגעפּויזעט אַ ביסל צו „קיינעמס ערד“, וווּ ערשט ניט לאַנג האָט מען געמאַכט אַ דורכגאַנג. קוזמא גאַראַשקאָ האָט געשפּירט נאָך יענעם ווינקל, און פּלוצעם האָט זיך צו אים דערטראָגן ניקיטינס אויפגערעגטע שטים:

— גוואַרדיע־לייטענאַנט, וווּהין קוקט איר? אָט קריכן די האַדיוקעס לינקס!

און ווירקלעך, די דײַטשן האָבן, זעט אויס, בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי גייען צו דעם דורכגעשניטענעם קאָרידאָר. זיי האָבן געפּויזעט פאָרזיכטיק צו דעם פּלאַקאַט, וואָס האָט זיך געשאָקלט אויפן ווינט. אָפּנעמען, זיי האָבן געוואָלט אים שטילערהייט אַראָפּנעמען און דערנאָך אָנפאַלן אויף גאַראַשקאָס באַצירק.

— צולאָזן זיי נעענטער... ניט שיסן אָן מײַן באַפעל!.. — האָט איבערגעגעבן דער קאָמאַנדיר און אָנגעשטרענגט געשפּירט נאָך די פּויזנדיקע דײַטשן.

מישקע שערמאַן האָט אָפּגערוקט אין אַ זײַט די קעגנטאַנקען־ביקס און גענומען דעם אויטאָמאַט אין די הענט, צוגערוקט נעענטער די עטלעכע גראַנאַטעס. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו וויקטאָרן, נאָדאַרן, זיי זאָלן טאָן דאָס זעלבע.

פאַר וויקטאָרן האָט עס געזאָלט זײַן די ערשטע ערנסטע שלאַכט. באַנאַנד מיט אים זײַנען געשטאַנען אויסגעפּרוּווטע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען דורך אַ סאַך פײַערן און סאַקאָנעס. און ער? ער דאַרף זיך האַלטן אַזוי, ווי זיי. ער האָט נעענטער צוגערוקט די גראַנאַטעס, אומגעדולדיק געקוקט אויפן ווזוואָדנע, מירע האָבנדיק ניט דורכלאָזן די קאָמאַנדע צו שיסן. נאָר פאַרוואָס גיט ניט דער קאָמאַנדיר קיין קאָמאַנדע? די דײַטשן זײַנען דאָך שוין אַזוי נאָענט? און עפּשער דאַכט זיך, אַז נאָענט?

— זעסט, וויקטאָר, סאַראַ קאַשע דו האָסט פאַרקאָכט מיטן פּלאַקאַט? — האָט זיך אָנגערופן צו אים מישקע שערמאַן, ווילנדיק, יענער זאָל זיך אַ ביסל באַרויִקן. — דו האָסט זיי אַרויסגענאַרט פון זייערע כײַישע נעסטן. באַלד וועלן מיר זיי אָנלערנען, דעריקער, רויִק. אַלץ וועט זײַן גוט. דו זעסט, ברודערקע, — האָט געזאָגט מישקע שערמאַן. — זיי פּויזען צום פּלאַקאַט. זיי ווילן אים שטילערהייט אַראָפּנעמען, זיי ווילן ניט קאַליע מאַכן דעם פּיורערס וואָנצעלעך און די טשופּרינקע...

— ווער פּלאַפּלט עס דאָרט! — האָט זיך אָנגערופן קוזמא גאַראַשקאָ. — אויפמערקזאַם!..

— פאַראַן אויפמערקזאַם!.. — האָט אַרויסגעבראַכט דער אַדעסיט, צוזוקנדיק זיך נעענטער צו וויקטאָר סוואַראָוון, קעדיי יענער זאָל פילן זײַן עלנבויגן.

די פײַנטלעכע קייט האָט געפּויזעט אַלץ נעענטער. איצט איז שוין בײַ קיינעם קיין צווייפל ניט געווען וועגן זייער פאַרטראַכט. אָט האָבן זיך דאָ און דאָרטן אויפגעהויבן פון דער ערד סאָלדאַטן און, אָנבייגנדיק זיך, אַוועקגעלאָזט צום פּלאַקאַט. און דאָ האָט קוזמא גאַראַשקאָ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס פײַער האָט אויפגערודערט דעם אַרום. די „דרייסטע“ זײַנען צוגעפאַלן צו דער ערד. עס האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געשריי פון פאַרוווּנדעטע. די קייט האָט גענומען פּויזען צוריק, נאָר פון עטלעכע זײַטן זײַנען אַוועקגעפלויגן גראַנאַטעס. ניקיטין פון איין זײַט און סיוווּשקין פון דער צווייטער האָבן געשטעפּט פון זייערע קוילנוואַרפערס. און ווייניק וועמען פון דער קייט האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּפּויזען

צוריק. פֿון יענער זײַט וואַלד האָבן זיך אָפּגערופֿן די דײַטשישע האַרמאַטן, מינעס און סנאַריאַדן האָבן גענומען פֿײַפֿן איבער די טראַנשייען. עטלעכע ערד-פֿאָנטאַנען האָבן זיך אױפֿגעהױבן אױפֿן באַרג. אַלץ אַרום איז אײַנגעהילט געוואָרן אין שטױב און רויך.

נאָך איין פֿײַנטלעכע קײט האָט זיך געלאָזט אַהער, און מע האָט גענומען אָפּשלאָגן די נײַע אַטאַקעס.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער געשריי פֿון יענעם ווינקל, וווּ עס זײַנען געלעגן באַם קוילנוואַרפֿער ניקיטין און זײַן צווייטער נומער — טאַראַס ראָזענקאָ. קוזמאַ גאָראָשקאָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהין און דערזען דעם קוילנוואַרפֿער מיט די רעדער אַרויף. עטוואָס ווײַטער איז געלעגן אױפֿן דעק פֿון טראַנשיי טאַראַס מיט צעוואָרפֿענע הענט און איבער אים — ניקיטין, וואָס האָט קוים געאָטעמט. קוזמאַ גאָראָשקאָ האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קוילנוואַרפֿער און אַוועקגעשטעלט אים צוריק אױף זײַן אָרט, אָנגעהױבן שיסן אױף די דײַטשן, וועלכע זײַנען געלאָפֿן אַהער. מיט אַ לאַנגער ריי האָט ער עטלעכע אָפּגעקאָסעט, זיך אַראָפּגעלאָזט אױף די קני לעבן זײַן אַלטן פֿרײַנט. יענער האָט זיך פּאַמעלעך אױפֿגעהױבן אױף די פֿיס. דאָס פּנים איז געווען פֿאַרבלוטיקט, דער בושלאַט צעריסן. מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים האָט ער געבעטן העלפֿן טאַראַסן. נאָר העלפֿן איז שוין ניט געווען וועמען. יענער האָט ניט געאָטעמט.

עס איז אונטערגעלאָפֿן דער סאַניטאַר, אַפֿגיך איבערגעבונדן ניקיטינען די וווּנד. יענער האָט אַ רעגע זיך אַרומגעקוקט און זיך געלאָזט צו זײַן קוילנוואַרפֿער, מיט ווייטיק אַ קוק געטאָן אױף דעם אומבאַוועגלעכן געהילף זײַנעם.

אין צווייטן עק לעבן טראַנשיי האָבן וויקטאָר סוואָראָוו, מישקע שערמאַן און נאָדאַר זיך אָפּגעשלאָגן פֿון די דײַטשישע אױטאָמאַטלער. אָט האָבן יענע זיך פֿאַרטײַעט הינטער אַ בערגל. באַ וויקטאָרן האָבן זיך געענדיקט די קוילן און ער האָט געכאַפּט פֿון דער טראַנשייִשע צוויי גראַנאַטעס, אַרויסגעקראָכן צום ברוסטווער און אין איין אױגנבליק זיך אױפֿגעשטעלט און אַ שלײַדער געטאָן די גראַנאַטעס צום בערגל, ער איז גלײַך אַ פֿאַל געטאָן אױף דער ערד און דערהערט, ווי עטלעכע קוילן האָבן דורכגעפֿײַפֿט איבער אים:

— מעשוגע געוואָרן, וויקטאָר! וווּהין ביסטו אַרויסגעקראָכן? — האָט מישקע שערמאַן אויסגעשריגן, אָנגעכאַפּט דעם באָכער פֿאַר די פֿיס און אים אַרײַנגעשלעפּט אין טראַנשיי. אַ פּאָר ווײַלעס האָט ער שווער געאָטעמט, ניט געקאָנט קומען צו-זיך.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז די עטלעכע דײַטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרטײַעט פֿון יענער זײַט בערגל, זײַנען געפֿאַלן, נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ווידער עמעצער פֿון דאָרטן גענומען שיסן. מישקע שערמאַן האָט זיך אָנגעבויגן, וועלנדיק כאַפּן אַ גראַנאַטע, וואָס איז געלעגן ניט ווײַט, נאָר אין דער מינוט האָט וויקטאָר באַמערקט צוויי דײַטשן, וועלכע האָבן געפּויזעט צוריק. געכאַפּט אַן אױטאָמאַט, וואָס איז געשטאַנען באַם ווענטל, איז ער אין איין אױגנבליק ווידער אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער טראַנשיי און געלאָזט זיך נאָך זיי, מײנענדיק צו פֿאַרכאַפּן עמעצן אַ לעבעדיקן. דעריאָגט איינעם, האָט ער אים דערלאַנגט מיטן אױטאָמאַט איבערן קאָפּ, נאָר אױף אים האָט זיך אַרופֿגעוואָרפֿן דער צווייטער דײַטש, אים אומגעוואַלגערט אױף דער ערד, געפּרוּווט כאַפּן פֿאַרן גאָרגל. מישקע האָט זיך אומגעקוקט מיט דער גראַנאַטע אױף זײַן אָרט און ניט געטראָפֿן וויקטאָרן, און דאָ האָט ער אים דערזען זיך ראַנגלען פֿון יענער זײַט טראַנשיי מיט אַן אױטאָמאַטלער. ער איז אַרויסגעשפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטאָן העלפֿן זײַן פֿרײַנט. דערלאַנגט מיטן שטיוול דעם דײַטש איבער די קרייזשעס, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָלנער, אָפּגעשלעפּט פֿון וויקטאָרן, אַרויסגעקלאַפּט פֿון יענעמס הענט דעם אױטאָמאַט, און דער דײַטש האָט אױפֿגעהױבן די הענט.

— וויקטאָר, דו לעבסט? — האָט אויסגעשריִען מישקע, העלפֿנדיק אים אױפֿשטיין פֿון דער ערד.

— איך לעב... — האָט דער באָכער קוים אַרויסגעבראַכט. ער איז געווען צעבלוטיקט, מיט אַ צעריסענער גימנאַסטיאָרקע, אַן אויסגעשמירטער מיט ערד.

— ביסט פֿאַרווּנדעט?

— איך האַלט זיך...

עטלעכע קוילן האָבן דורכגעפֿײַפֿט איבער זייערע קעפּ און זיי זײַנען אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד.

מישקע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קיין איבעריקע מינוט טאָר מען זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן. די שיסערײַ פֿאַרשטאַרקט זיך. אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָלנער דעם דײַטש, האָט ער אים גענומען שלעפּן צו דער טראַנשיי. וויקטאָר איז עטוואָס געקומען צו-זיך און דערזען, ווי מישקע שלעפּט דעם לעבעדיקן פֿריץ, האָט ער אים געהאָלפֿן שלעפּן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן ביידע זיך אַראָפּגעקײַקלט אין טראַנשײ מיטן געפאַנגענעם. אַ קוק געטאָן אויף דעם טײַוול, האָט מישקע זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— זע נאָר, סאַראַ בוּיוואָל! — האָט זיך אָנגערופן מישקע שערמאַן. — מיר האָבן זיך מיט אים שיער ניט אונטערגעריסן, ביז מיר האָבן אים פאַרשלעפּט אַהער!

דאָס איז געווען אַ דיקער און געזונטער פעלדפעבעל מיט אַ גראָבן פּעמפּיק, אַ רויטער מאָרדע פון אַ קאָלבאַסניק, מיט אַ קרייץ אויפן פאַרבלוטיקטן, צעריסענעם קיטל. אין די שוואַרצע קאָלנער-שפּיצן — אַ צייכן פון דער דיוויזיע „טויטער קאָפּ".

קוזמאַ דאַניליאָוויטש איז צוגעגאַן צו דעם געפאַנגענעם בוהיי, אַ קוק געטאָן אויף זײַן קרייץ און אויפן שײנעם צייכן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, איבערגעפירט דעם בליק אויף מישע שערמאַנען און סוואָראָוון, זיך אָנגערופן:

— אַ-האַ, כײַ יאָמו ביס! ווי האָט איר פאַרשלעפּט אַהער אַזאַ גראָבן טײַוול? — און, קוקנדיק אויפן איבערגעקרימטן פון ווייטיק געפאַנגענעם, צוגעגעבן: — ער איז פאַרוווּנדעט. זאָל אים דער סאַניטאַר איבערבינדן די וווּנד. מישקע, פרעג באַם טײַוול, וואָס פאַר אַן אויפגאַבע האָט מען אים געגעבן, ווען מע האָט אים מיט זײַנע קלאָווים געשיקט אַהער? — האָט גאַראַשקאַ איבערגעפרעגט. — ער דאַרף וויסן. אַ פעלדפעבעל.

מישקע שערמאַן האָט זיך צוגעזעצט לעבן דעם געפאַנגענעם, געפרעגט אויף אַ צעבראָכענעם דײַטש און יענער האָט געענטפערט. מישקע האָט זיך אויפגעהויבן אויף די פיס:

— יאָ, אַזוי איז עס. דער לעץ זאָגט, אַז זײַן נאַטשאַלסטווע האָט צוגעזאָגט אײַזערנע קרייצן יענע, וועלכע וועלן אַראָפּנעמען דעם פיורערס פאָרטרעט.

מישקע האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט לעבן דעם פעלדפעבעל, געפרוווּט נאָך עפּעס בײַ אים זיך דערוויסן, נאָר יענער האָט מער ניט געוואָלט ריידן. מע פירט מילכאָמע ניט לויט די פּראַווילעס — מע האָט אויסגעמאָלט דעם פיורער, אָפּגעלאַכט פון אים...

גאַראַשקאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קויטיקן דיקן פּאַרצעף פונעם דײַטש, אויף זײַנע אָנגעגאָסענע מיט רעציכע רויטע אויגן, אויף דער פאַרבלוטיקטער האַנט און געזאָגט:

— אַ כאָליערע אויף אים. מיר וועלן אים איבערגעבן אונדזער העכערער נאַטשאַלסטווע און זאָלן זיי אים אויסלערנען ריידן...

איבערן באַרג-שיפּוּי האָבן זיך אָנגעצונדן עטלעכע פילפאַרביקע ראַקעטעס און באַשײַנט דעם אַרום. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט דערהאַרגעטע היטלעראָווצעס, די זעלבע, וועלכע זײַנען אָקאָרשט געקראָכן אַהער, קעדיי באַקומען אײַזערנע קרייצן. גאַראַשקאָ האָט אַ צייל געטאָן די דערמאָרדעטע. ביז צוועלף-פערצן האָט ער נאָך געציילט, נאָר נאָכדעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. זאָלן זיי ציילן די דײַטשן. דעריקער, וואָס זײַנע כעוורע האָבן גוט אָן אַרבעט געטאָן. דערבײַ נאָך פאַרכאַפּט אַ „צונג".

עטלעכע מינוט איז געווען שטיל, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך פון יענער זײַט אָפּגעזײַ צעברומט אַ האַרמאַטן-באַטאַרייע. סנאַריאַדן האָבן זיך געלייגט ניט ווײַט אַרום דעם פּלאַקאַט מיטן פיורער. קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט אַ קוק געטאָן אין יענער זײַט, ווו עס האָבן זיך געהויבן פאָנטאַנען ערד, און אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס ווילן די פריצן אונטערצינדן דעם פיורער. זעט אויס, זיי ווילן ניט מער ריזיקירן מיט קיין מענטשן. דער פּלאַקאַט האָט זיך אָנגעצונדן. פײַער-צינגער האָבן גענומען פרעסן דעם פיורערס פּאַרצעף, בלויז איין אויג האָט נאָך אַ ביסל אונטערגעווונקען צו זײַנע טרײַע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אַרום...

— כײַ יאָמו ביס! — האָט אַ שפּײַ געטאָן קוזמאַ גאַראַשקאָ. — פאָטער געוואָרן פונעם פיורער, — און, אַ קוק געטאָן אויף וויקטאָר סוואָראָוון, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו-זיך, צוגעגעבן: — וואָס ווערסטו זאָגן אויף דער סומאַטאָכע? גענוג. מער וועל איך דיר ניט דערלויבן מאָלן דעם מאַניאַק. נאָר ביכלאַל ביסטו אַ יאַט! דערפאַר, וואָס דו מיט מישקע שערמאַנען האָבן געבראַכט אַ לעבעדיקן פריץ, וועל איך אײַך צושטעלן צו אַ באַלוינונג. נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט אָן מײַן באַפעל אַרויסגעקראָכן פון דער טראַנשײ און זיך אויפגעהויבן אין גאַנצן וווּקס, שיער ניט אומגעקומען, מעלדע איך דיר אָן אויסרייד. דאָס צווייטע מאָל זאָלסטו זיך פירן פאָרזיכטיקער. איך דאַרף דיך האָבן אַ לעבעדיקן, פאַרשטאַנען?

אַ קוק געטאָן אויף זײַן פאַרבלוטיקטער האַנט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ביסט פאַרוווּנדעט?

— ניט זייער... אַ שפּליטער האָט פאַרטשעפּעט.

לעבן דעם געפאַנגענעם איז געשטאַנען מישקע שערמאַן און אים געהיט.

עס האָט אָנגעקלונגען דער קאָמבאַט. דערהערט, אַז מע האָט געפאַנגען אַ דײַטשישן

פעלדפעבעל, האָט ער באַפוילן טייקעף קאָנוואָירן אים אַפן קאָפּ פון באַטאַליאָן. טאָן עס האָט גאַראַשקאָ באַופטראַגט די, וואָס האָבן דעם „צונג״ געפאַנגען — סוואָראַוון און מישקען. קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט זיי אַרויסבאַגלייט ביזן עק פון דער טראַנשײ און אָנגעזאָגט:

— איר זאָלט זיך גלײַך אומקערן. פאַרהאַלט זיך ניט, גיט איבער דעם טײַוול און גלײַך צוריק.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע וויקטאָר סוואָראַוון און צו־געגעבן:

— ווי עס פּלעג ליב האָבן זאָגן דײַן עלטערזיידע אַלעקסאַנדער סוואָראָוו אין אַזעלכע פאַלן: „ס באָגאָם!״

וויקטאָר האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— נאָר איצט, ווי איר זעט, — האָט ער אַ ווונק געטאָן אַפן דײַטש, — „ס טשאָרטאָם!״

8

דער ערעוו־פאַרטאָגיקער נעפּל האָט זיך געשפּרייט איבער דער ערד און ביסלעכווײַז ראָז געוואָרן פונעם אָנקומענדיקן באַגינען, ווען זיי האָבן זיך בעשאָלעם דערקליבן אַפן קאָ־מאַנדנע פונקט פונעם באַטאַליאָן.

דער קאָמבאַט האָט מיט אַ צוגעזשמורעטן בליק באַטראַכט דעם געפאַנגענעם, פאַר־האַלטן דעם בליק אַף דעם קרײַץ, וואָס איז געהאַנגען לעפיש אַף דעם לאַץ, אַ קוק געטאָן אַפן צײכן „טויטער קאָפּ״ און אַף דער ברייטער רימען־פּריאַזשקע, ווו עס איז געווען אָנגע־שריבן „גאָט מיט אונדז״, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מאָלאָדצי, אַ פּײַנעם העכט האָט איר געבראַכט!

דער קאָמבאַט האָט ניט באַוויזן ווי געהעריק באַטראַכטן דעם העכט, ווי עס איז אַראָפּ־געקומען אין בלינדאַזש אַ באַיאָרטער פּאָלקאָווניק אין אַ לאַנגער שינעל. אַ פּאָר רעגעס האָט ער געקוקט אַפן דײַטש, קוים אײַנהאַלטנדיק דאָס שמייכלעלע, און ענדלעך זיך אָנגערופן:

— ווער האָט געכאַפּט אַזאַ פויגל? ער וועגט געוויס אַ דרײַ צענטנער...

— ניט ווייניקער! — האָט צוגעשטימט אוועטיסיאַן און אַ ווונק געטאָן אַף מישקען און סוואָראַוון, וועלכע זײַנען געשטאַנען באַ דער זײַט.

דער פּאָלקאָווניק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסל די שינעל, צוגעגאַן צו די כוורע:

— איר האָט אים פאַרכאַפּט? מאָלאָדצי! וויאַזוי זשע האָט איר זיך מיט אַזאַ טיוק בײַנער ספּראַוועט?

— דער פּעלדפעבעל האָט זיך נאָך שטאַרק געמאַרדעוועט, ניט געוואָלט גיין, — האָט געענטפערט מישקע. — עס איז אַריסגעקומען אים גוט אַ בעט טאָן...

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם בראַוון סערזשאַנט און איבערגעפירט דעם בליק אַף וויקטאָר סוואָראַוון.

— ביסט לאַנג אַפן פראָנט?

— אַ האַלב יאָר...

— שוין געווען אין שלאַכטן?

— ניין, גוואַרדיע־פּאָלקאָווניק. דאָס איז געווען מײַן ערשטע שלאַכט.

— נו, פאַרן ערשטן מאָל — ניט שלעכט. אַ דאַנק פאַר דער גוטער דינסט! — האָט ער אים און דערנאָך מישקע שערמאַנען דערלאַנגט די האַנט.

פאַררייכערט אַ ציגאַר, האָט ער זיך אָנגערופן:

— גוואַרדיע־מאַיאָר, הײַנט זאָלט איר צושטעלןביידע צו אָרדענס.

דאָס האַרץ באַ וויקטאָרן האָט אומרויִק אָנגעהויבן קלאַפּן און ער האָט פאַרגעסן, וואָס מע דאַרף זאָגן אין אַזאַ פאַל. מישקע שערמאַן, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד, האָט אים פאַר־זיכטיק אַ טאַרע געטאָן מיטן עלנבויגן און יענער האָט אַ הייב געטאָן די האַנט צו דער קאַסקע.

— אַ דאַנק, גוואַרדיע־פּאָלקאָווניק... איך דין דעם סאָוועטנפאַרבאַנד!

ווען זיי האָבן זיך שוין געלאָזט צום אַרויסגאַנג, האָט דער פּאָלקאָווניק זיי אָפּגעשטעלט. אַ ווונק געטאָן אַף דער נאַרע און געהייסן זיך אָפּרוען אַ ביסל.

— אַ דאַנק, גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק! — האָט געזאָגט וויקטאָר, — מיר האָבן ניט קיין צײַט. דער גוואַרדיע-לייטענאַנט גאָראָשקאָ האָט אונדז באַפוילן זיך גלײַך אומקערן.

— דאָס איז גוט, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער פּאָלקאָווניק, — איר וועט אים איבערגעבן, אַז דאָס האָב איך אײַך דערלויבט אַ ביסל אָפּרוען.

דער פּאָלקאָווניק האָט גענומען ניט געײַלט שפּאַנען איבערן בלינדאַזש, וואַרטנדיק אויפן איבערזעצער.

— הייסט עס, איז בײַ דיר הײַנט געווען די ערשטע שלאַכט? — האָט ער זיך געווענדט צו סוואָראָוון. — דיר איז געווען שרעקלעך?

יענער האָט שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן:

— אַ ביסל... אין די ערשטע עטלעכע מינוט. דערנאָך האָב איך זיך באַהערשט...

— ווי איז דײַן פאַמיליע?

וויקטאָר האָט זיך אַ קנייטש געטאָן. ער האָט געוווּסט, אַז זײַן פאַמיליע וועט אַרויסרופן אַ וויץ, אַ שמייכל, ווי שטענדיק. נאָר געזאָגט.

— אַ-האַ, דו הערסט, גוואַרדיע-מאַיאָר, סאַראַ גרויסע מענטשן בײַ דיר! סוואָראָוו אַליין! אָט פאַרוואָס די איטאַליענער אין דײַן באַטאַליאָן גייען גוט! אַליין סוואָראָוו העלפט דיר!..

און ווידער האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אײַנגעקוקט אינעם פאַרלוירענעם סאָלדאַט:

— און פונוואַנען ביסטו?

— אַ מאָסקווער...

— זע נאָר, וואָס עס טוט זיך! מײַנער אַ זעמליאַק! איך בין אויך אַ מאָסקווער. מיט וואָס זשע האָסטו זיך דאָרטן פאַרנומען? אין שול געלערנט.

— ניין, גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק אויפן ערשטן קורס פונעם קונסט-אינסטיטוט... פונעם ערשטן קורס אוועק אויפן פראָנט...

— און דו מאָלסט? נו, קאָמבאַט, רײַך לעבסטו! סוואָראָוו איז בײַ דיר אין באַטאַליאָן און דערצו נאָך אַ קינסטלער...

דער פּאָלקאָווניק האָט נאָך עפּעס געוואָלט אַ פרעג טאָן זײַן לאַנדסמאַן, נאָר פון יענער זײַט בלינדאַזש האָבן זיך דערטראָגן אַהער גיכע טריט, און עס איז אַרײַנגעלאָפן אַ וווּקסיקער דאַרער לייטענאַנט אין ברילן און, דערזען דעם פּאָלקאָווניק, אַ הייב געטאָן די האַנט צו דער פּילאָטקע און אָפּגעהאַקט:

— דער איבערזעצער פּאַוולאָוו איז געקומען לויט אײַער באַפעל!

— זייער גוט, לייטענאַנט פּאַוולאָוו... זעצט זיך צו. מירן אָנהייבן... — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק און איבערגעפירט דעם בליק אויף דעם פעלדפעבעל, צוגעגאַן נענטער צו אים, עפּעס געפרעגט.

דער דײַטש האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן טאַבורעט, אָנגעשפּיזט די דערשראָקענע רויטע אויגן אויפן פּאָלקאָווניק און ווי פאַרשטיינערט געוואָרן.

— זאָגט אָט דעם טײַוול, לייטענאַנט פּאַוולאָוו, אַז ווען אַ רוסישער אָפיציר ווענדט זיך צו אים, דאַרף מען אופשטיין!

דער איבערזעצער האָט איבערגעגעבן דעם פּאָלקאָווניקס ווערטער, און דער געפאַנגענער איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט. דערהערט די דײַטשישע שפּראַך, איז ער עטוואָס אופגעלעבט געוואָרן און אָנגעהויבן שנעל ריידן וועגן עפּעס אַ פּלאַקאַט פון זײַן פירער, וועגן דעם, ווי זײַן נאַטשאַלסטווע האָט געשיקט זײַן, דעם פעלדפעבעלס, שטורעם-גרופּע אַראָפּנעמען דעם פירער און צוגעזאָגט באַלוינען זיי דערפאַר.

דער איבערזעצער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, דער פּאָלקאָווניק האָט זיך געבייזערט, לעמײַ פּלאַפּלט דער טײַוול אַזוי לאַנג, וויל, זעט אויס, פאַרקלאַפּן די באַקן. ער האָט געהייסן דעם איבערזעצער איבערגעבן, אַז אויב יענער וויל ראַטעווען דאָס לעבן זײַנס, זאָל ער ניט דולן אַ מויעד און גלײַך דערציילן, ווער עס קאָמאַנדעוועט מיט זײַן טייל, ווו שטייען די באַטאַרייעס און מינען-פעלדער, וויפל און וועלכע טאַנקען שטייען פון יענער זײַט וואַלד און וואָס קלײַבן זיך טאָן די פירער פון דער דיוויזיע „טויטער קאָפּ“...

פּאַוולאָוו האָט שנעל און דײַטלעך איבערגעזעצט די ווערטער פונעם פּאָלקאָווניק, נאָר דער פעלדפעבעל האָט אָפּסנײַ אָנגעהויבן ברײַען וועגן אַ פּלאַקאַט, וועגן פירער.

דער פּאָלקאָווניק איז אַרויס פון די קיילים. ער האָט ניט קיין צײַט אויסהערן פּלאַפּלערײַ! וואָס פאַר אַ פּלאַקאַט? אויב דער טײַוול וויל ראַטעווען זײַן פעל, זאָל ער ניט פּראָוון קיין מעשוגענע שטיק און ענטפערן אויף די פראַגן!

וויקטאָר סוואָראָוו האָט זיך איבערגעווונקען מיט זײַן פרײַנט און זיך אופגעהויבן פון דער נאַרע:

— כאַווער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק, דערלויבט פאַרפינקטלעכן... — און ער האָט דערציילט וועגן דעם שפּיצל, וואָס ער מיט זײַנע כאַווײרים האָבן צוגעטראַכט, קעדיי יענער קאַפּיטאַן זאָל קענען אויספילן זײַן פאַרגעבונג.

אויסגעהערט סוואָראָוון, האָט דער פּאָלקאָווניק זיך היפּש פאַרכידעשט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אַזוי גאָר? איז אָט וואָס מע האָט צוגעטראַכט! אַזוי האָט איר אַגיטירט די פּריצן?..

— דאָס איז דער רועך ווייסט וואָס! ווער האָט דערלויבט? — האָט זיך בייז אָנגערופן אוועטיסיאַן. — איך האָב גאָרניט געוווּסט וועגן דעם אופּטו, כאַווער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק...

— זייער שלעכט, אוועטיסיאַן, וואָס איר האָט ניט געוווּסט. — האָט אים איבערגעשלאָגן דער פּאָלקאָווניק, — איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ פּלאַקאַט, נאָר זיגער מישפּעט מען ניט. מאַלאָדצי! די סאָלדאַטישע סמעקאַלקע איז פון שטענדיק געווען אַ גוטע זאַך...

דער אופּטו איז דעם פּאָלקאָווניק, ווײַזט אויס, געפעלן. און אוועטיסיאַן האָט זיך באַרויִקט, דאָך בייזערנדיק זיך, פאַרוואָס מע האָט אים באַצײַטנס ניט געזאָגט וועגן דעם.

— כאַווער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק, — האָט אוועטיסיאַן צוגעגעבן, — בעשאַס דעם אָנפאַל פון די פּריצן, האָט קוזמאַ גאָראָשקאָס ווזוואָד ניט בלויז פאַרכאַפּט אַ „צונג", נאָר פאַרניכטעט באַ צוויי צענדליק אוטאָמאַטלער.

— זייער גוט! — האָט געענטפערט דער פּאָלקאָווניק. — איך וועל אײַך בעטן, קאָמבאַט, צושטעלן מיר נאָך הײַנט דאָס צעטל פון די אָמערסטן אויסגעצייכנטע אין דער שלאַכט.

פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט דער פּאָלקאָווניק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ גאָראָשקאָ? ניט יענער קאַזאַק מיט די לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָט ליב זאָגן „כײַ יאָמו ביס"? דאַכט זיך, ער האָט זיך באַטייליקט נאָך אינעם בירגערקריג?

— טאַק טאָטשנאָ!

— איך געדענק אים נאָך פון סטאַלינגראַד. איך וועל זיך באַפרײַען, וועלן מיר זיך צו אים אַראָפּכאַפּן צוגאַסט. איך האָב געהערט זאָגן, אַז די גאַנצע צײַט פירט ער מיט זיך אין אַבאַז אַ קופּערנעם טולער סאַמאָוואַר און ער איז מעכאַבעד מיט גוטער טיי... און נאָך זאָגט מען, אַז ער האָט אַן אָרקעסטער — עמעצער שפּילט באַ אים אויף אַ גיטאַרע און זינגט לידער...

דער קאָמבאַט האָט זיך צעלאַכט און אָנגעוויזן אויף מישקע שערמאַנען:

— אָט זיצט דער אָרקעסטער. ער איז אַן אָדעסיט. מיט אים איז קיינמאָל ניט אומעטיק, כאַווער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק...

— גלענצנד. אויב ער שפּילט אַזוי, ווי ער האַלט מילכאָמע, איז ער אַ מאָלאָדיעץ!

און ער האָט זיך אומגעקערט צום איבערזעצער.

גיי זײַ אַ נאָווי און שטויס זיך אָן, אַז אָט אויף דעם שטעטך אין סאַמע האַרץ פון רוסלאַנד, צווישן קורסק און אָריאָל, וועט זיך אָפּשטעלן דער גראַנדיעזער פראָנט און מע וועט דאָ אַזוי לאַנג דאַרפן זיצן און אַז די ערד וועט דאָ פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אומגעהייער גרויסן באַצירק, ווו כאָדאָשים לאַנג וועט אויסקומען אַלע מיליטער-טיילן אַרבעטן טאָג און נאַכט מיט די זאַסטעפּעס, קירקעס, העק, זעגן, פאַרפעסטיקן די שוץ-ליניע, בויען נײַע און נײַע רעזערוו-ליניעס, בלינדאַזשן, טראַנשייען, דורכגאַנגען... האָט מען דען געקאָנט געווען פאָרויסזען, אַז דאָ וועט אויסקומען די גאַנצע מיליטערישע באַלעבאַטישקײַט באַהאַלטן אונטער דער ערד, פאַרמאַסקירן אַזוי, מע זאָל עס ניט קאָנען זען פון דער לופטן?

אַנשטאָט די ראַפּאָרטן וועגן קריגס-אָפּעראַציעס האָבן מיליטער-טיילן צוגעשטעלט אין די שטאַבן סוואָדקעס וועגן אויסגעבויטע טראַנשיי-וועגן, בלינדאַזשן, פאַריכטע און אָפּסנײַ צוגעגרייטע וועגן, דראָט-פאַרצוימונגען, מינירטע פעלדער...

מע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרפעסטיקן, מאַסקירן. אַלץ, אָנהייבנדיק פון די מעדסאַנבאַטן און ענדיקנדיק מיט סקלאַדן, — האָט זיך באַהאַלטן אין דער ערד.

יעדן האָט דאָ געקלעקט אַרבעט. קיינער איז ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, עמעס, די גאַנצע צײַט זײַנען פאָרגעקומען אָפּעראַציעס פון „אַרטיקער באַדײַטונג". די אויסשפּירער האָבן זיך פאַרקליבן צום סוינע אין הינטערלענד און פאַרכאַפּט „צונגען". דאָ און דאָרט איז מען אָנגעפאַלן אויף דעם סוינעס פּאָזיציעס, קעדיי אים אַ טאָרע טאָן, אויספאָרשן, סאַראַ קויכעס עס שטייען דאָרטן...

דער פרילינג האָט זיך אויסגעלאָזט צוזאַמען מיטן געטלעכן געזאַנג פון די באַרימטע קורסקער נאַכטיגאַלן, וועלכע האָבן באַזונדערס שיין געקלונגען נאָך די ערשטע דונערן. מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן האָבן זיך באַצירט די ערד, די אַרומיקע וועלדער, די בערגלעך און טאָלן. אָפּטלעך, נאָך דעם ווי עס איז אײַנגעשטילט געוואָרן דער געהילך פון האַרמאַטן, באָמבאַרדירער, האָט זיך געקאָנט דוכטן, קוקנדיק אויף דער אַרומיקער פראַכט,

אַז קיין שום מלחמה איז אויף דער וועלט נישטאָ... עמעס, עס איז געגאַנג געווען אַ קוק טאָן אויף די אַרומיקע פֿאַרברענטע און צערויִנירטע דערפֿער, געבײַען, וווּ עס האָבן געסטאַרטשעט שוואַרצע קוימענס, וועלכע האָבן דערמאָנט אין צווינטער-מאַצייוועס; געגאַנג געווען אַ קוק טאָן אויף די פֿאַרוואַקסענע מיט דערנער און ווילדגראָזן פֿאַרלאָזטע, ניט פֿאַרזייטע פֿעלדער, צעמאַזיקטע סעדער, האָט מען זיך גלײַך אומגעקערט צו דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט. אויף שריט און טריט, הינטער יעדעס ביימל, בערגל, האָבן אַרויסגעקוקט האַרמאַטן, טאַנקען, פּאַנצער-טראַנספּאָרטיאָרן, באַדעקטע מיט גרינע צווײַגן, לײַוונטן, און וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער די הענט.

עס איז געגאַנגען צום סאָף דער צווייטער מלחמה-פֿרילינג אויף דער קורסקער ערד. אַרום האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט, אַ דורכגעזאַפּטע מיט גרויזאַמע געפֿאַרן. אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט ווײַט די צײַט, ווען עס וועט דאָ אַרום אויסברעכן אַ מוירעדיקער שטורעם. מעגלעך, אַז אויף אָט דער ערד וועט געלייזט ווערן דער גורל פֿון דער גאַנצער מלחמה.

די זון האָט אַלץ שטאַרקער גענומען וואַרעמען און מע האָט פֿאַרגעסן אין די ווינטערדיקע זאַווייען און פֿרעסט, אין די אָפּטע פֿרילינגדיקע רעגנס און ווינטן. בלויז פֿון מאָל צו מאָל האָבן זיך אין הימל געיאַוועט באָמבאַרדירער, אויסשפּירער און אין די שטילע קאַיאָרן האָבן די פֿייגל מיט זייער געזאַנג געריסן אויף שטיקער די הערצער בײַ די אויסגעבענקטע סאָלדאַטן.

אָט דאָ ערשט ניט לאַנג איז אָנגעפֿלויגן אויפֿן באַצירק, וואָס עס האָט פֿאַרטיידיקט קוזמאַ גאַראַשקאָ ווזוואָד, אַ גאַנצע כמאַרע דײַטשישע באָמבאַרדירער. ניט אַנדערש, ווי זיי זײַנען געקומען נעקאָמע נעמען פֿאַר יענער שלאַכט, ווען מע האָט די דײַטשן דאָ גוט אַרײַנגעלייגט אין קאָלנער. די גאַנצע ערד אַרום האָט געציטערט פֿון די אויפֿרײַסן, פֿון דער זײַט האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די גאַנצע ערד וועט דאָ איבערגעאַקערט ווערן און קיין לעבעדיקע באַשעפֿעניש וועט אַרום ניט בלײַבן. נאָר ווען אונדזערע זעניטקעס האָבן אָפּגעטריבן די שפּאַרבערס און אַראָפּגעקלאַפּט דרײַ באָמבאַרדירער, האָט קוזמאַ גאַראַשקאָ דערזען, אַז אַלע זײַנע כעווריע זײַנען לעבעדיק, עמעס, עטלעכע זײַנען געווען פֿאַרטויבט פֿון די נאָענטע אויפֿרײַסן און בלויז איין יונגער סאָלדאַט פֿון די נײַינקע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אַהער געשיקט געוואָרן, איז געווען פֿאַרווונדעט פֿון אַ באָמבע-שפּליטער. ער האָט זיך פֿאַר דער צײַט אַרויסגערוקט פֿון דער טראַנשיי אַ קוק טאָן, צי זײַנען די באָמבאַרדירער שוין אוועקגעפֿלויגן. וואָלט ער געווען קליגער, אויסגעפֿילט דעם באַפֿעל „ניט אַרויסרוקן זיך!”, וואָלט עס אים ניט געטראָפֿן, ווי די איבעריקע כעווריע, געניטע סאָלדאַטן. און אַזוי האָט דער באָכער נאָך קיין איין שאָס ניט געגעבן אויף די דײַטשן, און ער האָט שוין געענדיקט מיט דער מלחמה, אָפּגעפֿירט געוואָרן אין מעדסאַנבאַט...

בײַ קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט דאָס האַרץ זיך געפֿרייט, קוקנדיק אויף זײַנע סאָלדאַטן, באַזונדערס, אויף יענע, וועלכע מע האָט אים צוגעשיקט נאָך דער סטאַלינגראַדער שלאַכט און וועלכע ער האָט אויסגעמושטרעוועט פֿאַר די כאַדאָשים, וואָס מע איז געשטאַנען אין שוץ אָט דאָ, אויף דער קורסקער ערד. אַלע האָבן זיי באַוויזן ווערן עכטע סאָלדאַטן. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז אין די קומענדיקע שלאַכטן וועלן זיי אים ניט אונטערפֿירן.

אים איז שוין שווער געווען דערקענען וויקטאָר סוואַראָוון, אָט דעם אײדעלן באָכער, דעם קינסטלער, וועלכער האָט צוערשט זיך געבוקט פֿאַר יעדער קויל. ער האָט זיך שוין איצט מיט גאָרניט אונטערשיידט פֿון דעם שרעקלאָזן מישקע שערמאַן, פֿונעם שרעקלאָזן נאָדאַר באַשידזע, פֿון דעם ניט-אײַלנדיקן, עטוואָס פֿלעגמאַטישן וואַסיל ניקיטינען, דעם שטענדיק פֿאַרדײַגעטן סינאָפּטיקער סיווושקין, וואָס געפֿינט אויך איצט צײַט דערציילן וועגן די שטערן. כאָטש וויקטאָרן איז נאָך ניט אויסגעקומען זיך באַטייליקן אין הייסע שלאַכטן, — בלויז אין קליינע, נאָר ערנסטע געפֿעכטן, — נאָר אויף זײַן גימנאַסטיאָרקע האָט שוין געשײַנט אַן אָרדען פֿון „רויטן שטערן”. ער האָט איצט אויסגעזען עלטער פֿון זײַנע יאָר, פֿאַרהאַרטעוועט, פֿאַרברוינט און זיך שוין ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע, ווען עס איז אויסגעקומען עמעצן אָפּזידלען.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט ניט געהאַט קיין טײַנעס צו זײַנע סאָלדאַטן. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן אין דער אַנטשיידענער שלאַכט.

און דערווײַל, ווען עס איז שטיל געווען, — מע האָט ניט געשאָסן, — האָט מישקע שערמאַן זיך גענומען פֿאַר דער גיטאַרע, וואָס ער פֿירט מיט זיך „נאָך פֿון אָדעס” און וועלכע מע וואָלט שוין געקענט געווען איבערגעבן אין אַ מוזיי, און שטילערהייט, מיט זײַן

הארציקער שטים, אָנגעהויבן אונטערזינגען די לי̇ד וועגן דניעפּער, וואָס וויקטאָר, אַלע כּעוורע און באַזונדערס קוזמאַ גאַראַשקאָ האָבן שטאַרק ליב.

אַלע זײַנען שטיל געבליבן, אײַנהערנדיק זיך אינעם הארציקן געזאַנג. אייניקע האָבן אונטערגעזונגען שטילערהייט, און קוזמאַ גאַראַשקאָ, צושפּאַרנדיק זיך צום וועגטל פֿון בלינדאַזש, האָט געקוקט אַף זײַן יונגן געהילף, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געווישט די פֿײַכט געוואָרענע אויגן.

— הער נאָר אויס, מישקע, דו באַרימסט זיך אַלץ, אַז לעאָניד אוטיאָסאָוו קער זיך דיר אָן א פֿרײַנטל אָדער ער איז דײַנער א שאָכן און ער האָט דיך געוואָלט אַרײַנעמען צו זיך אין אָרקעסטער, דאָס איז עמעס?

— מאַמעלע געטרײַע, אַוודע עמעס! וואָס זשע מיינסטו, וויקטאָר, דיך קאָן מען אויסלערנען מאָלן און מיך קאָן מען ניט אויסלערנען שפּילן אין אָרקעסטער?

— אינטערעסאַנט! איז עפּשער זינגט אוטיאָסאָוו וועגן דיר דאָס באַרימטע לידל, וואָס איך האָב נאָך געהערט אים זינגען אין מאָסקווע?

— וואָס פֿאַר א לידל?

— באַלד וועל איך זיך דערמאָנען... פֿאַר דעם, וואָס איך בין אוועק אַפֿן פֿראָנט, בין איך געווען אַף אוטיאָסאָוס א קאָנצערט און ער האָט געזונגען א הארציק לידל. עפּשער איז דאָס וועגן דיר?

— מאַמעלע געטרײַע, פֿאַרוואָס זשע, מאַמזער, האָסטו עס מיר ביז איצט ניט געזונגען? אַנו, ווי איז דער מאָטיוו?.. די ווערטער...

— וואָס רעדסטו, מישקע! איך וועל נעמען זינגען, וועלן אַלע זיך צעלויפֿן. בא מיר איז א שלעכטער געהער און קיין שטים נישטאָ...

— נאַרישער, וואָס דאַרפֿסטו א שטים און א געהער, דערמאָן מיר נאָר דעם מאָטיוו און די ווערטער... מיטן הארצן דאַרף מען זינגען!

די אַרומיקע האָבן אָנגעהויבן צושטיין צו וויקטאָרן, און ער האָט, שטאַרק פֿעלשנדיק, געגומען אונטערברומען:

Ты одессит, Мишка, а это значит,
Что не страшны тебе ни горе, ни беда,
Ведь ты моряк, Мишка, моряк не плачет
И не теряет бодрость духа никогда...

— מאַמעלע געטרײַע! — האָט אויסגעשריגן דער באָכער, אויפֿגעשפּרונגען פֿונעם אָרט, פֿאַרוקט אַף אַרוף די קאַסקע. — וואָס זשע האָסטו מיר ביז איצט ניט געזאָגט? דאָס איז דאָך ניט קיין לידל, נאָר א װוּנדער! דאָס איז דאָך אויסערגעווײנלעך!

ער איז צוגעשפּרונגען מיט דער גיטאַרע צו וויקטאָרן, אָנגעהויבן אונטערקלײַבן דעם מאָטיוו מיט די פֿאַרגרעבטע פֿינגער און אין א פּאָר מינוט אַרום שוין געשפּילט און געזונגען די ליד.

וויקטאָר איז אָפּגעטראָטן אין א זײַט, אַרויסגענומען אומבאַמערקט פֿאַר די אַרומיקע א בלײַער און שנעל גענומען אָנוואַרפֿן א בילדל, ווי מישקע זינגט, שפּילט און ווי די אַרומיקע הערן זיך אײַן.

— עך, טײַערע כּעוורע מײַנע! — האָט זיך אויפֿגעהויבן, א גערירטער ביז טרערן פֿון דער ליד, קוזמאַ גאַראַשקאָ. — כּי יאָמו ביס! ניט קיין גוואַרדייישער טייל בא מיר, נאָר אַן עמעסער טעאַטער! איך קוק אַף אײַך, קינדער, און טראַכט זיך: צי דען זײַט איר געבוירן פֿאַר מילכאָמע? געליימט זאָל געווען ווערן היטלער. וואָלט ניט געווען קיין מילכאָמע, וואָלט איר געזעסן אינדערהיים, אין אָדעס, אין מאָסקווע, אין לוקאַשיווקע, געזונגען, געמאָלט בילדער, דערלערנט די שטערן, געאַקערט די ערד, און מישקע שערמאַן וואָלט געזעסן רײַטנדיק אַף זײַן קראַן אין פּאַרט אָדער וואָלט געשפּילט לעבן לעאָניד אוטיאָסאָוון, און מענטשן וואָלטן זיך געפֿרייט, און איך וואָלט געאַרבעט מיט מײַן בריגאַדע אין לוקאַשיווקע, געבויט, רעמאָנטירט און געבראַכט פֿרייד און נאַכעס אונדזערע מענטשן...

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט וויקטאָר סוואָראָוו אויפֿגעהויבן די אויגן אַפֿן קאָמאַנדיר און שנעל געגומען אָנוואַרפֿן אַפֿן פּאַפּיר זײַן פֿון דער זון באַלויכטן פּאָנעם. ער האָט געצייכנט שנעל, מוירע האָבנדיק, דער באַטיאַ זאָל ניט דערזען און זיך ניט אָפּרוקן, פֿאַרווערן אים מאָלן. אָט אַזאַ, ווי הײַנט, האָט וויקטאָר אים געוואָלט פֿאַרצייכענען און שוין א טראַכט געטאָן, אַז אויב דאָס מאַזל וועט אונטערשפּילן און אים וועט באַשערט זײַן זיך אומקערן צום מאָלבערט, לעבן בלײַבן נאָך דער מילכאָמע, זאָל ער פֿון אים אָנשרײַבן א

גרויסן פּאָרטרעט — „אַ פּאָלקס-מענטש אויפֿן פראָנט“. אַ מענטש פֿון דער פרידלעכסטער אין דער וועלט פּראָפֿעסיע, וועלכער איז געצוווּנגען געווען אַלץ וואַרפֿן און ווערן אַ מיליטערמאַן, גיין פאַרטיידיקן זײַן לײַבלעכע ערד...

וויקטאָר האָט אין די מינוטן, ווען ער האָט אים געמאָלט, זיך געפֿילט גליקלעך. ער האָט עפּעס אָפּגעטאָן. מעגלעך, אַז עס וועט אים אָפּגליקן און עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן זײַן טרוים, כאָטש עפּעס-וואָס שאַפֿן פֿון דעם, וואָס ער זעט און לעבט איבער אַלע טאָג אויף דער מילכאָמע, עפּשער וועט זיך אים אײַנגעבן עפּעס פֿונעם געזעענעם איבערלאָזן פֿאַר קומענדיקע דוירעס. נאָר ווער קאָן דען וויסן, צי וועט אים אָפּגליקן לעבן בלײַבן אין דעם וויכער פֿון פײַער, רויך, געברום פֿון באָמבעס און סנאַריאַדן, ווו דאָס לעבן באַ אַלעמען הענגט אויף אַ האָר?..

די דאָזיקע געדאַנקען זײַנען גלײַך אַנטרונען, ווען דער סוינע האָט פּלוצעם אָנגעהויבן באַשיסן פֿון האַרמאַטן און מינענוואַרפֿערס דעם באַרג-שיפּוי.

און ווי אַפּצולאָכעס האָט אַרום און אַרום געהערשט אַ וווּנדערלעכע שיינקײַט, און די גרינע ערד האָט צוגעצויגן דעם בליק, און דאָס האַרץ איז שיער ניט צעריסן געוואָרן פֿון ווייטיק און האַס, וואָס דער סוינע איז דאָ ניט ווײַט און רײַסט פֿון איר, פֿון דער ערד, שטיקער.

9

אומגלייבלעך! די נאַכטיגאַלן האָבן זיך אויך צוגעוווינט צו דער מילכאָמע... ווי נאָר די אָרדנטלעכע קאַנאָנאַדע פּלעגט שטיל ווערן, האָט זיך ווידער דערהערט זייער געטלעך געזאַנג... מיט יעדן טאָג האָבן זיי אָבער אַלץ טרויעריקער, שטילער געצויגן זייער אייביקע ליד פֿון ליבע און לעבן. סײַווי אָבער, וויפֿל פרייד האָבן זיי פֿאַרשאַפֿן די סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען געזעסן אין די טראַנשייען און אָקאָפּעס! זיי האָבן אָנגעפֿילט די הערצער מיט צאַפּל, מיט בענקעניש נאָך דער היים, נאָך פרײַנט און ליבע...

אײַנהערנדיק זיך אין דעם געזאַנג פֿון די נאַכטיגאַלן, האָבן די סאָלדאַטן אויף אַ צײַט פֿאַרגעסן אין די אומגליקן, געפֿאַרן און טרויעריקע יעדיעס, וואָס מע באַקומט פֿון דער היים, געטראַכט בלויז וועגן גוטן, וועגן דעם, מע זאָל וואָס גיכער באַפרײַען פֿונעם סוינע די לײַבלעכע ערד, אומקערן די מענטשן דעם שאָלעם, זיי אויסלייזן פֿון אַלע צאָרעס און אומגליקן.

ווען קוזמאַ גאָראַשקאָ האָט זיך אײַנגעהערט אינעם פֿויגל-געזאַנג, האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן מיטן געדאַנק אין זײַן ווײַטער היים, געטראַכט וועגן אָדאַרקען מיט די קינדער, וועגן זײַן זון, וועלכער געפֿינט זיך אויך, ווי ער, ערגעץ אויפֿן פראָנט, וועגן דער מישפּאָכע, וואָס מאַטערט זיך אין דער אָקופּאַציע... צי לעבן זיי? וויאַזוי טראָגן זיי איבער די צאָרעס, דעם הונגער, די אָנשיקעניש, דאָס איזדיעקעווען זיך פֿון די טאַליאָנים, מיט וועלכע ער, קוזמאַ גאָראַשקאָ, פֿירט שוין באַלד צוויי יאָר אַ בלוטיקע שלאַכט.

יאָ, פּונקט אַזאַ פֿויגל-געזאַנג פּלעגט ער הערן באַ זיך אין סאָד, אין די גרינע קוסטעס באַם פּלויט, אין זײַן לײַבלעכער היים.

— כײַ יאָמו ביס! — האָט ער נידעריקער אַראָפּגערוקט אויפֿן שטערן די קאַסקע, קעדיי די סאָלדאַטן זאָלן ניט באַמערקן זײַן פאַרטרויערטן בליק. דאָס טאָרן ניט זען דעריקער די נײַנקע, וועלכע זײַנען אָקאָרשט אַהער צו אים געקומען, פֿון וועלכע מע דאַרף ערשט מאַכן עכטע סאָלדאַטן און וועלכע קוקן אויף אים, אויפֿן ווזוואָדנע, ווי אויף אַ מוסטער פֿון שרעקלאָזיקײַט און מונטערקײַט. קיין אַנדערן, קיין פאַרטרויערטן, טאָרן זיי אים ניט זען. בלויז ווען ער בלײַבט מיט זיך אַליין און קיינער איז נישטאָ אַרום, ווייטיקט ער וועגן זײַן ווײַטער מישפּאָכע, בלויז מיט זײַן טרײַען געהילף, מיט מישקע שערמאַנען, טיילט ער זיך מיט דעם, וואָס מאַטערט און לאָזט אים ניט צורו. כאָטש קוזמאַ דאַנילאָוויטש איז צוויי מאָל עלטער פֿון אים, נאָר פֿון די ערשטע באַגעגעענישן, ווען דער גוירל האָט זיי צונויפֿגעפֿירט אין איין ווזוואָד, זײַנען זיי געוואָרן באַפרײַנדעטע און קיינער פֿון זיי באַמערקט ניט דעם כילעק אין די יאָרן און אין די אמטן.

קיינער ווייסט אַזוי ניט דעם כאַראַקטער פֿון אָט דעם אויסערלעך שטרענגן, עטוואָס כמורנעם, נאָר גוטהאַרציקן און אופֿריכטיקן מענטשן, ווי מישקע שערמאַן. און ווען ער באַ-

מערקט נאָר, אַז דער פּאַפּאַשע ווערט אומעטיק, וואַקסט ער אויס לעבן אים, מישקע שער־מאַן, ווי פֿון אונטער דער ערד מיט זײַן גיטאַרע און הייבט אָן אונטערזינגען יענעמס באַליבטע ליד: „זאַקוואַלאַ טאַ סיוואַ זאַזוליאַ". לעצטנס האָט ער אָבער אַ נײַע ליד פֿאַרן ווזוואָדנעם:

Соловьи, соловьи, не тревожьте солдат,
Пусть солдаты немного поспят.
И к нам на фронт пришла весна,
И нам, солдатам, не до сна...

און ווי קוזמאַ גאַראַשקאָ זאָל ניט זײַן פֿאַרטראָגן, שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט און הערט זיך אײַן אין דער ליד.

— כײַ יאָמו ביס, מישקע! ווי דו רײַסט אויף שטיקער מיט דײַנע לידלעך די נעשאָמע!

עס איז קיין כידעש ניט, וואָס אָפּט גייט אַ רייד צווישן די סאָלדאַטן וועגן דעם, ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, ווער עס זאָגט — פֿריִער, ווער — שפּעטער. איינמאָל, אין אַ פֿרײַער מינוט, האָט דער ווזוואָדנע אַרויסגענומען דעם קיסעט פֿון קעשענע, מיט זײַנע שטײַפֿע פֿאַרגעלטע פֿון טוטין פֿינגער פֿאַרדרייט אַ ציגאַן־פּיסל, פֿאַרייכערט און זיך אָנגערופֿן:

— וואָס שײַך דעם, ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, האָב איך די טעג זיך דער־וווסט פֿון אונדזער קאָמבאַט אַ טשיקאַווע געשיכטע, איר מעגט זי אויסהערן.

און ער האָט דערציילט.

— בײַ אונדזער כאַוועך ראַקאָסאָווסקי אַרבעט אַ שאָפֿער מיטיע טשוראַיעוו. אַ פֿליִ־קער באָכער, אַ כוואַט! דער באָכער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ שוועסטערל פֿון אונדזער מעדסאַנבאַט און איז אַ פֿרײַער מינוט כאַפּט ער זיך אַרײַן צו איר מיקויעך אַכצן און דרײַצן... די יונגע האָבן זיך שוין, דאַכט זיך, צונויפֿגערעדט וועגן אַ כאַסענע. עמעס, מע האָט מוירע וועגן דעם זיך דערווײַל פֿאַרהיקען פֿאַר נאַטשאַלסטווע, ווײַל מע קאָן זיי אָפּ־שפּילן אַזאַ כאַסענע, אַז זיי זאָלן פֿאַרגעסן ווי מע רופֿט זיי. ראַקאָסאָווסקי איז אַ מענטש אַ האַרציקער, אַ גוטער, נאָר אין אַזעלכע פֿאַלן איז ער שטרענג. ער האָט ניט ליב, מע זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט נארישקײַטן. איז אָט, איינמאָל איז ראַקאָסאָווסקי אַרײַנגעפֿאָרן אין מעדסאַנבאַט איבערבינדן אַ וווּנד, און מיטיע, זײַן שאָפֿער, איז דערווײַל אַרײַנגע־שפּרונגען צו זײַן מאַרוסיען זיך איבערוואַרפֿן מיט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער. מאַרוסיע קוקט אויף איר באָכער און זאָגט אים:

— ער, מיטקע, טײַערער, דו פֿירסט אַזאַ גרויסן נאַטשאַלניק אויף דײַן אויטאָמאָביל, אַזאַ באַרימטן גענעראַל, וועלכער קאָמאַנדעוועט מיט אַ גאַנצן פֿראָנט. ווער — ווער, נאָר ער קער דאָך געוויס וויסן, ווען עס וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע? וואָס זשע, קאָנסט בײַ אים ניט אַ פֿרעג טאָן? מיר וואָלטן מיט דיר דעמאָלט אויעקגעפֿאָרן צו אונדז קיין טאַמבאָוו און וואָלטן אָפּגעשפּילט אַ כאַסענע, אַז דער הימל וואָלט זיך געשאָקלט...

— גוט, איך וועל בײַ אים אַ פֿרעג טאָן, — האָט געזאָגט דער באָכער. — ראַקאָסאָוו־סקי ווייסט עס אויף געוויס. גאַנץ אָפּט רופֿט אים אַרויס צו זיך סטאַלין, אָדער רעדט מיט אים אין טעלעפֿאָן. ווען מיר קומען מיט מײַן נאַטשאַלניק ניט קיין מאָסקווע, פֿאָרן מיר גלײַך אין קרעמל, און סטאַלין איז אים מעכאַבעד מיט אַ גלעזל טיי און בײַ אַ גוטער שטימונג אויך מיט אַ ביסל קאָניאַק, און ביידע ריידן זיי לאַנג, זעט אויס, וועגן דעם, ווי־אַזוי מע מאַכט וואָס גיכער אַ סאָף צו היטלערן.

און אָט זיצט שוין דער שאָפֿער אין דער מאַשין און וואַרט אויף זײַן נאַטשאַלניק. ראַקאָ־סאָווסקי האָט זיך אומגעקערט עפּעס אין אַ שלעכטער שטימונג, עטוואָס אַ צעטראָגענער, זעצט זיך אַרײַן אין מאַשין, טוט אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע זײַן שאָפֿער און רופֿט זיך צו אים אָן:

— זאָג מיר, מיטיע, זײַ אַזוי גוט, דו דאַרפֿסט אַלץ וויסן. ווען וועט זי זיך שוין ענדיקן, אָט די ווײַסטע מילכאָמע?..

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, קוקנדיק אויף זייער קאָמאַנדיר, און וויקטאָר סוואָראָוו, האָט אים אין אַ ווינקל אַראָפּגעמאָלט צו זיך אין אַלבאָם.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט עס באַמערקט און זיך אָנגערופֿן:

— זאָג מיר נאָר, ווי ווערט עס דיר ניט נימעס? מאָלסט און מאָלסט אָן אַ סאָף. בעסער וואָלסטו זיך אויסגערוט, זיך אויסגעשלאָפֿן, קאָלזמאַן מע שיסט ניט.

ער האָט זיך טיף פֿאַרצויגן מיטן טערפּקן רויך פֿון ציגאַן־פּיסל און פֿאַרגעזעצט:

— אָט דאָ, פאַר דער מילכאָמע, בין איך געווען מיט מײַן אָדאַרקען אין מאָסקווע אויף דער גרויסער אויסשטעלונג, עפּשער ווייסטו? דערנאָך האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין מוזיי. וואָס זאָל איך דיר זאָגן — אַ פּראַכט! בילדער — אַ יאַם! איך בין געגאַנגען פון איין זאַל אין צווייטן און דער קאָפּ האָט זיך אַזש פאַרדרייט. אַ וועלט מיט בילדער. קיין ווענט קלעקן ניט פאַר זיי. פרעג איך דיך, ווו וועסטו דײַנע בילדער אַרויסהענגען?

אײַנהאַלטנדיק דעם שמייכל, האָט וויקטאָר געענטפערט:

— איך קלײַב זיך ניט אַרויסהענגען מײַנע בילדער. ערשטנס, האָב איך זיי נאָך ניט, און בכלל שטעל איך זיך ניט פאָר, צי וועל איך ווערן אַ קינסטלער. איך מאָל פאַר זיך. און דאָס, וואָס מע האָט שוין אַ סאַך אָנגעמאָלט... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? וויפל מענטשן וועלן לעבן אויף דער וועלט, אַזויפיל וועט מען מאָלן. דאָס, וואָס איר האָט געזען אויף די ווענט פון מוזיי, האָט צו טאָן מיט די פאַרגאַנגענע צײַטן. יעדער צײַט האָט זיך אירע קינסטלער, אירע בילדער, אירע העלדן. אָט דאָס, וואָס מיר זעען און לעבן איצט איבער אויף דער מילכאָמע, דאַרף מען אומבאַדינגט פאַרצייכענען. איר פרעגט, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, וואָס איך מאָל די גאַנצע צײַט? וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? וויאַזוי דאָס דערקלערן? מע טאָר זיך ניט אָפּשטעלן אויף איין אָרט. אויב דעם קינסטלערס אויג וועט זיך אָפּגעוווינען אויפנעמען נײַס, וועט פון אים קיין טאָלק ניט זײַן. איך ווייס ניט, צי וועל איך אַמאָל ווערן אַ קינסטלער. נאָר מע דאַרף, ווי איר זאָגט, גלייבן, לעבן מיט האָפענונג. אָן האָפענונג — וואָס פאַר אַ לעבן קאָן זײַן? ריכטיק?

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט געקוקט אויף אים און געקנייטשט מיט די אַקסל:

— ווער ווייסט, עפּשער איז דאָס אַזוי. איך האָב געטראַכט, ווו וועסטו נעמען פּלאַץ פאַר נײַע בילדער?

וויקטאָר האָט זיך צעלאַכט:

— אָ, וואָלטן זיך נאָר געיאָוועט גוטע בילדער, לײַוונטן, וועט וועט מען פאַר זיי יאַקאָס געפינען. און איך וועל קיין סאַך פּלאַץ ניט דאַרפן. אויב פון דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען דאָ זען און פילן, וועט זיך מיר אײַנגעבן אָנמאָלן כאָטש איין בילד, וואָס מע וועט קאָנען אוועקשטעלן אין טרעטיאַקאָווקע, וועל איך טראַכטן, אַז ניט אומזיסט האָב איך אָפּגעלעבט מײַנע יאָרן. נו, פאַרשטייט זיך, אויב מיר וועט אָפּגליקן און עס וועט פון מיר אַמאָל אויסוואַקסן אַ קינסטלער...

— יאָ, גאָלדענע ווערטער האָסטו דאָ געזאָגט, — האָט זיך אָנגערופן גאַראַשקאָ, — גוט איז, ווען אַ מענטש שטרעבט צו עפּעס, גלייבט אין זײַנע קויכעס און לעבט מיט האָפענונג. האָפענונג — דאָס איז אַ גרויסע זאַך... אַ מענטש, קאָלזמאַן ער טרוימט, איז ער אַ מענטש. אויב ער טרוימט — איז דאָס גוט... אַ מענטש, אויב ער הערט אויף טרוימען, גלייבן, לעבט אָן האָפענונג, דאַרף ער זיך גלײַך אויסגראָבן אַ קייווער.

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר גראָד אין דער מינוט האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ מוירעדיק דונערן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אָנוואַקסן, ווי אַ יאַם־כוואַליע. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום ווענטל פון טראַנשיי און אַ קוק געטאָן אַרויף. פון איבערן געדיכטן שוואַרצן וואַלד האָבן זיך דערנענטערט שווערגעלאָדענע באָמבאַרדירער.

— אַ כאָליערע אויף דײַן קאָפּ, פאַרשיווער פּריץ! — האָט בייז אַרויסגעזאָגט קוזמאַ גאַראַשקאָ און זיך אויסגעזידלט. — מע לאָזט קיין וואָרט ניט אויסריידן. ווידער קריכן זיי אַהער, כּי־יאָמו ביס!

— באַלד וועלן זיי אונדז געבן צורייכערן, — האָט זיך אָנגערופן ניקיטין.

ווען די עראָפּלאַנען זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט צו די טראַנשייען, האָבן ווי פון אונטער דער ערד אַ קלאַפּ געטאָן עטלעכע זעניטקעס, וועלכע זײַנען געשטאַנען פון יענער זײַט וואַלד. צענדליקער סנאַריאַדן האָבן זיך צעריסן צווישן דעם סטראָי פון די באָמבאַרדירער, און דער הימל איז באַשטעקט געוואָרן מיט ווײַסע, ווי וואַטע, רויכן, עס האָבן זיך אַ צי געטאָן אַהין טראַסירנדיקע שנירלעך קוילן. צוויי מאַשינען האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, אײַנגעהילטע אין שוואַרצן רויך. איבער די פליגלען זייערע האָט זיך באַוויזן אַ פלאַם פײַער און, אָפּגעשטאַנען פון דער טשאַטע, האָבן זיי, איבערלאָזנדיק לאַנגע עקן רויך, גענומען פאַלן צו דער ערד.

שווערע מעכטיקע אופרײַסן האָבן אונטערגעטרײַסלט די ערד, און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיך אויפגעריסן די אַראָפּגעקלאַפּטע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן ניט באַוויזן אַראָפּוואַרפן די באָמבעס. אַלץ אַרום איז אײַנגעהילט געוואָרן אין שוואַרצן רויך. בלויז געציילטע עטלעכע מאַשינען האָבן זיך אויסגעדרייט פונעם זעניט־פײַער און אַראָפּגעוואָרפן זייערע באָמבעס ווו עס האָט זיך געמאַכט.

ווען עס האָט זיך שוין געדאַכט, אַז דער אַנפאַל איז ענדגילטיק אָפּגעשלאָגן, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער געברום פון אַ באָמבאַרדירער. ער האָט געמאַכט אַ קרײַז, אַ צווייטן הויך אין הימל און ניט געאײַלט, גענומען אַראָפּנידערן, זוכנדיק אַ ציל.

מישקע שערמאַן האָט אָנגעהויבן צילן פון זײַן ביקס אינעם באָמבאַרדירער, וואַרטנדיק, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער. דאָס מאָל האָט ער זיך באַנוצט מיט דער דערפינדונג פונעם ווזוואָדנע, וואָס די כעוורע האָבן אין אַ שפּאַס באַקרוינט מיטן נאָמען „גאָראַשקאָס זעניטקע". אַ געוויינלעכע ראָד פון אַ וואָגן האָט מען צוגעפּעסטיקט צו אַן אַרײַנגעגראָבענעם אין דער ערד סלופּ. געניג געווען אַרײַנשטעלן די רער פון אַ קעגנטאַנקען-ביקס צווישן די ספּיצעס, האָט מען געקאָנט דרייען די ביקס אין אַלע זײַטן, באַשיסנדיק די אַעראָפּלאַנען. עס איז געקומען די רעכטע צײַט אויסצופּרוּוון „גאָראַשקאָס זעניטקע".

מיט פּאַרטײַעטן אָטעם האָט מישקע שערמאַן געשפּירט נאָכן באָמבאַרדירער און געוואַרט, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער. ענדלעך האָט ער אויסגעשאָסן, נאָר ניט געטראָפן. ער האָט זיך אַזש פאַרקרימט פון קאַס, אַרײַנגעזעצט נאָך איין קויל און ווידער אומזיסט.

— וואָס זשע איז מיט דײַן זעניטקע, מישקע?

יענער האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעצילט, און פון יענער זײַט וואַלד האָט זיך אָנגערופן אַ זעניטקע. מע האָט שוין איבערן טומל ניט געקאָנט באַנעמען, ווער עס שיסט און פונוואַנען, נאָר פּלוצעם האָבן די סאָלדאַטן אופגעהויבן אַ געשריי:

— דער פריץ ברענט! געטראָפן אין קעפּעלע!

מישקע שערמאַן האָט אויסגעווישט דעם שווייס. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, ווי דער אַעראָפּלאַן, אַן אײַנגעהילטער אין רויך, האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צום וואַלד, ווו עס זײַנען געווען די דײַטשן, לעפּיש געפלויגן, ציִענדיק נאָך זיך אַ גאַנצן שוואַרצן עק רויך און פײַער.

אָנגערוקט די קאַסקע אַפן שטערן, איז שנעל געגאַנגען אַהער מיט די טראַנשייען דער קאָמבאַט אוועטיסיאַן. דערזען די ראָד אַפן סלופּ, איז ער געבליבן פאַרכידעשט שטיין. נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין דער זעניטקע „ק. ג." און זיך צעלאַכט.

— נו, ווי גייען די געשעפטן? געשאָסן פון אײַער זעניטקע?

— געשאָסן, כאַווער קאָמבאַט, — האָט געזאָגט גאָראַשקאָ, — עס איז נאָר ניט באַוווּסט, צי מע האָט געטראָפן...

— איך האָב פון דעם באַאָבאַכטונגס-פונקט געזען, ווי מע האָט אונטערגעצונדן דעם באָמבאַרדירער און ווי.אַזוי ער איז געפאַלן אַהין, צום וואַלד...

— אַהין איז זײַן וועג, כײַ יאָמו ביס! מיר וועלן נאָך אויספּרוּוון אונדזער „זעניטקע". פּאָרט אַ שטיקל טעכניק!..

— גוט האָבן אַן אַרבעט געטאָן די זעניטלער, — האָט געזאָגט אוועטיסיאַן, — ווען ניט זיי, וואָלט אונדז געווען איצט ביטער. אַזאַ כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט...

די שטימונג איז בײַ אַלעמען געוואָרן פריילעכער.

— גוואַרדיע-מאַיאָר! — האָט זיך געווענדט קוזמאַ גאָראַשקאָ און אַ ווונק געטאָן אַף זײַן בלינדאַזש, וואָס איז געווען אין צווייטן עק פון טראַנשיי. — איר זײַט שוין לאַנג בײַ אונדז ניט געווען, עפּשער וועל איך אײַך מעכאַבעד זײַן מיט אַ קווערטל טיי?

דער מאַיאָר האָט זיך צעלאַכט:

— בײַ דיר איז נאָך פאַראַן יענער סאַמאָוואַר? מע האָט אים נאָך ניט צעבאָמבירט?

— וואָס הייסט? מיר היטן אים אָפּ, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. — האָט אַרײַנגעשטעלט קוזמאַ גאָראַשקאָ. — מיר האָבן באַשטימט דערפירן אים בעשאָלעם ביז בערלין.

— און די גיטאַרע אויך?

— גוואַרדיע-מאַיאָר! — האָט זיך געכאַפּט מישקע שערמאַן, — די גיטאַרע האָב איך געבראַכט פון דער היים, פון אָדעס, און אַהין וועל איך זי אומקערן, ווען מירן ענדיקן די מילכאָמע.

אוועטיסיאַן האָט אוועקגעלייגט זײַן האַנט אַף מישקעס אַקסל:

— איך וועל דיר ווינטשן, דײַן טרוים זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, און נאָך דער מילכאָמע וועלן מיר מיט קוזמאַ דאַנילאָוויטשן קומען צו דיר צוגאַסט.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, כאַווער גוואַרדיע-מאַיאָר! — האָט זיך צעשײַנט דער אָדעסיט. — איר וועט זײַן מײַנע סאַמע טײַערע געסט! מאַמעלע געטרײַע, איר שטעלט זיך פאָר, סאַראַ יאָמטעוו דאָס וועט זײַן פאַר מיר און פאַר מײַנע פרײַנט! איך וועל רופן אַפּי-

לע מײַן שאַכן אויטאָסאָוון לעאָניד אָסיפּאָוויטשן, אים באַקענען מיט אײַך, דערציילן, ווי מיר האָבן געשלאָגן דעם דײַטש. יאָ, נאָר ווען קאָן דאָס געשען?

— מע דאַרף גלייבן, אַז עס גייט דערצו.

אוועטיסיאַן האָט איבערגעפירט דעם בליק אויף קוזמאַ גאַראַשקאָן:

— פאַרן סאַמאָוואַר, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, אַ דאַנק. נישטאָ דערווײַל קיין צײַט זיך באַלעווען מיט טיי. אין אַ מער גינסטיקער צײַט וועל איך קומען זי פאַרזוכן. דערווײַל דאַרף איך גיין צו דײַנע שכיינים אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך דאָרטן. דאַכט זיך, אַז די דײַטשישע באָמבאַרדירער האָבן זיי אַ ביסל אַ שטשיפּע געטאָן. זיי בייטיקן זיך אין הילף. און פאַר דיר האָב איך אַ נײַס: דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט באַפוילן, זאָלסט נעמען אונטער דײַן קאָמאַנדע די ערשטע ראָטע. דאָרטן איז הײַנט אומגעקומען דער ראָטנער...

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט זיך צוערשט עטוואָס פאַרלוירן. אַזוי אומדערוואַרט, נאָר ער האָט זיך גלײַך באַרויִקט: פּאָשעט, בײַ אים וועט ווערן מער מענטשן און געווער.

אוועטיסיאַן האָט אין דער באַגלייטונג פון צוויי אויטאָמאַטלער זיך געלאָזט ווײַטער אין באַם אַרויסגאַנג זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רעגע:

— יאָ, קוזמאַ דאַנילאָוויטש, שיר ניט פאַרגעסן דעם איקער. איך זע, אַז דו מיט דײַנע כעורע זײַנען פאַרמאַטערט. איך בעט נאָך אַ פּאָר טעג זיך האַלטן און דערנאָך וועלן מיר אײַך אַרויספירן אויף אַ שטיקל צײַט אויף אָפּרו, אין צווייטן עשעלאָן. דאָרטן וועסטו קאָנען שטעלן דײַן סאַמאָוואַר און אויף דער גיטאַרע שפּילן, מע וועט אײַך דאָרט אײַנאָרדענען אַן ערשטקלאַסיקע באָד...

— אַ דאַנק, גוואַרדיע-מאַיאָר!

און אוועטיסיאַן האָט זיך מיט זײַנע באַגלייטער, די צוויי אויטאָמאַטלער, אוועקגעלאָזט צו די שכיינים.

10

דער מאַיאָר האָט געהאַלטן וואָרט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז קוזמאַ גאַראַשקאָ מיט זײַנע סאָלדאַטן אוועק אויף אָפּרו.

באַטראַכט פאַרן פאַרלאָזן זי די גוט אײַנגעאָרדנטע „כאַטע", ווי ער האָט אָנגערופן זײַן פּאָזיציע, האָט ער געבעטן דעם צײַטווײַליקן שאַכן, וואָס איז געקומען אים פאַרבײַטן, יענער זאָל האַלטן דאָ אין פולער אָרדענונג די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט, ווײַל ניט גרינג איז געווען דאָס אַלץ ברענגען צו אַ טאָלק, מע זאָל דאָ אַלץ דערנאָך איבערלאָזן, ווי געווען, גאַרנישט ניט קאַליע מאַכן, ווײַל ער, גאַראַשקאָ, האָט ניט ליב נאָך פון דער גראָזשדאַנקע קיין אומווירטשאַפטלעכקײַט און צעלאָזנקײַט. אין די אינאַנים האָט ער ניט ליב צו שפּאַסן. מע דאַרף שאַנעווען פרעמדע האָרעוואַניע...

אין אײנעם אַ שטילן קאַיאָר, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אופכאַפּן פונעם שלאָף אין זײערע באַהעלטענישן די ערשטע לאָרכן און פאַרזיכטיק גענומען צוויטשערן, האָט קוזמאַ גאַראַשקאָ לויט אַלע קלאָלים פון מיליטערישער אָרדענונג אַרויסגעפירט זײַנע מענטשן מיטן געווער אײנעם ווײַטלעכן געדיכטן וואַלד. דאָס ווינקל וואָלט ענלעך געווען צו אַ שטיקל גאַניידן, ווען עס איז ניט אַזוי אָנגעשפּיקעוועט מיט האַרמאַטן, טאַנקען, מאַשינען. אָבער קוזמאַ גאַראַשקאָס געניטער בליק האָט גיך געפונען אַ פײַן ווינקעלע, דערצו נאָך מיט גרייטע ערדשטיבלעך און ערד-שפּאַלטן אויפן פאַל, אויב עס וועט אָנפליִען אַהער די פײַנטלעכע אוויִאַציע.

די סאָלדאַטן זײַנען געווען צופרידן, וואָס עס האָבן זיך געפונען גוטע נעשאָמעס, וועלכע האָבן פאַר זיי דאָ אַלץ צוגעגרייט, און זיי וועט ניט אויסקומען זיך ווידער נעמען פאַר די זאַסטופּעס און קירקעס. דאָ זײַנען געווען ניט נאָר גרייטע ערדשטיבלעך מיט גוטע נאַרעס, טישלעך, נאָר אויך קוריניעס, שאַלאַשן, אַזוי אַז יעדערער האָט זיך געקאָנט צוקלײַבן אַ נאַכטלעגער לויטן אײגענעם געשמאַק. ווער עס האָט ליב פרישע לופט — אין קורין, ווער עס האַלט פון וואַרעמקײַט, האָט געקראָגן פלאַץ אין אײנעם ערדשטיבל, אויף די געראַמע נאַרעס, צוגעדעקטע מיט היי, שטרוי און כוואָיִענע לאַפּעס.

קיין גאָר געהויבענע באָד האָט מען דאָ ניט געטראָפן, האָט מען פאַרוואַנדלט אײן ערדשטיבל באַם שטראָם אין דער באַלקע אין אַן עכטער באָד מיט אַ פּאַרילקע. מע האָט

געבראכט א פאָר אײַזערנע דייזשעס, ווו מע האָט געוואָרעמט וואסער, געמאכט בעזעמלעך פון יונגער בעריאָזע, גוט אײַנגעהייצט, געגאָסן וואסער אַף די אָנגעגליטע שטיינער און מע איז זיך מעכײַע געווען נאָך דעם, ווי מע האָט א צײַט שוין ניט געזען קיין באָד. מע איז פּאָשעט ווי אפסנײַ געבוירן געוואָרן.

מע האָט זיך איבערגעטאָן אין פריש גרעט, זיך ארומגעשוירן און ארומגעגאָלט און אין א פאָר שאָ ארום האָט מען די כעוורע שוין ניט געקאָנט דערקענען. מע איז פריילעכער געוואָרן, דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט וויצן, כאָכמעס.

ווען מע האָט צוגעניית ווײַסע קעלנערלעך צו די גימנאסטיאָרקעס, האָט ניט ווײַט פון די ערדשטיבלעך זיך דערהערט אן אָנגענעמע מיידלשע שטים.

מיט א געדרייטער וואלד-סטעזשקע, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די אלטע ביימער, איז געגאַן אהער א שטײַף קליינווּקסיק מיידל מיט א שווער מעדיצין-רענצל אפן אקסל, אין א פאָר פארשטויבטע קירזעווע שטיוול, אין אן אָפגעבליאקעוועטער פילאָטקע, אין א פיל מאָל געוואשענער און אויסגעווײַסטער אַף דער זון גימנאסטיאָרקע, אַף וועלכער עס האָבן געגלאנצט אן אָרדען פונעם „רויטן שטערן” און א סאָלדאטישער מעדאל „פאר געוואגטקײַט”. פון אונטער דער צעקנייטשטער פילאָטקע האָבן זיך ארויסגעשלאָגן עטלעכע פאסמעס טונקל-בלאָנדע האָר, דאָס קײַלעכיקע פּאָנעם איז געווען פארזייט מיט לײַכטע קלײַנדלעך. מיט קיין איבעריקער שיינקײַט האָט זיך דאָס מיידל ניט אויסגעטיילט, נאָר דאָס פּאָנעם אירס האָט געשטראַלט פאר א מײַל מיט כיין און גוטסקײַט.

זי האָט אראָפּגעוואָרפן פונעם אקסל דאָס סאניטארע רענצל, פרײַער אָפּגעאָטעמט, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב און, שמייכלענדיק, באטראכט די אויסגעוואשענע און אויסגעצוואָגענע סאָלדאטן.

— ווער עס נייטיקט זיך אין דער הילף פון סאניסטרוקטאָר, — האָט זי געמאָלדן, — ביטע, צו מיר!

— מאמעלע געטרײַע, וועמען זע איך! — האָט זיך צעשײַנט מישקע שערמאַן, — פרײַנט באגעגענען זיך אפסנײַ! זאָל איך אזוי לעבן, ווי עס איז צו אונדז געקומען אונדזער שוועסטערל מאשענקע בערעזינא! אונדזער מעדיצין איז געקומען!

ער האָט איר גלײַך גענומען העלפן ארויסנעמען פון איר רענצל פארשיידענע פלעשלעך, רעפּועס, וואטע, בינטן.

מאשע האָט זיך א ביסל פארלוירן אונטער זײַן מאמזערישן בליק.

— אוי מאשענקע, טײַערינקע! —האָט מישקע אויסגערופן. — האָסט געטאָן, ווי א כאכאָמע, וואָס דו ביסט גלײַך אהער געקומען...

ער האָט פארקאטשעט דעם ארבל און באוויזן איר א ניט-פארהיילטע וווּנד. זי האָט געניט און פלינק אים גענומען איבערבינדן.

— אָך, מאשענקע, ווען דו ווייסט, ווי מיר אלע האָבן זיך נאָך דיר פארבענקט, וואָלסט געוויס שוין לאנג געקומען צו אונדז, — האָט דערווײַל גערעדט שערמאַן. — אז דו בינדסט איבער א וווּנד, ווערט זי גלײַך פארצויגן. יאָ, דו געדענקסט, בא סטאלינגראד האָב איך בא אײַך אין סאנראָטע אײַנגעאָרדנט א קליינינקן קאָנצערט? שטעלסט זיך פאָר, סארא קאָנצערטל וועל איך אײַך דאָס מאָל מאכן?

— די גיטארע פירסטו נאָך אלץ מיט זיך? האָסט זי ניט פארגעסן?

— וואָס רעדסטו, טײַערע? ניט דיך, ניט די גיטארע וועל איך קיינמאָל ניט פארגעסן. נאָך מער, איך האָב געגעבן א ניידער, אז אויב איך וועל לעבן בלײַבן, וועל איך זי ברענגען אהיים, קיין אָדעס. און אויב דו, מאשענקע, וועסט זיך אין מיר פארליבן, וועל איך דיך אויך מיטנעמען מיט זיך...

מאשע האָט זיך שטארק פארויטלט.

— ווי שעמסטו זיך ניט, מישקע? ניט גוט אזוי צו פלאפלען!..

זי האָט שנעל געענדיקט אים איבערבינדן, אראָפּגעלאָזט דעם ארבל און שטילערהייט געזאָגט:

— גיי און רעד מער ניט קיין נארישקײַטן... — און צו די סאָלדאטן, וואָס זײַנען געשטאנען ארום: — נו, כעוורע, גייט צו נעענטער, שעמט זיך ניט. ווער נייטיקט זיך אין הילף?

און דאָ האָט זי צווישן די סאָלדאטן מיטאמאָל דערזען וויקטאָר סוואָראָוון.

— דאָס זײַט איר? — האָט זי מיט כידעש געפרעגט. — איך האָב אײַך אינגאנצן ניט דערקענט! וואָס מאכן אײַערע באקן, די נאָז? איר האָט נאָך ניט פארגעסן, ווי איך האָב אײַך געראטעוועט?

ערשט איצט האָט וויקטאָר סוואָראָוו דערקענט דאָס כיינעוודיקע, קורנאָסע מיידל. דעמלט, ווינטער, האָט זי אויסגעזען גאָר אַנדערש אין דעם שפּעסענעם פעלצל, אין דעם גרויסן סאָלדאַטישן היטל, וואָס האָט פאַרדעקט איר פּאָנעם. כוץ דעם, געהער זי, דאַכט זיך, ניט צו יענע מיידלעך, וואָס מע קאָן פאַרגעדענקען פון ערשטן בליק.

— נו, און די אָנעטשעס האָט איר זיך שוין אויסגעלערנט פאַרוויקלען? — האָט זי מיט געלעכטער געפרעגט און צוגעגעבן: — איך זע, איך זע — איר זײַט איצט שוין אַן עכטער סאָלדאַט.

מישקע שערמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די צײַט, ער זאָל אַרויסהעלפן זײַן פרײַנט.

— מאשענקע, וואָלסט אים געדאַרפט איבערבינדן די זײַט... ער איז דאָך געווען פאַר-ווונדעט. און שעמט זיך זאָגן.

— וואָס זשע שווײַגט איר? — האָט זי געמאַכט א טראָט צו וויקטאָרן. — אנו, באַ-ווײַזט...

— עס האָט זיך שוין פאַרצויגן... — האָט ער גענומען שטאַמלען.

— שעמט זיך ניט, וואַרפט אַראָפּ די גימנאַסטיאָרקע, שנעלער... — האָט זי באַפע-לעריש געזאָגט.

ער האָט אויסגעטאָן די גימנאַסטיאָרקע, און מאשע האָט שנעל גענומען פאַנאַנדער-בינדן די מאַרליע.

— מע וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט בײַטן דעם בינט, — האָט זי געזאָגט. — וואָס זשע, איר זײַט א קינד, פאַרשטייט ניט?

זי האָט שוין ניט געלייגט קיין אכט אויף די כאָכמעס און וויצן, וועלכע האָבן זיך גע-טראָגן פון אַלע זײַטן, פאָרזיכטיק געטאָן איר אַרבעט, שטילערהייט באַרויִקט: בלויז די ערשטע עטלעכע מינוט וועט די וווּנד א ביסל שמאַרצן און נאָך אָט דער וווּנדערלעכער שמירעכץ, וואָס זי האָט, וועט זי שנעל פאַרצויגן ווערן...

זי האָט געכאַפּט אויף זיך זײַנע בליקן, נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי באַמערקט עס ניט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער ערשטער לעפּישער באַגעגעניש זייערער אין יענעם פראָסטיקן ווינטער-טאָג. דאָס איז געווען אָן אומבאַהאָלפענער יונגיטשקער, גרינער באַ-קער, וועמען עס האָט אַלץ געוווּנדערט און, דאַכט זיך, געשראָקן. און איצט איז פאַר איר געשטאַנען א פאַרהאַרטעוועטער, א פאַרברוינטער פון דער זון און ווינטן סאָלדאַט.

— מאשענקע, זע, בינד גוט איבער אונדזער וויקטאָרן, — האָט ניט אויסגעהאַלטן סיוווּשקין. — פאַרגעס ניט, אַז דאָס איז א קינסטלער. ער וועט אויסמאָלן דײַן פּאָרטרעט.

— עמעס, איר זײַט א מאָלער? — האָט זי מיט כידעש אויף אים געקוקט, און וויק-טאָר האָט סקעפּטיש א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָס הערט איר זיך צו צו זיי? איר ווייסט דען ניט, אַז אונדזערע כעווערע האָבן ליב צו שפּאַסן.

— הער אים ניט, מאשענקע! — האָט ניט אויסגעהאַלטן נאָדאַר באַשידזע. — ער מאָלט זייער שיין. ווּעסט אים גוט א בעט אָן, וועט ער דיך אויסמאָלן...

— נו, וואָס רעדט איר! — האָט זיך אָנגערופן די שוועסטער. — מאָלן דאַרף מען אַנדערע. בא אונדז אין מעדסאַנבאַט זײַנען פאַראַן שיינע שוועסטער, קראַסאַוויצעס, אָט זיי דאַרף מען מאָלן...

— און איך וואָלט אויף וויקטאָרס אָרט, — האָט געזאָגט קוזמאַ גאָראַשקאָ, — גע-מאָלט ניט יענע קראַסאַוויצעס, נאָר דאַפקע דיך, כאָטש דו ביסט א ביסל א קורנאָסע...

זי האָט זיך געגרויטלט, נאָר קלאָר איז געווען, אַז איר זײַנען געווען איצט צום האַרצן די אומשולדיקע כאָכמעס און שפּאַסן אַרום. אָבער דער איקער האָט זי גע-פרייט, וואָס זי האָט זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט מיט אָט דעם ווילן באָכער. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, מיט וואָס האָט ער אַזוי אופגערודערט איר מיידלשע נעשאָמע. נאָך דעמלט, אין יענעם פראָסטיקן טאָג, האָט זי געלייגט אויף אים אכט, נאָר זייערע וועגן זײַנען זיך איגגיכן פאַנאַנדערגעגאַן. און איצט האָט זי אים ווידער אַזוי אומגעריכט באַגעגנט... כאָטש זי האָט געכאַפּט אוועקגיין פון אָט די פריילעכע, האַרציקע כעווערע, ווײַל עס איז פאָרגעשטאַנען א סאַך אַרבעט, נאָר זי האָט זיך ניט שטאַרק געאײַלט. מיטאַמאָל האָט זי זיך דער-פילט דאָ היימלעכער, איידער ווו-ניט-איז.

מאשע בערעזינאַ, ווי געזאָגט, איז געווען פון יענע מיידלעך, וואָס מע קאָן דורכגיין פאַרבײַ און זי ניט באַמערקן. נאָר האָט מען זי ווו באַמערקט, האָט זי גלײַך צוגעצויגן

מיטן כײן פֿון טיפֿער מענטשלעכער האַרציקײַט. עס האָט איר אױך ניט געפֿעלט קײן שאַרפֿזין. קײן סך האָט זי ניט ליב געהאַט צו רײדן, נאָר אױב זי האָט שױן אַרײַנגעשטעלט אַ װאָרט, האָט עס זיך פֿאַרגעדענקט.

זי האָט ניט געדולדעט קײן גראָבקײַט, און מע האָט שױן געװוּסט, אַז אין איר אָנװעזנהײט טאָר מען זיך ניט װאַרפֿן מיט געװיסע װערטער, װאָס געװײנלעך דרוקט מען זײ ניט אין קײן ביכער... אײן אַזאַ פֿאַל האָט זי געקאָנט אָפּבאָדן, ניט שעמענדיק זיך, אַפֿילע אַ גרױסן נאַטשאַלניק. זי האָט עס געקאָנט אָפּטאָן אַזױ, אַז יענער זאָל עס אױף לאַנג פֿאַרגעדענקען און אין איר אָנװעזנהײט זיך האַלטן אײדל און קאָרעקט. בײַ איר איז ניט געװען קײן כילוק צװישן די קראַנקע און פֿאַרװוּנדעטע — צי איז ער אַ סאָלדאַט, צי אַ נאַטשאַלניק, צו אַלע האָט זי זיך באַצױגן אַלצײַנס אױפֿמערקזאַם און טרײַ. זי האָט ניט ליב געהאַט קײן כניפֿע. װען מע האָט איר אָנגעהױבן מאַכן קאָמפּלימענטן, זיך דערקלערן אין ליבע, שאַרן זיך צו איר, האָט זי געקאָנט אַרײַנזאָגן אַזױנס, מע זאָל אַ צװײט מאָל נאָענט צו איר ניט צוגײן.

אײניקע כאַװערטעס אירע פֿון דער סאַנראָטע האָבן געפּרוּװט אָפּלאַכן פֿון איר: אַזעלכע טײַערע, שײנע כעװורע רינגלען זי אַרום און זי — גאָרניט, װי ניט זי מײנט מען... „נאָך דער מילכאָמע, — האָבן איר די כאַװערטעס געזאָגט, — װעסטו אַזעלכע יאַטן אױף דײַן װעג ניט טרעפֿן, עס גײט אַזאַ מילכאָמע... אײן מאָל לעבט אַ מענטש אױף דער װעלט...”

נאָר מאַשע בערעזינאַ האָט ניט אױפֿגענומען אַזאַ טױרע. זי האָט געװוּסט אירס: װעסט זיך אײן מאָל אױסשמירן, װעסטו זיך מיט צען װאַסערן דערנאָך ניט אָפּװאַשן. און נאָך: דײַן מענטשלעכע ערע דאַרפֿסטו אָפּהיטן שטענדיק, אָן אונטערשײד, צי גײט אַ מילכאָמע, צי הערשט פֿרידן.

װאָס איז דאָ װאָס צו לײקענען, — צװישן אַזױפֿיל יונגע, שײנע, כײנעװדיקע, האַרציקע, העלדישע יונגען איז געװען שטאַרק דער יעיצערהאָרע און בײַסט אָפּטלעך אַרומגעגאַן אױף דער שאַרף פֿון אַ מעסער — נאָר זי האָט ניט דערלאָזט קײן שװאַכקײַט. און דערפֿאַר האָבן אַלע זיך צו איר באַצױגן מיטן גרעסטן אָפּשײַ און קאָװעד.

אָט דאָס קורנאָסע, אײַנגעװאַקסנטע מײדל מיטן שװערן סאַניטאַר־רענצל אױפֿן אַקסל האָט מען געקאָנט באַגעגענען אױף די סאַמע געפֿערלעכסטע באַצירקן בעשאַס אַ שלאַכט. מע איז אָפּטלעך פּאַשעט דערשטױנט געװען, זעענדיק, אונטער װאָס פֿאַר אַ פֿײַער זי טראָגט אַרױס פֿאַרװוּנדעטע. זי האָט קײנמאָל ניט געװוּסט פֿון קײן רו. און דאָס איז געװען פֿאַר איר דער איקער — טאָן ערלעך איר זאַך, פּונקט װי די סאָלדאַטן, װעלכע זי טראָגט אַרױס פֿון אונטערן פֿײַער, אַלץ דאָס איבעריקע האָט זי אָפּגעלײגט אױף דערנאָך. נאָר אָט איז געשען מיט איר אומגעװײנלעכס. דער יונגער סאָלדאַט, דער קינסטלער, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין איר נעשאָמע און זי האָט אָנגעװױרן איר געװײנלעכע רו און גלײַכגעװיכט... דאַכט זיך, אַזעלכע גוטע כעװורע האָט זי באַגעגנט אױף איר װעג, װיפֿל פֿון זײ האָט זי אָפּגעראַטעװעט פֿונעם טױט, נאָר בײַ איר איז אַלעמאָל געװען בלױז אײן געפֿיל — דער פֿאַרלאַנג ראַטעװען, שטעלן אױף די פֿיס, אומקערן צום לעבן — און ניט מער... נאָר אָט דער באָכער מיט דער אומגעװײנלעכער פֿאַמיליע, איבער װעלכן די כעװורע האָבן ליב אונטערשפּאַסן, כאָטש זײ באַציִען זיך צו אים מיט אַ באַזונדער אָפּשײַ, ער האָט פּלוצעם אַלץ איבערגעקערט אין איר נעשאָמע. און עפּשער איז דאָס פּאַשעט בײַ איר אַ צײַטװײַליקע שװאַכקײַט, װאָס װעט גיך איבערגײן? נאָר פֿאַרװאָס, װען זי האָט דעם באָכער איבערגעבונדן, אַראָפּגעריסן פֿון זײַן לײַב די איבערגעטריקנטע, פֿאַרשװאַרצטע בינטן און ער האָט פֿון װײטיק זיך געקרימט, האָט זי געפֿילט אַזױ נאָענט זײַן װײטיק? זעט אױס, אַז מיט איר קומט עפּעס פֿאָר אומפֿאַרשטענדלעכס. זי װעט זיך באַמיִען אױפֿהערן טראַכטן װעגן אים, אױסמײַדן באַגעגענישן. זי װעט בעטן עמעצן פֿון אירע כאַװערטעס, יענע זאָלן װיקטאָרן בײַטן די בינטן, אױב ער װעט זיך אין דעם נײטיקן, און נײטיקן װעט ער זיך געװיס, יענע זאָלן באַדינען קוזמאַ גאָראַשקאָס ראָטע.

מאַשע בערעזינאַ האָט זיך דערמאָנט אין איר צענטן קלאַס. מיט איר צוזאַמען האָט זיך געלערנט אַ באָכערל, שטאַרק ענלעך אױף דעם װיקטאָרן, שוריק דעסניצקי. אױך אַזאַ בלאָנדהאָריקער מיט בלױלעכע פֿאַרטרױמטע אױגן, אַ צאַרט לענגלעך פּאָנעם מיט קױם באַמערקבאַרע העלע הערעלעך אױף דער איבערשטער ליפּ. אַ באַשײדענער, אַ װײניק־באַרײדעװדיקער, דער בעסטער שילער — דער ליבלינג פֿון אַלע שילערנס פֿון צענטן קלאַס. װען די מײדלעך האָבן בעשאַס די לימודים אים געשיקט ליבע־בריװעלעך, האָט ער זיך שטאַרק געװױטלט און פֿון בושע באַהאַלטן דאָס פּאָנעם. מאַשע איז, דאַכט זיך, געװען אין אים פֿאַרליבט שטאַרקער פֿון אַלעמען, כאָטש זי האָט זיך ניט געריכט, אַז ער װעט

איר ענטפֿערן מיט דעם זעלבן. דעמלט, אין שול, האָט זי אויסגעזען גאָר ניט קיין שיינע — א דארינקע, א שוואכע, אָנגעטאָן ווי-ניט-איז, ווייניק-ווער עס האָט אף איר געוואָרפֿן א בליק. און דאָך האָט זי בישטיקע געטרוימט זיך באפֿרײַנדן מיט אים, אים געפֿעלן — אפֿצולאָכעס אַלע בייזע צינגער... און שוריק דעסניצקי האָט בעשאס דעם ארויסלאָזאָוונט זי אײַנגעלאדן אפֿן ערשטן וואלס און שוין דערנאָך דעם גאנצן אָוונט געטאנצט בלויז מיט איר. די כאַווערטעס האָבן געקוקט אף איר מיט קינע, ניט געקאָנט באנעמען די סיבע, פֿארוואָס דער באָכער האָט אויסגעקליבן גראָד זי.

נאָך דער פֿײַערלעכער ווטשערע האָבן זיך אַלע אוועקגעלאָזט צום דניעפּער באגעגענען דעם זון-אופֿגאנג. שוריק און מאשע האָבן זיך אָפּגעזונדערט. ער האָט פּאַרזיכטיק און ניט דרייסט מאשען ארומגענומען, א קוש געטאָן, און צום ערשטן מאָל געזאָגט, אז ער האָט זי ליב, אז וואָס עס זאָל ניט געשען מיט אים, וועט זי זײַן זײַנע. אף שטענדיק. אַלעמען אפֿצולאָכעס.

אָט דער קוש, זײַן קוק, זײַנע ווערטער האָבן זיך אײַנגעקריצט אין איר זיקאָרן אפֿן גאנצן לעבן.

אזא נאכט, ווי יענע, האָט זיך מער ניט איבערגעכאַזערט. אָנשטאָט דעם אינסטיטוט, וווּהין מע האָט אים אָנגענומען אָן עקזאמענעס, האָט שוריק דעסניצקי צוזאמען מיט אַלע כאַווערע פֿונעם קלאס אוועקגעשפּאנט אין מיליטער-קאָמיסאריאט בעטן, מע זאָל אים שיקן אפֿן פֿראָנט.

דערנאָך איז מאשע בערעזינא מיט עטלעכע כאַווערטעס אויך אוועק בעטן, מע זאָל זיי שיקן אין יענע טיילן, וווּהין עס זײַנען אוועק זייערע כאַווערע. נאָר צוערשט האָט מען זיי געשיקט אף קורצטערמיניקע קורסן פֿון מעדיצינישע שוועסטער. פֿארענדיקט די קורסן, האָט מאשע געבעטן, מע זאָל זי אף א פּאָר טעג אָפּלאָזן אהיים זיך געזעגענען מיט דער מוטער, נאָר זי האָט זי געטראָפֿן אין טיפֿן טרויער — אין דעם זעלבן טאָג איז אָנגעקומען א „פּאָכאָראָנקע" — דער פֿאָטער איז געפֿאלן אין שלאכט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אוועק צו שוריקס מוטער, עפּשער וועט זי זיך עפּעס דערוויסן וועגן יענעמס גורל, נאָר זי האָט זיך גאָרניט דערוווּסט און אוועקגעגאנגען פֿון זײַן שטוב מיט א צעבראָכן האַרץ.

עס האָט זיך געענדיקט דער שרעקלעכער אויגוסט פֿונעם איין-און-פֿערציקסטן. דער פֿראָנט האָט זיך דערנעענטערט צו זאַפּאָראָזשיע, צום דניעפּער. אף יענעם ברעג, וווּ מאשע בערעזינא האָט ערשט ניט לאַנג באגעגנט מיט שוריקן דעם זון-אופֿגאנג און וווּ זי האָט דערפֿילט דעם טאַם פֿונעם ערשטן קוש, איז דער מעדיצין-שוועסטער אויסגעקומען איבערבינטעווען די ערשטע פֿארווונדעטע סאָלדאטן און זיי ארויסטראָגן פֿונעם פֿײַער.

און וועגן איר ייִנגל — קיין שום ידיעס...

און אָט איצט, נאָך אזויפֿיל שווערע מילכאָמע-כאַדאָשים, זײַענדיק אף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, האָט זי אזוי אומגעריכט באגעגנט א באָכער — נאָך ניט אינגאנצן קיין אויסגעפֿורעמטן סאָלדאט און ניט קיין אויסגעפֿורעמטן קינסטלער, א כיינעוודיקן, א האַרציקן יאַט, וואָס האָט איר דערמאָנט אין יענעם — שוריק דעסניצקין. און דער באָכער האָט אָפּגענומען איר רו.

אין האַרצן האָט זי זיך געזידלט. די גאנצע צײַט איז זי געבליבן טרײַ איר שוווּע, אז זי וועט איר ערשטע ליבע ניט פֿאַראַטן. און אָט — וויקטאָר...

מאשע האָט זיך דאָך געפּרוּווט באַרויִקן. ניין, ניין, זי וועט דאָס אַלץ ארויסשלאָגן פֿון קאָפּ. זי דארף מער ניט קומען צו קוזמא גאָראָשקאָן אין טייל. זאָל אַן אַנדערע גיין אים באדינען.

און ארום איז געווען רויִק. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער סוינע געשאָסן פֿון האַרמאַטן, מינעוואַרפֿערס. פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס האָבן זיך ניט זייער אָפּט איבערגערופֿן די קוילנוואַרפֿערס. אין טיפֿן הימל האָבן געברומט שווערגעלאָדענע באָמבאַרדירער, וועלכע זײַנען געפֿלויגן אין טיפֿן טיל באָמבירן די וועגן, די אײַזנבאן-ליניעס, די בריקן. אין די אַרומיקע וועלדער, אין די טיפֿע באַלקעס, געדיכט באוואַקסענע מיט גרינעם קוסטאַרניק, איבערגעגראָבענע מיט זעמליאַנקעס, טראַנשייען, ערדשטיבלעך, איז געגאַן א געווײנלעך פֿראָנט-לעבן. ניט געקוקט אף דער ענגשאַפֿט, זײַנען דורך די נעכט אָנגעקומען אַלץ פֿרישע פּאַלקן, דיוויזיעס, טעכניק. זיי האָבן זיך געצויגן אהער פֿונעם טיפֿן הינטערלאַנד און גלײַך פֿאַרפֿאלן געוואָרן אין די וועלדער, באַלקעס, אין די ערדשטיבלעך און טראַנשייען, זיך פֿאַרמאַסקירט, נעלעם געוואָרן אונטער דער ערד.

דורך די נעכט זײַנען די אויסשפּירער געגאַן אין טיפֿן הינטערלאַנד פֿון סוינע דעראָבערן א „צונג", אויספאַרשן, מיט וואָס פאַרנעמט זיך דער סוינע און וועלכע פּלענער פאַרטראַכט ער. די געפאַנגענע דײַטשן, וועלכע מע האָט געבראַכט אהער פֿון יענער זײַט פראָנט-ליניע, האָבן געהאַלטן אין איין בעלעמעטשען, אז דאָרטן גרייטן זיך גרויסע קויכעס אָנהייבן אן אָנגריף און זיך דורכרײַסן קיין מאָסקווע... די צוגרייטונג דאָרט גייט טאָג ווי נאַכט אָן אָפּשטעל. דאָס געפיל פֿון נעקאָמע פאַר זייער גרויסן בראָך בא סטאַלינגראַד לאָזן ניט רוען דעם פֿיורער און זײַנע גענעראַלן. זיי גרייטן זיך ווידער אַרײַנמאַרשירן קיין מאָסקווע. זיי ווילן אוועקשטעלן די רוסישע אַרמיי אף די קני. ניט ווייניקער. אַנדערש וועלן זיי זיך ניט באַרויִקן.

דאָס פּלאַפּלערײַ איז דאָ שוין פֿון לאַנג געווען באַוווּסט, און אָן אָפּשטעל איז דאָ געגאַן די צוגרייטונג צו דער גרויסער שלאַכט, וועלכע וועט אומפאַרמײַדלעך דאָ אײַנגיכן אויסברעכן. פֿון א פּראָסטן סאָלדאַט ביז א גענעראַל האָבן אַלע געוווּסט, אז אָפּטרעטן איז מער נישטאָ וווּ — הינטער זיי איז מאָסקווע. אום יעדן פּרײַז מוז דאָ דער סוינע צעקלאַפּט ווערן.

דאָ, אף דער דאָזיקער ערד, ווערט געלייזט דער גורל פֿונעם היימלאַנד.

און דאָס לעבן איז געגאַן, ווי געוויינלעך.

אין דעם אַלטן וואַלד, ווו עס האָבן פרידלעך גערוישט הונדערטיאָריקע דעמבעס און קליאָנעו, ווו עס האָבן זיך איבערגעשעפּטשעט גרינע בערעזעס, האָבן זיך אײַנגעאָרדנט קוזמא גאַראַשקאָס סאָלדאַטן. דאָ האָט שטענדיק געהערשט אן אופֿלעבונג, פֿון די אַרומיקע ערדשטיבלעך, קוריניעס זײַנען זיך אהער צונויפגעקומען סאָלדאַטן און אַלעמען האָט פאַרווײַלט דער פרייִלעכער סערזשאַנט מיט דער גיטאַרע. אים דאַרף מען לאַנג ניט בעטן זיך דורכגיין מיט די פינגער איבער די סטרונעס און אָנהייבן זינגען. אַלעמען איז אויך געפעלן דער גוואַרדיע-לייטענאַנט מיט די קאַזאַקישע וואָנצעס, וועלכער האַלט פֿון א וויץ, א כאָכמע.

כאָטש מאַשע בערעזינא האָט בא זיך פעסט באַשטימט, אז אהער וועט זי שוין מער ניט קומען, קעדיי זיך ניט באַגעגענען מיט וויקטאָרן, נאָר עס האָט זי געצויגן אהער, ווי מיט א מאַגנעט.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקעלער ווערן, ווען עמעצער פֿון די כעווריע האָט אהער געבראַכט אן עמער קאַלטע קוואַל-וואַסער און געזאָגט, אז דאָרטן, אפֿן ראַנד וואַלד, שטייען סיביריאַקעס. זייערע אויסשפּירער האָבן ערשט ניט לאַנג געבראַכט פֿון יענער זײַט פראָנט-ליניע א דײַטשישן קאַפּיטאַן, און ניט קיין פּאָשעטן, פֿון א שטאַב...

— מאַמעלע געטרײַע! — האָט אויסגעשריגן מישקע שערמאַן. — סיביריאַקעס! — מיר וואָלטן זיך געדאַרפט דורכגיין צו זיי, זיך באַקענען.

— יאָ, נאָר דו פעלסט דאָרט אויס! — האָט אַרײַנגעשטעלט נאָדאַר באַשידזע.

— וואָס זשע, דאָס איז דאָך נאָענט. — און, ווענדנדיק זיך צום קאָמאַנדיר, געזאָגט: — דערלויבט, קוזמא דאַנילאָוויטש, זיך דורכגיין צו די שכיינים, מע דאַרף זיך דאָך מיט זיי באַקענען...

קוזמא גאַראַשקאָ האָט זיך פאַרקנייטשט, נאָר געענטפערט:

— נו, אויב ניט אף לאַנג, איין פוס דאָ, איין פוס דאָרט...

און אויך אוועק צוזאַמען מיט מישקען און וויקטאָרן.

אָפּגעגאַן עטלעכע טראָט, זיך געכאַפּט:

— און צוליב וואָס, מישקע, די גיטאַרע?

— צוליב דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, גוואַרדיע-לייטענאַנט. — האָט יענער געענטפערט. — דערצו נאָך, וויפֿל וועגט די גיטאַרע? ווייניקער ווי א קעגנטאַנקען-ביקס, טאָ זאָל זי אויך זיך דורכגיין.

דערזען, ווי מאַשע בערעזינא האָט פאַרענדיקט איבערבינטעווען די פאַרוווּנדעטע, צונויפגעלייגט איר רענצל, האָט מישקע אויסגעשריגן:

— היי, שוועסטערל, מאַשענקע, עפּשער וועסטו זיך אויך מיט אונדז דורכגיין אין געסט? ניט ווײַט. מיר וועלן זיך גיך אומקערן!

— מײַן נאַטשאַלסטווע דערלויבט מיר ניט, — האָט זי געזאָגט.

— נישקאָשע, ווען דו קומסט צו אונדז, זײַנען מיר דײַן נאַטשאַלסטווע. מיר דערלויבן! ריכטיק, קוזמא דאַנילִיטש?

— געוויס! וואָס זשע... קום, וועט אונדז זײַן פרייִלעכער...

מאַשען איז געווען צום האַרצן די אײַנלאַדונג, ביפראַט, אז וויקטאָר איז אויך געווען אין דער קאָמפּאַניע. זי האָט איבערגעגעבן איר סאַניטאַר-רענצל א כאַווערטע און זיך גע-

לאָזט גיין נאָכן קייטל כעוורע, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער געדרייטער סטעזשקע. דער וועג האָט געפירט צו דער געדיכטער דובראווע, וווּהין עס האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן די לעצטע זון-שטראַלן.

אייינטאָניק האָבן פון בײדע זײַטן וועג געסקריפּעט די אַלטע ביימער און פּאַמעלעך זיך געניײגט מיט זייערע בונטע קרוינען.

די זון איז מיטאַמאָל ווי אײַנגעזונקען און עס האָט גענומען טונקל ווערן דער הימל. נאָך קוזמא גאַראַשקאַן, וועלכער איז געגאַן דער ערשטער, האָבן זיך געצויגן די כעוורע, אײַנקוקנדיק זיך אינעם געדיכטן וואַלד.

— איר ווייסט, כעוורע, — האָט מאַשע געזאָגט, — אָט דאָס זײַנען איוואַן סערגייעוויטשעס באַליבטע ערטער, אַהער האָט ער ליב געהאַט קומען אַף יאַגד...

— ווער איז ער, איוואַן סערגייעוויטש? — האָט געפרעגט גאַראַשקאַ.

— דער באַרימטער שרײַבער, טורגעניעוו. ערגעץ אין די דאָזיקע קאַנטן האָט ער געלעבט...

— און פונוואַנען ווייסטו עס, טעכטערל? — האָט אַף איר א קוק געטאָן קוזמא גאַראַשקאַ.

— איך האָב געלייענט זײַנע ביכער! — האָט געענטפערט מאַשע.

— אָ-אָ! — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ קוזמא גאַראַשקאַ. — ווען זשע, קורנאָסינקע, האָסטו באַוויזן? פאַרוווּנדעטע ראַטעוועסטו, און ביכלעך לייענסטו...

באַמערקט, אַז דאָס וואָרט „קורנאָסינקע" איז איר ניט אינגאַנצן געפעלן, האָט ער זיך אויסגעהוסט הילכיק און גענומען גיין שנעלער.

— דאָ זײַנען, זעט אויס, אַמאָל געווען א סאַך כײַעס, — האָט באַמערקט וויקטאָר סוואָראָוו.

— איצט קערן זיך דאָ אויך אויסבאַהאַלטן פאַרשיידענע כײַעס... — האָט צוגעגעבן מישקע שערמאַן און איבערגענומען די גיטאַרע אַפן צווייטן אַקסל.

— איצט וועט איר דאָ קיין עק פון קיין כײַע ניט געפינען, — האָט זיך אָנגערופן קוזמא גאַראַשקאַ. — כײַעס האָבן ליב רו...

ער האָט ניט באַוויזן אויסריידן די לעצטע ווערטער, ווי פון די נאָענטע קוסטעס האָט זיך דערטראָגן א טומל, א כראָפּען, שווערע טריט, און ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך אַף דער סטעזשקע באַוויזן א טונקל-ברוינער בער און געבליבן שטיין אַף די הינטערשטע לאַפּעס.

קוזמא גאַראַשקאַ האָט ניט געגלייבט זײַנע אויגן.

דער בער האָט זיך א וואַקל געטאָן, קוקנדיק אַף די מענטשן, וואָס זײַנען שטיין געבליבן, און א כראָפּע געגעבן.

גאַראַשקאַ האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. אין דער רעגע האָט דער בער אָנשטאָט וואַרפן זיך אַף זיי, א דריי געטאָן זיך אַפן אָרט און אָנגעהויבן אונטערטאַנצן, און ווי פאַרנייגט זיך פאַר די איבערגעשראָקענע סאָלדאַטן. יאָ, געווען אין טויזנטער געפאַרן און דאָ זיך איבערגעשראָקן...

— כײַ יאָמו ביס... — האָט אויסגעשטאַמלט גאַראַשקאַ. — וואָס איז עס פאַר א טײַוול? אין דער רעגע איז פון צווישן די ביימער אַרויסגעשפּרונגען א סאָלדאַט מיט אַן אַווטאָמאַט און אויסגעשריִען:

— שיסט ניט! האָט ניט מוירע, ער וועט אײַך ניט טשעפּען. — מיט די ווערטער האָט ער אַרומגענומען דעם בער און אַרײַנגערוקט אים אין מויל א שטיק צוקער.

פונעם נאָענטן ערדשטיבל, וואָס איז געווען פאַרמאַסקירט אונטער די ביימער, זײַנען אַרויסגעלאָפן עטלעכע סאָלדאַטן — סיביריאַקעס. א שלאַנקער, בלאָנדער סטאַרשינא אין א צעכראַסטעטער גימנאַסטיאָרקע מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ איז שטרענג צוגעגאַן צום אַווטאָמאַטלער:

— וויפל מאָל האָב איך געזאָגט, יעפרייטאָר וואַסיליעוו, ניט אָפּלאָזן מיכאַיל וואַסיליעוויטשן פון דער קייט? וואָס פאַר א צירק אָרדנסטו אײַן? עס וועט זיך שלעכט ענדיקן. עמעצער וועט זיך איבערשרעקן און אונדזער מישען דערשיסן. זעסט ניט, די פּעכאָטע האָסטו איבערגעשראָקן אַף טויט...

דער אַווטאָמאַטלער האָט פאַרשעמט אויסגעהערט דעם אויסרייד, אַרופגעוואָרפן אַפן בערס האַלדז די קייט און אים אָפּגעפירט אין דער זײַט.

— דאָס איז טאַקע אַן עמעסער בער, צי אַזוי... — האָט שעמעוודיק געפרעגט מאַשע בערעזינא.

— וואָס זשע, שוועסטערל, אוואדע א לעבעדיקער. האָסט דען ניט געזען, וויאַזוי ער טאַנצט?

— ווי קומט ער צו אײַך?

דער סטאַרשינא האָט דערציילט:

— בא אונדז איז דאָ א סאָלדאַט, קאָליע שומילין. אַן אויסשפּירער. ער שלאָפט דאָרטן אין ערדשטיבל. דאָס איז ער נעכטן געווען אַף יענער זײַט. געבראַכט א „צונג". דעם ערשטן „צונג"... אינדערהיים איז ער געווען א יעגער. מיטן טאַטן געגאַנגען אין טײַגע אַף יאַגד. נו, האָבן זיי געפונען דאָרט א קליין בערעלע. קאָליע האָט עס גענומען מיט זיך אהיים, אָנגעוואַרעמט אַפן אויוון, אָנגעהאָדעוועט. און דאָס בערעלע איז געבליבן בא אים וווינען. זיך צוגעוווינט צו די שכיינים, אויסגעוואַקסן, קיינעם ניט געטשעפּעט. קאָליעס פאָטער איז אוועק אַפן פראָנט. אינגיכן האָט מען אים אויך גערופן. קאָליעס מוטער האָט געהאַט געגנוג דײַגעס אָן דעם בער. און צו קאָליען איז ער געוווינט, גייט פון אים ניט אָפּ אַף קיין טראָט. ווען דער פּאָלק אונדזערער האָט זיך געלאָדן אין עשעלאָן, האָב איך געהייסן קאָליען, ער זאָל אומבאַמערקט פאַר נאַטשאַלסטווע ברענגען אהער מישקען און זאָל ער פאָרן מיט אונדז. איך ווייס איז ער צוגעוווינט געוואָרן צו די כעווּרע און אָן אים קאָנען מיר זיך שוין ניט באַגיין.

— פאַרשטייט זיך, — האָט דער סטאַרשינא צוגעגעבן, — מאַראָקע איז מיט אונדזער מישקען געגוג, נאָר מיט אים איז פריילעכער.

און ער האָט ווײַטער דערציילט:

— ווען מיר זײַנען נאָר אהער געקומען, האָט אונדזער נײַער קאָמאַנדאַרם זיך געיאַוועט, באַשטימט באַקענען זיך מיט די נײַע טיילן. צוגעקומען, און דאָ איז פון דער זעמליאַנקע אַרויסגעשפּרונגען אונדזער מישקע... דער גענעראַל האָט זיך איבערגעשראָקן אָט ווי איר. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן אַרײַנכאַפּן א גוטן פּסק. נאָר מישקע האָט פאַרשטאַנען, ווײַזט אויס, אַז ער ברענט צוזאַמען מיט אונדז, האָט ער גענומען אונטערטאַנצן פאַרן גע-נעראַל, זיך פאַרנייגט פאַר אים, און יענער האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט באַרויִקן. מישקע איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט באַפוילן דעם אינטענדאַנט אויסטיילן פאַר אונדזער צירקאַטש צוקער און פלייש לויט דער נאָרמע...

מאַשע האָט געקײַכט פון געלעכטער, הערנדיק דעם סטאַרשינא. און יענער האָט זיך אָנגערופן, וואַרפנדיק א בליק אַף דער גיטאַרע אין די הענט באַם אָדעסיט.

— עפּשער קאָנסטו אָפּשפּילן „קאַטיושאַ"?

— אויב איר וועט מיך גוט א בעט טאָן...

ער האָט א פיר געטאָן איבער די סטרונעס און אָנגעהויבן שטילערהייט זינגען.

— פאַרוואָס אַזוי שטיל? — האָט דער סטאַרשינא געפרעגט.

— איך האָב מוירע אופוועקן אײַערע אויסשפּירער.

— דאָס איז ניט אַזוי לײַכט. זאָלסט אַפילע שיסן פון האַרמאַטן...

מישקע שערמאַן האָט אָנגעהויבן שפּילן און זינגען העכער. פון הינטער די קוסטעס איז ווידער אַרויס דער בער און גענומען אונטערטאַנצן צום טאַקט.

וויקטאָר סוּוואָראָוו איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו א דעמב און עפּעס שנעל אָנגעוואָרפן אין זײַן אַלבאָם. געצייכנט, געמעקט, וואַרפנדיק בליקן אָט אַפן בער, אָט אַף די סיבירער כעווּרע, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, וועט ער אַמאָל שאַפן א בילד: „אין א שאָ פון שטיל-שטאַנד".

קוזמאַ גאָראָשקאָ האָט זיך אופגעהויבן פונעם גראָז און זיך אָנגערופן:

— נו, כלאָפּצעס, זיך באַקענט מיט אונדזערע שכיינים, זיך אָנגעלאַכט — איז א דאַנק דערפאַר! צײַט אהיים, צו אונדזער כאַטע.

דער סטאַרשינא האָט גענומען דעם עק פון דער קייט, א ווּנק געטאָן צום קאָסאָלאַפּן און אויסגעשריִען:

— אנו, מיכאַיל וואַסיליעוויטש, זײַ אַזוי גוט און געזעגן זיך מיט די גוואַרדייער!

די כײַע, וואָס האָט עפּעס געשמאַק געקײַעט, ליגנדיק אַפן גראָז, האָט זיך אָן איבע-ריקן כיישעק אופגעהויבן אַף די הינטערשטע לאַפּעס, עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, א הייב געטאָן די לאַפּע, ווי אײנער זאָגט: „זײַט געזונט, שכיינים! איר וועט האָבן פרײַע צײַט, קומט ווידער צו אונדז, נאָר פאַרגעסט ניט פאַרכאַפּן מיט זיך מער צוקער פאַר מיר, ווײַל אומזיסט האָב איך ניט ליב צו טאַנצן!"

אַלע האָבן הילכיק געלאַכט און מער פון אַלע — מאַשע בערעזינאַ.

זיי זײַנען שנעל געגאַן אײנער נאָכן אַנדערן מיט דער געדרייטער וואַלד-סטעזשקע און לעבהאַפט באַהאַנדלט די באַגעגעניש מיט די סיביריאַקעס און זייער בער. בלויז וויקטאָר סוואָראָוו האָט געשפּאַנט אַ שווײַגנדיקער, אַ פֿאַרטראַכטער. מאַשע בערעזינאַ האָט אים דעריאָגט און שטילערהייט אַ פֿרעג געטאָן:

— וויטיע, וואָס זײַט איר הײַנט אַזאַ... שווײַגנדיקער?

— גלאַט אַזוי... — האָט ער אָפּ איר אַ קוק געטאָן, — גלאַט אַזוי...

— און וואָס האָט איר די גאַנצע צײַט פֿאַרצייכנט, ווען דער בער האָט געטאַנצט?

— פּאַשעט... — האָט ער געענטפֿערט, — געוואָלט פֿאַרצייכענען די באַגעגעניש מיט די סיבירער כעוורע און מיט זייער טראָפּיי. טײַערע כעוורע. אַ פֿריילעכע געשיכטע. אויף דער מילכאָמע טרעפֿט זעלטן אַזוינס. מעגלעך, עס וועט מיר אַמאָל צוניץ קומען...

מע האָט זיך געלאָזט גיין שנעלער. צײַט איז געבליבן ווייניק.

אַרום האָט געהערשט אַ שטילקײַט — אַ שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם.

מאַשע בערעזינאַ האָט ניט געײַלט געשפּאַנט באַנאַנד מיט וויקטאָרן, פֿילנדיק די וואַרעמקײַט פֿון זײַן האַנט. זי האָט די גאַנצע צײַט געכאַפּט אויף זיך זײַן וואַרעמען בליק. איר האָט זיך געוואָלט, אַז אָט די נאַכט-שטילקײַט, וואָס הערשט אַרום, זאָל אַזוי דויערן אייביק. נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען זיי בלײַבן איצט דאָ אין וואַלד זאַלבעצווייט... נאָר אַפּשטיין האָבן זיי ניט געקאָנט. קוזמאַ דאַנילאָוויטש האָט אונטערגעײַלט.

נאָך אַ פּאָר צענדליק טריט, און עס וועט זיך ענדיקן די סטעזשקע. ריכטיקער, זי וועט זיך פֿאַנאַנדערגיין אין צוויי זײַטן. בײַ דער גרינער באַלקע וועט איר, מאַשען, אויסקומען פּאַרקערעווען צו די ערדשטיבלעך פֿון דער סאַנראָטע, און וויקטאָר מיט זײַנע פֿרײַנט וועלן אַוועקגיין רעכטס צו זייער נאַכטלעגער. בײַביידן אויפֿן האַרצן איז געווען סמוטנע. ווער ווייסט, צי וועט נאָך זײַן בײַ זיי אַזאַ גליקלעכע שאָ?

אויפֿן קרייץ-וועג האָבן זיי פֿאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אײנער דעם צווייטן אין די אויגן. מאַשע האָט געוואָלט נעמען וויקטאָרן פֿאַר דער האַנט, עפּעס אים זאָגן, נאָר דער קאָפּ האָט זיך איר פֿאַרדרייט און זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן...

אַזוי איז מען געשטאַנען אײנער אַקעגן צווייטן און געשוויגן. מאַשע האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט, ער האָט זי שטאַרק, ביז ווייטיק, אַ דריק געטאָן, נאָר זי האָט דעם ווייטיק ניט געפֿילט, פֿאַרקערט, ער איז איר איצט געווען צום האַרצן. זי האָט אין דער מינוט אַליין ניט געוווּסט, וואָס עס קומט מיט איר פֿאָר. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף די שפּיץ פֿינגער, געוואָלט זיך צוטוליען צו זײַנע ליפּן, אים אַרומנעמען, נאָר ווי אַפּצולאָכעס האָט זיך דערהערט קוזמאַ דאַנילאָוויטשעס קאָל:

— ניט אָפּשטיין!

מאַשע האָט אַ ציטער געטאָן, אָפּגעטראָטן פֿון וויקטאָרן און שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָך איז זי געווען צופֿרידן, וואָס זי האָט ניט דערלאָזט קיין שוואַכקײַט און ניט אַ קוש געטאָן דעם באָכער די ערשטע. ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט דערנאָך געטראַכט וועגן איר?

זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זײַ געזונט... זײַ געזונט, טײַערער...

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָט מאַשע זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקוקט, נאָר דאָרטן, וווּ זיי זײַנען אַקאָרשט געשטאַנען, איז וויקטאָר שוין ניט געווען, און צו איר האָט זיך בלויז דערטראָגן דאָס ווערטל פֿונעם גוואַרדיע-לייטענאַנט:

„כײַ יאָמו ביס!..״

11

קוזמאַ גאַראַשקאָ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף זייער פֿרי, גלײַך ווי עס וואָלט אים עפּעס אַ שטאָך געטאָן. דורך דעם צעעפֿנטן טירל פֿונעם ערדשטיבל האָט ער דערזען אַ ווינקל פֿונעם אויסגעשטערנטן הימל. זײַנע סאָלדאַטן זײַנען געשמאַק געשלאָפֿן נאָך דעם נעכטיקן שפּאַציר אין וואַלד צו די סיביריאַקעס.

וויאַזוי צעשטערט מען זיי אַזאַ שטאַרקן שלאָף? ער איז געזעסן אַ פּאָר ווײַלעס אויף דער נאַרע, אַרומגעכאַפּט מיט די שטאַרקע הענט די קני. אַ ריין אָפּגעגאָלטער און אַקוראַט

אונטערגעשווירענער, אַן אויסגעוואַשענער, מיט עטוואָס אונטערגעקירצטע וואָנצעס, האָט ער אויסגעזען ייִנגער, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן. דער אָנגעשטרענגטער בליק זײַנער איז געווען געווענדט אַהין, צום ראַנד פֿונעם אויסגעשטערנטן הימל. ער האָט איצט בעמעס אויסגעזען, ווי אַ טרײַער פּאַטער, וואָס זיצט איבער זײַנע אײַנגעשלאָפֿענע זין, מיט וועלכע ער דאַרף זיך לאָזן אין פֿעלד אַרײַן צו דער אַרבעט, נאָר וואַרט — זאָלן זיי נאָך אַ פּאָר מינוט אַזוי שלאָפֿן.

אַ קראַץ געטאָן די האַריקע ברוסט, האָט ער זיך ענערגיש אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און פּאַרזיכטיק, מיט זײַן עטוואָס הייזעריקלעכער שטים, אויסגערופֿן:

— נו, כלאָפּצעס, גענוג צו פּאָפֿן! פֿריילעכער רירט זיך, קינדערלעך! עס האָט זיך געענדיקט אונדזער קוראָרט!

ער האָט פֿאַרייכערט, זיך טיף פֿאַרצויגן מיטן טערפּקן רויך, פֿאַרדײַגעט אַרומגעקוקט דאָס גערעמע ערדשטיבל, הערנדיק, ווי די כעוורע גענעצן הויך, הוסטן אונטער — אוי, ווי עס גלוסט זיך ניט איבערײַסן אַזאַ גוטן שלאָף — און פֿאַרגעזעצט אונטערײַלן:

— פֿריילעכער, כעווריע! רירעוודיקער!

אינעם ערדשטיבל און אין די נאָענטע, אַרומיקע ערדשטיבלעך האָט זיך אופֿגעהויבן אַ גערודער, די סאָלדאַטן פֿון גאַראַשקאָס ראָטע זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די נאַרעס און זיך גענומען שנעל אָנטאָן, זיך געשטויסן אין דער ענגשאַפֿט, געשטערט איינער דעם צווייטן. און דער ווזוואָדנער איז שוין געשטאַנען פֿון יענער זײַט שטיבל און דאָס ווײַלטע מאָל איבערגעכאַזערט:

— שנעלער, קינדערלעך, שנעלער. זעט, פֿאַרגעסט דאָ גאָרניט. אַלץ דאַרף מען מיט זיך מיטנעמען. גיכער, מע וואַרט דאָרט אויף אונדז!..

מישקע שערמאַן האָט, אַרופֿשלעפּנדיק אַפֿן פֿוס דעם שטיוול, אַ טאַרע געטאָן מיטן עלנבויגן וויקטאָר סוואַראָוון.

— איך האָב נעכטן באַמערקט, ווי עס האָט זיך אײַך ניט געוואָלט צעשיידן. ביסט, ברודערקע, אַ גליקלעכער... מיט אַלע כעוורע איז מאַשע בערעזינאַ — אײַזן, און פֿון דיר, זע איך, האַלט זי...

— וואָס פּלאַפּלסטו, מישקע, זי איז מיט אַלעמען אַלציינס. צו אַלעמען באַציט זי זיך גוט, — האָט איבערגעשלאָגן וויקטאָר.

— דערצייל דער באָבען! וואָס זשע, איך האָב ניט געזען, מיט וועלכע אויגן זי האָט אויף דיר געקוקט. און דו ביסט אויך ניט גלײַכגילטיק צו איר...

וויקטאָר האָט אויף זײַן פֿרײַנט גוטמוטיק, באַרויגעזלעך אַ קוק געטאָן און יענער האָט זיך פֿאַרכאַפּט:

— נו גוט, איך זע, אַז די שטימונג איז בײַ דיר עטוואָס קאַליע... איך בין אַ גוטער מייוון אויף אַזעלכע זאַכן. נאָר, מיילע. ווער עס פֿאַרגינט דיר ניט, זאָל אַליין ניט האָבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַ טראַכקערײַ פֿון רעדער און עס איז צוגעפֿאָרן די קיך, פֿון וועלכער עס האָט זיך צעטראָגן דער געשמאַקער גערוך פֿון אַ סאָל־דאַטישן סופּ.

אַפֿן גראָז, אונטער אַ צעצווײַגטן אַלטן דעמב, זײַנען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט די קאָטעלאָקלעך, און דער קעכער, אַ הויכער, דאַרער באַכער אין אַ ניט גאָר פֿרישן פֿאַרטעך און אין אַ הויכן קאָלפּעק אַפֿן קאָפּ, האָט פֿלינק אַרודערגעשלאָגן מיטן טשערפּאַק.

ניקיטין האָט צעבונדן דאָס זעקל, אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרטן עטלעכע לעבלעך ברויט און שנעל גענומען צעשנײַדן און צעטיילן די כעוורע זייערע היפּשע פּאַרציעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ פֿליאַגע, אונטערגעוווּנקען צו די כעוורע, מע זאָל אונטערשטעלן די קווערטלעך, און פּאַרזיכטיק, ווי אַן עכטער אַפּטייקער, צעטיילט דעם נאַרקאָמאַווסקע געטראַנק.

דער קאָמאַנדיר האָט אַרײַנגעקוקט אין זײַן קווערטל:

— ניקיטין, האָסט קיינעם ניט פֿאַרטיילט?

— זאָל גאָט היטן — האָט געענטפֿערט ניקיטין. — געוויס, ווער זשע זאָגט זיך אָפּ פֿון אַזאַ טײַערן געטראַנק? עס איז דאָך אַ גוטע רעפֿוּע פֿון אַ צוקילונג, אַ קאַטער. עמעס, פֿריִער האָט וויקטאָר סוואַראָוו זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן פּאַרציע, נאָר איצט איז ער געוואָרן קליגער...

— נו, קינדער, צוביסלעך שטערט ניט... — האָט זיך אויסגעהוסט קוזמא גאַראַשקאָ.— אַדאַנק אונדזער נאַטשאַלסטווע, האָבן מיר זיך מיט אײַך ניט שלעכט אָפּגערוט. צײַט זיך אומקערן צו אונדזער כאַטע... דאָ איז אונדז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט שלעכט. נאָר מיר דאַרפן ווידער גיין צו אונדזער אַרבעט. זי וואַרט דאָרט אויף אונדז!

ער האָט, זעט אויס, נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס האָט בא אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער א ווונק געטאָן צו די כעווראַ, א מאַך געטאָן מיט דער פרײַער האַנט אינדערלופטן, אויסגעטרונקען דאָס ביסל מאַשקע און געצומען געשמאַק פאַרבײַסן.

— נו, כלאַפּצעס, אויב איר האָט אָפּגעגעסן, קאָן מען זיך לאָזן אין וועג, — האָט דער ערשטער זיך אופגעהויבן גאַראַשקאָ. — איין זאַך וועל איך אײַך בעטן — נאָכאַמאָל א קוק טאָן, צי האָט איר גאַרניט פאַרגעסן און אַלץ געצומען מיט זיך.

— אַלץ געצומען, גוואַרדיע-לייטענאַנט! — האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען.

מישקע שערמאַן איז זיך שנעל דורכגעגאַן איבער די ערדשטיבלעך, וועלכע די כעווראַ האָבן נאָרוואָס פאַרלאָזט, און אָפּגעראַפּאָרטירט דעם קאָמאַנדיר, אַז אַלץ האָט מען מיט זיך געצומען און גאַרנישט ניט פאַרגעסן.

גאַראַשקאָ האָט דערלאַנגט א קאָמאַנדע:

— אַנו, גוואַרדיע, ענדיקט פלאַפּלען און וואַרפט אוועק דאָס רייכערן! נאָך מיר, שאַ-גאָם מאַרש!

מישקע שערמאַן האָט פאַריכט די גיטאַרע אויפן אַקסל און זיך געלאָזט גיין בא דער זײַט פון דער געדרייטער וואַלדישער סטעזשקע.

איבערן קאָפּ האָבן געדרישט די שלאַנקע בעריאָזעס און עס האָבן איינטאָניק גע-קרעכצט די הונדערטיאָריקע דעמבעס. אַן איינזאַם שטיקל לעוואַנע האָט נאָך געבלאָנקעט אין הימל צווישן די לײַכטע וואָלקנדלעך, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין צונויפגיין און פאַנאַנדערגיין זיך. אָט איז שוין דער וואַלד געוואָרן שיטערער, און פאַר די אויגן האָט זיך באַוויזן א ברייטע לאָנקע, אַן איבערגעגראָבענע אין אַלע ריכטונגען. אהער און אהין האָבן זיך געצויגן טראַנשייען און אַנגעזאָגט, אַז צו דער פאָדערשטער פּאָזיציע איז שוין ניט ווײַט.

קוזמא גאַראַשקאָ האָט זיך אויף א רעגע פאַרהאַלטן, זיך אַרומגעקוקט און אָנגערופן:

— ציט זיך אונטער, ניט אָפּשטייַן! ביז עס וועט ליכטיק ווערן, דאַרפן מיר זיך דער-קלײַבן אויף אָן אָרט... די פריצן כראָפּען נאָך...

מע איז דורכגעגאַן די גרויסע לאָנקע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין די ערד-דורכגאַנגען. די נאָענטקייַט פון דער פאָדערשטער פּאָזיציע האָט זיך געלאָזט הערן שטאַרקער און גע-צווונגען זיך באַוועגן שנעלער.

מע האָט שוין אָנגעזען פונדאַנען די „כאַטע", ווי קוזמא גאַראַשקאָ האָט עס אָנגערופן. מע האָט זיך דערנעענטערט צו דעם שטיקל ערד, וואָס מע האָט צוריק מיט עטלעכע כאָ-דאָשים גוט פאַרפעסטיקט און וואָס עס שטייט פאַר צו פאַרטיידיקן ביזן לעצטן אָטעם, ווען עס וועט אויסברעכן דער שטורעם.

קוזמא גאַראַשקאָ איז געבליבן צופרידן, ער האָט געטראָפן זײַן „כאַטע" אין פולער אָרדענונג, פונקט אזא, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט.

ווי שנעל האָבן זיך דורכגעטראָגן די גאָלדענע טעג פון אָפּרו און ווי פּאַמעלעך האָבן זיך אוועקגעצויגן די טעג פון סאָלדאַטישער האָרעוואַניע! אומהיימלעך און ענג איז געווען אויף דעם שטיקעלע ערד, אויף דעם באַרג-שיפּוי, אַן איבערגעאַקערטן מיט מינעס און סנאַ-ריאַדן. וויפל בלוט איז דאָ שוין פאַרגאָסן געוואָרן... נאָר דאָס שווערסטע שטייט דאָ ערשט פאָר — דאָס האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען. מע דאַרף זיך אָנעמען מיט מוט, מיט קויך. פונדאַנען איז נישטאָ ווּהין אָפּטרעטן... דער פראָנט האָט זיך צעצויגן אויף א מעהאַלעך פון הונדערטער קילאָמעטער — עטלעכע אַרמייען שטייען דאָ — און זיי, קוזמא גאַראַשקאָן מיט זײַנע מענטשן, איז אויסגעטיילט בלויז א שטיקל ערד, וואָס מע מוז אום יעדן פרײַז האַלטן, ניט אָפּטרעטן אויף קיין טראָט!

דערווײַל הערשט נאָך אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייַט. בלויז הויך אין הימל הערט זיך א געבערום פון א פּײַנטלעכן אַעראָפּלאַן, אַן אויסשפּירער, א „ראַמע". זי דרייט זיך אונטער די וואָלקנס און פאָטאָגראַפירט די פּאָזיציעס אויף דער ערד און דאָס, וואָס זי זעט, די „ראַמע", אויף דער ערד, גיט זי איבער אירע באַלעבאַטים.

12

אַלעמען אויפֿן פֿראָנט זײַנען גוט באַקאַנט די פּאָוואָדקעס פֿון די דײַטשישע „ראַמעס" — די עראָפּלאַנען-אויסשפּירער. געװיינטלעך, זיי זאָלן זיך דאָ ערגעץ באַװײַזן, — וואַרט אויף אַן אָנפֿלי פֿון די פֿאַשיסטישע באָמבאַרדירער.

דאָס מאָל איז אויך אַזוי געװען.

אין א האַלבער שאָ אַרום נאָך דעם, ווי דער לופֿט-אויסשפּירער האָט אָפּגעזשומעט און אַנטרונען געװאָרן, האָט זיך אַהער דערטראָגן א שטאַרקער געבראָם פֿון שווערגעלאָדענע באָמבאַרדירער. א גאַנצע טשאַטע שפּאַרבערס מיט גרויסע קרייצן אויף די פֿליגלען האָט זיך דערנעענטערט אַהער.

שטייענדיק באַנאַנד מיט מישקע שערמאַנען, האָט וויקטאָר סווואָראָוו זיך צוגעטוליעט צום ווענטל פֿון דער טראַנשיי. מע קאָן ניט זאָגן, אַז עס איז געװען גאָר פֿריילעך אויפֿן האַרצן, קוקנדיק אויף אַזאַ האַרמאַדע גרילצנדיקע פֿייגלען. א שטאַרקער אומרו האָט אים אַרומגעכאַפּט, און ניט נאָר אים איינעם. ער האָט אויף יעדן פֿאַל אויפֿגעהויבן דעם אויטאָמאַט, צילנדיק זיך אין דעם ערשטן עראָפּלאַן. וויקטאָר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיטן אויטאָמאַט וועט ער גאָר-נישט ניט מאַכן, ווען די עראָפּלאַנען פֿליִען אַזוי הויך, נאָר דאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿילן עטוואָס שטאַרקער. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון אַזאַ הייך טרעפֿן אין טראַנשיי איז ניט אַזוי גרינג — די באָמבעס רײַסן זיך אַרום, די שפּליטערס טרעפֿן אַהער זעלטן, און דאָך האָט ער דערפֿילט, ווי מורעשקעס זײַנען דורכגעלאָפֿן איבערן לײַב, און א געפֿיל פֿון שרעק האָט אים אויף א פּאָר ווײַלעס באַהערשט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי ער האָט זיך דערשראָקן. צי דען קאָן אים טרעפֿן א שפּליטער פֿון א באָמבע און איבעררײַסן זײַן לעבן? געקומען אַהער פֿרײַוויליק, קעדיי נעקאָמע נעמען פֿאַר זײַן פֿאָטער, פֿאַר דעם צעטאָפּטשעטן לעבן, פֿאַר דעם לאַנד, פֿאַר דער לײַבלעכער ערד... און אָט שטייט ער אַן אומבאַהאָלפֿענער מיטן אויטאָמאַט אין די הענט אונטערן געבראָם פֿון די באָמבאַרדירער...

ניין, ניין, מיט אים וועט ניט געשען קיין שלעכטס, עס טאָר אים און וועט אים ניט טרעפֿן. די שפּליטערס וועלן אים ניט אָנרירן. ער איז דאָך אייגנטלעך נאָך ניט געװען אין קיין איין רעכטער שלאַכט!

די שאָטנס פֿון די עראָפּלאַנען באַוועגן זיך איבער דער ערד, איבער די גראָז, קוסטעס...

מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק שפּירט נאָך די באָמבאַרדירער קוזמאַ גאָראַשקאָ. אַלע זײַנען אײַנגעשטילט געװאָרן, אַפֿילע דער באַריידעוודיקער סערזשאַנט מישקע שערמאַן. ער האַלט גרייט זײַן קעגנטאַנקען-ביקס לעבן זײַן „זעניטקע ק.ג." און וואַרט, די עראָפּלאַנען זאָלן זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער.

די צײַט האָט זיך, דאַכט זיך, אָפּגעשטעלט. ניין, זי באַוועגט זיך מוירעדיק פּאַמעלעך. אָט זײַנען שוין די באָמבאַרדירער גאָר נאָענט, איבערן קאָפּ; אָט האָט זיך פֿון דאָרטן עפּעס א שאָט געטאָן, עפּעס האָט זיך צעוואָיעט, ווי א טשאַטע הונגעריקע וועלף וואָלטן אויפֿגעהויבן א געיאָמער, באָמבעס פֿײַפֿן אײַנדערלופֿטן; אָט האָט א שרעקלעכן ציטער געטאָן די ערד. דאָ און דאָרט האָבן זיך אויפֿגעהויבן הויפֿנס, פֿאָנטאַנען ערד, רויך, שטויב, און די זון איז ווי אויסגעלאָשן געװאָרן. די אַרומיקע לופֿט איז מיטאַמאָל אָפּגעסאַמט געװאָרן, און עס איז ניט געװען מיט וואָס צו אָטעמען... ווידער האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אויפֿרײַסן, און נײַע פֿאָנטאַנען האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די אַלטע. שפּליטערס האָבן געקאָסעט דאָס הויכע גראָז, די קוסטעס. נאָר די באָמבעס האָבן זיך געריסן ווײַטער פֿון די טראַנשייען און אַהער ניט דערגרייכט.

די געפֿאַר איז, דאַכט זיך, אָפּגעטראָטן. ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט זיך עטוואָס אַרויסגערוקט פֿון דער טראַנשיי און גלײַך דערהערט די זידלערײַ פֿונעם גוואַרדיע-לייטענאַנט:

— מעשוגע, וויקטאָר? וואָס האָסטו זיך אַרויסגערוקט?! אין טראַנשיי, שנעלער!

אין איין אויגנבליק איז דער באָכער אַראָפּגעשפּרונגען אויפֿן דעק פֿון דער טראַנשיי, זיך צוגעשפּאַרט צום ווענטל, זיך אײַנגעקנוילט, פֿאַרטײַעט. און מיטאַמאָל איז ער פֿאַרטויבט געװאָרן פֿון א מוירעדיקן אויפֿרײַס. אָט דאָ, ניט ווײַט פֿון זײַן ווינקל... עמעצער איז צוגעלאָפֿן צו אים — דער קאָמאַנדיר. עפּעס האָט ער געשריִען, נאָר וויקטאָר האָט ניט געהערט.

ווידער האָבן די באָמבאַרדירער געמאַכט אַ נײַעם קרײַז, זיך דערנעענטערט צו דעם באַרג-שיפּוי, אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע באָמבעס, נאָר אויך דאָס מאָל האָט עס זיי אָפּגעטראָגן ווײַטער, אין פעלד אַרײַן, און קיינעם אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס ניט פאַרטשעפּעט.

— נו אָט, וויקטאָר, — האָט זיך אָנגערופן קוזמאַ גאָראַשקאָ, — האָסט געזען, וויפל שטאָל די טײַוולאָנים האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַף אונדז און קיינעם פון אונדזערע ניט פאַרטשעפּעט, נאָר די ערד איבערגעאַקערט?..

— נאָר פאַרוואָס שווײַגן אונדזערע זעניטקעס? מע האָט געזאָגט, אַז אַהער איז געקומען אַ שטאַרקער קעגנלופט-קויעך און מע וועט אַהער מער ניט צולאָזן די פײַנטלעכע באָמבאַרדירער. טאָ וואָס זשע באַקומט זיך? — האָט איבערגעשלאָגן וויקטאָר סוואָראָוו, וועלכער איז שוין אינגאַנצן געקומען צו-זיך.

— אַ מילכאָמע, — האָט געענטפערט גאָראַשקאָ, — איז אַ כיטרע זאַך. יעדער צאַד וויל איבערכיטרעווען דעם אַנדערן. ווי טראַכסטו, פאַרוואָס זײַנען די פריצן פלוצעם געקומען אַהער צוגאַסט? זיי האָבן פּאַשעט געוואָלט אַרויסרופן אַף זיך דאָס פײַער פון אונדזערע זעניטקעס, קעדיי קלאָר מאַכן פאַר זיך, ווו זיי שטייען. מע וועט פאַרצייכענען, ווו די זעניטקעס אונדזערע שטייען, און בעשאַס עס וועט זיך אָנהייבן די גרויסע שלאַכט, זאָל מען זיי קאָנען פאַרניכטן. פאַרוואָס האָבן ניט געשאָסן אונדזערע זעניטקעס, פרעגסטו? טאַקע צוליב דעם, זיי זאָלן זיך ניט אַנטפּלעקן. אַ מילכאָמע — דאָס איז אַ שפּיל אין שאַך. איין ניט-געלונגענער גאַנג, און כאַפּסט אַרײַן אַ מאַט! פאַרשטאַנען?

— געוויס פאַרשטיי איך, — האָט געענטפערט וויקטאָר, — אָבער ניט אַלץ. די פריצן פליִען איבער אונדז, באָמבירן און אונדזערע פליִען ניט אַרויס אַנטקעגן, קלאַפּן זיי ניט אַראָפּ...

— זאָג מיר נאָר, וויקטאָר, — האָט כיטרע אַ קוק געטאָן אַף אים קוזמאַ גאָראַשקאָ, — עפּשער ווילסטו אָנקומען אין הויפּט-שטאַב און געבן אונדזער נאַטשאַלסטווע דײַנע קלוגע אייצעס? סטראַטעגיע, ברודערקע, סטראַטעגיע... און — אויסגעהאַלטנקײַט. פאַר יעדן איבס — זײַן צײַט. מירן לעבן, וועלן מיר זען.

דעם קאָמאַנדירס רייד האָבן אַ ביסל אָנגערירט וויקטאָרס האָנער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דערקלערט יענער אים אַזעלכע פּאַשעטע זאַכן? און שוין דאָס וויפלטע מאָל! צי דען מיינט ער, אַז ער, וויקטאָר, פאַרשטייט שוין גאָרניט און איז אַ פּאַכדן? וואָס זשע, קוזמאַ גאָראַשקאָ האָט שוין פאַרגעסן יענע שלאַכט, ווען ער מיט מישקע שערמאַנען האָבן פאַרכאַפּט אין געפענקעניש אַ פעלדפעבעל און האָט באַקומען דערפאַר די ערשטע שלאַכט-באַלוינונג? אַלע עלטערע סאָלדאַטן באַציִען זיך צו אים זינט יענער צײַט, ווי צו אַ גלײַכן, מיט אַכטונג. אַלע ווייסן, אַז ער וועט ניט אונטערפירן אין שלאַכט. עטלעכע שאָ פאַרן פונדאַנען, ניט גאָר ווײַט, געפינט זיך זײַן געבורט-שטאָט, און דערפון, וויאַזוי עס וועט זיך דאָ ענדיקן די שלאַכט, איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, געלערנט, געטרוימט, ווו עס וווינט זײַן ליבע מוטער, די פרײַנט, זײַנע כאַווײרים.

יאָ, עס איז עמעס, ער איז אויפן פראָנט דאָ ניט זייער לאַנג און אים איז נאָך ניט אויסגעקומען אָנטיילנעמען אין גרויסע שלאַכטן, נאָר אַלע ווייסן, אַז ער איז שוין ניט קיין גרין סאָלדאַטל, וואָס בוקט זיך פאַר יעדער פאַרשיווער קויל אָדער מינע. ער איז שוין ניט יענער, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג מיט זײַן אויפירונג אַרויסגערופן שמייכעלעך און וויצן. ער איז שוין אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון אָט דער פרײַנטלעכער, פאַרהאַרטעוועטער מישפּאָכע, וואָס איז צו אַלע געפאַרן גרייט.

נאָר ער גלייבט, אַז ער וועט לעבן. אַזויפיל פלענער בא אים! און אויב די סאָלדאַטישע דאָליע וועט צו אים זײַן מילד און ער וועט בעשאָלעם דורכגיין די מילכאָמע, וועט ער נאָך אַזויפיל קאָנען אויפטאָן! בא אים אינעם סאָלדאַטישן זעקל געפינען זיך פאַרפולטע מיט צייכענונגען און עסקיזן אַלבאָמען, בלאָקנאָטן. דאָס וועט אים סטײַען אויפן גאַנצן לעבן, אויב ער וועט ווערן אַ קינסטלער. ער שלאָפט און זעט אין כאָלעם זײַנע קינפטיקע בילדער.

מישקע שערמאַן איז אויך די לעצטע צײַט געוואָרן אײַנגעהאַלטענער, שטילער. זײַן גיטאַרע הענגט אין בלינדאַזש אַ פאַרשטויבטע, און מישקע רירט זיך צו איר ניט צו. פונקט אַזוי שטייט אין אַ זײַט דער פעמפּיקעוואַטער סאַמאָוואַר. מע זידט אין אים ניט קיין טיי. אַלע זײַנען געוואָרן אָנגעשטרענגטער, שטרענגער אין דערוואַרטונג פונעם שטורעם, וואָס האָט אָט-אָט געזאָלט אויסברעכן.

שפעט באנאכט האָט פון יענער זײַט פראָנט־ליניע, פון די דײַטשישע אָקאָפּעס, זיך דערטראָגן א הײזעריקער געשריי אין רופאַר. עמעצער האָט דאָרט אף א צעבראָכענעם רו־סיש געגוואלדעוועט:

— רוסישע זאָלדאטן! גיך וועט קומען אײַער סאָף! דער ווינטער איז אײַערער, דער זומער — אונדזערער! אויב איר ווילט לעבן בלײַבן, גייט אריבער צו אונדז. בלויז דאָס קאָן ראטעווען אײַער לעבן! בא אונדז איז דאָ געהיים געווער! מיט אונדז איז דער פירער! גאָט מיט אונדז! מיר וועלן דאָ נעמען נעקאָמע פאר סטאַלינגראד! רוס זאָלדאט, קאָם צו אונדז אין פּלען! בא אונדז וועט אײַך דאָ זײַן גוט. איר וועט באקומען זופּע, קאשע און שנאפּס!

— איר הערט, וואָס פאר א גליקן פריץ זאָגט אונדז צו? א כאָליערע אף אים! — האָט זיך אָנגערופן קוזמא גאַראַשקאָ און זיך אויסגעזידלט. — זופּע און קאשע וועלן זיי אונדז געבן, א טויט אף זיי! סטאַלינגראד האָבן זיי פארגעדענקט. סטאַלינגראד זיצט בא זיי אין דער לעבער. וואָרט, האַדיוקעס, איר וועט ערשט בא אונדז באקומען אזוי, אז איר וועט צו אײַער בערלין ניט געפינען דעם וועג!

פון יענער זײַט טראנשייען האָבן א קלאַפּ געטאָן אונדזערע הארמאטן און מינענוואר־פערס אין יענער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דאָס בייזע קאָל פונעם רופאַר. דאָס האָבן אונדזערע הארמאטלער זיי מעכאַבעד געווען מיט פײַער. דאָס קאָל איז שטיל געבליבן.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאכט, ווען מישקע שערמאַן און וויקטאָר סוואָראָוו, וואָס זײַנען געשטאַנען אף דער וואך און געשפּירט נאָך די פײַנטלעכע פּאָזיציעס, האָבן דערהערט א טופּען פון שטיוול און א שווערן אָטעם.

וויקטאָר האָט זיך א נעם געטאָן פארן אויטאָמאט:

— שטיי! ווער גייט? פּאַראָל?

— בעריאָזאָ! — האָט זיך דערהערט דער ענטפער, און אינעם דורכגאנג האָט זיך בא־וויזן א וווּקסיקער סאָלדאט מיט א האַנט־קוילנוואַרפער אפן אַקסל און נאָך אים — א קייטע־לע סאָלדאטן:

— מאַלאַדצי, גוואַרדייער! און מיר האָבן געמיינט, אז איר שלאָפט!

— דאָ געפינט זיך קוזמא גאַראַשקעס ראָטע? — האָט דער וווּקסיקער א פרעג גע־טאָן, — נעמט אוף א פארפעסטיקונג!

— דאָס איז זייער גוט און צו דער צײַט! — האָט געענטפערט מישקע. — מיר קוקן שוין אף אײַך לאַנג ארויס.

ער האָט געוואָלט אופוועקן קוזמא גאַראַשקאָן, וועלכער האָט זיך דאָ ניט לאַנג צוגע־שפּארט, נאָר א קלער געטאָן: זאָל יענער זיך א ביסל אָפּרוען.

דער לאַנגער סאָלדאט מיט די קורצע שווארצע וואָנצעלעך, וואָס האָט גערעדט מיט א שטארקן אקצענט, האָט אראָפּגענומען א שווער־געלאָדן זעקל און זיך אָנגערופן:

— דאָס האָב איך אײַך געבראַכט א מאַטאָנע פון דעם קאָמבאט, פונעם גוואַרדיע־מאַיאָר אוועטיסיאַן. פּראָדוקטן פאר די כעוורע...

— אָ, דאָס האָסטו, ברודערקע, געטאָן, ווי א כאַכעם! — האָט זיך דערפרייט דער סערזשאַנט. — נאָר דו, ברודערל, האָסט ניט געזאָגט, ווי מע רופט דיך...

— מיך? — האָט יענער א שמייכל געטאָן. — איבראַגימאָוו יוסיף אכמעד מוסא אָגלי...

— מאַמעלע געטרײַע! — האָט זיך דערשראָקן מישקע. — וויאַזוי קאָן מען פארגעדענ־קען אזא לאַנגן נאָמען? מע קאָן זיך די צונג צעברעכן... צי קענסטו דאָס ניט מאכן קירצער? ווערסט זיך ניט באַליידיקן?

— ניין, מײַן טײַערער, איך וועל זיך ניט באַליידיקן, אויב דו ווערסט מיך רופן פּאָשעט יוסיף... איך בין פון באַקו, פון אזערבײַדזשאַן, פארשטייסט, א נאַפטלער... און אָפּעראַטאָר... פארשטייסט? בא אונדז זײַנען לאַנגע נעמענער... יוסיף... — האָט געענטפערט דער באָכער.

— אָט דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש! אזוי וועלן מיר טאַקע פארשרײַבן — יוסיף.

עס זײַנען צוגעקומען נאָך סאָלדאטן, באוואָפנטע, מיט רוקזעקלעך אף די פּלייצעס און נאָך זיי א קליינוווּקסיקער סערזשאַנט מיט א שווער מעדיצין־רענצל אפן אקסל. ווען דאָס יונגע ריפּטל לעוואָנע האָט זיך ארויסגערוקט פון צווישן די וואָלקנדלעך, איז מישקע שער־מאַן געבליבן שטיין מיט א ברייט צעעפנטן מויל פאר כידעש:

— מאַמעלע געטרײַע, וועמען זע איך? עס! מאַשע בעריעזינאַ! אונדזער רעטערין? ווי קומסטו אהער?

— אזוי ווי דו, ווי איר אלע... — האָט זי בייזלעך געענטפערט. — מע האָט מיך צו־געפעסטיקט צו אײַער גוואַרדיע...

געכאַפּט אַף זיך וויקטאָר סווואָראָווס בליק, פאַרגעזעצט:

— וואָס זשע, אײַך געפעלט ניט, וואָס א סאַנינסטרוקטאָר איז צו אײַך געקומען, צי קיין פלאַץ פאַר מיר וועט דאָ בא אײַך ניט זײַן?

— פאַרקערט, מאַשענקע! מיר זײַנען זייער צופרידן... — האָט איבערגעשלאָגן מישקע שערמאַן. — נאָר פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָ וועט זײַן ניט פריילעך, ווען דער סאַבאַנטוי וועט זיך אָנהייבן...

— נישקאָשע, צו אַזעלכע זאַכן זײַנען מיר געוווינט...

זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר אָפּגעבליאַקעוועטער סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע, אין די גרויסע קירזעווע שטיוול.

„א וווּנדערלעך מיידל, — האָט א טראַכט געטאָן מישקע שערמאַן. — דאָרטן, אין וואַלד, ווײַטער פון דער פאָדערשטער פאָזיציע, איז די סאַנינסטרוקטאָרס ניט גרינג, קיינער פון זיי לעקט דאָרטן ניט קיין האָניק, נאָר דאָ, אין די אָקאָפּעס, ווו א פּאַסיקל „קיינעמס ערד" טיילט זיי אָפּ פון דעם סוינע... זי איז געקומען אַפן סאַמע הייסן פּונקט פון דער פאָדערשטער פאָזיציע".

מישקע האָט א רוף געטאָן וויקטאָרן:

— זעסט, וויטיע, ווער עס איז צו אונדז געקומען? באַגריס אונדזער רעטערן...

יענער האָט זיך פאַרלוירן און דאָך דערלאַנגט די האַנט און זיך אָנגערופן:

— דאָרט איז רויִקער פאַר דיר, מאַשע...

זי האָט א שמייכל געטאָן און איבערגעשלאָגן:

— אין שטוב אַפן אויוון, וויקטאָר, זאָגט מען, איז נאָך רויִקער...

עס איז צוגעקומען ניקיטין, באַמערקט מאַשען:

— זע נאָר, און דיך, טאַכטערקע, וואָס פאַר א ווינט האָט אהער צו אונדז פאַרטראָגן?

— דאָרטן, פּאַפּאַשע, איז אומעטיק. בא אײַך איז פריילעכער, בין איך געקומען אהער, — האָט זי געענטפערט.

— יאָ, זעט אויס, קורנאָסע, אַז דאָ וועט בעעמעס איינגיכן זײַן פריילעך.

— וואָס איז דאָרט פאַר א מיטינג?! — האָט זיך דערהערט גאָראָשקאָס באַס פון עם בלינדאַזש, — וואָס טומלט זיך דאָרטן?

— מע האָט צוגעשיקט א פאַרפעסטיקונג!

— אָט דאָס איז גוט. שוין לאַנג צײַט... — האָט ער זיך אָנגערופן און אַרויסגעגאַן פון עם בלינדאַזש.

— וואָס פאַר א פאַרפעסטיקונג, שערמאַן? פאַרוואָס האָסטו מיך גלײַך ניט אויפגעוועקט?

באַטראַכט די געקומענע, האָט קוזמאַ גאָראָשקאָ אָפּגעשטעלט דעם בליק אַף מאַשען:

— זע נאָר, סאַרא גאַסט! דו באַגלייטסט די כעוורע? — האָט ער א ווונק געטאָן אַף די געקומענע.

— איך בין ניט קיין גאַסט, — האָט זי געענטפערט, — איך וועל דאָ מיט אײַך דערווײַל פאַרבלײַבן. — און צוגעגעבן: — גוואַרדיע-לייטענאַנט, עפּשער וועט איר אָפּטיילן דער מעדיצין א ווינקל?

— דער מעדיצין? מיטן גרעסטן קאָוועד! ווער זשע קאָן זיך באַגיין אָן אײַך?.. — און, דערזען בא דער זײַט דעם פאַרוויטלטן וויקטאָר סוווּאָראָוון, האָט ער געזאָגט: — פיר אַוועק די מעדיצין אין בלינדאַזש, און זאָלן זיי זיך אויסקלײַבן א ווינקל.

און אליין נעענטער צוגעגאַן צו די געקומענע סאָלדאַטן.

ער האָט זיך געגריסט מיט יעדן איינעם פאַר דער האַנט, זיך אויפמערקזאַם אײַנגעקוקט אין די נײַע פּנעמער, ווי ער זאָל זיי וועלן אַף שטענדיק פאַרגעדענקען. קימאַט אלע נײַגעקומענע זײַנען שוין געווען אין שלאַכט, אייניקע האָבן זיך ערשט ניט לאַנג אומגעקערט פון די האָספּיטאַלן. הייסט עס, זײַנען עס שוין געניטע סאָלדאַטן און מיט זיי וועט קיין סאַך מאַראַקע ניט זײַן. ער האָט יעדן איינעם פון די נײַע באַוויזן זײַן אָרט און דערקלערט זײַן נאָענטע אויפגאַבע.

קוזמאַ גאָראָשקאָ איז אָפּגעגאַן אין א זײַט, פאַרטראַכט. נאָר אָט האָט ער דערזען מאַשען אַרויסגיין פון עם בלינדאַזש און זיך פאַרקוקט אַף איר. זײַן טאָכטער איז ניט אַף א סאַך עלטער פון אָט דעם כיינעוודיק שוועסטערל. זי וואָלט נאָך רויִק געקאָנט זיצן לעבן איר מאַמען אין שטוב, ניט מאַטערן זיך אָט דאָ. נאָר אים האָט א וואַרעם געטאָן דער געדאַנק, אַז אַוועטיסיאַן האָט אין אים ניט פאַרגעסן, צוגעשיקט א גוטע פאַרפעסטיקונג. און געקומען זײַנען די נײַע פּונקט צו דער צײַט. אויך גוט איז דאָס, וואָס עס איז געקומען די מעדיצין

אין דער פֿערזאָן פֿון דער שרעקלאָזער מאשע בערעזינא און מיט איר — נאָך א סאניטאַר, א יונגער קאזאכישער באָכער. דער אוילעם וועט זיך פֿילן זיכערער.

מאשע האָט זיך טאקע דערפֿילט גאַנץ היימלעך, און איר איז ניט אָנגעגאַן, צי אנדערע איז באקוועם אָדער ניט איר נאָענטע שכײַנעשאפֿט. זי איז געקומען אהער ארבעטן, העלפֿן אָט די וווּילע יונגען, אויב זיי וועלן זיך נייטיקן אין איר הילף. איידער וואָס, האָט זי שוין באוויזן מיט דער הילף פֿונעם יונגן סאניטאַר פֿאנאנדערלייגן אף דער נארע די מעדיקא־מענטן, בינטן, וואטע, נייטיקע מאכשירים צו דער ארבעט — קימאט א מעדפּונקט. זי האָט אופֿגעהאנגען טריקענען די פֿלאשטש־פּאלאטקע, אף וועלכער זי שלעפֿט ארויס פֿארוווּנ־דעטע פֿון אונטערן פֿײַער. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז זי שוין גרייט צוטרעטן צו איר ארבעט, פּונקט ווי אָט די מוטיקע כעוורע זײַנען גרייט צו דער שלאכט.

בייסן פֿרישטיק — מאשע האָט געפֿרישטיקט צוזאמען מיט אלעמען — האָט מישקע שערמאַן זיך געהאלטן אין איין כאָכמענען...

— דו, מאשענקע, ביסט קיינמאָל ניט געוועזן אין אָדעס? ניין? א גרויסער שאָד! אָט וועלן מיר א סאָף מאכן מיט די פֿריצן, וועל איך דיך מיטנעמען קיין אָדעס. וועסטו פֿארענ־דיקן דעם אינסטיטוט און אָנקומען ארבעטן אפֿן שענסטן קוראָרט...

— בעסער, שוועסטערל, זאָלסטו נאָך דער מילכאָמע קומען צו אונדז קיין טביליסי! — האָט איבערגעשלאָגן נאָדאר באשידזע.

אינעם געשפּרעך האָט זיך ארײַנגעמישט וויקטאָר סווואָראָוו. זיך באגעגנט מיט מאשעס שײַנענדיקן בליק, האָט ער א שמייכל געטאָן:

— איך זע, נאָדאר טײַערער, אז דו האָסט שוין געענדיקט מיט דער מילכאָמע און שטעלסט שוין צונויף פֿרידלעכע פּלענער. איך מיין, אז ס'איז נאָך א ביסל צו פֿרי.

— וויקטאָר, איך בין ניט מאסקים! — האָט אים איבערגעשלאָגן מאשע. — וואָס עס זאָל ניט זײַן, דארף א מענטש אומבאדינגט טרוימען וועגן בעסערן, לעבן מיט האָפֿענונג, אנדערש איז ניט קעדײַ צו לעבן אף דער וועלט! דען ניט אזוי, וויקטאָר?

ער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל און געזאָגט שטיל:

— זעט אויס, אזוי איז דאָס...

אָפּגעטרייסלט פֿונעם פֿארשטויבטן כאקי־קליידל די ברעקלעך ברויט און מוירע האָבנ־דיק, זי זאָל ניט פֿארלירן דעם פֿאָדעם, האָט זי פֿאָרגעזעצט:

— אָט קוק איך אף אײַך און פֿריי זיך, וואָס נאָדאר כאָלעמט וועגן זײַן טביליסי, דער סערזשאנט שערמאַן וועגן אָדעס, דאָס גיט צו קויעך און מוט...

— און איר, כאווער סאנינסטרוקטאָר, טרוימט געוויס וועגן אײַער כאָסן? — האָט זיך ארײַנגעמישט יוסיף.

זי איז מיטאמאָל רויט געוואָרן, עטוואָס זיך פֿארלוירן, ניט וויסנדיק צי דארף זי ענט־פֿערן, זיך פֿאר אלעמען מודע זײַן, אז ערגעץ אפֿן פֿראָנט געפֿינט זיך א טײַערער באָכער שוריק דעסניצקי, צוזאמען מיט וועלכן זי האָט געלערנט אין צענטן קלאס. אָנעמענדיק זיך מיט מוט, האָט זי באשטימט זײַן אופֿריכטיק פֿאר אָט די טײַערע מענטשן, מיט וועלכע דער גוירל האָט זי צונויפֿגעפֿירט אף אָט דעם גרויזאמען שטיקל ערד, אינגאנצן א דרײַ־פֿיר הונדערט מעטער פֿונעם סיוועש.

— יאָ, איך טרוים וועגן אים... — האָט זי געענטפֿערט, — ער געפֿינט זיך, פּונקט ווי איר, ערגעץ אפֿן פֿראָנט, אויב ער לעבט... מיר ווייסן גאָרניט איינער פֿון אנדערן...

— ניט געזאָרגט, טעכטערל, נעם זיך ניט צום הארצן! ניט דער כאָסן, וועט זײַן א צווייטער. זע, וויפֿל כאסאנים עס רינגלען דיך ארום, — האָט זיך ארײַנגעמישט ניקיטין.

— וואָס רעדט איר, פּאפּאשע? — האָט מאשע געענטפֿערט. — קיין אנדערער וועט ניט זײַן.

וויקטאָר איז געשטאנען, צוגעשפּארט צום ווענטל פֿון טראנשיי, פֿון מאָל צו מאָל געקוקט אין יענער ריכטונג, ווו עס האָבן זיך געצויגן די פֿײַנטלעכע פּאָזיציעס. ער האָט זיך ניט ארײַנגעמישט אינעם געשפּרעך, וואָס האָט זיך אזוי אומגעריכט פֿארבונדן בעשאסן פֿרישטיק. ער האָט אָבער אופֿמערקזאם זיך צוגעהערט צו מאשעס רייד, און ווען זי האָט פּלוצעם געזאָגט וועגן איר כאָסן, האָט ער דערפֿילט, אז עס פֿארדריסט אים. ער האָט זיך אָבער געפּרוּווט בארויִקן מיטן געדאנק, אז דאָס האָט זי אומיסטן צוגעטראכט, מע זאָל צו איר ניט צושטיין... ווען ער קאָן כאָטש אף א פּאָר מינוט בלײַבן מיט איר זאלבעצווייט, וואָלט ער זי געבעטן זאָגן דעם ריינעם עמעס.

סאַף פונעם ערשטן טייל

אין בלינדאַזש האָט זיך צעקלונגען דער פעלד-טעלעפאָן און דער פאַרבינדלער האָט א רוף געטאָן דעם גוואַרדיע-לייטענאַנט. יענער האָט א כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל. אַלע האָבן באַמערקט, ווי דאָס פּאָנעם פונעם ראָטנעם ווערט ערנסט, שטרענג.

זעט אויס, עס האָט געקלונגען עמעצער פון הויכער נאַטשאַלסטווע.

ניט געײַלט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט קוזמאַ גאָראָשקאָ באַטראַכט זײַנע כעוורע און נאָך א לאַנגער פּאַוזע זיך אָנגערופן:

— די שלאַכט קאָן אויסברעכן יעדע מינוט... אָט... פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, גוואַרדיע-לייטענאַנט!..

— אויב פאַרשטאַנען, איז — אַלע אויף די ערטער!.. גיט איבער מײַן באַפעל איבער דער קייט... אַלעמען זיך האַלטן אין שלאַכט, ווי עכטע גוואַרדייער... איך גלייב, אַז קיינער וועט ניט אונטערפירן. אָפּטרעטן איז ניטאָ וווּ...

די שטים זײַנע האָט א ציטער געטאָן, עס איז אים עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן ענג אין האַלדז. ער האָט אָנגערוקט שטײַפער אויפן קאָפּ די קאַסקע און, ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, מיט זײַן שווערן, ניט אײַלנדיקן טראָט, אוועק אויף זײַן געוויינלעך אָרט, פונוואַנען ער האָט אָנגעזען די פײַנטלעכע אָקאָפּעס.

קוזמאַ גאָראָשקאָ האָט אַראָפּגענומען פונעם אַקסל זײַן אויטאָמאַט און אָנגעשפּיגן אויף די שווערע, אויסגעהאָרעוועטע הענט, זיי א רײַב געטאָן, ווי ער האָט עס שטענדיק געטאָן בײַ זיך אינדערהיים, בעשאַס ער האָט זיך געדאַרפט נעמען פאַר א וויכטיק און שווער שטיקל אַרבעט.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּגאָלן און צונייען א ווײַס אונטערקעלנערל צו דער גימנאַסטיאָרקע, ווי ער טוט עס שטענדיק פאַר א שלאַכט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין שפּעט און ער וועט ניט באַווײַזן, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צו זיך אַליין א זאָג געטאָן:

— כײַ יאָמו ביס!.. קוזמאַ גאָראָשקאָן וועט מען אַזוי אויך דערקענען...

יעוסיי יאצאָווסקי

די קאָמיוגיסטן פון קאָוונער אונטערערד

מיר פאַרעפנטלעכן די דערינערונגען פון יעוסיי יאצאָווסקין וועגן דער טע־טיקײַט פון דער קאָוונער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע אין פּעריאָד פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור און פונעם אכזאָריעסדיקן ווײַסן טעראָר אין ליטע.

דער אווטאָר איז געוואַקסן אין א מישפּאָכע פון רעוואָליוציאָנערן (וועגן זײַן על־טערן ברודער אלעקסאַנדער זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1981). די דירע פון אָט דער מישפּאָכע איז בעמעשעך פון לאַנגע יאָרן אויסגענוצט געוואָרן מיצאַד די אָנפירנדיקע טוער פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי אַף אײַנאָרדענען אין איר טרע־פונגען, זיצונגען און צוליב אַנדערע קאָנספּיראַטיווע צוועקן. יעוסיי יאצאָווסקי שרײַבט וועגן א סאַך מוטיקע קעמפער, וועלכע זײַנען געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

יאַנקוסעס אַרעסט

באַנאַכט האָט מען בא אונדז געמאַכט א אונטערזוכונג. די זשוואַלגיבינִיקעס[1] האָבן איבערגעקערט אַלע שראַנקען און אַלמערס, דורכגעקוקט טשעמאָדאַנעס און פּאָליצעס, אַלע ביכער און זשורנאַלן, ארײַנגעשמעקט אין אַלע ווינקעלעך. שפּעטער האָבן זיי צוזאַמענגע־שטעלט א פּראָטאָקאָל, אַז „בא דער אונטערזוכונג אין דער נאַכט פון 30־טן אַפן 31־טן דעקאַבער 1931 אין דער וווינונג פון יאַקאָוו יאצאָווסקי האָט מען קיין פאַרדעכטיקע זאַכן ניט געפונען", געגעבן אים אונטערצושרײַבן און זיי זײַנען אַוועק.

— גייענדיק אין שול, לויף ארײַן צו דער מומע מאַניע און זאָג איר, אַז באַנאַכט זײַנען געווען בא אונדז „געסט". זאָל זי עס איבערגעבן וווהין מע דאַרף, — האָט מיר אָנגע־זאָגט די מאַמע.

מאַלקע הירשהאָרן האָט געאַרבעט אין אַן אופנאַם־פּונקט פון א וועשערײַ אין אַלט־שטאָט. זי איז געווען אַן אײגענע בא אונדז אין שטוב, מיטגעפילט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג און האָט אויסגעפילט אין אונטערערד די פליכטן פון א פאַרבינדלערן.

מאַניען האָט ניט פאַרכידעשט די ידיִעה. זי האָט געזאָגט:

— די נאַכט איז בא אונדז אויך געווען אַן אונטערזוכונג. און אַף יאַנאָווער גאַס אין זײַן דירע האָט מען אַרעסטירט דעם כאַווער יאַנקוס.

— „אַרעסטירט יאַנקוסן, אַרעסטירט יאַנקוסן..." — האָט מיר די גאַנצע צײַט גע־קלאַפּט אין קאָפּ.

פראַנאַס יאַנקוס האָט זיך באַוויזן בא אונדז סאָף זומער. ווי שטענדיק האָט די מוטער געמאָלדן, אַז ער איז א לערער און וועט העלפן דעם ברודער אַלעקסאַנדער גרייטן די לי־מודים. אָבער אין אַזעלכע באָבעמײַסעס האָב איך שוין ניט געגלייבט.

[1] זשוואַלגיבאַ (ליטוו.) — זיכערהײַטס־פּאָליציי (אָכראַנקע).

מיר האָבן דעמלט געלעבט זומער אינעם דאָרף קלעבאַנישאָק, ניט ווײַט פון קאָוונע, און איך האָב זייער ליב געהאַט צו שפּאַצירן מיטן „לערער" איבערן וואַלד, הערן זײַנע דערציילונגען וועגן פאַרשיידענע כײַעס און פייגל. איינמאָל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַף א שטעכלער און פראַנאַס האָט מיך געלערנט, וויאַזוי אים צו נעמען אין די הענט און זיך ניט אײַנשטעכן.

אין די אָוונטן האָבן מיר ליב געהאַט צו הערן, וויאַזוי דער טאַטע שפּילט אַף דער קאָנצערטינע — א קליינעם, ענלעכן אַף א האַרמאָניקע, מוזיק-אינסטרומענט. דער פּאָטער האָט זי זייער געשעצט נאָך פון יענע צײַטן, ווען ער איז געווען א לערער פון געזאַנג.

— דערלאַנג, יאַקאָוו, יענע אַלטע רוסישע קאַטאָרגע-ליד, — פלעגט בעטן יאַנקוס און זיך צוגעהערט צו דער טרויעריקער האַרצרײַסנדיקער מעלאָדיע.

אָט דאָס האָט זיך מיר דערמאָנט, ווען איך בין פון מאָניען געגאַנגען אין שול. שוין בא דער סאַמער שול האָט מיך פלוצעם א קלאַפּ געטאָן אין מויער: עפשער דאַרף די מאַמע אויך וויסן וועגן יאַנקוסעס אַרעסט? און איך בין פײַל-אויסן-בויגן אוועקגעלאָפן אַהיים.

אין יענער צײַט איז בא אונדז געווען צוגאַסט דער מאַמעס שוועסטער, מײַן מומע, און אין לעצטן צימער פון דער דירע האָט צײַטווײַליק געלעבט אונדזערער א באַקאַנטער פון ריגע ייִסראָעל דאָלגיצער, וועלכער האָט געהאַט געשעפטלעכע איניאָנים מיטן פּאָטער. פּאָריקע נאַכט, ווען ס'האָט זיך געענדיקט די אונטערזוכונג און די זשוואַלגיביניקעס זײַנען אוועק, האָט ער געזידלט מיט ווילדע קלאָלעס די כוצפּע פון דער ליטווישער פּאָליציי:

— גיט נאָר א טראַכט! מאַכן אַן אונטערזוכונג אין שטוב פון א פאַרמעגלעכן קאָמערסאַנט! בא אונדז, אין לעטלאַנד, איז אַזוינס ניט געהערט געוואָרן!

אים האָט גאָרניט געקאָנט אײַנפאַלן, אַז דער טאַטע, און ווער רעדט נאָך זײַן שטילע באַשיידענע פרוי, האָבן עפּעס א שײַכעס צו דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, און ער האָט געגלייבט בעמונע שליימע, אַז דער הער יאַנקוס, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט איין מאָל געטראָפן בא אונדזער טיש, געגעסן מיטיק און פרײַנטלעך געשמועסט, איז טאַקע מײַן ברודערס רעפּעטיטאָר.

— פונדעסטוועגן דאַרף מען דאָלגיצערן וואָרענען, — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט דער טאַטע און איז אוועק צו אים אין צימער...

מיט מײַן מומען האָט מען ניט געדאַרפט לאַנג ריידן. דערהערט, אַז יאַנקוס איז אַרעסטירט, האָט זי זיך א ביסל דערשראָקן, בלייך געוואָרן, נאָר טייקעף זיך גענומען אין די הענט:

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי... איך קען אים ניט, און פאַרטיק!

אינגיכן איז געקומען א פּאָליציאַנט מיט דער מעלדונג, אַז מײַן מומע און דאָלגיצער דאַרפן טייקעף קומען אין דער פּאָליטישער פּאָליציי — אַזוי האָט זיך דעמלס גערופן די פאַשיסטישע אָכראַנקע.

— קענטיק, זיי האָבן אויסגעשפּירט, אַז יאַנקוס גייט אַרײַן צו אונדז און זיי דאַרפן האָבן אַן איידעס, וואָס זאָל דאָס באַשטעטיקן. אָבער דאָלגיצער איז אַן אָרנטלעכער מענטש, ער וועט ניט אונטערפירן, — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— וואָס שײַעך דער שוועסטער, בין איך זיכער, — האָט צוגעגעבן די מאַמע.

מיר זײַנען געווען שטאַרק אומרויִק, וואַרטנדיק, ביז זיי וועלן זיך אומקערן. אין א פּאָר שאָ אַרום זײַנען זיי ביידע צוזאַמען געקומען.

אונדזער ריגער גאַסט האָט מיט גרויס היץ דערציילט, וויאַזוי אָט די זשוואַלגיבא האָט אים געשטעלט אויג אַף אויג מיט יאַנקוסן. אָבער ער, דאָלגיצער, האָט קאַטעגאָריש געזאָגט:

— אָט דעם הער זע איך צום ערשטן מאָל.

— עפשער האָט איר פאַרגעסן? — האָט דער זשוואַלגיבא-אויספאָרשער אים ניט געלאָזט צורו.

— וואָס רעדט איר? אַזא הויכן אָנגעזעענעם מאַנצבל, אַז מע זעט אים כאָטש איין מאָל, קאָן מען שוין ניט פאַרגעסן.

— און יאַנקוס? וואָס האָט ער געזאָגט? וויאַזוי האָט ער זיך געהאַלטן? — איז די מאַמע אומגעדולדיק געווען צו וויסן.

— איך בין פּאָשעט געווען אַנציקט פון אים! — האָט געענטפערט דאָלגיצער. — יאַנקוס האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער איז געשטאַנען א רויִקער, די הענט צונויפגעלייגט אַף דער ברוסט, מאַמעש א סטאַטוע.

פראַנאַס איז אינדערעמעסן געווען זייער אַ הויכער מאַנצבל פון אַן אימפּאָזאַנטן אויסזען.

דאַלגיצער איז געווען צופרידן פון זיך און האָט געשפּאַנט איבערן צימער מײַסע העלד[1]. און איך האָב אין יענעם טאָג פאַרשטאַנען, אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך אופגעטאָן עפּעס ערנסטס, וויכטיקס און סוידעספולס.

עס זײַנען פאַרבײַ נײַן יאָר. די ליטווישע אַרבעטס-מענטשן האָבן אופגעשטעלט בײַ זיך די סאָוועטישע מאַכט, געבויט אַ נײַ לעבן.

אין 9-טן פוסגייער-פּאָלק איז פון קאָוונע געקומען אַ גרופּע מיליטערלײַט פון דער ליטווישער פאָלקס-אַרמיי, און מע האָט דרינגענד צונויפגערופן אַלע פּאָליט-אָנפירער פונעם פּאָלק אין שטאַב, וואָס איז אײַנגעשטאַנען אין דער שטאָט שווענטשיאָנעלײַ.

— עס וועט זײַן אַ באַראַטונג וועגן פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן, — האָט אונדז געמאָלדן דער פּאָליט-אָנפירער פון אונדזער פּאָלק.

אינגיכן זײַנען אין צימער, וווּ ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען די באַראַטונג, אַרײַנגעקומען עטלעכע גענעראַלן, אייניקע פּאָליט-אָנפירער פון העכערן ראַנג און מיט זיי אַ ציוויל-געקליידטער מענטש.

— כאַווער יאַנקוס! — האָט זיך בײַ מיר ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן פון מויל.

דער מענטש האָט זיך אַ קער געטאָן און מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צו מיר:

— פונוואַנען ווייסטו, אַז איך בין יאַנקוס?

אַלע האָבן געקוקט אויף אונדז.

— מיט אַ סאַך יאָרן צוריק האָט איר געטראָגן אין קאָוונע אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ גרויסן פּעלצענעם קראַגן.

— צו אַלדי רוכעס! דאָס איז עמעס! אָבער פונוואַנען קענסטו מיך?

— פּאָליט-אָנפירער פון דער ערשטער שיסער-ראָטע יאַצאָווסקי! — האָב איך אויפן מיליטערישן אויפן אָפּגעראַפּאָרטירט.

— סיוטקע! — האָט אויסגערופן יאַנקוס, אַרומנעמענדיק און קושנדיק מיך.

דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער אָנגעזעענער רעוואָליוציאָנער קאַזיס פּרייקשאַס.

„דאָס שילער-וואָרט"

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווען און ווו כ'האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט דאָוויד מילערן[2]. מיר האָבן זיך געלערנט אין פאַרשיידענע שולן, געוווינט ווײַטלעך איינער פונעם אַנדערן און געמיינזאַמע פרײַנט ניט געהאַט. נאָר ווען מיר האָבן זיך באַקאַנט, זײַנען מיר געוואָרן די בעסטע כאַווירים. כאָטש מילער איז געווען ייִנגער פון מיר מער ווי מיט אַ יאָר, איז ער געווען ניט מײַסע קינד ערנסט און פּאָליטיש רײַף, און איך האָב גיך אָנערקענט זײַן אויטאָריטעט. ער פלעגט ברענגען ביכלעך וועגן די רוסישע רעוואָליוציאָנערן און, אַרײַנקריכנדיק אין די קוסטעס לעבן די כורוועס פון דעם אַלטן קאָוונער שלאָס, ווו די ווילִיע פאַלט אַרײַן אין ניעמאַן, האָבן מיר זיי געלייענט. מיר זײַנען געווען באַגײַסטערט פון דער העלדישקײַט פון די רעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר זייערע אידעאַלן און געשמאַכט אין די צאַרישע טפיסעס און אין דער פאַרשיקונג קיין סיביר. באַזונדערס פאַרכאַפנדיק זײַנען פאַר אונדז געווען די דערינערונגען פון וועראַ פיגנער, איר צוואַנציקיאָריק לעבן הינטער די גראַטעס פון שליסלבורגער פעסטונג.

אַז מע האָט געדאַרפט וואָס באַקלערן, האָט מילער, מײַסע דערוואַקסענער מענטש, אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און געשפּאַנט איבערן צימער. געשפּאַנט האָט ער לאַנג, דעם קאָפּ אַ ביסל אײַנגעבויגן אין אַ זײַט און מיט פאַרקוועטשטע ליפּן. אין

[1] שפּעטער, לעבנדיק אין ריגע, האָט דאַלגיצער, לויט דער ביטע פון מײַן פאָטער, געהאָלפן אַרײַבערגיין אהין און צוריק איבער דער לעטיש-סאָוועטישער גרענעץ אַ סאַך פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געשטאָרבן אין 1966.

[2] ד. מילער איז געפאַלן אין 1941 לעבן נעוועל, קעמפנדיק אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי קעגן די היטלעריסטישע ראָצכים.

אַזעלכע מאָמענטן איז זײַן פּנים געווען אַזוי באַזאָרגט, ווי די דײַגעס פֿון דער גאַנצער וועלט וואָלטן געלעגן אויף זײַנע פּלייצעס.

איינמאָל, נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן, האָט זיך מילער אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— לאָמיר אָנהייבן עפּעס טאָן אויף אייגענער אַכרײַעס: מירן אַרויסלאָזן אויף ייִדיש אַ צײַטונג און זי פֿאַרשפּרייטן צווישן די שילער.

דער פֿאָרשלאָג איז מיר געפֿעלן געוואָרן.

מיר האָבן לאַנג זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וויאַזוי אָנצורופֿן די צײַטונג. אַלע טעג צוגעקלערט נעמען און זיי אָפּגעוואָרפֿן: סאָפֿקאָלסאָף האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן נאָמען „דאָס שילער-וואָרט". איצט האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע, וויאַזוי וועלן מיר זי דרוקן. לאַנג געזוכט, ביז מיר האָבן געפֿונען אַ שטאַרק אָפּגענוצט שטיקל שאַפּיראָגראַף. אין טאַטנס קאַנצעלאַרישע מאַכשירים האָב איך געפֿונען ספּעציעלן טינט פֿאַר דעם צוועק.

איצטער ווייסן שוין ניט אַפֿילע דערוואַקסענע, וואָס דאָס איז אַ שאַפּיראָגראַף. אָבער אין יענע צײַטן האָט מען אין די קאָנטאָרן, אין די קאַנצעלאַריעס גענוצט שאַפּיראָגראַפֿן אויף צו פֿאַרמערן בריוו, דאָקומענטן.

אונדזער „רעדאַקציע" האָט מילער אײַנגעאָרדנט אויף אַ בוידעם. אַ טיש האָבן מיר ווי-עס-איז צונױפֿגעקלאַפּט פֿון ברוכשטיקער פֿון אַלטן מעבל, און צום זיצן האָט אונדז געדינט אַן אַלטע אויסגעקרימטע אײַזערנע בעט. דאָס אַלץ האָבן מיר אַוועקגעשטעלט לעבן אַ פּיצינקן בוידעם-פֿענצטערל. דאָרט האָבן מיר ביידע געשריבן פֿאַרשיידענע אַרטיקלען אָדער נאָטיצן וועגן דעם לעבן פֿון די שילער, געשאַפֿן לידער, וואָס רופֿן צום קאַמף קעגן די אונטערדריקער, די קאַפּיטאַליסטן. דעם גאַנצן טעקסט האָבן מיר זויבער איבערגעשריבן און דערנאָך געמאַכט קאָפּיעס מיט דער הילף פֿון אונדזער שאַפּיראָגראַף.

צוערשט האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז ס'איז זייער לײַכט צו דרוקן אויפֿן שאַפּיראָגראַף, שפּעטער האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז ניט אַזוי פּשוט: דאָ האָבן זיך די בוכשטאַבן צונױפֿגעגאָסן, דאָ איז פֿאַרשמירט געוואָרן דאָס פּאַפּיר, דאָ איז אונדזער טעקסט צונױפֿגעפֿאַלן מיט אַן אַלטן טעקסט. מיר זײַנען געווען בייז אויף זיך אַליין, זיך געזידלט, באַשולדיקנדיק איינער דעם אַנדערן, אָבער אונדזער זאַך ניט געוואָרפֿן — אַנדערע דרוקן, פֿאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט קענען!

און ס'האָט זיך באַקומען — ס'איז אַרויס דער ערשטער נומער אויף פֿיר זײַטלעך. עמעס, דער טיראַזש איז געווען ניט קיין גרויסער — בלויז 15 עקזעמפּלאַרן, און דערצו נאָך זײַנען די לעצטע געווען קוים לעזבאַר.

מיר זײַנען געווען אויפֿן זיבעטן הימל!

פֿאַרשפּרייט אונדזער צײַטונג האָבן מיר אויך אין אונדזערע שולן: איך — אין דער ייִדישער קאָמערץ-גימנאַזיע, מילער — אין דער העברעיִשער רעאַל-גימנאַזיע.

איך דערמאָן זיך, איין עקזעמפּלאַר פֿונעם „שילער-וואָרט" האָב איך אַרײַנגעשטעקט אין דער קעשענע פֿון עלקע שמוילאָוון. כאָטש ער איז געווען מײַנער אַ גוטער-פֿרײַנט, האָב איך ניט געוואָגט אים אַרויסגעבן דעם סאָד פֿון דער צײַטונג. אויפֿן אַנדערן טאָג האָט ער מיך אַרײַנגערופֿן צו זיך אין שטוב און מיר אָנפֿאַרטרויט אַ סאָד:

— איך וועל דיר ווײַזן אַ זאַך, אָבער גיב מיר דאָס וואָרט, אַז דו וועסט עס קיינעם ניט אויסזאָגן.

איך האָב אים צוגעזאָגט, און דאַן האָט לױסקע — אַזוי האָבן מיר אים גערופֿן — מיר געוויזן די צײַטונג, וואָס מיר האָבן אַרויסגעלאָזט.

איך האָב אים געפֿרעגט:

— ווו האָסטו עס געקראָגן?

און ער ענטפֿערט מיר מיט אַ געהיימניספֿולער מינע:

— וועגן אַזעלכע זאַכן פֿלאַפּלט מען ניט, דאָס איז קאָנספּיראַציע.

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט קײַלעכדיקע אויגן און קיין זאַך ניט פֿאַרשטאַנען. דאַן האָב איך אים אויסגעזאָגט דעם סאָד, און מיר האָבן ביידע געלאַכט.

אַזױאַרום איז לױסקע אַרײַן אין אונדזער כאַווריסע, און דעם צווייטן נומער „שילער-וואָרט" אין זעקס זײַטלעך האָבן מיר שוין אַרויסגעלאָזט זאַלבעדריט. דאָס מאָל איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטער — מיר האָבן אָפּגעדרוקט גאַנצע פֿינף און צוואַנציק עקזעמפּלאַרן.

ליוסקע איז איינער פון די ערשטע אין דער קאַמערץ-גימנאַזיע אַרײַנגעטראָטן אין דער אונטערערדישער קאָמיוג-אָרגאַניזאַציע.[1]

די פאָרשטייערן פון קאָמיטעט

איך קאָן זיך איצטער ניט דערמאָנען דעם גענויעם אַדרעס, ווו ס'איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון אונדזער קאָמיוג-קעמערל. געזאַמלט האָבן מיר זיך אפן גרינעם באַרג, ניט ווײַט פון „אושרא"-געסל, און פון דאָרט האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין עמעצנס א שטוב. מיר זײַנען אַרײַן אין א שיין צוגעראַמטן צימער, זיך צעזעצט ווער אפן שמאָלן דיוואַן, ווער אף שטולן, ווער אף טאַבורעטקעס. אָרט האָט געקלעקט פאַר אַלעמען.

— ס'האָט זיך דאָ צונויפגעקליבן דאָס דריטע קאָמיוג-קעמערל פונעם גרינעם באַרג, — האָט געמאָלדן די פאָרשטייערן פונעם קאָמיוג-קאָמיטעט. זי איז שוין דאָ געווען. ווי א לעבעדיקע שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס מיידל, וואָס איך האָב איין-און-איינציק מאָל געזען אין מײַן לעבן. איר יונג, קימאַט קינדערש פּאָנעם איז געווען בלאַס. די בלאָנדע האָר — קורץ, אף א ייִנגלשן אויפן אָפּגעשוירן, און דער בליק פון אירע בלויע אויגן איז געווען א וואַרעמער, א צוטרויענדיקער. זי האָט ליבלעך געשמייכלט, גערעדט שטיל, אײַנגעהאַלטן און קלאָר אויסגעדריקט איר געדאַנק:

— אײַער קעמערל איז ניט קיין פּאָשעטס: אַלע זײַנע מיטגלידער וועלן זײַן פּיאָנערן-אָנפירער. אײַער אויפגאַבע איז — גרייטן אויך די קינדער צום קלאַסנקאַמף. — און איצטער לאָמיר אויסוויילן א סעקרעטאַר פונעם קעמערל, — האָט געזאָגט די פאָרשטייערן.

— בראָניע! בראָניע! — האָבן זיך געהערט שטימען.

— וואָס רעדט איר... וואָס פאַר א סעקרעטאַר קאָן איך זײַן...

— מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע... מיר ווייסן, וועמען מיר ווילן. און כוץ דעם, טאָר א קאָמיוגיסטקע זיך ניט אָפּזאָגן!

אַזוי האָבן מיר אויסגעוויילט בראָניען.

אין יענעם אָוונט האָט איטלעכער פון אונדז געקראָגן זײַן פליכט. איינער האָט זיך אָנגענומען צו זײַן דער „ליטעראַטורשטשיק" פונעם קעמערל — ער דאַרף אונדז באַזאָרגן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און זי פאַרשפּרייטן. איך בין געוואָרן דער מאָלער פונעם קעמערל — כ'האָב געדאַרפט מאָלן פּלאַקאַטן, שרײַבן אויפרופן, אויסשנײַדן אף לינאָלעום צייכענונגען פאַרן אומלעגאַלן דרוק.

אין יענעם אָוונט האָט יעדערער, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט, באַקומען אויך זײַן פּסעוודאָנים: אַליין זיך אויסגעקליבן, פאַר אַנדערע האָבן צוגעקלערט די כאַווײרים. אין יענער צײַט האָט געהאַט א גרויסן שעם דער פּוילישער טענאָר יאַן קיפּורא. איך פלעג שטענדיק אונטערברומען זײַנע אָפּערע-אַריעס און לידער, און די כאַווײרים באַשליסן:

— דו וועסט זײַן יאַן.

יאַן, זאָל זײַן יאַן. גאָר ניט שלעכט...

מיר האָבן אָפּגערעדט, וויאַזוי דורכצופירן דעם קומענדיקן קינדער-שפּאַציר, וויאַזוי האַלטן די פאַרבינדונג. מיר האָבן נאָך געדאַרפט אַרומריידן דעם אַרבעטס-פּלאַן פונעם קעמערל, נאָר דאָ האָט די פאָרשטייערן פאַרגעלייגט פאַרענדיקן די זיצונג:

— ס'איז שוין באַלד עלף, מע דאַרף זיך פאַנאַנדערגיין. רעדט זיך צונויף, ווען וועט זײַן די קומענדיקע זיצונג, און לאָמיר איינציקווײַז אַרויסגיין פון דער דירע.

שפּעטער האָבן מיר געהאַט נאָך א סאַך זיצונגען, אין זיי האָבן זיך באַטייליקט פאַרשיידענע מיטגלידער פונעם קאָמיוג-קאָמיטעט, אויך פאַרטיי-פאָרשטייער, נאָר יענע פאָרשטייערן איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען.

אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען איך האָב אויסגעפילט די פליכטן פון א פאַרטיי-קוריער, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן פאָרשטייער פון דער פאַרטיי, דעם כאַווער אַדאָמאַס[2]. אין אָוונט בין איך געקומען אין א קאָנספּיראַטיווער דירע אפן

---

[1] ע. שמוילאָוו איז בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געווען איינער פון די אָנפירער פון דער געהיימער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ. דערמאָרדעט פון די היטלערישע מערדער אין 9-טן פאָרט.

[2] אדאָמאַס איז געווען דער פסעוודאָנים פונעם רעוואָליוציאָנערן טוער איציק מעסקופּ. געפאַלן אין 1943 אלס אָנפירער פון א פאַרטיזאַנער-גרופּע אין קאַמף קעגן די היטלעריסטישע ראָצחים.

ווילקאָמירער שאָסיי. די טיר האָט געעפנט די באַלעבאָסטע פון דער דירע, וועלכע האָט מיך געקענט. זי איז אויך געווען אַן אָנטיילנעמערן פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

— קום אַרייַן, זעץ זיך, דערוואַרעם זיך — אין גאַס איז דאָך אַ קעלט. אַדאָמאַס דאַרף קומען.

ער איז טאַקע אינגיכן געקומען, אָבער ער איז געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי אַלעמאָל. אַדאָמאַס פלעגט מיך שטענדיק באַגעגענען מיט אַ שמייכל, זיך נאָכפרעגן, וואָס מאַכן די עלטערן, דער ברודער, און אומבאַדינגט פרעגן, ווי גייט עס בא מיר מיטן לערנען. דאָס מאָל איז ער געווען עפּעס אויסער זיך, אַ לאַנגע צייַט געשוויגן, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט עפּעס פּאַסירט.

— עפּשער איז עמעצער פון די אונדזעריקע דורכגעפאַלן? — האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט.

אַדאָמאַס האָט געשפּאַנט איבערן צימער. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר און געענטפערט:

— אַ סאַך שרעקלעכער, אַ סאַך שרעקלעכער! ס'איז אַ שוידערהאַפטער אומגליק, — באַנאכט האָבן די אַגענטן פון דער געהיים-פּאָליציי דערהאַרגעט אַדעלע שיאַוטשיונייַטע.

די פּאָליציי־מעלדונג, אין וועלכער עס ווערט באַשטימט אַ באַלוינונג פון 1000 ליט פאַר אָנווייַזן די מערדער פון אַדעלע שיאַוטשיונייַטע

— ווו? אין דימיטראָווער קאָנצלאַגער?

— דירעקט אויף דער גאַס, אויף אַ פּאַכדאָנישן אויפן, אָנגעפאַלן אויף איר פון אַ באַהעלטעניש. אינדערפרי האָט מען זי געפונען אַ טויטע אויף דער ווישינסקי־גאַס. צעשטאָכן פון מעסער־שניטן. דאָס איז געווען אַ דרייסטע פּאַרטיי־טוערן, אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג.

אין אָט דעם אָוונט האָב איך לאַנג פאַרבראַכט מיט אַדאָמאַסן. ער האָט אַ סאַך געאַרבעט, געשריבן, דערנאָך אָפּגעגעבן מיר דאָס אָנגעשריבענע און באַופטראָגט עס טייקעף איבערגעבן אַן אַנדער קורייער, מיט וועלכן איך בין געווען פאַרבונדן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר מייַן כאַווער, דער קאָמיוגיסט גדאַליע יאָעלס, דערציילט:

— כ'בין אָקאָרשט געקומען פון אַדעלע שיאַוטשיונייַטעס לעווייַע. עס האָבן זי באַגלייט אַ סאַך מענטשן. מע האָט געטראָגן אַ סאַך קראַנצן מיט רויטע באַנטן. אויפן בעסוילעם האָט איינע אַ כאַווערטע געהאַלטן אַ פייַנע רעדע. כאָטש די זשוואַלגיבאַ האָט געהאַט אַרעסטירט אַדעלען, זי באַהאַלטן אין טורמע, האָט זי, אַרויסגייענדיק פון דער טפּיסע, ווידער זיך אַרייַנגעוואָרפן אין דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט. האָט די זשוואַלגיבאַ געדונגען אַגענטן, וועלכע האָבן זי ראָצכיש דערהאַרגעט. „אויף דייַן אָרט, אַדעלע, וועלן זיך שטעלן מיליאָנען!" — אַזוי האָט פאַרענדיקט די רעדנערן. דער עולם האָט געזונגען דעם רעוואָליוציאָנערן טרויער־מאַרש און דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אַרום זייַנען געשטאַנען פּאָליציאַנטן און זשוואַלגיביניקעס, אָבער זיי האָבן ניט געוואָגט זיך אַרייַנצומישן.

עס זייַנען אַריבער עטלעכע טעג. איך גיי אויף קעסטוטשיאָ־גאַס און זע אַ האַמוין לעבן אַ פּאַרקן. פונדערווייַטן לייען איך דורך די אויפשריפט מיט גרויסע בוכשטאַבן: „1000 ליט... אַדעלע שיאַוטשיונייַטע...". אַהאַ, אָט וואָס פאַר אַ באַלוינונג האָט די פּאָליציי באַשטימט פאַר דעם, וואָס וועט אָנווייַזן דעם מערדער. וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייַט: אַליין געמאָרדעט, און זיי „זוכן" נאָך...

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער צו דער מעלדונג און בין געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפּטער: פון דער פאָטאָגראַפיע האָט געשמייכלט די פאַרשטאָרבענע פונעם קאָמיטעט. די זעלבע,

וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין אונדזער ערשטער זיצונג פֿונעם דריטן קאַמיוג-קעמערל און וועלכע האָט אונדז געלערנט: „אײַער אויפֿגאַבע איז — גרייטן די קינדער צום קלאַסן-קאַמף!"

דער שפּאַציר

— וואָס וועסטו טאָן זונטיק? — האָב איך געפֿרעגט מײַן קלאַסן-כאַווער לייבל מאַצקעוויטש.[1]

אַזוי ווי אים איז ניט פֿאַרגעשטאַנען קיין שום דרינגענדיקע זאַך, האָב איך פֿאָרגעלייגט צו מאַכן אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט.

— דאָרט וועט זיך צונויפֿקלײַבן אַ סאַך יוגנט, מיר וועלן אײַנאָרדענען שפּילן, ס'וועט זײַן אינטערעסאַנט.

— און ווער וועט זײַן פֿון באַקאַנטע?

— ליוסקע האָט צוגעזאָגט צו קומען, און עפּשער נאָך עמעצער פֿון די יאַטן פֿון אונדזער קלאַס.

אין אָפּגערעדטן טאָג, צען אַזייגער אינדערפֿרי, האָט זיך אין סלאָבאָדקע, צופֿוסנס פֿונעם אַזויגערופֿענעם שאַכמאַטן-באַרג, צונויפֿגעקליבן אַ האַמוין פֿון ייִנגלעך און מיידלעך.

פֿון אונדזער קלאַס זײַנען, כוץ מיר, ליוסקען און לייבלען, געווען נאָך עטלעכע שילער. מיר האָבן גלײַך באַמערקט בראַניען און מעטשיסן פֿון אונדזער קעמערל. אײַנגיכן איז געקומען אויך מילער. יעדער פֿון אונדז האָט געבראַכט איינעם אָדער צוויי כאַווײרים. דאָ גופֿא האָבן זיך געבילדעט נאָך אַזעלכע יוגנט-גרופּעס, ווי אונדזערע.

— כאַווײרים, לאָמיר זיך באַקאַנען, — האָט אַ קלוגנ געטאָן די שטים פֿון ריוול דער ווײַסער — ריווע גערשאָנאָוויטש. און ריוול די שוואַרצע — ריווע זעלבאָוויטש — האָט, אָפּפֿירנדיק מיך און מילערן אין אַ זײַט, געזאָגט:

— איר גייט פֿאָרויס, און נאָך אײַך וועלן גיין די איבעריקע. די פּראָגראַם וועלן מיר אָנהייבן בײַ די כורוועס פֿונעם אַלטן פֿאָרט.

מיר זײַנען געקראָכן אויפֿן באַרג מיט אַ שטעגעלע, וואָס איז אונדז געווען גוט באַקאַנט. אינמיטן וועג האָב איך אַ קוק געטאָן אויף צוריק און בין נישטוימעם געוואָרן: הינטער אונדז האָט מאַרשירט אַ פּילצאָליקע קאָלאָנע.

— קוק אויף אונטן, עפּשער אַ צוויי הונדערט, — האָב איך געזאָגט מילערן.

— עס פֿעלט נאָר אַ רויטע פֿאָן, און ס'איז אַן עמעסע דעמאָנסטראַציע, — האָט ער אַ צופֿרידענער געזאָגט, כאַווערישע מיך אַ שטויס טוענדיק אין זײַט.

אויפֿן שפּיץ באַרג האָט בראָניע פֿאַרצויגן אַ ליד, וואָס איך דערמאָן אָפֿט נאָך איצט מיט פֿאַרגעניגן:

טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך
בויען באַריקאַדן.
טאַטעס מאַמעס, קינדערלעך
בויען באַריקאַדן.
אויף די גאַסן גייען אום
אַרבעטער-אָטריאַדן.
אויף די גאַסן גייען אום
אַרבעטער-אָטריאַדן.

צוערשט האָט בראָניע געזונגען איינע, נאָר אײַנגיכן האָבן זיך אײַנגעשלאָסן נאָך שטימען — די ליד האָט געקלונגען ברייט, אײַנדרוקספֿול.

ווען מיר זײַנען געקומען צום אָפּגערעדטן אָרט, האָב איך זיך גוט אַרומגעקוקט: אַ סאַך באַקאַנטע, אָבער מער פּנעמער, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל.

איך ווייס ניט, צי די יוגנט שפּילט איצטער „קוואַדראַט", אָבער מיר האָבן די שפּיל זייער ליב געהאַט. זי איז אונדז געווען געפֿעלן אויך דערמיט, וואָס אין איר האָבן געקאָנט שפּילן אַ סאַך אָנטיילנעמער, סײַ ייִנגלעך, סײַ מיידלעך.

---

[1] ל. מאַצקעוויטש, מיטגליד פֿון קאַמיוג, געפֿאַלן אין 1941 ניט ווײַט פֿון ווּעליקיִע לוקי, קעמפֿנדיק אין די רייען פֿון דער רויטער אַרמיי קעגן די היטלערישע ראָצכים.

צו אַט דער שפּיל האָבן מיר באַקומען אַ לעדערנע פּילקע, און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ כידעש, ווײַל ביז איצט פלעגן מיר אין אונדזער פוטבאָל באַנוצן אייגן געמאַכטע פּילקעס — אַן אַלט היטל, אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס און איבערגעבונדן מיט אַ שטריקל.

מיר האָבן זיך צעטיילט אויף קאָמאַנדעס און געמאָלדן אַ פאַרמעסטונג. ווען צוויי קאָמאַנדעס האָבן געשפּילט, זײַנען די איבעריקע געווען צושויער.

געשפּילט האָט מען מיט ברען. פאַרשטייט זיך, ס'האָבן זיך אײַנגעפונען ענטוזיאַסטן, וואָס האָבן „געקרענקט" פאַר זייערע קאָמאַנדעס. פון זייערע קוילעס האָט מען געקאָנט פאַרטויבט ווערן.

די, וואָס האָבן געוווּנען, זײַנען אומגעגאַנגען שטאָלצע. מע האָט זיי צום שפּאַס אָנגעטשעפּעט „מעדאַלן", אויסגעשניצטע פון אַ רויער בולבע.

זיך גוט אָנגעשפּילט, האָט מען זיך צוגעזעצט אויפן גראָז, זיך צוגעלייגט אינעם שאָטן פון ביימער.

אין דעם מאָמענט האָט מען מיך אַ רוף געטאָן צו ריזוועלען דער שווארצער. לעבן איר זײַנען געזעסן נאָך אייניקע יאַטן.

— כ'האָב פאַר אײַך אַ וויכטיקע אויפגאַבע, — האָט אָנגעהויבן ריווע, — קאַלזמאַן מיר האָבן זיך געשפּילט מיט דער פּילקע, האָט אונדז ניט געדראָאַט קיין געפאַר. אָבער איצטער וועלן מיר איבערלייענען פאַר אַלעמען דעם בריוו, וואָס עס האָבן אָנגעשריבן די קינדער פון די אַרבעטער פון דער מאָסקווער פאַבריק „באָלשעוויק" צו די קינדער פון די ליטווישע אַרבעטער. מיר וועלן דערבײַ דערציילן וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון די קינדער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. איר האָט שוין דעם דאָזיקן בריוו געלייענט. דערפאַר דאַרפט איר, פינף יאַטן, שטיין אויף דער וואַך, אויפמערקזאַם קוקן אויפן אַרום. אויב איר וועט דערזען אַ פּאָליציאַנט אָדער סתם אַ פאַרדעכטיקן טיפּ, דאַרפט איר טייקעף געבן אַ סיגנאַל, און מיר וועלן ווידער אָנהייבן שפּילן.

די אויפגאַבע איז געווען אַ קלאָרע און אַ בעקאָוועדיקע.

מער פון אַ שאָ ביין איך געזעסן אין די קוסטעס אַ הונדערט מעטער פונעם פאַרזאַמלונגס-אָרט.

אַהיים זײַנען מיר געגאַנגען פריילעכע, גליקלעכע, און לייבל מאַצקעוויטש האָט מיר שטילערהייט געזאָגט:

— כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען. נעמט מיך אַרײַן אין אײַער אָרגאַניזאַציע.

אויפן אַנדערן טאָג האָט מיר מילער געמאָלדן, אַז אינעם שפּאַציר האָבן זיך באַטייליקט 142 יוגנטלעכע.

— אויב אַלע וועלן ווערן מיטגלידער פון אונדזער פּיאָנערן-אָרגאַניזאַציע, וואָלט עס געווען גאָר אַ פײַנע זאַך!

— פאַרשטייט זיך, ריזול די שווארצע האָט געוווּסט, וואָס זי טוט, ווען זי האָט באַשלאָסן ענדערן די פאָרמען פון דער טעטיקייט פון דער פּיאָנערן-אָרגאַניזאַציע.

— ניט ריווע, נאָר די פּאַרטיי, — האָט ער מיך פאַריכט.

אויף דער דעמאָנסטראַציע

„די צעפּעלער" — אַזוי האָבן מיר גערופן די פּיאָנערקע עטעלע ווידעלעווסקע — איז געגאַנגען אויף יאַנעווער גאַס אין דער ריכטונג פון אַלט-שטאָט. דאָס מיידל איז געווען אומרויִק. „איך זאָל נאָר אים דערקענען", — האָט זי אָן אויפהער געבאַזורט פאַר זיך. ניט ווײַט פון סלאָבאָדקער בריק האָט זי אַרײַנגעשטעקט די האַנט אונטערן מאַנטל: „דאָס פּעקל איז אויף אָן אָרט, און אַלץ וועט זײַן גוט, אויב נאָר איך וועל אים דערקענען".

ביז צום אָנהייב פון דער דעמאָנסטראַציע איז נאָך געווען אַ גוטע האַלבע שאָ, נאָר זי האָט זיך געאײַלט. אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט פאַרשיידענע געדאַנקען. „אַז מע האָט אונדז באַקאַנט, האָט ער זיך אָנגערופן ליודאַס. פאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ פּסעוודאָנים. און זײַן פּנים האָב איך ניט באַטראַכט — ס'איז געווען אָוונט, ס'האָט גערעגנט, און אין געסל איז געווען פינצטער..."

די פרילינגדיקע זון האָט היינט אַלעמען געפרייט, און די גאַסן זײַנען געווען פול מיט מענטשן. יאָמטעוודיק געקליידעטע אַרבעטער האָבן שפּאַצירט צו צוויי, צו דרײַ. איי-

ניקע האָט עטעלע געקענט: דאָס זײַנען געווען שכיינים, אײַנוווינער פֿון ווילקאָמירער שאָסיי. ס'האָבן געגישטערט אויך פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען, און אײנעם הויף האָט זי דערזען עטלעכע פּאָליציאַנטן. א ביסל ווײַטער האָט זי ווידער באַמערקט פּאָליציאַנטן.

לעבן פֿיש-מאַרק האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט. „אויף דעם אָרט איז באַשטימט די ערשטמײַיקע דעמאָנסטראַציע[1], איך דאַרף זײַן לעבן שלאָס, נאָר איצטער איז נאָך א ביסל צו פֿרי". זי איז אוועק צוריק און דורך דער וויטרינע פֿון אַפּטייק א קוק געטאָן אויפֿן גרויסן זייגער אויף דער וואַנט. ס'איז געווען אָן צען מינוט צוועלף.

„צו פֿרי געקומען, — האָט זי זיך אַליין פֿאַרגעוואָרפֿן, — די שפּיקעס קאָנען מיך פֿאַרהאַלטן, און דאַן איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן".

זי איז אוועק צום אָפּגערעדטן אָרט, אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די פֿענעמער פֿון די פֿאַרבײַגייער. ליודאַס איז ניט געווען. „און עפּשער וועט ער אויך מיך ניט דערקענען", — האָט געצווייפֿלט דאָס מיידל.

ווי פֿון דער ערד איז אויסגעוואַקסן א פּאָליציאַנט. דאָס מיידל האָט אויפֿגעציטערט — איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט דירעקט צו איר. נאָר דער פּאָליציאַנט איז דורכגעגאַנגען, אַפֿילו זיך ניט אומקוקנדיק אויף איר. אויף וואַלאַנטשיוס-גאַס האָט דער פּאָליציאַנט אָפּגעשטעלט איינעם א מאַנצביל און אוועקגעפֿירט אים אונטער א טויער. אין א פּאָר מינוט אַרום איז דער פֿאַרהאַלטענער פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען און מיט א דערשראָקענעם פּאָנעם זיך אָפּגעטראָגן פֿונעם געפֿערלעכן אָרט.

„מע אונטערזוכט די פֿאַרבײַגייער, מע זוכט די פֿאָן", — האָט פֿאַרשטאַנען דאָס מיידל. די פּיאָנערן-אָנפֿירערן האָט דערציילט, אַז פֿאַראַיאָרן האָט מען טאַקע אַזוי געפֿונען די פֿאָן. דעם מענטשן האָט מען אַרעסטירט, און די דעמאָנסטראַציע איז דורכגעפֿאַלן — וואָס איז עס פֿאַר א דעמאָנסטראַציע אָן א רויטער פֿאָן!

פּלוצעם האָט דאָס מיידל דערפֿילט, אַז עמעצער האָט זי א שטופּ געטאָן, און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זי דערזען, ווי ער פֿאַרקערעוועט אין א זאַווולעק.

„ער! אָן צווייפֿל — ער!" — האָט באַשלאָסן עטעלע און, פֿאַרגעסנדיק וועגן פֿאָרזיכט, איז זי אוועק נאָך אים.

הינטער דער אײַנגעפֿאַלענער וואַנט פֿונעם שלאָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט.

— ניט דערקענט, האַ?

— דערקענט, דערקענט, — האָט זי געענטפֿערט, אַרויסשלעפּנדיק פֿון אונטערן מאַנטל דאָס פּעקעלע, — נאָר איך האָב ניט גלײַך באַמערקט.

ליודאַס האָט פֿלינק באַהאַלטן אונטערן רעקל די פֿאָן, און אײַנגעוויקלטע אַרום א קורצן שטאָק.

— א דאַנק דיר, א דאַנק דיר, כאַווערטע! אָבער איצטער פֿאַרשווינד פֿונדאַנען, די מינוט פֿאַרשווינד! — האָט שטיל געזאָגט ליודאַס און איז אוועק אין דער ריכטונג פֿונעם פֿיש-מאַרק.

עטעלע איז ווידער געקומען אויף וואַלאַנטשיוס-גאַס. דאָ האָט זי דערהערט אויסרופֿן:

— זאָל לעבן דער ערשטער מײַ! פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!

ליודאַס איז געשטאַנען מיט א הויך אויפֿגעהויבענער פֿאָן. אים האָט ענג אַרומגערינגלט א הײַפֿל מענטשן. א הילכיקע שטים האָט אויסגערופֿן:

— אַרבעט און ברויט פֿאַר די אַרבעטסלאָזע! נידער מיט דער פֿאַשיסטישער מאַכט פֿון הונגער און אָרעמקייט! זאָל לעבן די סאָוועטישע ליטע!

פֿון אַלע זײַטן זײַנען געלאָפֿן פּאָליציאַנטן. אין איין מאָמענט איז דער מאַרק-פּלאַץ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א צעבושעוועטן יאַם.

די פּאָליציאַנטן און די ציוויל-געקליידטע זשוואַלגיבניקעס האָבן געשלאָגן מיט די פּיסטאָלעטן און מיט די „באַנאַנען",[2] געשמיסן איבער די פּענעמער, איבער די קעפּ. פֿון ערגעץ-ווו זײַנען אָנגעלאָפֿן „שיאַוליסטן"[3] און געמיימעסט מיט די פֿריקלאַדן פֿון זייערע ביקסן.

---

[1] די דערמאָנטע דעמאָנסטראַציע איז פֿאָרגעקומען אין 1933.

[2] „באַנאַנען" — שטײַפֿע גומענע שטעקנס.

[3] שיאַוליו סאַיונגאַ (ליטוו.) — שיסער־פֿאַרבאַנד — א נאַציאָנאַליסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועמעס מיטגלידער האָבן געקעמפֿט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

— נידער מיט דער פּאָליציי! נידער מיט די פֿאַשיסטן! — האָבן זיך ניט אופֿגעהערט די אויסרופֿן.

די דעמאָנסטראַנטן האָט מען אַרעסטירט, געשלעפּט איבער די גאַסן און ווידער געשלאָגן.

שטייט אוף איר אַלע, װער װי שקלאַפֿן
אין הונגער לעבן מוז און בויט...

דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן געזונגען די פֿאַרפֿאַלגטע, צעשלאָגענע, אָבער ניט באַזיגטע קאָוונער אַרבעטער.

ס'איז אַריבער ניט ווייניק צײַט, ביז אַלץ איז שטיל געוואָרן. אָבער עטלעכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַפֿן זעלבן אָרט, אַף וואָלאַנטשיוס-גאַס. נאָכדעם, ווי זי וואָלט זיך אופֿגעכאַפּט פֿון אַ שווערן שלאָף, איז זי צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ לײדאַס איז געשטאַנען מיט דער אופֿגעהויבענער פֿאָן און לאַנג געקוקט אַף דער מיט בלוט פֿאַרפֿלעקטער ערד.

„ער איז אַ העלד, אַן עמעסער העלד!"

דעם זעלבן טאָג האָט די פּיאָנערן-אָנפֿירערן זי געריסמט:

— דו האָסט אויסגעפֿילט אַ וויכטיקע אופֿגאַבע — געהאָלפֿן אונדזערע עלטערע כאַווייריִם אײַנצואָרדענען די דעמאָנסטראַציע.

אַף די אויגן פֿונעם מיידל האָבן אַ בליץ געטאָן טרערן.

— אין קומענדיקן יאָר וועל איך אויך גיין אַף דער דעמאָנסטראַציע! אומבאַדינגט גיין! — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט, צודריקנדיק צו דער ברוסט די קליינע, שוואַכע, נאָך קינדערשע פֿויסט.

דער ערשטער וויזיט

— אָט אַ קוניל'עמל, אַן עמעסער קוניל'עמל! — האָט מיך געזידלט דער ברודער אַלעקסאַנדער נאָך דעם, ווי דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געמאַכט די אונטערזוכונג, איז אַרויסגעגאַנגען, אַ טראַסק טועדיק מיט דער טיר. — ווי איז דיר אײַנגעפֿאַלן, אַז ער קאָן עס געפֿינען?

מיר איז שוין אַזוי אויך געוואָרן אָנגעזאָלצן אַפֿן האַרצן, און דאָ זידלט נאָך דער ברודער.

— נו, „ניט אײַנגעפֿאַלן, ניט אײַנגעפֿאַלן", — כאָזער איך אַ צערײצטער איבער זײַנע ווערטער, — איצטער איז עס לײַכט צו זאָגן. — און איך בין אַרויסגעלאָפֿן אין צווייטן צימער, ער זאָל ניט זען די טרערן אַף מײַנע אויגן.

בײַס דער אונטערזוכונג האָט דער זשוואַלגיבעניק, דורכקוקנדיק מײַנע העפֿטן, געפֿונען אַ צייכענונג — אַן אַרבעטער מיט זײַן פֿויסט צעברעכט אַף שטיקלעך דעם פֿאַרפֿוילטן פּאַלאַץ פֿון קאַפּיטאַליזם. דאָס האָב איך איבערגעצייכנט פֿונעם שאַרבלאַט פֿון דער „ראָטע פֿאַנע", דעם אָרגאַן פֿון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער נומער איז דערשינען אומלעגאַל צום ערשטן מײַ 1933, שוין נאָך דעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און עמעצער פֿון די פּאַרטיי-טוער האָט אים געבראַכט אין אונדזער שטוב.

דער זשוואַלגיבעניק האָט די צייכענונג מיטגענומען מיט זיך, און מיר האָבן מיט אומרו געוואַרט, וואָס וועט זײַן ווײַטער.

אַפֿן אַנדערן טאָג האָב איך באַקומען אַן „אײַנלאַדונג" צו קומען אין דער זיכערקײַט-פּאָליציי.

— מע דאַרף זיך מעיאַשעוו זײַן, — האָט קורץ געזאָגט די מאַמע, זיך אָנגעטאָן און איז אוועקגעגאַנגען.

זי האָט זיך אומגעקערט אין אַ שאָ אַרום.

— אַנאַטאָלי (דאָס איז געווען דער פּסעוודאָנים פֿונעם מיטגליד פֿון צק פֿון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי אײַזיק ליפּשיץ) האָלט, אַז צוליב אָט דער איינציקער צייכענונג איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן, ווער רעדט נאָך — זיך אויסצובאַהאַלטן. סיטוקע איז נאָך אַ מינדעריעריקער, מע וועט אים ניט טשעפּען.

— דאָס וועט זײַן דײַן ערשטער „וויזיט“ אין זשוואָלגיבאַ, — האָט ביטער א שמייכל געטאָן אַלעקסאַנדער.

אַפּן אַנדערן טאָג אינדערפרי בין איך געווען אין דער געבײַדע פון זשוואָלגיבאַ.

א פּאָליציאַנט האָט מיר אָנגעוויזן אַף א לאַנגער באַנק אין קאָרידאָר.

— זיץ דאָ, ביז מע וועט דיך ארויסרופן.

דאָרט זײַנען שוין געזעסן, וואַרטנדיק אַף זייער ריי, אייניקע מענטשן.

— קינדער רופט מען שוין אויך אהער ארויס? — האָט האַלב פרעגנדיק, האַלב איראָ-ניזירנדיק, זיך צו מיר געווענדט אַן עלטערער מאַנצבל.

כ'האָב גאָרניט געענטפערט און זיך אַוועקגעזעצט אַף א פרײַ אָרט.

— וואָס ווילן זיי פון דיר? — האָט זיך יענער מאַנצבל ניט געקאָנט באַרויִקן.

איך האָב געשוויגן, ניט ארײַנגעלאָזט זיך אין א שמועס, און ער איז פון מיר אָפּגעשטאַנען.

אין קאָפּ זײַנען געקראָכן פאַרשיידענע געדאַנקען. כ'האָב אַלץ געקלערט, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. כ'זאָל נאָר זיך ניט ארויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט. זיי קענען דאָך ארויסגעצייכנט די מעלאָכע „צו ציִען פאַר דער צונג“, ווי די מאַמע האָט זיך אויסגעדריקט. זי האָט די גאַנצע צײַט מיר אײַנגעטײַנעט, כ'זאָל זײַן פּאָרזיכטיק. אַלע זײַנען מיר געקומען צום באַשלוס, איך זאָל זאָגן, אז די צייכענונג איז ניט מײַנע און ווי זי איז ארײַנגעפאַלן אין מײַן העפט, ווייס איך ניט.

— יאַצאָווסקי — צום אויספאָרשער דאַגיס!

איך האָב אופגעציטערט. דאַגיס... דאַגיס... דעם נאָמען האָב איך ניט איין מאָל געהערט: דאַגיס מאַכט אַן אונטערזוכונג, דאַגיס שלאָגט... דאַגיס ארעסטירט... דער פּאָליציאַנט האָט מיר געוויזן די טיר אַפּן צווייטן שטאָק. איך האָב זי געעפנט. באַם שרײַבטיש איז געזעסן א מענטש פון מיטלען עלטער, מיט גאַנץ שיינע געזיכט-שטריכן, ציוויל געקליידט. ער האָט זיך העפלעך באַגריסט און אָנגעוויזן מיר אַפּן שטול.

— ווי אַלט זײַט איר?

— ווי גייט עס אין דער לער?

— וואָס פאַר א לימעד האָט איר מער ליב?

— צי פאַרנעמט איר זיך מיט ספּאָרט?

אַף מײַן ענטפער, אז איך שפּיל אין דאַמקעס, האָט זיך דאַגיס פאַנאַנדערגעלאַכט, נאָר זיך גיך גענומען אין די הענט און, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, געזאָגט:

— האָט קיין פאַריבל ניט, נאָר מיך האָט אָנגענומען א געלעכטער, ווען איך האָב געהערט, אז דאַמקעס איז אויך ספּאָרט.

— אין פוטבאָל שפּילט איר?

— שווימען קאָנט איר?

— קינאָ האָט איר ליב?

„ווי העפלעך איז ער, און וואָס פאַר א מאָדנע פראַגן שטעלט ער, — האָב איך גע-טראַכט, — ווען וועט ער שוין אָנהייבן אויספאָרשן? און פאַרוואָס פאַרשרײַבט ער גאָרניט?“ אָבער דער אויספאָרשער האָט זיך ווײַטער אויך אינטערעסירט מיט גאָר „אומשולדי-קע“ זאַכן, און איך האָב אים געענטפערט אופריכטיק. ס'איז אריבער א האַלבע שאָ. פּלוצעם איז דאַגיס אופגעשטאַנען און אויסגעשטרעקט די האַנט:

— נו, גיי אהיים!

און מער גאָרניט. אָבער טאַקע גאָרניט!

ארויס בין איך א דערשטוינטער און אַן אנטוישטער. „צו וואָס האָבן זיי מיך גערופן? פאַרוואָס איז דאַגיס געווען אזאַ „סימפּאַטישער“? וואָס באַטײַט דאָס אַלץ?“

דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיטן כאַווער אַנאַטאָלי און אים דערציילט מיט אַלע פּראַטים וועגן דער מאָדנער אויספאָרשונג.

— מיסטאָם האָבן זיי געוואָלט דיך אָנקוקן, אָדער עפשער האָבן זיי דיך געהיים אָפּפאָטאָגראַפירט? — האָט געפרווווט טרעפן אַנאַטאָלי.

אין עטלעכע וואָכן ארום האָט אייִנער א קאָווגער קאָמערסאַנט, מיט וועמען מײַן פאָ-טער האָט געהאַט געשעפטלעכע באַציִונגען, אים דערציילט, אז ער האָט פאַרבראַכט בא א גלעזל מאַשקע מיט א באַקאַנטן אָנגעשטעלטן פון זשוואָלגיבאַ, און יענער האָט אים געזאָגט:

— מיר קענען יאַקאָוו יאַצאָווסקי. ער איז אַן ערנסטער לאָיאַלער בירגער. אָבער זײַן פרוי איז א קאָמוניסטקע, און די זין וועלן אויסוואַקסן עמעסע באָלשעוויקעס.

— די זשוואלגיבא האָט עפּעס-וואָס דערשמעקט, — האָט געזאָגט די מאמע, — מע דארף זײַן פֿאָרזיכטיק!

פֿרײַנט פֿון דער „רויטער הילף"

אין איינעם א טאָג האָט אונדז מילער געמאָלדן: שאבעסצונאכטס דארפֿן מיר זיך טרעפֿן מיט א כאוורטע, וואָס וועט אונדז געבן א וויכטיקע אויפֿגאבע.
דאָס מאָל האָבן מיר זיך פֿארזאמלט אין קאָוונער פֿאָרשטאָט אלעקסאָט, לעבן מינקאָוו-סקי-גאס, אין א האלב כאָרעווער כאטקע. דאָ האָבן מיר זיך באקאנט מיט דער כאוורטע איקי. א סאך שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דאָס איז געווען דער פּארטיי-פּסעוודאָ-נים פֿון דער סעקרעטארן פֿונעם קאָוונער ראַיאָן-קאָמיטעט פֿון דער ליטווישער „רויטער הילף" יודיט קאָמאָדײַטע.
צונויפֿגעקוועטשטע אין ענגן צימערל, האָבן מיר אויפֿמערקזאם געהערט, וואָס איז אזוינס „רויטע הילף" און וואָס פֿארא אויפֿגאבן זי האָט.
— איר ווייסט עפּעס-וואָס וועגן פּראנאס זיבערטאס?[1]
מיר האָבן געשוויגן: דעם נאָמען האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערהערט.
— שוין מער ווי צען יאָר פּײַניקט זיך פּראנאס אין דער פֿאשיסטישער טורמע, און פֿארמישפּעט איז ער אויף לעבנסלאנגער טפֿיסע. און ער איז ניט דער איינציקער — א סאך קעמפֿער פֿאר דער ארבעטער-זאך פּײַניקן זיך הינטער די גראטעס. דער כיוו פֿון אלע באוווּסטזיניקע ארבעטער איז העלפֿן זיי און זייערע מישפּאָכעס. מיט אָט דעם ציל איז געשאפֿן געוואָרן די אָרגאניזאציע פֿון רויטער הילף, מע רופֿט זי געוויינלעך „מאָפּר".
— איך קען איינע אזא פֿאמיליע פֿון א פּאָליטישן ארעסטירטן, — האָט געזאָגט בראָ-ניע. — זי לעבט בישכיינעס מיט אונדז אויפֿן גרינעם בארג. דער פֿאָטער איז פֿארמישפּעט אויף לאנגע יאָרן טפֿיסע, און עס זײַנען פֿאראן צוויי קליינע קינדער.
— אָט וועגן דעם טאקע רייד איך. איז אָט דער מישפּאָכע און נאָך אנדערע אזעלכע קאָן מען א סאך העלפֿן. ווילט איר ווערן פֿרײַנט פֿון דער „רויטער הילף"? — האָט אונדז געפֿרעגט די כאוורטע איקי.
— וואָס פֿאר א פֿראגע קאָן דאָ זײַן? — האָט זיך אָנגעצונדן מילער.
— אויב אזוי, גיט א קלער, ווי·אזוי קאָנען מיר העלפֿן די פּאָליט-ארעסטירטע.
איינער פֿון אונדז האָט זיך אויפֿגעהויבן און פֿײַערלעך געזאָגט:
— מירן ארויפֿוואַרפֿן די פֿאשיסטישע מאכט!
מיר האָבן זיך פֿאנאנדערגעלאכט, און אונדזער עלטערע כאוורטע האָט דערקלערט, ליבלעך שמייכלענדיק:
— דאָס איז לײַכט צו זאָגן, אָבער ניט אזוי לײַכט צו טאָן. גלײַכער איז, איר זאָלט העלפֿן די עלטערע כאווירים: טראָגן שפּײַז אין טפֿיסע, קלײַבן געלט פֿאר דער „רויטער הילף", שטיצן די קינדער פֿון די פּאָליטישע ארעסטירטע.
אין יענעם טאָג האָבן מיר געקראָגן אונדזער ערשטע אויפֿגאבע — באזוכן די מיש-פּאָכע, וועגן וועלכער בראָניע האָט דערמאָנט. מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט, אז גיין וועלן בראָניע און איך.
אין עטלעכע טעג ארום האָט בראָניע געבראכט א פּעקל. דאָרטן זײַנען געווען פֿאר-שיידענע זאכן פֿאר די קינדער, וואָס די עלטערע האָבן צונויפֿגעזאמלט. און מיר האָבן פֿאר די צענטן, צונויפֿגעקלײַבענע פֿאר דער „רויטער הילף", געקויפֿט צוקערקעס.
ס'איז געווען הארבסט. מיר זײַנען געגאנגען איבער אומבאקאנטע געסלעך פֿונעם גרי-נעם בארג. סאָפּקאָלסאָף האָט בראָניע אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון א קליינעם הילצערנעם שטיבל. אונדז האָט געעפֿנט אן עלטערע פֿרוי — די באלעבאָסטע פֿון שטוב צי א שכיינע. זי האָט בראָניען געקענט.
באם טיש האָבן זיך געשפּילט א ייִנגל פֿון א יאָר נײַן, מיט א שוועסטערל ייִנגער פֿון אים.

---

[1] פּ. זיבערטאס — אָנטיילנעמער פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, צוואנציק יאָר געזעסן אין טפּי-סע פֿאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט. פֿון 1919 מיטגליד פֿון פּארטיי. אין 1942 דערשאָסן געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

— וואָס גוטס וועט איר זאָגן? — האָט געפרעגט די פרוי.

— מיר זײַנען געקומען זיך שפּילן מיט די קינדער, — האָט געענטפערט בראָניע און זיי דערלאַנגט די צוקערקעס.

איך האָב אוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס פּעקל.

די פרוי האָט זיך פאַרינטערעסירט:

— ווער האָט אײַך געשיקט?

— גוטע מענטשן, — האָט קלוג געענטפערט מײַן כאַווערטע.

די פרוי האָט א שמייכל געטאָן און מער גאָרניט געפרעגט.

מיר האָבן פאַרבראַכט דאָרט א פּאָר שאָ. בראָניע האָט זיך אָנגענומען צו פאַריכטן די קליידער פון די קינדער — זי האָט שוין דעמלט געאַרבעט אלס שנײַדערקע. דערנאָך האָט זי געהאָלפן טאָן עפּעס אין קיך, געוואַשן, געשווענקט. איך האָב די גאַנצע צײַט זיך געשפּילט מיט די קינדער. ווען מיר זײַנען ארויס אויף דער גאַס, איז שוין געווען פינצטער, עס האָט געזיפּט א רעגן. צוערשט זײַנען מיר געגאַנגען מיט דער גאַס, דערנאָך האָט בראָניע, ווענדנדיק פאַרקירצן דעם וועג, מיך געפירט איבער גערטנער.

אין איינעם א הויף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— ווײַטער וועל איך דיך ניט באַגלייטן. וועסט דורכגיין דורך דעם הויף און קומען אויף ווישנעווסקי-גאַס. פון דאָרט איז שוין דער וועג א קלאָרער.

כ'האָב באַדאַנקט מײַן באַגלייטערן, און מיר האָבן זיך געזעגנט.

איך בין געגאַנגען, קימאַט געלאָפן, ארײַן אין א בלאָטע און פּלוצעם אויפגעציטערט: עפּעס שאַרפס האָט מיר א שלאָג געטאָן אין האַלדז. דאָס איז געווען א שטיק שטעכלדראָט. אין דער פינצטער האָב איך פאַרלאָרן דאָס שטעגל און בין מיטן גאַנצן אימפּעט ארויף אויף א צוים.

די עלטערן האָבן זיך גוט דערשראָקן, ווען זיי האָבן מיך דערזען — א פאַרבלאָטיקטן און פאַרבלוטיקטן. זיי האָבן טייקעף ארויסגערופן א דאָקטער.

דער דאָקטער האָט קיין זאַך ניט געפרעגט און איבערגעבונדן די וווּנד. נאָכדעם האָט ער, ניט קוקנדיק, ארײַנגעלייגט אין קעשענע די פּופּצן ליט, וואָס מע האָט אים געגעבן, און באַרויִקט די עלטערן:

— ס'איז ניט געפערלעך. ביז דער כאַסענע וועט זיך פאַרהיילן.

מער ווי א וואָך בין איך ארומגעגאַנגען מיט א פאַרבונדענעם האַלדז, און מילער האָט געשפּאַסט איבער מיר: „א קאָרבן פון „מאָפּר".

אין עטלעכע יאָר ארום האָט מיר בראָניע דערציילט, אז אין יענעם טאָג זײַנען מיר געווען בא דער מישפּאָכע פונעם אָנגעזעענעם רעוואָלוציאָנער, דעם קאָמוניסט יוזאַס סטימבוריס[1].

א נאַזלדיקע כאַסענע

געלט פאַר דער „רויטער הילף" האָט מען געקליבן צווישן דער יוגנט, נאָר אָפטמאָל אויך בא דערוואַקסענע.

איינמאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אין א פאָרשטאָט פון קאָוונע, אין אַן אַרבעטער-פאַמיליע, דאַרף פאָרקומען א כאַסענע. מילער איז אוועק אהין.

ווען דאָס יונג פּאָרל און די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט בא די טישן און זיך געגעבן צום קיבעד, איז מילער ארויף אויף א שטול — ער איז געווען קליינוווּקסיק — און מיט זײַן דין קעלעכל אויסגערופן:

— כאַווײרים אַרבעטער! הײַנט, ווען מיר פײַערן דאָ אונדזער סימכע, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן אין אונדזערע כאַווײרים, וואָס שמאַכטן אין די טפּיסעס!

ער האָט גענומען א טעלערל און איז אוועק מיט דעם לענגויס די טישן קלײַבן געלט פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

די מערהײַט פון די געסט זײַנען געווען אַרבעטער פון גרינעם באַרג. יעדערער האָט געגעבן וויפל ער האָט געקאָנט און אינעם אַלגעמיינעם טומל האָט אָפּגעקלונגען דאָס מינץ, וואָס מע האָט געוואָרפן אין טעלערל.

[1] אין דער סאָוועטישער ליטע איז סטימבוריס געווען א מיניסטער פון סאָציאַלער באַזאָרגונג. געשטאָרבן אין 1975.

מילער האָט צוערשט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אייניקע געסט קוקן אף אים פאַרכידעשט אָדער ווינקען אים עפּעס אונטער. פאַרשטאַנען האָט ער ערשט דעמלט, ווען ער האָט דערזען א זיצנדיקן וואַכמיסטער אין א פּאָליציי־אוניפאָרם. צוריקציִען זיך איז שוין געווען שפּעט. זיך סטאַרענדיק ניט אַרויסצוווײַזן זײַן צעטומלטקײַט, האָט מילער דרייסט צוגערוקט זײַן טעלערל צו די בלישטשענדיקע גאָלדענע אַקסעלבאַנטן אף דעם פּאָליציִאַנטס ברוסט און רויִק געזאָגט:

— איך בעט געבן, וויפל איר קאָנט!

אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זײַן.

דער פּאָליציִאַנט איז צוערשט געוואָרן געפּלעפט, דערנאָך האָט ער מיט א געמאַכטן שמייכל אַרויסגענומען זײַן טײַסטער.

אין טעלערל איז אַרײַנגעפאַלן א גאַנצע זילבערנע פינפליטיקע מאַטבייע.

אין דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר דאָס געלט אָפּגעגעבן דער פאָרשטייערן פון דער „רויטער הילף“. דערזען א פינפליטיקע מאַטבייע, האָט זי געפרעגט:

— איר האָט שוין אַזוי גיך באַוויזן אויסצובײַטן דאָס קלייִנגעלט?

דאָ האָט מילער איר דערציילט די געשיכטע פון דער מאַטבייע.

די פאָרשטייערן האָט אויסגעהערט די מײַסע מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און געזאָגט:

— א גליק, וואָס ס׳האָט זיך גוט געענדיקט. בעטן בא א פּאָליציִאַנט פאַר דער „רויטער הילף“ — דאָס איז א קנאַפּע כאָכמע. מע דאַרף אַלע כאַווײרים וואָרענען, זיי זאָלן זײַן פאָרזיכטיקער באַם קלײַבן געלט.

ניר אטאקירן א קינאָ־טעאטער

פון קאַפע „קאָנראַד“, ווו ס׳פלעגן זיך צונויפטרעפן קאָונער קאָמערסאַנטן, איז דער פאָטער געקומען א צערייצטער, א דענערווירטער.

— גאָרנישטן, כוצפּעניקעס, פאַרשטאָכענע אויגן! — האָט ער געזידלט, שפּאַנענדיק איבערן צימער.

די מאַמע האָט אָוועקגעלייגט דעם בוך אין א זײַט, וואַרטנדיק, ביז ער וועט זיך באַרויִקן און דערציילן, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען.

— פאַרשטייסט, זיי שפּײַען אף אַלץ, זײַנען גרייט צו פאַרקויפן די נעשאָמע, אבי מאַכן א גוטן געשעפט. איך האָב זיי געוואָרנט: „דאָס איז נידערטרעכטיק!“ אָבער זיי האָבן אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט.

— ווער „זיי“? וואָס פאַר א קאָנטראַקט?

דער טאַטע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, זיך גענומען צו דער גלאָז טיי און שוין א ביסל א באַרויִקטער דערקלערט:

— איינער א קאָרזשוכין — פון די ווײַסע עמיגראַנטן — האָט געבראַכט פון ריגע אן אַנטיסאָוועטישן פילם. ער האָט אים אונדז געוויזן. די עמעסע שמאַטע, א ביליקע סענסאַציע, א נידערטרעכטיקע רעכילעס.

— א שלעכטן פילם וועלן די קאָמערסאַנטן ניט נעמען. זיי האָבן ניט ליב צו לײַדן העזיק, — האָט מעיושעוודיק געזאָגט די מאַמע.

— האָבן זיך טאַקע קימאַט אַלע אָפּגעזאָגט, אפילע דער גוויר קופּריץ האָט זיך אָפּגעזאָגט: «от греха подальше». אָבער דער באַלעבאָס פון „אָדעאָן“ האָט זיך אָנגעכאַפּט, ער וועט דורכן דאָזיקן פילם זיך אָנשטאָפּן מיט געלט: „אַזאַ פילם איז נאָך אף אונדזערע עקראַנען ניט געווען. איר וועט זען, ווי מענטשן וועלן זיך א לאָז טאָן“. איך זאָג אים: „איר דינט צו היטלערן דערמיט“. אָבער קאָרזשוכין טײַנעט דאָס זײַניקע: „נעם. געלט שטינקט ניט“. טפו, פאַרשיווע היינט!

— נו, באַרויִק זיך. וואָס וועט דיר העלפן דײַן אופרעגן זיך, — האָט געזאָגט די מאַמע.

פונעם פאָטער האָב איך זיך דעמלט דערוווּסט, אַז דער פילם וועט געוויזן ווערן אין דער קומענדיקער וואָך.

דאָס אַלץ האָב איך דערציילט די כאַווײרים פונעם קעמערל, און מיר האָבן באַשלאָסן טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען, קעדיי אַראָפּרײַסן די דעמאָנסטראַציע פון דעם פילם. אין א פּאָר טעג אַרום האָבן מיר טאַקע דערזען אין די וויטרינעס פונעם קינאָ־טעאַטער „אָדעאָן“

דעם אַנאָנס פֿונעם פֿילם (ווי האָט ער זיך גערופֿן, געדענקט איך שוין ניט). איך מיט ליוסקען האָבן זיך אײַנגעשאַפֿן דזשעגעכץ און שפּעט אין אָוונט, ווען די צענטראַל־גאַס פֿון קאָוונע „לײַסוועס־אַלייע" איז געווען קימאַט פּוסט, אָנגעשמירט אויף די ווייטרינעס היטלעריסטישע האַקנקרייצן — ס'הייסט: מענטשן, זעט, וועמענס פֿילם דאָס איז!

דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך פֿאַרבײַגייער אָפּגעשטעלט לעבן דעם קינאָ־טעאַטער, צופֿרידן געשמייכלט איבער אונדזער „מאָלערײַ" און זיך צוגעקוקט, ווי דער דווארניק האָרעוועט, אָפּווישנדיק מיט טערפּענטין די האַקנקרייצן.

אין אָוונט האָט זיך באַוויזן באַם קינאָ־טעאַטער אַ פּאָליציאַנט, און אויפֿן אַנדערן טאָג האָט מען אָנגעהויבן צו ווײַזן דעם פֿאַשיסטישן פֿילם.

פֿאַרזאָרגטע, זײַנען מיר געזעסן זאַלבעדריט אויף אַ באַנק אין דערבײַיקן שטאָט־גאָרטן און געהאַלטן אין איין קלערן, וואָס טוט מען ווײַטער.

פּלוצעם האָט ליוסקעס פּאָנעם אויפֿגעלויכטן:

— יאַטן, זאָגט, ווי קאָן מען קריגן אַ „ראָגאַטקע"?

מיר האָבן טייקעף פֿאַרשטאַנען זײַן מיין.

ווען ס'איז געוואָרן פֿינצטער, האָט ליוסקע פֿונעם פֿירהויז פֿון האָטעל „ווערסאַל", וואָס האָט זיך געפֿונען פּונקט אַנטקעגן „אָדעאָן", אַרויסגעלאָזט מיט דער „ראָגאַטקע" אַ שטיינדל. אויף דער גאַנצער גאַס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פֿון צעבראָכענעם גלאָז. דער פּאָליציאַנט האָט ניט באַוויזן אַ פֿינטל טאָן מיטן אויג, ווי די אַנדערע ווייטרינעס האָבן אויך זיך צעשאָטן. ניט פֿאַרשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פֿאָר, פֿונוואַנען מע „שיסט", האָט דער פּאָליציאַנט אָנגעהויבן צו פֿײַפֿן, געלאָפֿן אַהין און אַהער איבערן טראָטואַר. טייקעף זײַנען אָנגעלאָפֿן נאָך פּאָליציאַנטן, און עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט סטאַם פֿאַרבײַגייער. מיט די הענט אין די קעשענעס איז דאָ אויך אַרומגעגאַנגען ליוסקע. ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן זײַן „געווער" מיט די שטיינדלעך, אַרויס פֿון זײַן באַהעלטעניש און צוזאַמען מיט אַלעמען רויִק זיך צוגעקוקט, ווי די פּאָליציאַנטן זוכן די „פֿאַרברעכער". סאָפּקאָלסאָף האָט איינער אַ פּאָליציאַנט אויסגעשריִען:

— פֿאַנאַנדערגיין זיך!

די מענטשן זײַנען ביסלעכווײַז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

אויף מאָרגן איז געקומען אַ גלעזער, אַרײַנגעשטעלט אין די ווייטרינעס נײַע שויבן, און דער פֿילם איז ווײַטער געגאַנגען.

— מע דאַרף ווידער אַטאַקירן דעם קינאָ־טעאַטער, ביז זיי וועט דערעסן ווערן אַרײַנצושטעלן נײַ גלאָז, — האָט זיך געהיצט ליוסקע.

נאָר מאַקסים — מיכל זינגער — האָט שוין צוגעקלערט עפּעס אַן אַנדער זאַך.

— מירן מאַכן אַזוי: מיר גייען אַרײַן אין זאַל, קלוימערשט צו זען דעם פֿילם. און אין אָנהייב פֿונעם סעאַנס לאָזן מיר אַרויס טרערן־גאַז. אין איין רגע וועלן זיך אַלע צעלויפֿן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע דרײַ ניט גרויסע מעטאַלענע טרײַבלעך, וואָס זײַנען פֿון ביידע זײַטן געווען פֿאַרקלעפּט מיט עפּעס אַ וואַקס.

— דאָס זײַנען קאַפּסולן פֿון טרערן־גאַז, — האָט ער דערקלערט, — מע שיסט מיט זיי פֿון אַ ספּעציִעלן פּיסטאָלעט. אָבער מיר וועלן זיך באַגיין אָן פּיסטאָלעטן. מירן דורכלעכערן דעם וואַקס מיט אַ טשוואָק, און דער גאַז וועט אַרויסגיין.

אַזעלכע טרײַבלעך און ביכלאַל פֿאַרשיידענע פּיסטאָלעטן פֿון קליינעם קאַליבער מיט קוילן אָדער אָן קוילן האָט מען פֿאַרקויפֿט פֿראַנק און פֿרײַ אין מושקאַטס וואָפֿן־געשעפֿט אויף דער זעלבער לײַסוועס־אַלייע.

— אָט דאָס וועט זײַן אַן אַטאַקע! — האָט ליוסקע זיך געריבן די הענט פֿון פֿרייד.

אַלע דרײַ האָבן מיר געקויפֿט בילעטן אויפֿן ערשטן סעאַנס אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿונעם זאַל. ווען ס'איז געגאַנגען די כראָניק, מיט וועלכער ס'האָט זיך אויך דעמאָלט אָנגעהויבן יעדער פֿילם, זײַנען מיר געזעסן רויִק, אָבער ווי נאָר מ'האָט גענומען באַווײַזן דעם אַנטיסאָוועטישן פֿילם, האָב איך שטילערהייט דורכגעשטאָכן מיטן טשוואָק דעם וואַקס. ס'איז געווען אָפּגערעדט, אַז מײַנע כאַווירים וועלן אין זעלבן מאָמענט טאָן דאָס אייגענע.

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָב איך געוואַרט, ווען וועלן זיך שוין אָנהייבן גיסן טרערן. עס זײַנען אַריבער עטלעכע מינוט — און גאָרניט! און דער פֿילם גייט און גייט. „מ'האָט, ווײַזט אויס, אָפּגענאַרט מאַקסימען — אים פֿאַרקויפֿט פּוסטע קאַפּסולן", — האָב איך אַ קלער געטאָן. נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן: אין די לעצטע

רייען איז געוואָרן א מעהומע — מע האָט געשלעפּט די נאָזטיכלעך פון די קעשענעס, געריבן די אויגן, זיך אופגעהויבן פון די ערטער און גענומען ארויסלויפן אין דרויסן. אינגיכן האָב איך אויך דערשפּירט, אז עס בײַסן מיר די אויגן. די מיידלעך, וועלכע זײַנען געזעסן באנאנד, האָבן אָנגעהויבן קוויטשען, ווי עמעצער וואָלט זיי געשמיסן.

— גאזן, גאזן! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

ס'האָט זיך אופגעהויבן א פּאניק. מענטשן, שטויסנדיק איינער דעם אנדערן, האָבן געײַלט צום ארויסגאנג. אף דער גאס איז אויך געוואָרן א טומל. פארבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געפרעגט, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

אין יענעם אָוונט זײַנען קיין סעאנסן מער ניט געווען. און אין די ווײַטערדיקע אָוונטן איז דער פילם געגאנגען בא א קימאט פוסטן זאל.

קיין וואָך איז ניט דורכגעגאנגען, ווי דער פילם איז אינגאנצן פארשווונדן געוואָרן. אין א געוויסער צײַט ארום, בײַס דער וועטשערע, האָט דער טאטע דערציילט:

— הײַנט האָב איך זיך בא קאָנראַדן אין קאפע געטראָפן מיטן באלעבאָס פון „אָדעאָן". ער וויינט, נעבעך, און זאָגט: „א שאָד, וואָס איך האָב אײַך דעמלט ניט געפאָלגט, ארײַנגעצויגן געוואָרן אין קאָרזשוכינס אפערע. אזויפיל אומאָנגענעמלעכקײַטן געהאַט — אי די באָלשעוויקעס האָבן ניט געלאָזט צורו, אי די קאסע איז פוסט".

א צופרידענער, האָט דער פאָטער צוגעגעבן:

— אונדזערע מענטשן האָבן אים גוט אָנגעלערנט.

ער האָט ניט געוווסט, אז מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער אויך זײַן זון געלויבט.

(סאָף קומט)

פון דער הײַנטצײַטיקער ליטווישער פּאָעזיע

נית לאנג פאר זײַן טויט האָט בער האלפערן צוגעשיקט אין רעדאקציע א ציקל לידער, וועלכע ער האָט איבערגעזעצט פון ליטוויש. „דיכטערישע איבערזעצונגען — דאָס איז מײַן „האָבי“, — האָט געשריבן אין זײַן בריוו דער אָנגעזעענער פּראָזע־שרײַבער. — אגעוו, איבערזעצונגען אָן „פּאָד־סטראָטשניקעס“ מאַך איך פון ליטוויש, העברעיִש, דײַטש, פראנצויזיש, שפּאַניש און, פארשטייט זיך, פון רוסיש. און נאָך איין זאַך — איך בין נית קיין אָנהענגער פון ווײַסע פערזן, שטרעב שטענדיק צו פארהיטן דעם ריטם און דעם גראַם, דערלויב זיך קיינמאָל נית קיין פרײַהײַטן לעגאַבע דעם אָרי־גינאַל“.

אלגימאנטאס באלטאקיס

באַרוף

אויב כ׳וועל פאלן א טויט מידער
ווי א קליאַטשע אויסגעדאַרטע,
מיינט נית, אז מיר איז דערווידער
אַקערן די ערד די האַרטע.

אײַנגעשפּאַנט מיך האָט נית קיינער,
כ׳האָב אַליין עס אויסגעקליבן,
אָט דאָס פעלד פון הוילע שטיינער,
דאָס נית דאַנקבאַרע, דאָס טריבע.

ס׳גייט די אַרבעט שווער און פּײַנזאַם,
האַרט די ערד. ס׳קריכט שווער דער אַקער.
מעגלעך, כ׳גיי פאַרויס נאָר לאַנגזאַם,
ס׳רינט דער שווייס, דאָס פּאָנעם פלאַקערט.

ס׳וואָלט אַן אַנדערער מיסטאַמע
פון אַזאַ געלאָפן לעבן.

מיר געפעלט אין ליידן סאַמע
לעבן און דעם אַקער שלעפּן.

מ׳וועט מיר זאָגן, ס׳איז קיין אייסעק
אַף דער האַרטער ערד זיך פּאָרען.
מיר איז ניכע עס: אין שווייסן
האָדעווען אי זיך, אי ס׳קאָרן.

ס׳שטייט נית אָן מיר זיך צו קלאָגן,
ווען איך זע די פרוכט פון מ׳לאָכע.
דאָ געפין איך פרייד און זאָרגן,
דאָ געפין איך מאַזל־בראָכע.

אָט דאָס פעלד, וואָס פול מיט שטיינער,
פול מיט ווילדגראָז מיט געדיכטן —
דאָרטן קאָן נית לעבן קיינער,
אויסער אַקערער און דיכטער.

◇

יאָנאַס סטרעלקונאַס

א ווּיקוּעך

ווערטער וואַרפט דער ווינט, ווי שטיינדלעך,
צו דעם בלימעלע געמיין:
„ס׳איז דײַן לעבן קורץ, פאַרגענגלעך,
וועסט באַלד אונטערגיין“.

ס׳פײַפט דער ווינט, ער פײַפט און וואָרנט:
„ס׳וועט פאַרגיין דײַן צוויט“.
נאָר דאָס בלימל ענטפערט גאָרנית.
אײַנדזער בלימל בליט.

◇

ווי'אַלעטאַ פּאַלטשינסקײַטע

בערעזע־ליכט

די ריאַבינישע קילקײַט,
ווי אַ פּײַערל לויכט,
לעוויטאַנישע שטילקײַט
טאָל און היגל באַלויכט.

ס'גרייטן פייגל אין הימל
זיך צום האַרבסטיקן וועג,
די בערעזע אין דרימל
איז מיט שפּינוועבס באַדעקט.

אין אַרום — ליכט און שאָלעם,
כ'פּיל מײַן טרוים איז גאַר נאָ'נט.
און דער ליכטיקער כאָלעם
סײַ ער רופט, סײַ ער מאָנט.

וואַלקנלאָז

ס'הערט דאָס ווינטל אויף צו ווייען,
גראָז און בלום פאַרטײַעט שטייען.
באַלד אַ גוסרעגן וועט קומען,
ס'וועט דאָס פרילינג־וואַסער ברומען,

שטימען קינדערשע ניט קלינגען,
פייגל הערן אויף צו זינגען.
אַקוראַט דאָס געסל שוועבקען
און אַ פרישע וועלט דיר שענקען.

◇

אַלעקסיס כורגינאַס

פּאַר נויעכס מאַבל

עס וועקט אין מיר אַן אומרו אָט דער בוים,
פון אים וועט מיר דער ענטפער עפּשער קומען:
פאַרוואָס זײַנען צו פרי פאַרוועלקט די בלומען
פון מײַן פאַרשווונדענעם אין טאַמוז טרוים?

און ענטפערן וועט מיר דער בוים געשווינד:
„וואָס דרייסטו, טײַערינקער, מיר דעם מויער,
דאָס איז געשען נאָך פאַר דעם מאַבל נויעכס!"
אַ בלאָז וועט טאָן אויף מיר אַ קאַלטער ווינט.

◇

יודיטאַ ווײַטשיונײַטע

אַנאַ פּראַנק

אָט קומט זי ווידער אָן. די אויגן לײַכטן אויף די בלײַכע באַקן.
ס'פּאַלט ציטעריק דער שאָטן פון די ברעמען אויף דער בלײַכער הויט.
עס הילכן אָפּ די טריט פון וואַכלײַט. שטעכלדיקער דראָט. באַראַקן.
און ווידער פּראַכט־וואַגאָנען קײַקלען זיך און קײַקלען זיך אין טויט.

דער אָסיענדיקער רעגן דריבלט קאַלעמוטנע אין די שויבן,
צערונען איז שוין שטאַרק די זון, וואָס קוים די וואַנט באַלויכט.

די וויסטע פינצטערניש פון נאַכט לעשט אויס די קינדערישע אויגן,
וואָס זײַנען כאַטש אראַפּגעלאָזט, נאָר זעען אַלץ, וואָס אין דער הויך.

געסטאַפּאָ. כורוועס. געטאָ. די אימפּעריע פון שאָטן און פון טײַוול.
אין טאָגבוך אַף דעם בוידעם פּליסטערט שטיל פון ליבע א דין קאָל.
אין הימל שטייט א רויך. געוואָרן אנא פראַנק איז א אש א הײַפל,
זי שטייט אוף אין דער נאַכט, אַז ניט פאַרגעסן זאָל איך זי קיינמאָל.

אלפאָנסאס מאלדאניס

דאָס שווײַגן פון די קינדער

דעם בראַנפן טרינקען מענער, פרויען,
פאַרכאַפּט פון בייזן מאַרעוויכער.
דערנאָך קלאַפּט אָן באַנאַכט אין טויער
דער שאָפער פון דער הילף דער גיכער.

און דאַן — א געט. מע וועט צעטיילן
אַף העלפט די קינדער און דאָס מעבל,
דאָס וועש, די קישנס — אַלצדינג צײלן
אַף העלפט, אַלץ ביז צום לעצטן קנעפּל.

דער ביטערער, דער שווערער טראָפּן,
וועט ווידער לינדערן די לײַדן,
די קינדער קוקן בלאַס, דערשראָקן —
ווי איימעדיק איז זייער שווײַגן...

עס שפּילן זיך קינדער

עס שפּילן זיך קינדער ווי גרויסע...
נאָר עפּשער מער עכט און מער ריין.
אַמאָל האָבן ביידע מיר אויכעט
געשפּילט ווי די קינדער זיך שיין.

עס טרויערן קינדער ווי גרויסע...
זיי טוען עס אָפּענערהייט
און גלייבן מיט צויבער און טמימעס,
אַז שטענדיק דער טרויער פאַרגייט.

עס טרוימען די קינדער ווי גרויסע...
ווי מיר אין דער קינדערשער צײַט.
דעריבער מיר ליבן זיי, צערטלען
און פילן אין זיי זיך באַנײַט.

עדוארדאס מעזשעלײַטיס

אוישוויצער אש

דער דאָזיקער אש, פון דעם ווינט איצט געטריבן,
געוועזן איז ער לעבן און שמייכל און ליכט.
געוועזן איז ער אויערן, אויגן און ליפּן,
א קוש איז געוועזן דער אש, וואָס דאָ ליגט.

געוועזן איז ער נערוון און טרויער און מוידער,
געוועזן נעשאָמע און אָטעם און לופט.
דאָס לעבן געוועזן אײַנגעקריצט איז מיט קויער
אין יעטווידן אטאָם פון יעטווידן גוף.

די דאַזיקע האָר — שוואַרצע, בלאָנדע און ברוינע,
וואָס ליגן אַזוי, ווי אין פעלד ליגט דאָס היי,
עס האָט זיי דאָך עמעץ געצערטלט אין טרוימען,
מיט טרוקענע ליפּן באַרירט זיך צו זיי.

די גאָלדענע האָפענונג, די שײַן פון די אויגן,
דער ציטער פון הארצן, זײַן פרייד און זײַן קלעם —
אין קאַלך־אויוון ברענען, אין שרעקלעכן אויוון...
ס'איז אַש בלויז, ס'איז אַש בלויז געבליבן פון דעם.

אַ פויגל פליט דורך איבער שטעכיקע דראָטן,
פאַרטשעפּענדיק קוים מיט זײַן פליגל אַ רויז,
וואָס איז אַזאַ רויטע, מעשונע געראָטן,
פון ווילדער, פון בלוטיקער ערד דאָ אַרויס.

כ'אַנטלויף פון דעם וויסטן באַראַק אינעם דרויסן,
איך קוק אָפּן הימל אין שטומען געשריי,
און, דריקנדיק מענטשלעכן אַש אין די פויסטן,
צום מענטשן כ'שרײַ אויס מײַן פאַרצווייפלטן ווײ.

◇

ווינצאַס געדראַ

העמשעך

איך זע, אָ ברודער, אונדזער ליכט דערברענט שוין,
נאָר ניט אומזיסט דאָס לעבן איז אוועק.
ניט אַלץ דערגרייכט מיר האָבן פאַר די מענטשן,
נאָר ס'האָבן, כאַוועך, טרוימען דען אַ ברעג?

געוועזן די בליִונג איז און דאָס פאַרוויאַנען.
געוועזן איז גליק און אויך געוועזן פאַראַט.
מיט מענטשן עכטע כ'האָב געשפּאַנט צוזאַמען
און, גאָט צו דאַנקען, סאָנים אויך געהאַט.

און איצטער אויך — ס'טראָגט סינע זיך אין לופטן,
מיט גיפט גייט אויס דער סוינע אָזאַ שיר.
און שטייגער סווישטשען איבער אונדז. נאָר מיר,
מיר גייען אונדזער וועג דעם אויסגעפּרוווטן.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

פּײַוול סיטאָ

(1945 — 1909)

הירש בלאָשטיין

(1980 — 1895)

פּ ײַ ו ו ל ס י ט אָ

מילכאָמע־דערציילונגען

זאַווערוכע

אונדזער ראָטע האָט באַקומען א באַפעל פאַרנעמען דאָס דאָרף ג. ביזן דאָרף האָט מען געדאַרפט דורכגיין 18 קילאָמעטער צופוס. אין דרויסן האָט געבושעוועט א זאַווערוכע. א פינצטערער נעפּל האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אונדז, ווי א גרויסער טונקעלער לײַלעך, ווי ער וואָלט וועלן פאַרשטעלן דעם וועג. דער צעווילדעוועטער צאָפן-ווינט האָט געהויבן פון דער ערד גאַנצע פּלאַסטן שניי, זיי געדרייט אינדערלופטן און געשלײַדערט אין פּאָנעם. אַלע זײַנען מיר געגאַנגען אַף סקי, וואָרעם גיין ניט אַף סקי האָט געדראָעט יעדע רעגע אײַנגעזונקען צו ווערן אין טיפן שניי, וואָס האָט דערגרייכט ביזן גאַרטל.

אַפן דריטן קילאָמעטער האָט מיך אָנגעיאָגט אונדזער שעף פונעם סאַנטייל, דער מיליטערישער דאָקטער פון דריטן ראַנג מיכל בעקער, א וויניצער ייִד, א בלאָנדער רירעוודיקער פאַרשוין אין ברילן מיט א ביסל קלײַנען אַף דער קליינער נאָז. ערשט מיט א פּאָר וואָכן צוריק איז ער אָנגעקומען צו אונדז פונעם פראָנט, ווו ער איז געווען גאַנץ ערנסט קאָנטוזיעט.

— נו, שרײַבער, איר לעבט נאָך? — האָט זיך דער דאָקטער, א פריילעכער, אויסגעגלײַכט מיט מיר.

— גאָט צו דאַנקען, האַלעוויַ אַף ווײַטער, — האָב איך אים אָפּגעענטפערט.

— וואָס ווייסט איר! — האָט ער א זאָג געטאָן זייער הויך, קעדיי איבערשרײַען דעם ווינט. איר זאָלט געווען זײַן מיט מיר אין טיכווין, וואָלט איר דעמלט פאַרשטאַנען. און הײַנט איז דאָך ניט מער ווי א רעפּעטיציע, דערבײַ אַפילע ניט קיין גענעראַלע!

דער דאָקטער איז געווען גערעכט. דאָס זײַנען טאַקע געווען בלויז טאַקטישע אָטריאַדלימודים, דערצו נאָך אין ווײַטן הינטערלאַנד. און כאָטש מיר האָבן איצטער, אין דער בייזער זאַווערוכע, געשפּאַנט אין דער זעלבער באַוואָפענונג, ווי מע שפּאַנט אַפן פראָנט — מיט דער ביקס אַף דער פּלייצע, מיטן רענצל, קעגנגאַז-מאַסקע און לאָפּעטע, און ס'האָט אונדז באַגלייט די נייטיקע צאָל האַרמאַטן, די פעלד-קיך און דער סאַנטייל, נאָר קיין פײַנטלעכע אַעראָפּלאַנען זײַנען פּאָרט איבער אונדזערע קעפּ ניט געפלויגן און קיין מינעס האָבן אין דער נאָענט אויך ניט געוואָיעט. אָבער זיך שטעלן אויסהערן אינמיטן מאַרש, אין א זאַווערוכע, וואָס האָט מאַמעש געשלײַדערט פון די פיס, דעם דאָקטערס פראָנט-דערינערונגען, האָט מען שוין געדאַרפט זײַן א באַזונדערער באַלן. לאַנג שמועסן אין וועג איז אויך ניט

געווען מעגלעך, נאָר קעדיי ווי-סע-ניט-איז קעמפן מיט דער זאווערוכע, לעכאָלהאפּאָכעס פאַרגעסן אין איר, אָדער אַלנפאַלס זיך איַינ-ריידן, אַז דו פילסט זי ניט, האָט מען דאָך געמוזט זיך איבערוואַרפן מיט א פּאָר ווער-טער.

קלאָר, אַז קיין גאַנצע דערציילונג האָט זיך דעריבער באַם דאָקטער ניט באַקומען. אייניקע פראַזעס האָט אָפּגעטראָגן דער ווינט, אַנדערע זיַינען פאַרזונקען געוואָרן אין טיפן שניי, בלויז איינצלנע ווערטער האָבן זיך גע-טראָגן אין דער לופטן:

— טיכווין...

— אין טיכווין...

— הינטער טיכווין...

אַז מיר זיַינען אַריַין אין דאָרף, איז שוין געווען טונקל. מיך האָט מען איַינגעאָרדנט אַף נאַכטלעגער צוזאַמען מיטן דאָקטער באַ א וויַיסרוסישער פּויערטע, וואָס האָט זיך עוואַ-קוירט אַהער פון הינטער אָרשע. פיר בלאָנדע קעפּלעך האָבן פאַרכידעשט אַראָפּגעקוקט אַף אונדז פונעם אויבן-אויוון.

— א גוטנאָוונט איַיך, מומינקע, — האָט דער דאָקטער אויסגעטאָן דאָס היטל און גע-נומען אַראָפּריַיסן פון די וויַיס שטיקלעך איַיז, — קאָן מען באַ איַיך איבערנעכטיקן?

— וואָס פרעגט איר נאָך, מיטן שענסטן קאָוועד! — האָט די באַלעבאָסטע, א נידעריק-וווּקסיקע, אויסגעדאַרטע פּויערטע, גענומען ווישן מיטן פאַרטעך די בענקלעך.

— נו, אויב אַזוי, איז גוט! — האָט אָפּ-געענטפערט בעקער און באַלד טאַקע אַוועק-געלייגט אַפן טיש זיַין רענצל מיט מעדיקאַ-מענטן, אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פון דאָרטן און אויסשטעלן אַפן טיש פאַרשיידענע פלעשעלעך מיט רעפּועס, פּראָשקעס, בינטן, וואַטע, און אין דער פּויערשער כאַטע האָט זיך אַריַינגע-ריסן א ריַיעך פון אַפּטייק.

די באַלעבאָסטע האָט אָנגעצונדן א קאַ-נעצל, וואָס האָט געוווּנקען צו אונדז מיט א קליין פלעמל, — א קאַפּריז פלעמל, וואָס האָט ווי אַרויסגערעדט: „איך וועל סיַיווי ניט לויכטן...” זי האָט איַינגעהייצט דאָס הרובקע-לע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן כאַטע, און דאָס פיַיער פונעם אָפענעם טירל האָט א סך שענער באַלויכטן דעם צימער, ווי דאָס קאַ-נעצל.

אָפּגעגעסן אַף א סאָלדאַטישן אויפן פּו-נעם קעסעלע די וועטשערע, וואָס דער סאַנינסטרוקטאָר האָט אונדז געבראַכט צו טראָגן אין אַן עמער, האָב איך אויסגעבעט אַפן דיל, ניט וויַיט פונעם איַיוועלע, מיַין שינעל.

— שלאָפן גאָר? אַזוי פרי שלאָפן? — האָט זיך אָנגערופן בעקער. — אנו, קומט נאָר אַהער, יונגערמאַן! איר זיַיט דאָך עפּעס א שריַיבער, איז ווי קאָנט איר עס דורכלאָזן אַזאַ זאווערוכע... אַזאַ שיינע זאווערוכע טרעפט זיך איין מאָל אין צען יאָר...

איך האָב פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט. דאָס האָט געשמעקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך איצטער געוואָלט „נויקעם זיַין” אין מיר און דערציילן זיַינע פראָנט-דערינע-רונגען. און איך האָב זיך געהאָרכזאַם אַוועק-געזעצט אַפן בענקל לעבן פענצטער.

— נו, דאָקטער, אַצינדער דערציילט מיר עפּעס פון איַיער לעבן אַפן פראָנט, — האָב איך זיך אַליין אָנגערופן, — איצטער בין איך איַיך גרייט הערן אַפילע א גאַנצע נאַכט.

בעקער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר באַם טישל, א ווווּנק געטאָן צו מיר מיט די קליינע אייגעלעך, און וועלכע עס האָט געלויכטן א בלוי פיַיערל.

— קיין סאַך, אייגנטלעך, וועל איך איַיך ניט דערציילן, — האָט ער א זאָג געטאָן, — איך וועל איַיך נאָר דערציילן איין עפּיזאָד פון מיַין זיַין אין טיכווין. דערמאָנט האָב איך זיך אין אים, וויַיל יענעם טאָג איז פּונקט געווען אַזאַ זאווערוכע ווי אַצינדער. ס'האָט געווייעט און געדרייט אַקוראַט, ווי היַינט...

פּלוצעם האָט עמעצער א קלאַפּ געטאָן אין פענצטער. דערזען, ווער סע קלאַפּט, איז ניט מעגלעך געווען, וויַיל די שויבן זיַינען שטאַרק געווען פאַרפּאַראָשעט מיט שניי. און עפּשער האָט עס דער ווינט אַזוי געבושעוועט.

נאָר אין עטלעכע רעגעס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר.

— ווער איז? — האָבן מיר ביידע מיט־אמאָל אויסגעשריגן.

— אנטשולדיקט, דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט דער דאָקטער פונעם ב־ער טייל? — האָט זיך דערהערט א קאָל פון יענער זײַט טיר.

— דאָ, דאָ, אַרײַן! — האָט בעקער א געשריי געטאָן.

אין שטוב איז, הינקענדיק אַפּן רעכטן פוס, אַרײַנגעגאַנגען א הויכער פּאַרשוין. אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס פּאַרשנייטע היטל, איז ער געבליבן שטיין פּאַרכידעשט אַף דער שוועל, וועלנדיק, ווי־זשע אויס, דערקענען, ווער פון אונדז ביידע איז דער דאָקטער.

בעקער איז אָפּגיך אופגעשפּרונגען פון זײַן אָרט און איז צוגעגאַנגען צום גאַסט.

— איך בין דער דאָקטער, — האָט ער א זאָג געטאָן, — וואָס האָט איר געוואָלט?

— אנטשולדיקט, וואָס איך האָב אײַך אזוי שפּעט מאַטריִעך געווען, איר זײַט שוין אוודאי געשלאָפן? — האָט זיך דער גאַסט געפּרוווט פאַרענטפערן. נאָר אונדזער שפּיטאָל געפינט זיך אכט קילאָמעטער פונדאַנען און די ווונד האָט זיך אזוי צעשפּילט, אז איך קאָן פּאַשעט ניט אויסהאַלטן...

— טוט אויס דעם וואָליק! — האָט בעקער קימאַט באַפוילן. דער גאַסט האָט געפאָלגט.

בעקער האָט העלער געמאַכט דאָס פײַער פונעם קאַנעצל, וואָס האָט נאָך אַלץ געשפּילט מיט אונדז אין רויגעז, א וואַש געטאָן די הענט מיט ספּירט און האָט, ווי זײַן טעווע, קאַלטבלוטיק באַטראַכט די ווונד. „יאָ!..״ — האָט ער סטאַם א זאָג געטאָן און איז צוגעטראָטן פאַרזיכטיק רייניקן די ווונד מיט יאָד, וועלנדיק באַהאַלטן פון אונדז די שמערצן, וואָס האָבן אים שטאַרק געפּײַניקט, האָט דער גאַסט אָפּגעקערעוועט דאָס פּאָנעם, דערצו נאָך האָט דאָס קאַנעצל געהאַלטן אין איין צאַנקען, אזוי אז מיר האָבן בעמיילע ניט באַוויזן באַטראַכטן דעם גאַסט ווי געהער צו זײַן. איצטער איז ער שוין די גאַנצע צײַט געזעסן צו אונדז מיט דער פּלייצע.

— איר זײַט א היגער? — האָט דער דאָקטער פאַרפירט מיט אים א געשפּרעך, קעדיי יענער זאָל א ביסל פאַרגעסן אין די שמערצן.

— אַן עוואַקויִרטער, — האָט דער גאַסט אָפּגעענטפערט, — פון הינטער זשלאָבין בין איך, פון ווײַסרוסלאַנד.

— ווי רופט מען אײַך, כאַווער?

— גלעבקאָ, וואַסיל גלעבקאָ.

— ווו האָט עס אײַך אזוי שווער פאַרוווּנדעט, כאַווער גלעבקאָ?

— לעבן דעם דאָרף קיריטשי, הינטער טיכווין.

— טיכווין? — האָט בעקער איבערגעפרעגט און איז געוואָרן אומרויִק. די קליינע אייגעלעך הינטער די ברילן זײַנען זיך צעלאָפן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. דאָס וואָרט „טיכווין״ האָט בא בעקערן אַרויסגערופן שטורמישע דערמאָנונגען וועגן נאָך ניט אָנשווינענע אַרטילעריע־קאַנאָלן. — טיכווין, זאָגט איר? — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט. — נו, נו! וואָס זשע ווײַטער?

דער גאַסט האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ.

— ווען מע האָט מיך א פאַרוווּנדעטן געבראַכט אין סאַנטייל פונעם פּאָלק...

— וועלכן פּאָלק, געדענקט איר ניט? — האָט אים בעקער אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן.

— פאַרוואָס עפּעס געדענק איך ניט? — איז גלעבקאָ געוואָרן מער באַריידעוודיק. — אוודע געדענק איך. איך האָב געדינט אין דער סאַפּיאָרן־ראָטע. מיר זײַנען דעמלט געגאַנגען פאַרמינירן דעם צוטריט צו דער פּאָדערשטער ליניע און א קויל האָט מיך געטראָפן אין רעכטן פוס. און ווײַטער געדענק איך גאָרניט. איך געדענק נאָר, אז ווען כ׳האָב אופגעעפנט די אויגן, האָב איך זיך דערזען, ווי איך ליג אַף א טיש אין א פּויערשער כאַטע און לעבן מיר שטייט א בלאָנדער דאָקטער אין ברילן. איך געדענק, ער האָט מיר אפילע געזאָגט: „איר מעגט האַלטן, כאַווער, אז איר האָט געפונען דעם רעכטן פוס״.

— וואָס הייסט געפונען? — האָב איך אים געפרעגט. — איך האָב אים דען פאַרלאָרן? נאָך דעם, געדענק איך זייער גוט, האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט אין א מאַשין, ס׳האָט דעמלט שטאַרק געווייעט אין דרויסן, אקוראַט אזויווי איצטער, און מײַן שינעל איז געווען זייער פאַרבלוטיקט און צעריסן, האָט דער דאָקטער אויסגעטאָן פון זיך זײַן אייגענעם פּעלץ און האָט מיך פאַרקוטעט אין אים, אזוי־ווי מע פאַרקוטעט א קינד. און נאָך געדענק איך, ווי ער האָט אַרויסגענומען פון זײַן רענצל א שטיק בולקע און האָט מיר דערלאַנגט...

בעקער האָט זיך נאָך אַלץ געפּאַרעט אַרום גלעבקאָס פוס, נאָר איך האָב באַמערקט, ווי די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, און כ׳האָב פאַרשטאַנען זײַן געפיל. דאָ האָט געהאַלטן בא א באַגעגעניש פון צוויי שלאַכטלײַט פון איין פּאָלק. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און האָב זיך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך.

— כאָווער, — האָב איך זיך געווענדט צו גלעבקאָן, — איר וואָלט איצטער דערקענט אײַער דאָקטער?

— אוודאי דערקענט, — האָט ער אָפּגעענטפערט, נאָך אַלץ ניט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ.

— טוט א קוק, אָט איז דער כאָווער בעקער, — האָב איך אַף זיך גענומען די דרייסטקײַט.

גלעבקאָ האָט זיך שנעל אופגעשטעלט, א קוק געטאָן אפן דאָקטער און אויסגעשריגן: — מיליטער-דאָקטער פון דריטן ראנג בעקער?

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט בעקער רויִק אָפּגעענטפערט.

— אזא באגעגעניש! — האָט זיך גלעבקאָ ניט געקאָנט באַרויִקן, — אזא באגעגעניש! דאָקטער, איר מוזט מיט מיר איצטער צוגיין צו מיר אהיים. איך וויל, מײַן ווײַב זאָל אײַך זען, און מײַן ייִנגל גרישקע...

— גוט, גוט, — האָט דער דאָקטער אָפּגעענטפערט, — אומבאדינגט. מאָרגן אינדערפרי וועל איך זיך ארײַנכאפּן צו אײַך.

— ניין, איצטער! איצטער, דאָקטער, קומט שוין מיט מיר! — און לאנג ניט געטראכט, איז גלעבקאָ צוגעהונקען צום הענגער, האָט אראָפּגענומען בעקערס שינעל און דערלאנגט. — זאָל אײַער כאָווער אויך גיין מיט אונדז, — האָט ער א ווײַז געטאָן אַף מיר.

דער דאָקטער האָט מיט די אויגן מיך א פרעג געטאָן: „נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף?"

געכאפּט אין מײַן בליק, אז איך בין גרייט, האָט ער אפגיך אָנגעטאָן דעם פּעלץ און איז ארויס אין דרויסן. מיר ביידע — נאָך אים.

גלעבקאָ איז ארײַן צו זיך אין שטוב שטארק אופגעלייגט:

— נאסטיע, שטיי אויף! שטיי אויף, נאסטיע.

נאסטיע האָט זיך געריבן די פארשלאָפענע אויגן.

— שטיי אויף און שטעל צום טיש! — האָט גלעבקאָ פרייליך געשריגן, — זעסט אָט דעם מענטשן? דאָס האָט ער מיך געראטעוועט! — ער איז צוגעלאָפן צום אפן-אויוון.

— גרישקע! — האָט ער דאָרטן עמעצן געטאָרעט. — קריך אראָפּ, גרישקע, און טו נאָר א קוק, ווער ס'איז דאָ בא אונדז!

א זשוואוו ייִנגעלע האָט אראָפּגעלאָזט די פיס פונעם אפן-אויוון, געבלאָנדזשעט מיט די שווארצע אייגעלעך איבער דער שטוב און מאָדנע געקוקט אַף אונדז, ווי דאָס אַלץ זאָל זײַן א כאָלעם.

— אָט דער מענטש, — האָט גלעבקאָ געצויגן בעקערן צוערשט צום ווײַב און דערנאָך צום קינד, — איר געדענקט, איך האָב אײַך דערציילט, — אָט איז ער. ער האָט מיך געראטעוועט פון טויט. נאסטיע, ווײַז נאָר דעם פּעלץ! — ניט דערווארט זיך, איז ער אליין צוגעלאָפן צום קאסטן און האָט ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן א שמויסענעם פּעלץ מיט צוויי קוילן-לעכלעך אין די פּאָלעס. — איר געדענקט אים, כאָווער דאָקטער? ס'איז דאָך אײַער פּעלץ!

קאַיאָר האָב איך זיך אומגעקערט מיטן דאָקטער אהיים. בעקער איז געווען שיקער — ניט אזוי פונעם ביסל ווײַן, וואָס נאסטיע האָט אים מעכאבעד געווען, נאָר פון דער בענקעניש, וואָס האָט אים אָנגעכאפּט. טיכווינער פראָנט איז אים געשטאנען פאר די אויגן.

באטאָג האָבן מיר ווידער געשפּאנט מיט אונדזער טייל אין שניי, אין דער זאווערוכע. מיט מיר באנאנד איז געגאנגען דער מיליטער-דאָקטער פון דריטן ראנג מיכל בעקער און געהאלטן אין איין דערציילן. אייניקע פראזעס האָט אָפּגעטראָגן דער ווינט, בלויז איינצלנע ווערטער, אָפּגעריסענע, נאָר נאָענטע צו מײַן הארצן און קלאָרע ווי דעם דאָקטערס געפילן, האָבן זיך געטראָגן אינדערלופטן, באזונדערע ווערטער, אין וועלכע ס'זײַנען פארבאָרגן געווען טאט, קאָרבאָנעס, מעסירעסנעפעש און לעבן:

— טיכווין...

— אין טיכווין...

— הינטער טיכווין...

דער מעם

אינדערהיים בין איך געווען א דאמסקע שנײַדער. א דאמסקע שנײַדער, פארשטייט איר דאָך אַליין, איז ניט קיין וואָכעדיקער גאנג. אופנייען, לאָמיר זאָגן, א יעפּייפּע פון א פּוד זעקס א פאסאָנע קלייד פון קרעפּזשערזשעט אָדער יאפּאָנישן זײַד, אונטן מיט שליארקעלעך, מיט א באנט אַף דער ברוסט, דערבײַ דאַרף דער באנט אויסזען ווי א קווייט און ניט ווי א פאָכער, און יעדער פאלד זאָל ליגן אַף זײַן אָרט, און די בופן אַף די אקסלען זאָלן איר דערמאָנען פייגלשע פליגעלעך, און, דעריקער, די אַלע שמינדער-בעגעצן זאָלן לע-

מאַנעשעם ניט אויסזאָגן דעם סאָד, וויפֿל זי וועגט, — דאָס איז איינמאָל אַוועק. נו, און אופֿנייען, פֿאַרקערט, אַ דאַרער בראַנדיע, וואָס האָט אַמאָל, פֿאַרשטייט איר מיך, געהאַט אַ פֿיגור, אַ שוואַרצן קליאַש מיט בופֿן, וואָס דאַרפֿן שוין אויסזען ניט ווי פֿייגלשע פֿליגעלעך, נאָר ווי גאַנצע פֿליגל פֿונעם אַעראָפּלאַן „אַן-2", און דאָס אַלץ זאָל פֿאַרדעקן איר אויסגעטרינקטע פֿיגור, — דאָס איז אויך ניט קיין קליינע מאַראָקע. אָט דאָס פֿלעג איך טאָן אינדערהיים: בײַ איין ייִדענע פֿלעג איך אַראָפּגאַנווענען פֿון איר גרעב און עס שענקען אַ צווייטער. אויב איר ווילט וויסן, איז יעדעס פּעלדעלע ניט מער און ניט ווייניקער ווי שנײַדערשע כאָכמע, געקייפֿלט אַף אײַנפֿאַל און געקייפֿלט אַף שמאַד-שטיק. און וואָס, מיינט איר, איז דען אַזוינס אַן אויסשפּירער אַפֿן פֿראָנט? ס'איז אויך אַן אַרבעט, וואָס אַן אײַנפֿאַלן קאָן מען מײַעס אָפּשנײַדן. בעקיצער, אַן אויסשפּירער טאָר, קוידעמקאָל, ניט זײַן קיין בעהיימע. אָט הערט אַ מײַסע.

אין דרויסן האָט געכליופּעט אַ רעגן, און ס'איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט. זיך לאָזן באַנאַכט, אין אַ רעגן, אין אויסשפּיר — וואָס קאָן שוין זײַן בעסער? אַזאַ מין צײַט האָט באַזונדערס ליב געהאַט אונדזער ראָטנער קאָמאַנדיר, דער לייטענאַנט ברינזאַ. ער איז געווען אַ הויכער, מיט שוואַרצע אויגן, און האָט בעטעווע ליב געהאַט אַוועקלייגן אַ פּריץ מיטן ערשטן שאָס. ס'איז גראַדע געווען שטילבלעך אַף אונדזער טייל פֿראָנט, רופֿט ער מיך אַרויס, ברינזאַ, הייסט עס, און מאַכט צו מיר: „הײַנט באַנאַכט גייסטו אין אויסשפּיר, וואָס טיפֿער צום דײַטש, און אַכט אַזייגער נול-נול ביסטו דאָ צוריק. פֿאַרשטאַנען?". „געמאַכט!" — טו איך אַ קנאַק אָפּ און נעם מײַן אווטאָמאַט מיט אַ פּאָר גראַנאַטעס און מיט עפּעס אַ מעסער דאָרטן, און לאָז זיך אין וועג אַרײַן.

לעמײַ זאָל איך אײַך זאָגן: מײַן טאַטע, מוישע-מענדל, איז קיין אויסשפּירער ניט געווען, און מײַן זיידע רעב יאָנטל אויך ניט. און איך אַליין, דעסגלײַכן, האָב ביז דער מילכאָמע פֿון אָט דער מעלאָכע ניט געוווּסט, סײַדן עפּשער קינדווײַז פֿלעג איך אויסשפּירן, ווו האָט די מאַמע יאָמקיפּער ערגעץ באַהאַלטן די הינערשע פּופּיקלעך. סאַכאַקל האָב איך גאָר אַלע יאָרן געהאַט צו טאָן נאָר מיט דער נאָדל, און ביכלאַל בין איך אַ מענטש אַ רויִקער. זיך באַרימען פֿאַר אײַך, אַז איך האָב אַמאָל געשפּאָלטן מיט אַ פּרעסל דעם קאָפּ איינעם פֿון מײַנע קונדן, קאָן איך ניט. פֿאַרקערט, דאָס גרעסטע, וואָס איך האָב געקאָנט זאָגן אַ מענטשן, איז געווען: „רעב ייִד, עפּשער וואָלט איר מיר אופֿגעהערט דרייען אַ ספּאָדעק". נאָר אַצינדער, אַז עס גייט אַ מילכאָמע, און נאָך אַ מילכאָמע מיט אַזאַ קוילער, ווי היטלער, יעמאַכשעמוי, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אומברענגען מײַן פֿאָלק, אַצינדער איז גאָר אַן אַנדער דין, איך וויל מיך פֿאַר אײַך ניט אויסשטעלן, אַז כ'האָב אַוועקגעלייגט אַ מייע פּריצן אָדער אָנדערהאַלבן מייעס, אָבער פֿאַר יעדן צענדליק פּריצן איין גוט יאָר מעג איך מיר אַוואַדע ווינטשן... נאָר כ'האָב מיך, דאַכט זיך, אַוועקגעלאָזט אין צו ווײַטע כקירעס...

בעקיצער, צוגעפּויזעט צו דעם דאָרף, וואָס ברינזאַ האָט מיר באַפֿוילן, בין איך מיר אַרײַנגעקראָכן אין אַ טיפֿער גרוב, כ'האָב זיך איבערגעדעקט מיט אַ ביסל צווײַגן פֿון די אַרומיקע טענענביימלעך, און ליג און וואַרט. שפּעטער, אַז ס'האָט קוים אָנגעהויבן צו טאָגן, בין איך צוגעטראָטן צו מײַן אַרבעט. אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ — זע איך אַ כאַטע, איין טיר, פֿיר פֿענצטער, רעכטס — אַ ביימל, לינקס — אַ ברונעם. לעבן דער כאַטע שטייט אַ דײַטש אַף דער וואַך. פּריצן גייען אַרײַן און אַרויס, פֿאַרכאַזער איך מיר דעם סימען: אַ כאַטע, איין טיר, פֿיר פֿענצטער, רעכטס — דאָס און דאָס, לינקס — דאָס און דאָס, און לערן מיר פּשאַט: דאָס איז אַוואַדע זייער שטאַב! ווידער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ — אַ מאַשין איז צוגעפֿאָרן, דאַרף מען האַלטן קאָפּ: אַ מאַשין! דערזען פּריצן אַנטקעגן אַ פּאָר צענדליק, טאָר מען אין זיי אויך ניט פֿאַרגעסן... עפּעס נעמען זיי גראָבן אין דער ערד — דאַרף מען קוקן און פֿאַרגעדענקען. מיטאַמאָל באַווײַזט זיך אַ גאַנצע מייע קוילערס און מע פֿאַרגראָבט אין דער ערד קוילנוואַרפֿערס — דאַרף מען אויסכאַזערן ווו און וויפֿל. אָט אַזוי זיץ איך מיר אין מײַן „סוקע", קוק, וואָס זיי טוען, און טראַכט מיר: „אַ רועך אין אײַער געפֿייגערטן טאַטן אַרײַן. אײַער גאַנצע אַרבעט איז דאָך אַרויסגעוואָרפֿן, וואָרעם סאַמע הינטער אײַער נאָז זיצט אַ רויטער אויסשפּירער, אַ רויע וועייִנוי נירע, און אַלץ, וואָס איר טוט, איז אַזויווי בײַ אים אין קעשענע".

אויסגעקוקט אַלץ, וואָס מע דאַרף, האָב איך זיך געלאָזט אַהיים. ס'האָט אָנגעהויבן גוט צו טאָגן, שטערן איבערן הימל לעשן זיך פֿאַר דײַנע אויגן, ווי די ליכט, וואָראָנעס לויפֿן אום איבער דער שוואַרצער ערד. דאָ דערזע איך — ס'ליגט אַ טויטער רויטאַרמייער. ס'הייסט, זײַן פּאָנעם זע איך ניט, וואָרעם ער ליגט אַזוי, אַז דער קאָפּ איז אים אײַנגאַנצן באַהאַלטן אין דער ערד. גיי איך מיר ווײַטער.

אָפּגעגאַנגען אַ ביסל, קערעווע איך אויס

דעם קאָפּ, און עס הייבט זיך מיר אָן דאכטן, אז דער מעס האָט זיך עפּעס אזויווי א קראַץ געטאָן, נאָר מאלע וואָס עס קאָן זיך אויסדאכטן אפן פראָנט! און איך גיי מיר ווײַטער. ווען כ׳בין צוגעגאנגען גאָר נאָענט צו אונדזער פאָדערשטער ליניע, האָט מיך ווידער א צי געטאָן זיך אומקוקן, און, וואָס זשע מיינט איר, האָב איך דערזען? מײַן מעס ליגט שוין גאָר אף א זײַט! מוז מען זיך אומקערן און נאָכאמאָל באטראכטן, וואָס טוט זיך דאָרט, און איך בין ניט פויל און גיי צוריק.

אצינד גיי איך שוין ניט, נאָר איך קריך, וואָרעם אויב מײַן מעס איז א כאָכעם, בין איך אויך ניט קיין שמעלקע, איך בין ארײַנגעקראָכן אין א גריבל, זיך איבערגעדעקט מיט גרינס און ווארט. איך טו א קוק — מײַן מעס האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום, ווי א גאנעוו, אין אלע זײַטן, און פויזעט אוועק אף מײַרעוו, צום דײַטש, הייסט עס. דאָס איז שוין פאר מיר גאָר א רעטעניש. איינס פון די בײדע: אָדער כ׳האָב דאָ צו טאָן מיט אונדזערן א ברודער — אן אויסשפּירער, וואָס קאָן זייער שיין זײַן מעלאָכע, אָדער, פארקערט, — ס׳איז אן איבערגעטאָנענער גאזלען פון יענער זײַט, און סע גייט דאָ אין דעם, ווער וועמען ס׳וועט שענער אָנפּײַפן: ער — מיר, צי איך — אים. איצט מוז מען דאָך שוין אוואדע מאכן עפּעס א טאָלק, און ס׳גייט בא אונדז אוועק א מין שפּיל אין קאַץ און מויז. מײַן מעס האָט זיך שוין, ווײַזט אויס, אָנגעשטויסן, אז איך האָב אף אים געוואָרפן אן אויג, נאָר ער פּרוּווט זיך נאָך אײַנרעדן, אז עפשער וועט אים פּאָרט געלינגען מאכן די פּלייטע. איינס איז מיר שוין איצטער קלאָר, אז קיין אונדזעריקער איז ער ניט, וואָרעם וואָס אנטלויפט ער פון מיר און וואָס שפּילט ער עפּעס פאר מיר די קאָמעדיע מיט א מעס?.. טו איך מיר מײַנס: איך קוק אף אים, ווי א קאַץ אף א מויז, און אזויווי איך בין זיכער, אז ער איז שוין סײַווי אין מײַנע הענט, גיב איך אים נאָך א ביסל.

אלזאָ, אָפּגעשפּילט אין קאַץ און מויז, קריך איך ארויס פון מײַן גריבל. מײַן מעס, זע איך, האָט זיך אוועקגעשטעלט אף בײדע פיס און הייבט אָן לויפן שוואליאָם אף מײַרעוו. ארויסלאָזן אזא העכט פון דער האַנט, דארף מען שוין זײַן א ליימענער גוילעם. און איך נעם אין די הענט מײַן אווטאָמאט און שיק אים אוועק א פּאָר שיינע מאטאָנעס אין זײַן לינקן פוס. זעען זע איך, ווי מײַן מעס האָט צוערשט אָנגעהויבן הינקען, דערנאָך שפּרינגען אף איין פוס. אָפּשפּרינגענדיק א שפּאן צוואנציק, האָט ער לעסאָף זיך אוועקגעזעצט אף דער ערד, דעמלט האָב איך זיך מאטריִער געווען און האָב אים א זאָג געטאָן טאקע אף זײַן שפּראך: „אנו, הייב נאָר אוף די יאָדאִים!" דערנאָך האָב איך א קאָמאנדעווע געטאָן: „אוועקוואַרפן דאָס געווער, אָדער זיך געזעגענען מיט דער באָבען!" מײַן מעס האָט ארויסגענומען פון קעשענע א רעוואָלווער און האָט אים א וואָרף געטאָן אף דער ערד. „קרוגאָם!" — האָב איך באפוילן און האָב אים א שטופּ געטאָן מיטן פּריקלאַד אין דער פּלייצע, ער זאָל בעסער פארשטיין, וואָס מע רעדט צו אים, און האָב אים געבראכט צו פירן צו ברינזען.

דערזען מיך מיטן גאסט, מאכט צו מיר ברינזא: „וואס איסט דאס?". זאָג איך: „א מעס, כאווער קאָמאנדיר". „וואָס טויג מיר, זאָגט ער, מייסים, מײַן פארגעבונג האָסטו אויסגעפּילט?". „טאק טאָטשנאָ, — זאָג איך, — אויסגעפּילט, כאווער קאָמאנדיר, און האָב נאָך אפן וועג געפּאקט אָט די-אָ מעציִע". „אָפּפירן די מעציִע אין שטאב! — באפוילט ברינזא. — און אליין זיך באלד אומקערן צו מיר".

אָפּגעפירט די מעציִע אין שטאב און דערציילט ברינזען אלץ, וואָס איך האָב באם סוינע געזען, האָב איך זיך אוועקגעלייגט אפן גראָז כאפן א דרעמל. איך ווייס ניט, וויפל איך בין געשלאָפן, נאָר אופגעוועקט האָט מיך דער אייבערשטער אליין — אונדזער ארטילעריע, מיין איך. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שלאכט, און אונדזער טייל איז אוועק טאקע אף דעם דאָרף, וואָס איך האָב באנאכט ארומגעשמעקט.

שפּעט באנאכט, נאָכן אָנגריף, ווען די ראָטע האָט אונטער דער שײַן פון דער לעוואָנע זיך אויסגעצויגן אפן גראָז, רופט זיך אָן אונדזער ראָטנער קאָמאנדיר, דער כאווער ברינזא:

„הערט זיך אײַן, כאווירים, איך וועל אײַך דערציילן א מײַסע. פאר דער מילכאָמע האָט מיך מײַנער א כאווער פארשלעפּט אין יִידישן טעאטער. כאָטש איך פארשטיי קיין יִידיש ניט, נאָר דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען, איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. דאָרט האָט זיך געהאנדלט וועגן איינעם אן אָרעמען שנײַדער, וואָס האָט געוווּנען צוויי הונדערט טויזנט און איז געוואָרן זייער רײַך, דערנאָך האָבן אים טאקע די רײַכע זייער שיין אָנגעפּײַפט, אויסגענארט בא אים דאָס געלט, און אונדזער שנײַדער איז צוריק געוואָרן שנײַדער. קעגן וואָס דערצייל איך עס אײַך, כאווירים? איך דערצייל עס אײַך קעגן דעם, וואָס אין אונדזער ראָטע איז אויך פאראן א יִידישער שנײַדער מיטן נאָמען שימען גולקאָ. אָט זיצט ער פאר אײַך. דער דאָזיקער שנײַדער איז הײַנטיקע נאכט געגאנגען אין אויסשפּיר, און כוץ דעם, וואָס ער האָט גלענצנדיק אויסגעפּילט

זײַן אופגאבע, האָט ער נאָך געפונען אן אױצער. אז מע טוט א קוק אף אָט דעם אױצער, איז ער עפשער קײן דרײַ גראָשן ניט ווערט. ווען מע האָט אָבער דעם פױגל גענומען אין דער ארבעט, האָט ער גלײַך ארױסגעזאָגט, ווו, וואָס און ווען. דאָס אלץ איז צונױפגעפאלן מיט דעם, וואָס שימען גולקאָ האָט אױסגעשפירט, און דערפאר האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן אזױ גיך פארנעמען דאָס דאָרף, ווו מיר מיט אײַך געפינען זיך איצטער. איך האָב געענדיקט. רױטארמײער שימען גולקאָ, עפּשער װילסטו עפּעס זאָגן?"

איך האָב זיך אופגעהױבן פון דער ערד און האָב אזױ געזאָגט:

„מײלע, וואָס פאר אן אױסשפירער איך בין, איז נאָך פרי צו רעדן, נאָר אימירצעשעם, אז ס'וועט ווערן אױס מילכאָמע און א סאך פון אײַך וועלן ארױס גאנץ מיט דער נעשאָמע, און בעסױכעם אױך איך, שימען גולקאָ, און איר וועט וועלן זען, וואָס פאר א דאמסקע שנײַדער איך בין, וויאזױ שטעפּ איך אינדערהיים, ערגער ווי איך האָב געשטעפּט אף דער מילכאָמע, אָדער בעסער, — איז דעמלט בעט איך אײַך פארפאָרן מיט אײַערע פלױנעסטעס צו מיר קײן װיניצע, און איך זאָג אײַך צו, אז איך וועל זײ אױספּוצן אזױװי די ליאַלקעס. און דעמלט וועט אײַך קלאָר ווערן, אז אױב שימען גולקאָ איז געווען ניט קײן פראָמאך קײן אױסשפירער, איז עס דערפאר, וואָס ער און זײַן טאטע מױשע-מענדל און זײַן זײדע רעב יאָנטל זײַנען געווען ניט קײן פראָמאכס קײן שנײַדער — אָמײן!"

אין טינטער

פאר אונדז איז געזעסן א געפאקטער ײִד פון א יאָר פינף און פערציק מיט א קײַלעכדיק פּאָנעם און קלײנע רירעוודיקע דורכגעטריבענע אײגלעך. בא זײַנע ערשטע פאָר ווערטער צו מיר נאָך אײדער ער איז צוגעטראָטן צו דער עצעם געשיכטע, האָט זיך מיר געווארפן אין די אױגן און שטארק פארינטערעסירט אײנע א באוועגונג זײַנע מיט די הענט, וואָס ער האָט אלע ווײַלע איבערגעכאזערט. איך האָב גלײַך דערקענט, אז דאָס מוז זײַן א פראָפעסיאָנעלע באוועגונג. ווער זשע איז ער דער דאָזיקער מענטש? — האָב איך א טראכט געטאָן. א שנײַדער? — נײן... א שוסטער? — אױך ניט. נאָר לאנג טראכטן האָט מיר מײַן גאסט ניט געלאָזט און האָט מיר גלײַך קלאָר געמאכט די זאך:

— אלײן בין איך א באלעגאָלע...

מיך האָט אפילע פארדראָסן, וואָס איך האָב ניט געטראָפן, נאָר מײַן גאסט האָט מיר וועגן דעם אױך ניט געלאָזט לאנג טראכטן און איז גלײַך צוגעטראָטן צו זײַן געשיכטע, וואָס מיר גיבן דאָ אינקורצן איבער:

— א בינדיוזשניק בין איך, אן אָדעסער. אז איך בין געקומען אפן פראָנט, האָט מען מיך גלײַך דערקענט, מע האָט מיר געגעבן אין די הענט א פּאָר לײצעס: „פּאָר!" בין איך געווארן א „טאָווארישטש יעזדאָוואָי".

איר קאָנט דאָך אוואדע מײנען, אז א יעזדאָוואָי איז דאָס זעלבע, וואָס א באלעגאָלע. האָט איר א גרױסן טאָעס. ניט יעדער באלעגאָלע מאכט מען פאר א יעזדאָוואָי, און ניט יעדער יעזדאָוואָי טױג פאר א באלעגאָלע, און ביפראַט נאָך פאר א בינדיוזשניק. א באלעגאָלע האָט אײן מײַלע — ער איז אלײן איבער זיך א באלעבאָס. לױנט אים יאָ — מאכט ער מיט אײַך ס'געשעפט, לױנט אײַך ניט — קערעוועט ער אױס דעם דישל. און ווידער דאכט זיך מיר, זײַט אזױ גוט, אז א בינדיוזשניק, מעג ער זײַן פון אָדעס, צי מעג ער זײַן פון מאריופּאָל, וואָס קערט ניט איבער אין וואָך קײן פערטל עמער בראנפן, וועל איך יענעם בינדיוזשניק אָנשפּײַען אין פּאָנעם...

אן אנדער זאך איז א יעזדאָוואָי. א יעזדאָוואָי איז קױדעמקאָל א סאָלדאט, און א סאָלדאט איז שױן אױס באלעגאָלע, נאָר א „טאָווארישטש יעזדאָוואָי". א סאָלדאט דאָרף שױן טאָן נאָר דאָס, וואָס מע הײסט אים, און נעמען א ביסל מאשקע נאָר דעמלט, ווען סע קומט אים. נאָר וואָס האָב איך זיך גאָר אוועקגעזעצט כקירען פון באלעגאָלע—יעזדאָוואָי, אז איך האָב אײַך גאָר צוגעזאָגט דערצײלן עפּעס אנדערש. האָט זשע אף מיר קײן פאריבל ניט און הערט א געשיכטע.

געטראָפן האָט זיך, הײסט עס, לעבן דאָרף איוואניקע, הינטער סמאָלענסק. א היך— כאָטש גײ אױס, איבערן קאָפּ פליִען שטינקפײגלען, פון פאָרנט קנאקט די ארטילעריע און פון אלע זײַטן וואָיען מינעס, — מיט אײן וואָרט, יענער גאנײדן. און אין אָט דער איבערקערעניש גיט מען מיר אָפּ א באפעל — אײן קלײניקײַט! — צושטעלן אף דער פאָדערשטער ליניע צען קאסטנס מיט פּאטראָנעס. וואָס זשע דאָרף טאָן א ײִד א באלעגאָלע, אז ער איז א סאָלדאט? שטעלט ער זיך

אוועק און גיט א קנאק אָפ: „יעסט, צושטעלן אף דער פאָדערשטער ליניע צען קאסטנס מיט פאטראָנעס!". דערלאנגט א פאָר שמיץ די פערדלעך, און פליט אין פײַער ארײַן.

געבליבן סאכאקל קארגע פופציק שפאן ביז צו אונדזערע אָקאָפעס, ווי איך הער, עמעצער שרײַט צו מיר: „בעהיימע! ווהין קריכסטו, באהאלט זיך אינדערגיך, ס'וועט דאָך ווערן פון דיר באלד א מאָטשינקע!". איך טו א קוק — זייער גערעכט. דער וועג איז אן אָפענער, ניטאָ קיין איין קוסט, און וויפל דארף עס געדויערן, ס'זאָל טאקע ווערן אויס אווראָם הוקײַלאָ און אווראָם הוקײַלאָס כאוועלע זאָל בלײַבן א וויסטע אלמאָנע? נאָר א פײַג! אָנלייגן מיטן קאָפ זאָל בעסער דער דײַטש! אווראָם הוקײַלאָ וויל נאָך לעבן.

האָב איך פארקערעוועט אין וועלדל און וואַרט, מע זאָל קומען נאָך די פאטראָנעס. זיץ איך מיר אזוי אף די קאסטנס מיט די פאטראָנעס און עפעס הער איך, אז מע האָט אופגעהערט שיסן, דאָס הייסט, שיסן שיסט מען יאָ, נאָר פריער האָט מען געשאָסן פון פאָרנט און איצטער שיסט מען פון הינטן. איז מיר געוואָרן פריילעך, איך קאָן שווערן, אז דאָ שמעקט, דאכט זיך, מיט א שטיקל אָקרוזשעניע. דארף מען געדענקען ווי מע האלט אין דער וועלט. טאָמער שפרינגען ארויס פון אונטער דער ערד דײַטשן, דארף מען אוועקלייגן פונקט אזויפיל דײַטשן, וויפל די ביקס פארמאָגט פאטראָנעס. מאָלט אײַך, אז איך קאָן נאָך מיטן פריקלאד אויך אָפשיקן אף יענער-וועלט א האלבן צענדליק פריצלעך. און א פאָר קולעקעס האָט מיר דער אייבערשטער אויך געשענקט גאנץ נישקאָשעדיקע. עפעס בין איך דאָך א בינדיוזשניק, און ניט קיין אפטייקער! ווען זשע איז דאָס אָבער גערעדט געוואָרן? ווען איך באגעגן, לאָמיר זאָגן, נאָר א האלב טוץ קוילערס, דעמלט ווייס איך שוין, וואָס איך האָב מיט זיי צו טאָן. אײַנזאלצן זיי אף שאבעס קלײַב איך זיך ניט — ס'איז גאָר ניט אזא פריש פלייש אף אײַנזאלצן... און אזויווי איך האלט מיך אין טראכטן, דערהער איך עפעס א מאָדנעם טומל. איך טו א קוק, — זיי זײַנען שוין דאָ, זיי שטייען שוין לעבן מיר, די צוויי דײַטשן מיט די לאנגע בײַטשן, איינער א גרויסער, אזא-אָ ווערגעלעץ, און דער צווייטער — א קארדופליק. דער גרויסער איז א יעפרייטאָר, און דער קליינער איז א פעלדפעבעל. דער פעלדפעבעל דרייט זיך, ווי א וויון און רעדט מיט א פישטשענדיק קעלכל, מיאוקעט ווי א קעצל איין קאָל: „רוס, קאפוט!"

איך האָב א קוק געטאָן אפן פאָרל און האָב דערבײַ א טראכט געטאָן: זאָל איך ארויסכאפן די ביקס און זיי א בענטש טאָן איבער די קעפ, צי זאָל איך נאָך אויסוואַרטן? טאָמער זײַנען זיי ניט מער ווי צוויי קוילערס, מעגן זיי שוין פארגעסן, ווי מע האָט זיי אמאָל גערופן, איך וועל שוין מיט זיי לערנען באָלעק. טאָמער שטייט אָבער הינטער זייערע פלייצעס א גאנצע ראָטע, מוז מען שוין גיין אף כיטראָסט.

קריך איך מעכילע אראָפ פונעם וואָגן. זיי גייען ביידע צו מיר צו נעענטער, מעסטן מיך אָפ מיט די אויגן פון קאָפ ביז די פיס, און דער קארדופליק טוט דערבײַ א קוויטשע: „הענדע האָך!". הענדע האָך — איז הענדע האָך. הייב איך אוף די הענט אין דער הייך. „געווער!" — טוט נאָכאמאָל א קוויטש דער קליינער. מאך איך זיך, געווײנלעך, געפײגערט, איך פארשטײ ניט, וואָס ער מיינט, דעמלט גייט צו מיר צו דער יעפרייטאָר און הייבט מיך אָן באטאפן, ער שלעפט ארויס פון מײַן קעשענע מײַן קעמעלע און לייגט עס אריבער צו זיך אין קעשענע. און איצטער פרעגט ער שוין מיך: „געווער?" און בכדיי איך זאָל פארשטיין, וואָס ער מיינט, גיט ער מיר א ווײַז אף זײַן אווטאָמאט, טו איך א שאָקל מיטן קאָפ אף „ניין" און בין זיך מעיאָשעוו און גיב א כאפ פון דער ערד א צווײַגל, צעברעך עס אף א קני (אף שטומלאָשן הייסט עס: „איך האָב דאפקע יאָ געהאט א ביקס, נאָר איך האָב זי צעבראָכן און אוועקגעוואָרפן — איך וויל ניט מער מילכאָמע האלטן"), און דערבײַ זאָג איך זיי צוויי געציילטע ווערטער: פלען... היטלער... ס'הייסט, אז איך, אווראָם הוקײַלאָ, וויל, איך שטארב, די נעשאָמע גייט מיר מאמעש אויס, אזוי וויל איך צו היטלערן אין פלען ארײַן... איז זיי די מײַסע, אפאָנעם, שטארק געפעלן געוואָרן און דאָס קליינע דײַטשל טוט שוין א צי דאָס צײַמל „ק סאָבי" און קוויטשעט אויס: „פאָרעז!"

דארף מען פאָרן, קריך איך צוריק ארוף אפן וואָגן, איין לייצע לאָז איך נאָך און די אנדערע שלעפ איך צו זיך. איין פערד טרײַב איך אונטער מיט דער בײַטש — ס'זאָל לויפן, און דאָס צווייטע טשעפע איך ניט — זאָל עס גיין פאוואָליע, וואָס איז אזוי די אײַלעניש? דער טײַך ברענט? האָט זיך באקומען, ווי זאָגט איר, גאלאָפ אף איין אָרט...

אָט אזוי-אָ קריך איך מיר מיט מײַן פערד-און-וועגעלע און טראכט מיר: עפשער וועלן פאָרט אונדזערע אונטערקומען? און פלוצעם דערזע איך א קאליוזשע, טו איך מיר דערבײַ א טראכט: ווען ס'מאכט זיך נאָך, די קאליוזשע זאָל זײַן א טיפע, וואָלט דאָס גאָר געווען דאָס גרויסע גליק. און גאָט האָט מיר געהאָלפן, די קאליוזשע איז גראָד געווען אזא,

אז מע קאָן דאָרט א גאַנצע מייע פריצלעך דערטרינקען. גיב איך מיר א יאָג מייַנע פערדלעך גלייַך אין טינטער אריַין — און סטאָפּ. דער וואָגן איז זייער לייַטיש אריַין אין דער קאַליוזשע, און מיר בלייַבן שטעקן.

שטעקן אין א טינטער איין-אליין, דאַרף איך אייַך זאָגן, איז ניט פון די גרויסע פאַרגעניגנס. אריַינזעצן אָבער אין א טינטער א פּאָר דייַטשן — איז שוין גאָר עפּעס אנדערש. קיין שענערן פאַרגעניגן מעג זיך א ייִד א באַלעגאָלע ניט ווינטשן.

איך טו א קוק אף מייַנע פּאסאזשירן: די רעציכע האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי. דאָס קליינע דייַטשל האָט ארויסגעכאַפּט בא מיר די לייצעס, שמייַסט ווי א גאַזלען די פערד, און דער גרויסער האָט אָנגעשטעלט אף מיר דעם אווטאָמאַט און שרייַט צו מיר: „צוריק!”, צוריק איז צוריק, נאָר אדעראבע, גיב איך אים צו פאַרשטיין מיט די הענט, זיי דו א בעריע און שלעפּ ארויס דעם וואָגן פון אזא טינטער... דו קענסט ניט? איז וואָס זשע בין איך שולדיק?..

אָפּגעוואָזיעט זיך א ביסל אין דער קאַליוזשע, און אונדזער אוילעם זעט מען נאָך אלץ ניט. דעמלט האָב איך זיך מעיאשעוו געווען, בין אראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן, גענומען א קאַסטן און האָב אים אָנגעהויבן שלעפּן אף א טרוקן אָרט. און זיי, מייַנע פּאסאזשירן, דערקלער איך אף שטומלאָשן, געוויינלעך, לאָמיר, הייסט עס, אריבערטראָגן די קאַסטנס, וועט מען קאָנען ארויס מיטן וואָגן, אניט בלייַבן מיר דאָ שטעקן ביז פּורים... און אין הארצן טראַכט איך מיר: „זיי וועלן זיך לאָזן אָנפּייַפן, אָדער ניט?”.

יאָ, סע גייט, דאַכט זיך, א גאַנג. איך זע, דער גרויסער קריכט אראָפּ פונעם וואָגן, כאַפּט א קאַסטן און טאַסקעט נאָך מיר. דער קליינער הייבט אים אָן נאָכטאָן. די בלאָטע דערגרייכט אים ביזן פּופּיק, נאָר ער האָרעוועט, שלעפּט ווי א גערונגענער, גייט אזש אָפּ מיט שווייס, נאָר ער שלעפּט.

טאַסקען מיר שוין אינדרייַען, דערבייַ האָב איך מיר מיט מייַן באַלעגאָלישן סייכל אויסגעמאַרקירט אזוי: ווען איך קער זיך אום מיט ליידיקע הענט צום וואָגן, זאָלן זיי מיר גייַן אנטקעגן מיט די קאַסטנס. ווען איך שטיי שוין באַם וואָגן, זאָלן זיי אויסקומען צו מיר מיט דער פּלייצע. און אז ס'וועט האַלטן באַם סאָף פון דער שפּיל, דעמלט שלעפּ איך מיר פּאַוואָליע ארויס מייַן ביקס און, ווי זאָגן זיי: „היטלער קאַפּוט!”.

ס'איז געקומען צו די לעצטע דרייַ קאַסטנס, נעמען מייַנע פּאסאזשירן צו קאַסטנס און טראָגן זיי אפן טרוקענעם אָרט. און איך, קומט אויס, דאַרף נעמען דעם דריטן, בין איך זיך מעיאשעוו און נעם בעסער ארויס מייַן ביקס און גיב א קנאַק דעם גרויסן דייַטש אין רוקן — האָט ער זיך א פּליוכע געטאָן מיט דער מאָרדע אין טינטער — און א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. דער קליינער האָט באַלד א וואָרף געטאָן דעם קאַסטן, האָט זיך אומגעקוקט און זיך א כאַפּ געטאָן פאַרן אווטאָמאַט, נאָר ניט בא מאָטיען. איך האָב דעם קליינעם אויך אוועקגעלייגט, בין גלייַך צוגעלאָפן צו מייַנע פּאסאזשירן, ארויסגעשלעפּט די דאָקומענטן זייערע, אָפּגענומען, געוויינלעך, מייַן קעמעלע, דערנאָך האָב איך ארויסגעפירט דעם וואָגן פונעם טינטער, צוריק געבראַכט צו טראָגן אלע מייַנע צען קאַסטנס, אויסגעקערעוועט דעם דישל און זיך געלאָזט אהיים.

...אווראָם הוקייַלאָ האָט כיטרע א ווונק געטאָן, צורעכט געמאַכט די מעדאַל אף דער ברוסט און פאַרענדיקט זייַן געשיכטע אזוי:

— דאָס האָט מיר שוין דער קאָמאַנדיר ארויסגעגעבן דערנאָכדעם, אָנגעטשעפּעט מיר פאַרן סטראָי די מעדאַל, קוועטשט מיר די האַנט און מאַכט צו מיר:

„א גרויסן יאשער-קויעך אייַך, כאַווער יעזדאָוואָי אבראַם הוקייַלאָ!” פאַרשטייט זיך, אז „יאשער-קויעך” האָט ער ניט געזאָגט, מאַכמעס ער איז געווען ניט קיין ייִד. „יאשער-קויעך” — דאָס זאָג איך שוין. ער האָט מיר געזאָגט פּאָשעט: „מאָלאָדיעץ, הוקייַלאָ!”.

און איצטער פרעג איך אייַך: אז מע גיט אייַך ארויס פאַרן סטראָי א מעדאַל און מע זאָגט אייַך פאַרן סטראָי — „מאָלאָדיעץ”, מעג מען נעמען דערנאָך א ביסל מאַשקע?..

■ ■ ■

הירש בלאשטיין

אין דער אַלטער היים

(יעפים מענדעלעוויטש)

יעפים מענדעלעוויטש סאדאָווסקי, אַן אינזשעניר פון א כימקאָמבינאַט אין נאָוואָסיבירסק, האָט מיט ברייטע טריט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבער זײַן ראַכוועסדיקן אַרבעטס-צימער. מינוטנווײַז איז ער צוגעגאַנגען צום שרײַבטיש, גענומען דעם ציגאַר, וואָס איז געלעגן אפן ראַנד פונעם גרויסן קעראַמישן אשבעכער, זיך טיף פאַרצויגן און געשפּאַנט ווײַטער. די פאַרנאַכטיקע, אָבער נאָך גענוג הייסע סאָף-יול-זון האָט אים באַגלייט: אָט האָט זי אויסגעמאָלט אפן גלײַכן ברייטן רוקן פון זײַן פּרעס-ווײַסער איבערהעמד א פּאָר ליכטיקע פענצטער-קוואַדראַטן און איבער זיי — א סילועט פון א שטאַרקן האַלדז, איבער וועלכן עס איז — וואָס ווײַטער אָפּגייענדיק פונעם טיש — אויסגעוואַקסן א טייל פון א גרויסן קימאַט פולשטענדיק קײַלעכיקן קאָפּ. און צוריק באַגלייטנדיק אים צום טיש, האָט זי, די זון, ווייך און וואַרעם אים אַרײַנגעקוקט אין די פאַרטראַכטע, א ביסל אומעטיקלעכע ברוינע אויגן.

אפן טיש זײַנען געלעגן צוויי בריוו. צוויי פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר. יעדעס פון זיי — לעבן א באַזונדערן קאָנווערט. איינס — בא א קאָנווערט מיט פּאָטשט-שטעמפּלען, דאָס צווייטע — לעבן א קאָנווערט אָן שטעמפּלען מיט א פרישן ערשט אָנגעשריבענעם אַדרעס — אַן ענטפער אף דעם בריוו, וואָס יעפים מענדעלעוויטש האָט באַקומען מיט א פּאָר טעג צוריק. א פּאָר מאָל צוגייענדיק צום טיש, צום ציגאַר נאָך א ביסעלע רויך און נערוון-באַרויִקונג, האָט יעפים האַסטיק א שפּאַציר געטאָן מיט די אויגן איבער די געדיכטע שורעס מיט דינעם דריבנעם קסאַוו, פאַריכט עפּעס א וואָרט, צי א פאַרבינד-צייכן און מיט דער לינקער האַנט בײַסמײַסע א קוועטש געטאָן מיטאַמאָל בײדע שלייפן, ווי מע טוט געוויינלעך, ווען עס הייבט זיך אָן א קאָפּווייטיק, אָדער מע דערפילט אזא מידקײַט, וואָס זאָגט אָן, אַז הינטער איר גייען שווערע שמערצן. ענדלעך האָט ער דעם אויסגערייכערטן ציגאַר צוגעקוועטשט צום ראַנד פונעם אשבעכער, צעפּלעטשט דעם נאָך ברענענדיקן ברעג זײַנעם און אַרײַנגעוואָרפן אים אין דער טיף פונעם ברייט-צעעפנטן מויל פונעם קעראַמישן לייב... און נאָכדעם מיט אַנטשיידענע באַוועגונגען פון די שטאַרקע לאַנגע פינגער צונויפגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אײַנצווייען, אַרײַנגעלייגט אין קאָנווערט און פאַרקלעפּט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אף דער ברייטער סאָפע בא דער וואַנט, לינקס פונעם שרײַבטיש, פאַרלייגט בײדע הענט הינטערן קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן. ער איז טאַקע געווען מיד. דאָס אָנשרײַבן דעם בריוו איז געווען זייער א שווער שטיקל אַרבעט. ער האָט אים געשריבן צוויי

טעג נאָכאַנאַנד. דאָס הייסט, געשריבן האָט ער אים דאַפקע ניט לאַנג, בלויז אַזויפיל, וויפל עס געדויערן דאָס אָנשרײַבן פיר זײַטלעך פון אַ בייגעלע פּאַפּיר, נאָר געטראַכט האָט ער וועגן דעם אינהאַלט פונעם בריוו צוויי מעסלעס נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען זייער אַן ערנסטער בריוו... אַ שטאַרק קאָמפּליצירטן גאַנג אַף דער שאַכמאַט-ברעט פונעם לעבן דאַרף מען לאַנג און אָנגעשטרענגט באַטראַכטן. ביפראַט, אַז מע איז שוין ניט קיין יונג באָכער. פיר און פערציק יאָר לעבן איז שוין אַזאַ הייך, פון וועלכער מע קאָן זען ברייט און ווײַט פון אַלע זײַטן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט יעפים, קוים באַמערקלעך, אַ שמייכל געטאָן — ער האָט דערטראַכט דעם געדאַנק: „קיין קורצזיכטיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען”...

יעפים סאַדאָווסקי האָט לאַנג זיך מעיאַשעוו געווען מיט זיך, געראַנגלט זיך מיט פאַרשיידענע געפילן, ביז ער האָט זיך אָנטשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון זײַן קינדהייטס-כאַווער און פרײַנט פון זײַן פריִער יוגנט קאַזיס פּאַשקונאַס — דעם דירעקטאָר פונעם גרויסן כימקאָמבינאַט אין דער ליטווישער סס״ר — איבערצופאָרן צו אים, קאַזיסן, אַף שטענדיקער אַרבעט. די געשיכטע ציט זיך שוין עטלעכע יאָר — זינט ער, יעפים, האָט זיך גאַנץ צופעליק געטראָפן מיט זײַן פאַרלויר׳ענעם, אין דער מילכאָמע-צײַט, כאַווער און האַרציקן פרײַנט. געטראָפן האָבן זיי זיך אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג אינעם אויפנאַם-צימער פונעם מיניסטער, צו וועמען ביידע זײַנען געקומען צוליב וויכטיקע איניאָנים פון זייערע אונטערנעמונגען. זיי האָבן זיך ניט געזען אַ קײַמעלאָן פון זיבעצן יאָר — צײַט די פאַרביסענע שלאַכטן אונטער אָריאָל, וווּ ס׳האָט זיך העלדיש געשלאָגן די ליטווישע דיוויזיע, אין וועלכער זיי ביידע האָבן געדינט פונעם ערשטן טאָג אָן, ווי די דיוויזיע האָט זיך פאָרמירט. טאַקע אין איינעם פון די דאָזיקע שלאַכטן איז קאַזיס שווער פאַרווונדעט געוואָרן און מע האָט אים עוואַקויִרט אין אַ שפּיטאָל טיפער אין הינטערלאַנד. יעפים האָט זיך דעמאָביליזירט אין אָנהייב פונעם 1946 יאָר, און טאַקע באַלד קימאַט נאָכן דעמאָביליזירן זיך אַוועק אַהיים צו זיך אין זײַן געבורט-שטעטל אין דער ליטע. אַוועק מיט אַ שווערער פּײַן אין האַרץ — ער האָט דאָך געוווּסט, אַז די היטלעראָווצעס האָבן אויסגעקוילעט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פונעם שטעטל. דאָך האָט ערגעץ, אין אַ ווײַט ווינקעלע פונעם האַרצן, געטליִעט אַ פונק: עפשער, עפשער איז כאָטש עמעצער פון דער ברייט-פאַרצווײַגטער מישפּאָכע דאָך געבליבן, אין דער לעצטער מינוט זיך געראַטעוועט אין אַ ווײַטלעך דאָרף, בײַ אַ באַקאַנטן ליטווישן פויער? ער האָט דאָך אויך געוווּסט, אַז אַזעלכע פאַלן זײַנען געווען אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. ניין, ער האָט קיינעם ניט געפונען: דער טאַטע, די מאַמע, די קליינע ברידערלעך, די פעטערס, די מומעס, אַלע ווײַטערע קרויווים מיט זייערע מישפּאָכעס זײַנען געלעגן צוזאַמען אין דעם ריזיקן, ברייטן און לאַנגן ברודער-קייווער ניט ווײַט פונעם פיל-דוירעס-אַלטן ייִדישן בעסוילעם, צוזאַמען מיט אַלעמען! אין שטעטל איז דעמאָלט — אין 1946 — קיין איין ייִד ניט געווען. און דער ברודער-קייווער איז נאָך ניט געווען אַרומגעצוימט. מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט דער שטאָט-סאָוועט געבראַכט דעם קייווער אין אָרדענונג, — אויסגעגלײַכט, אָנגעשאָטן מער ערד, געמאַכט בייטן און פאַרפלאַנצט בלומען, אים אַרומגענומען מיט אַ שיינער הויכער צוים און בײַם אַרײַנגאַנג אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן דענקמאָל פון שוואַרצן מירמלשטיין מיט אַן אויפשריפט פון גאָלד אַף דרײַ שפּראַכן: רוסיש, ליטוויש, ייִדיש — „דאָ ליגן קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם”.

אין יענעם טאָג אָבער, ווען ער, יעפים, איז דאָ צום ערשטן מאָל געווען, איז גענוג געווען, מע זאָל עפּעס זיך אַ גראָב טאָן אינעם קייווער-ערד — און מע זאָל זיך אָנשטויסן אַף רעשטלעך פון מענטשלעכע גופים...

דאָס שטעטל גופע איז דאַפקע געווען ניט שטאַרק צעשטערט. בלויז דאָ און דאָרט האָבן געשטאַרצט קוימענס פון כאָרעווע הײַזער, און די פלעצער אַרום זײַנען געווען פאַרוואַקסן מיט הויכן געדיכטן ווילדגראָז און קראָפּעווע (ס׳איז געווען, ווי איצט, סאָף יול). און דאַפקע דאָס צווייגאָרנדיקע הויז, וווּ יעפימס עלטערן האָבן געוווינט, וווּ יעפים איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, איז גראָד געווען צווישן אָט די כורוועס...

יעפים האָט זיך בײַ אַ סאַך אײַנוווינער אין שטעטל נאָכגעפרעגט אַף קאַזיסן, נאָר קיינער האָט אים קיין שום ידיִעס וועגן אים ניט געקאָנט געבן. מע האָט אים נאָר געקאָנט זאָגן, אַז יואָזאַס דער שוסטער, קאַזיסעס טאַטע, ליגט דאָרטן, לעבן דעם סאָסנעוואַלד, ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל, אינעם ברודער-קייווער פון די איבער פינף הונדערט צעשאָסענע פאַרטיזאַנער און געוועזענע סאָוועטישע אַקטיוויסטן און אָנגעשטעלטע. יעפים איז אַוועק אַהין. מיטן וועג האָט ער אַף אַ לאָנקע אָנגעריסן בלומען, געמאַכט אַ קרענצל און אַוועקגעלייגט אַפן קייווער. ער האָט פונעם בלאָקנאָטל זײַנעם אַרויסגעריסן אַ

בלעטל, אַנגעשריבן אַף דעם „זאָל די ערד אײַך ווייך זײַן, טײַערע!” און אונטערגעשריבן זיך „כאַימוקאַס”, — אַזוי פלעגן אים בא יואָזאסן אין שטוב רופן אַלע: דאָס איז אַף ליטוויש דער פאַרקלענער-נאָמען פונעם ייִדישן „כאַים”. אַזוי טאַקע האָט אים, יעפימען, אויך אָנגערופן מיט א דערשטיקטער טרער אין קאָל קאַזיס, ווען זיי האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק געטראָפן אינעם אופנאַם-צימער פונעם מיניסטער...

...פונעם שטעטל איז יעפים דעמלט, אין יענעם שווערן טאָג, אַוועק א צעבראָכענער, א צעקלעמטער. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט זיך אַזוי עלנט, ווי אין יענע פּאָר שאָ, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די אַלט-באַקאַנטע גאַסן און געסלעך, ווו קימאַט אַלע פענצטער האָבן איצט געקוקט אַף אים ווי מיט עפּעס אויסטערליש-גרויסע מאָדנע האַליוצינירנדיקע אויגן: אין איין און דער זעלבער צײַט האָבן זיך אין זיי געשפּיגלט די פּנימער פון די אַמאָליקע גוט באַקאַנטע באַווינער פון די דאָזיקע הײַזער, און — גאָר פרעמדע, קיינמאָל ניט געזעענע פּנימער פון די נײַע אײַנוווינער, וועלכע האָבן מיט נײַגער נאָכגעקוקט דעם יונגנמאַן אין זומערדיקער סאָלדאַטישער קליידונג, וועלכער איז פּאַמעלעך געגאַנגען איבער דער גאַס און אַרײַנגעקוקט אין יעדן פענצטער, ווי ער וואָלט דאָ עמעצן געזוכט. קאָשמאַר-כאָלעם און ניכטערע וואָר האָבן זיך איבערגעפלאָכטן צוזאַמען, און דאָס האַרץ האָט געקלעמט, געקלעמט... עטלעכע מאָל האָט ער אָפּגעשטעלט מענטשן אַף די גאַסן, דעריקער באַיאָרטע, און געפרעגט בא זיי, צי האָבן זיי געקענט מענדל דעם שנײַדער, דער, וואָס האָט א גאַנץ לעבן גענייט פאַר די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. א הויכער ייִד אַזא געווען, א דאַרער, מיט גרויסע אויגן און א גראָוו שיטער בערדל... ניין, זיי האָבן קיינמאָל פון אַזא ניט געהערט, זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט שוין נאָכדעם, ווי אַלע ייִדן זײַנען שוין געלעגן אין יענעם גרויסן קייווער, וואָס ער, דער סאָלדאַט, האָט שוין הײַנט מיסטאָמע געזען... עטלעכע מענטשן האָבן בעשאַסמײַסע זיך איבערגעצײלעמט און אין די אויגן זייערע איז געווען שרעק און מיטלײַד צום יונגן באָכער, וואָס האָט מיט זיי גערעדט. איינע, א זקיינע מיט א שטאַרק קײַלעכדיקן רוקן, האָט, דערציילנדיק, געלאָזט א טרער...

און יעפים איז אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע. דאָ האָט ער אַף די גאַסן שוין געטראָפן עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע, ווו זיי האָבן זיך געראַטעוועט. יעפים האָט קיינעם פון זיי פריִער ניט געקענט, זיי האָבן אים מיט גאָרנישט ניט געקאָנט דערפרייען. זיי האָבן בלויז מער דערציילט וועגן די שכיטעס, וואָס זײַנען דאָ פאָרגעקומען, — דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט פון מענטשן, וועלכע זײַנען דערבײַ געווען...

איינער פון די ייִדן, מיט וועמען יעפים האָט זיך געטראָפן שוין פאַרנאַכט, האָט אים פאָרגעלייגט נאַכטלעגער. האָט ער זיך בא אים אָפּגעשטעלט — און א גאַנצע נאַכט מיט אים צוזאַמען איבערגעלעבט ווידעראַמאָל די מילכאָמע מיט אַלע גרוילן אירע, — וואַרעמער איז דערפון אַפן האַרצן ניט געוואָרן. און וואַרעמקײַט האָט זיך אַזוי געוואָלט!..

איז יעפים אינדערפרי אַוועק אַף דער פּאָטשט און געגעבן א טעלעגראַמע מיט א באַצאָלטן ענטפער — קיין נאָוואָסיבירסק. ער האָט נאָך אַף אויסווייניק געדענקט, דוכט זיך, דעם אַדרעס פון גאָר א ווײַטן קאָרעוו פון דער מאַמעס צאַד, וואָס האָט נאָך אין דער ערשטער וועלט-מילכאָמע פּאַפּאַדיעט, ווי א סאָלדאַט, קיין נאָוואָסיבירסק. דאָרטן האָט אים געטראָפן די רעוואָליוציע און... אויך א מיידל, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, איז ער דאָרטן פאַרבליבן. עפשער האָט עמעצער פון דער מישפּאָכע זיך צופעליק געראַטעוועט און אַוועק אַהין?..

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט יעפים באַקומען א קורצן טעלעגראַפישן ענטפער: „קום, מיר וואַרטן מיט אומגעדולד”. איז ער, יעפים, א דערוואַרעמטער מיט פונקען פון א נײַער האָפענונג, אַרויסגעפאָרן אַהין.

פון דער מישפּאָכע האָט ער אויך דאָרטן קיינעם ניט געפונען, כוץ דעם ווײַטלעכן קאָרעוו (וועמען ער האָט, אייגנטלעך, ניט געקענט) מיט זײַן נײַער פאַמיליע. נאָר מ'האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען — און ער איז דאָ פאַרבליבן. דאָ האָט ער באַקומען אַרבעט — לויט זײַן פאַך — שלאָסערײַ. דאָ האָט ער אין אן אָוונט-שול דערענדיקט די פּאָר לעצטע קלאַסן, וואָס האָבן אים געפעלט צו מיטלבילדונג, און ניט פאַרלאָזנדיק זײַן סטאַנאָק אַפן זאַוואָד, אָנגעקומען אַפן אָוונט-פאַקולטעט פונעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. פאַרענדיקט אים מיט אן אויסצייכענונג. נאָך אַלס סטודענט כאַסענע געהאַט. אין א יאָר אַרום איז געבוירן געוואָרן א טאָכטער. הײַנט איז די טאָכטער — ליזע הייסט זי, נאָך יעפימס מוטער לייע, — שוין א סטודענטקע פונעם צווייטן קורס פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

אַט זײַנען אַ פּאָר שטעלן פֿונעם גענוג לאַנגן בריוו, באַ דער זײַט פֿון וועלכן עס איז איצט שוין געלעגן דער ענטפֿער. דער אווטאָר פֿונעם בריוו האָט, קענטיק, געוואָלט זײַן דאָס מאָל וואָס מער איבערצײַגנדיק און האָט ניט געקאַרגט קיין צײַט, כאָטש ער איז געווען אַ שטאַרק פֿאַרנומענער מענטש. דערבײַ האָט ער געוואָלט ווירקן ניט נאָר מיט לאָגישע אַרגומענטן, נאָר אויך אַ שפּיל טאָן אַף די שטיל־זינגענדיקע סטרונעס פֿונעם סענטימענט.

„...מיר האָבן בײדע צוזאַמען, כאַימוקאַס טײַערער, מיט פֿאַרקאַטשעטע איבער די קני הייזלעך, באָרוועסע, נאָך אַ זומערדיקן גוס־רעגן געבראָדזשעט איבער די גרויסע לוזשעס, יאָגנדיק מיט העלצלעך די קונציק געמאַכטע פּאַפּירענע שיפֿלעך אונדזערע, וועלכע האָבן געזאָלט דערגיין ביז דעם יאַם... מיר זײַנען בײדע געבוירן געוואָרן אין איין כוידעש אין איין און דעם זעלבן הויף. מײַן מאַמע פֿלעגט דערציילן, אַז ווען זי איז נאָך דעם קימפּעט מיט מיר אַ פּאָר וואָכן געלעגן קראַנק געווען, האָט דײַן מאַמע פֿון איין ברוסט געזויגן דיך און פֿון דער צווייטער — מיך, אַזוי אַז מיר זײַנען קימאַט מילך־ברידער... און דײַן טאַטע פֿלעגט ליב האָבן באַ אונדז אין שטוב, באַ אַ גלעזל מאַשקע מיט מײַן טאַטן, דערציילן, וויאַזוי אַמאָל, מיט אַ סאַך יאָרן פֿריִער, אײדער מיר בײדע זײַנען אַף דער וועלט געקומען, אין 1905־טן יאָר, ווען מ'האָט באַ אונדז אין שטעטל זיך געריכט אַף אַ יידישן פּאָגראָם, איז פּלוצעם אין אַ טיף־האַרבסטיקן אינדערפֿרי צוגעפֿאָרן אַ גרויסע פֿויערשע פֿור צו אײַער טיר. דאָס איז מײַן זיידע פֿון אַ ווײַטן דאָרף געקומען נעמען צו זיך דײַן טאַטע־מאַמע מיט די קינדער, כּדי זיי אויסצובאַהאַלטן באַ זיך ביז די אומרויִקע צײַט וועט אַריבער... אוי, כאַימוקאַס... מיר זײַנען בײדע געזעסן אַף איין שולבאַנק אין דער פֿאָלקס־שול... געדענקסט, אַף דער לעצטער באַנק, און אַז דער אוראָק האָט אונדז ניט אינטערעסירט, פֿלעגן מיר זיך דערציילן מײַסעס פֿון די ערשטע ביכלעך, וואָס מיר האָבן צוזאַמען געלייענט... דערנאָך — מיר זײַנען דעמלט קוים צוועלף יאָר אַלט געווען — זײַנען מיר אַוועק ווי לערנייִנגלעך אַף מיכל קאַגאַנס לעדער־זאַוואָד. מיר האָבן דאָרטן נאָכדעם, שוין קענענדיק מער־ווייניקער אונדזער פֿאַך, שוין פֿאָלנע שלאָסערס, געאַרבעט איינער לעבן צווייטן... געדענקסט? איינמאָל איז אַרײַן צו אונדז דער באַלעבאָס, — אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, נאָר מיט אַ גרויסן קאָפּ אַ פֿליכוואַטן, מיט אַ געגאָלט פּאָנעם, נאָר מיט גרויסע גראָבע שוואַרץ־גראָוע וואָנצעס און מיט שטעכיקע קליינע אייגלעך פֿון אַ ניט באַשטימטן קאָליר... ער האָט, דורכנעמענדיק מיט די „אויגאָנעס" זײַנע, מיט אַ יעכידנעם שמייכעלע אונטער די וואָנצעס אַ ווײַז געטאָן אַף דײַן סטאַנאָק: „זעסט, כאַימקע, לאָמיר ריידן שטילער: ס'קאָן זיך נאָך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף די פֿליג אַף דײַן וואַרשטאַטל"... דאָ טאַקע אַפֿן זאַוואָד זײַנען מיר בײדע אין איין טאָג אַרײַן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע... פֿונדאַנען טאַקע האָט די „זשוואָלגיבאַ" אונדז צוגענומען... און אין דער קאָוונער געלער טורמע זײַנען מיר אויך בײדע אָפּגעזעסן די עטלעכע כאָדאָשים, ביז עס האָט אונדז באַפֿרײַט די רויטע אַרמײ... מיר האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל און נאָכדעם ווידער בײדע צוזאַמען געאַרבעט אין שוין נאַציאָנאַליזירטן מיכלס לעדער־זאַוואָד — ביזן אומגליקלעכן טאָג, ווען היטלער איז אָנגעפֿאַלן אַף אונדזער היימלאַנד. צוזאַמען זײַנען מיר נאָכדעם אַוועק, שוין אין די לעצטע מינוטן, אײדער די פֿאַשיסטן זײַנען אַרײַן... בײדע צוזאַמען האָבן מיר זיך נאָכדעם געשלאָגן פֿאַר אונדזער פֿאָטערלאַנד אין דער ליטווישער דיוויזיע... בײדע האָבן מיר פֿאַרלוירן די מישפּאָכעס אונדזערע. זיי ליגן ניט ווײַט איינער פֿונעם אַנדערן, אַט די טײַערע קוואָרים אונדזערע! כאַימוקאַס! ס'איז דאָ באַ אונדז בײדן אַזויפֿיל אַלגעמיינס, שוטפֿעסדיקס, עמעסדיק ברידערלעכס, פֿאַר־וואָס זאָלן מיר אויך ווײַטער ניט זײַן צוזאַמען?"...

און שוין קימאַט פֿונעם סאָף בריוו, ווו דער אווטאָר זײַנער ברענגט שוין פּאָשעטע, לאָגישע אַרגומענטן, ווי, לעמאָשל, אַט שרײַבט ער דאָך אַליין, יעפּים, אַז שוין עטלעכע כאָדאָשים, ווי ער קאָן זיך נאָך אַלץ ניט צוזאַמענלעבן מיט זײַן נײַעם דירעקטאָר און מיט זײַן הויפּט־אינזשעניער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט; און ווידער, אַז איצט איז זייער אַ גוטע געלעגנהײַט פֿאַר יעפּימען: ווי נאָר ער וועט קומען, קאָן ער גלײַך פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן פֿונעם הויפּט־אינזשעניער אַפֿן קאָמבינאַט: דער איצטיקער וויל שוין לאַנג אַוועק אַף פּענסיע, ער איז שוין ווײַט איבער די זעכציק און גאַרט שוין נאָך רו און אַריבערפֿאָרן צום איינציקן זון אין וואָראָנייעזש. אַזוי אַז פֿאַרן נײַעם הויפּט־אינזשעניער איז אויך געזיכערט אַ גוטע באַקוועמע דירע. נאָך אַט די אַלע אַרגומענטן, קומט ווידער אַזאַ שטעל:

„...סטאַרע זיך צו קומען וואָס פֿריִער. דו געדענקסט מיסטאָמע אַליין, אַז דעם 4־טן

סענטיאַבער ווערט 25 יאָר זינט די היטלער-ראַצכים האָבן אויסגעקוילעט אַלע ייִדן אין אונדזער שטאָט. אַלע יאָר אין דעם טאָג קומען זיך צונויף פון פאַרשיידענע שטעט אַ סאַך פון אונדזערע לאַנדסלײַט צום ברודער-קייווער. הײַנטיקס יאָר ריכטן מיר זיך אף גאָר אַ גרויסן צוזאַמענקום, ביפּראַט אַז די דאַטע פאַלט אויס זונטיק. איז קום זשע באַצײַטנס, ברודער-כאַזימוקאַס! דו פילסט דאָך מיסטאָמע לייענענדיק, אַז אַ טרער רײַסט זיך פון האַלדז צו די אויגן”.

אָנגעקומען אין שטעטל איז יעפים שאַבעס באַטאָג. אפן פעראָן האָט אים אָפּגעוואַרט קאַזיס. נאָך דעם, ווי בײדע אַלטע פרײַנט האָבן זיך לאַנג געקושט און זיך געדריקט אין די אָרעמס איינער דעם אַנדערן, האָט קאַזיס געזאָגט צו אים:

— לאָמיר אַרויסגיין דורכן וואָקזאַל אפן פּלאַץ אונדזערן, ווו ס'איז דער אָפּשטעל פון די פּריוואַט-אויטאָמאָבילן און טאַקסי. ס'וואַרט אף אונדז מײַן מאַשין, ס'הייסט, קיין אייגענע מאַשין האָב איך ניט און דאַרף זי ניט. כ'האָב גענומען די מאַשין פונעם קאָמבינאַט. ס'וואַרט דאָרטן אונדזער שאָפער.

יעפים האָט זיך אַ רעגע אַרומגעקוקט אַרום זיך. דער פעראָן איז געווען שטאַרק באַלעבט. אַ סאַך מענטשן מיט בלומען אין די הענט האָבן באַגעגנט און באַגלייט אָנגעקומענע און אָוועקפאָרנדיקע. אַ פריילעכער גערויש, געלעכטער, און אַ קורצער ווערטער-איבערפלעכט דאָ און דאָרט אף צוויי שפּראַכן: ליטוויש און רוסיש. יעפים האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער. ניין, קיין באַקאַנט פּנים איז דאָ ניט געווען. אַפילו די געבײַדע פונעם וואָקזאַל האָט שטאַרק געענדערט איר פּנים... דוכט זיך, זי שטייט בלויז אפן אָרט פון דער אַמאָליקער איינשטאָקיקער לאַנגער שטוב... אוי, ניין! ער האָט גאָר פאַרגעסן, יעפים, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער איז דאָ דאָס לעצטע מאָל געווען, איז דער וואָקזאַל נאָך געווען האַלב צעשטערט, און קימאַט אַלע טראַנספּאָרט-אָפּעראַציעס זײַנען פאָרגעקומען אין אַ צײַטווײַליקן געצעלט פון ברעטער. יאָ, יעפים האָט זיך דאַן ניט שטאַרק אַרומגעקוקט. ער איז, אַרויסגייענדיק פונעם וואַגאָן, דעמלט באַלד געלאָפן אין שטעטל אַרײַן — דער פונק פון האָפענונג אין האַרצן האָט געיאָגט. איצט זעט ער פאַר זיך אַ שיינעם צווייסטאָקיקן אין העל-גרוי געפאַרבטן וואָקזאַל. עמעס, ניט קיין גרויסן, נאָר אין מיניאַטיור — אַן עכטער גרויסשטאָטישער. לעבן די הויכע פענצטער שטייען ערד-וואַזעס מיט בלומען, און ס'דוכט זיך אים, יעפימען, אַז דאָס באַגריסט דער וואָקזאַל אַליין מיט בלומען די אָנקומענדיקע צוגן...

— דו ווייסט וואָס, קאַזיס טײַערער, — זאָגט ער צום כאַווער, — לאָמיר זיך דורכגיין אַ ביסל צופוס. מיד בין איך ניט. ווײַט איז ניט. דער וועטער איז אַ מעכײַעדיקער. מיטן וועג וועלן מיר אַ ביסל שמועסן. מײַן באַגאַזש איז ניט קיין שווערער — דאָס איינע טשעמאָדאַנדל.

— ווילסט צופוס, זאָל זײַן צופוס. מיט אַ גאַסט דאַרף מען זיך ניט אַמפּערן גלײַך בײַ דער ערשטער באַגעגעניש... גיב דײַן טשעמאָדאַן. ניין, ניין! דאָ וועל איך זיך דאַפּקע מיט דיר שפּאַרן, כאַזימוקאַס, — קאַזיס מאַכט אַן אָנגעשטעלט שטאַרק באַרויִקע פּאָנעם, קוים דערשטיקנדיק זײַן גוטמוטיקן ברייטן שמייכל, וואָס האָט שוין עטלעכע מינוט געפינקלט אין די אויגן און אף די ליפּן. ער טוט אַ ריס, ווי מיט כּעס, דעם טשעמאָדאַן פון יעפימס האַנט. — ניין, ניין, ברודערל, וואָס ליגט דאָרטן בײַ דיר אין טשעמאָדאַן?! פאַרגעס ניט, אַז איך האָב נאָך קיין מיטיק ניט געגעסן... וואַרט דאָ צו אַ רעגע, איך וועל אים אָפּטראָגן צום שאָפער אונדזערן. ער וועט אים אָפּפירן צו מיר אַהיים.

אין אַ מינוט אַרום איז קאַזיס שוין דאָ צוריק און זאָגט מיט אַ שטיל געלעכטערל:

— און איצט גייען מיר שפּאַצירן, ווי שאַבעס נאָכן טשאָלנט...

די לעצטע פּאָר ווערטער זאָגט ער אף ייִדיש און קימאַט אָן אַקצענט. ביז איצט האָבן זיי גערעדט ליטוויש.

— זע נאָר, זע, — וווּנדערט זיך יעפים. — האָסט נאָך ניט פאַרגעסן קיין ייִדיש?

— און דו — קיין ליטוויש, עמעס, דו כאַפּסט אַרײַן רוסישע ווערטער, נאָר אין אַלגעמיין גענומען רעדסטו ליטוויש גאָר נישקאָשעדיק, — דאָס לעצטע וואָרט זאָגט ער ווידער אין ייִדיש. — איך זאָג ריכטיק, האַ? נישקאָשעדיק... ניטשעוואָ סעביע, האַ?.. אוי, ברודערל, שפּראַכן, וואָס זײַנען געקומען צו אונדז צוזאַמען מיט דער קינדהײַט, פאַרגעסן זיך ניט, פּונקט ווי די קינדהײַט אַליין...

זיי זײַנען שוין אַרויס אפן ברייטן וועג, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן. מע דאַרף דורכגיין איין קילאָמעטער — און מ'וועט אַרײַן אין צענטער פון שטאָט.

שוין נאָך אַ פּאָר מינוט גאַנג זאָגט יעפים, אַרומקוקנדיק זיך מיט אַ ביסל פאַרוווּנדערטע און ברייט צעעפנטע אויגן:

— דו ווייסט, ווען איך גיי ניט מיט דיר, קאַזוקאַס ליבער, ווייס איך ניט, ווו איך בין... איך וואָלט אַפילו ניט דערקענט דאָס טײַכל,

וואָס מיר זײַנען נאָרוואָס אריבערגעגאנגען איבערן בריקל. ווו איז אהינגעקומען די וואסער, וואָס איז דאָ געשטאנען?..

— עהע, ברודערל, זי האָט זיך ניט ארײַנגעפאסט אין אנסאמבל... — שמייכלט קאזיס. — נו, זאָג אליין, וואָס פאר א פאָנעם וואָלט עס געהאט, ווען אין ריי מיט א צענדליק נײַע צווײשטאָקיקע הײַזער שטייט עפעס אן אײַנגעהויקערטער קארליק און האלט אין איין כליאָבען וואסער... כא-כא-כא... סײַדן מיר האָבן עס געדארפט איבערלאָזן ווי אן ארכיטעקטור-דענקמאָל?.. — און ווידער אף ייִדיש: — ניט בא מאָטיען...

ביידע לאכן. און יעפים האָט ווײַטער אלץ געהאלטן אין איין צופרידענעם ווונדערן זיך: דער גאנצער אלטער וועג פונעם וואָקזאל ביז צו די ערשטע געסלעך פונעם אמאָליקן קליינעם שטעטל איז איצטער פארבויט געוואָרן מיט נײַע באקוועמע וווין-הײַזער, אנשטאלטן און מאגאזינען. ס'איז א גרויסשטאָטישע אספאלטירטע גאס, איבער וועלכער עס רוישן קעסיידער לײַכטע- און לאסט-אוטאָמאָבילן. אין איין אָרט נאָר, אפן האלבן וועג פונעם וואָקזאל אין שטאָט ארײַן איז געווען אן איבערײַס צווישן די הײַזער: דאָ איז געשטאנען אן אלטער, עפשער טויזנט-יאָריקער דעמב. אן אומגעהייער-ברייט צעצווײַגטער מיט מעכטיקע ווײַט צעשפרייטע פון דער ערד ארויסשפארנדיקע וואָרצלען איז ער דאָ געשטאנען, ווי אין די גאָר אמאָליקע ווײַטע יאָרן. מיט א סאך זאפטיק-גריִנעם גראָז און בלימעלעך ארום אים, און יעפימען האָט ארומגעכאפט א מאָדנער פארלאנג — ער האָט אים טאקע באלד דאָ אויסגעפילט: ער האָט זיך דאָ אף א רגע אראָפגעלאָזט אפן גראָז און א ווײַלע אזוי געזעסן, אומעטיק שמייכלענדיק...

— פארמאטערט שוין, הא? אומזיסט האָבן מיר אָפגעלאָזט די מאשין, כאימוקאס...

ניין, יעפים איז ניט פארמאטערט, ער האָט זיך נאָר אף א ווײַלע אָפגעשטעלט — צוגאסט בא די קינדער-יאָרן... דאָ אונטערן דעמב פלעגן אין די זומערדיקע שאבעס-פארנאכטן די שטעטלשע ייִדן מיט ווײַב און קינד זיך צעלייגן און כאפן לופט נאָך א גאנצער וואָך פארדומפענער ענגעניש אין די נידעריקע פארשטיקטע כאטעס, וואָס זײַנען, ווי מעשונעדיקע פארהיסטאָרישע יאשטשערן, געקראָכן איינס אפן אנדערן.

— גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר האָט דעם בוים ניט געטשעפעט, קאזיס!

— בא וועמען וועט זיך אופהייבן די האנט אף אזא זאָקן?! ס'איז דאָך ניט דאָס וואסער-מילכל. מיר ווייסן ווו אײַן און ווו אויס, ברודערל...

און אָט איז שוין דאָס ערשטע אמאָליקע געסל. יעפים קוקט ארײַן ווײַט פאָרויס, אף וויפל די קרומקײַט פונעם געסל פארשטעלט די פערספעקטיוו. דאָ האָט זיך זייער ווייניק געביטן, קימאט אלץ ווי געווען דעמלט, מיט צוואנציק יאָר צוריק, ווען ער, יעפים, האָט דאָ געשפאנט, נאָך אין דער סאָלדאטישער גימנאסטיאָרקע מיט די אָרדענס און מעדאלן אף דער ברוסט, און מיט טיפער, זיך קראמפנדיקער קלעמעניש אין דער ברוסט...

ער פרעגט בא קאזיסן, ווידער א פארווונדערטער:

— ווי קומט עס, וואָס אהער האָט איר זיך צו גאָרניט צוגערירט?

— רוים איז אויך ניט מיט איין מאָל אויסגעבויט געוואָרן... א ביסעלע צײַט, א ביסעלע געדולד און דעריקער — א ביסעלע א גרעסערן שטאָטישן ביודזשעט און... דו ווערסט זיך ווידעראמאָל ווונדערן, אויב דאָס אלץ, וואָס וועט דאָ געשען, וועט ניט פאָרקומען אף דײַנע אויגן... — קאזיס האָט גענומען באגלייטן זײַנע ווײַטערדיקע דערקלערונגען מיט אלץ ברייטערע האנט-באוועגונגען. — אָט די זײַט, די לינקע, וואָס גייט אראָפ צום טײַכל, וועלן מיר אײַנגאנצן אראָפטראָגן. דאָס טײַכל וועלן מיר אויסברייטערן און טיפער מאכן. די ברעגן נעמען אין צעמענט און מאכן א פליאזש... די רעכטע זײַט וועלן מיר אויסגלײַכן. די גאס וועלן מיר אספאלטירן... די גאס, ווי דו זעסט, הייסט שוין ברעג-גאס, נאבערעזשנאיא... און אף יענער זײַט טײַך, ווו ס'איז נאָך איצט פוסט, וועלן אויסוואקסן נײַע גרויסשטאָטישע קווארטאלן... מיר קאָנען אָבער ניט אראָפטראָגן דאָס אלטע, ביז מיר האָבן נאָך ניט דאָס נײַע... ס'איז שוין אזוי אויך בא אונדז א גרויסער מאנגל אין דירעס, ווי אין אלע וואקסנדיקע שטעט.

פלוצעם האָט זיך יעפים אָפגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט עפעס געזוכט און ניט געפונען. זיי זײַנען געשטאנען בא א קליין סקווערל מיט עטלעכע גרינע בענק אונטער יונגע ביימער און מיט א היפשער בונטער בלומען-קלומבע אינדערמיטן. אף די בענק זײַנען איצט געזעסן, ווי אין אלע סקווערן אין א זומערדיקן באטאָג, מוטערס, באָבעס און זיידעס מיט קליינינקע קינדערלעך אין די וועגעלעך. גרעסערע קינדער זײַנען ארומגעלאָפן טומלענדיק איבער די אויסגעווירעוועטע שמאָלע אלייען. ליכטיקע אייגעלעך, פארפאליעטע באקן, הילכיקער קינדערשער געלעכטער...

— קאַזיס טײַערער, ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען?

— וואָס?

— וואָס דאָ איז געשטאַנען. וואָרט נאָר.

— גדאַליעס קוזניע?

— יאָ, און מײַלעכס, דעם געלן מלאמדס שטוב מיטן הויכן בריקל אַרויף.

— געדענקסט נאָך?

— נאָך אַ מין געדענקען! — אין יעפימס אויגן איז געשוווּמען אַ שטיל וואָלקנדל פון אומעט. — איך האָב דיר, דוכט זיך, דערציילט וועגן דעם, ווען מיר האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק געטראָפן אין מאָסקווע. ווען איך בין אַהער געקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, איז פון גדאַליעס קוזניע דאָ געשטאַנען בלויז אַ רעשטל פונעם גרויסן קוזניע־אויוון און לעבן אים האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך פונעם בלאָזזאַק... מ׳האָט מיר דערציילט, אַז דאָ איז געווען אַ סריפּע: און מײַלעכס דעם געלנס שטוב איז נאָך געווען... עמעס, אַזאַ יאָר אויף אַלע אונדזערע סאָנים, וואָס פאַר אַן אויסזען די שטוב האָט נעבעך געהאַט! דאָס בריקל איז געווען אויסגעקרימט און אַ פּאָר שטיגן האָבן אינגאַנצן געפעלט, און פון די לעכער אינעם טרעפּל האָט געסטאַרטשעט אַ גאַנצער וואַלד מיט פאַרשטויבטער קראָפּעווע... קיין טירן אין שטוב זײַנען אינגאַנצן ניט געווען. פון די פענצטער זײַנען געבליבן בלויז אויסגעלונקענע ראַמען, אַן שויבן, וואָס האָבן זיך אין ווינטל געוויגט הין־און־הער און ווי געזיפצט... כורבן, פאַרוויסטעניש... און ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און מיט אַ צעקלעמט האַרץ געטראַכט וועגן דעם, אַז דאָ איז מײַן ערשטער כיידער געווען און דאָ זײַנען דורך דרײַ יאָר מײַנע, עמעס, הונגעריקע, באָרוועסע, נאַקעטע יאָרן, אָבער פאָרט פרײַלעכע קינדער־יאָרן! אַזויווי איך בין דאָ געשטאַנען און געשאָקלט צו זיך אַליין מיטן קאָפּ, איז פונעם כאָרעוון פענצטער אַרויסגעשפּרונגען אַ קויטיקע גרויע אויסגעדאַרטע קאַץ מיט ווילד־ברענענדיקע אויגן... דערזען מיך — און אַרײַנגעשפּרונגען צוריק... אוי, בין איך אַנטלאָפן פונדאַנען!..

— ביסט אַ ביסעלע סענטימענטאַל, כאַימוקאַס... האָבן מיר דען ניט גוט געטאָן, וואָס מיר האָבן, עפּשער אָן ראַכמאָנעס אויף דײַנע זיכרוינעס, אַראָפּגעטראָגן די כורוועס, דעם טויט, אַזוי צו זאָגן, און אויף זייער אָרט פאַרפלאַנצט אָט דאָס, מיט לאַכנדיקע קינדער און גליקלעכע טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס?..

— ווער זאָגט דען! זאָלן זײַן געזונט די הענט, וואָס האָבן עס געטאָן...

— אָט די הענט, כאַימוקאַס, — האָט שמייכלענדיק אויפגעהויבן קאַזיס די ברייטע גרויסע דלאָניעס זײַנע. — אָט די הענט זײַנען געווען די ערשטע אין יענעם „וואָסקרעסניק", וואָס האָבן גענומען אַ ברעך־אײַזן און אַ לאָפּעטע און געקומען אַהער...

יעפים האָט גענומען קאַזיסעס ביידע הענט און צוגעדריקט צום האַרצן — און געשוויגן. בלויז די אויגן זײַנע האָבן עפּעס אַ זאָג געטאָן — גענומען פינטלען...

— ע, איך זע, ברודערל, אַז דו האָסט נאָך דאָס שטעטל ליב ביז איצט, און אומזיסט האָט די כורווע־קאַץ דיך פונדאַנען פאַרטריבן... איך האָב דאָך אויך דאָ געטראָפן ניט קיין בעסערן פּייזאַזש, און ניט קיין קאַץ, נאָר עפּשער אַ ביסל ערגער: אויפן אָרט פון טאַטנס הויז, וואָס איז צעבאָמבירט געוואָרן — אַ גרויסן קלאָזעט... און פונדעסטוועגן... — ער האָט דערפילט, אַז דער שמועס טוט יעפימען וויי, האָט ער אים פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער זײַט: — הער, טײַערער, אַז מיר וועלן אָט אַזוי, פאַמעלעך, ווי די טשערעפּאַכעס, זיך שלעפּן, וועלן מיר הײַנט אַהיים צו מיר, הייסט עס, זיך ניט דערקלײַבן. און איך ווייס ניט, ווי דו, מיר ווילט זיך שוין עסן... נו, שאַגאָם מאַרש! ווי אַמאָל אין דער דיוויזיע אונדזערער...

אַ פּאָר ייִנגלעך אין סקווער האָבן באַמערקט, ווי די דערוואַקסענע „פּעטערס" שטעלן טריט ווי סאָלדאַטן, האָט אײנס פון זיי צוגעלייגט דאָס הענטל צום אַקסל, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ ביקס, אויך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן „שאַגאָם מאַרש!" — און כעוורע איז אַוועק האַרט הינטער זיי.

ביידע „גרויסע פּעטערס" האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול.

די ערשטע שטראַלן פון דעם אויפגייענדיקן טאָג האָבן יעפימען געטראָפן אויף זײַן געלעגער שוין מיט אָפענע אויגן. אומבאַמערקט קימאַט זײַנען דורכגעלאָפן צען טעג. הײַנט באַטאָג פאָרט ער שוין אַוועק, ער האָט שוין אַ בילעט אין קעשענע. ער פליט ביז ווילנע. דאָרטן וועט ער זיך אָפּשטעלן אויף אַ טאָג צוויי, פאַרברענגען מיט די עטלעכע אַמאָליקע כאַווײרים און פרײַנט — לאַנדסלײַט פונעם שטעטל, מיט וועלכע ער האָט זיך צוריק פאַרבונדן טאַקע דורך קאַזיסן, וואָס פלעגט צוליב זײַנע קאָמבינאַט־איניאָנים גאַנץ אָפט קומען אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט. קאַזיס האָט זיי געגעבן יעפימס אַדרעס און אים, יעפימען, געשיקט זייערע. אויך זיי, פונקט ווי קאַזיס, האָבן אים שוין יאָרן גערופן צו זיך אין גאַסט. אויך זיי, ווי קאַזיס, האָבן אים אין בריוו אויסגעלויבט ווילנע און

געפּרוּווט אים אַריבערצי̇ען צו זיך, אויף די
אונטערנעמונגען, וווּ זיי אַרבעטן, פֿאַרווייענ-
דיק אים מיט די לאַקנדיקע אַראָמאַטן פֿון
די גאָר-אַמאָליקע יאָרן, פֿון דער „אַלטער
היים". און וואָס זאָל ער זיך דאָ לייקענען?
נאָך יעדן בריוו, וואָס ער האָט פֿון זיי באַ-
קומען, האָט זיך טאַקע געבענקט, געצויגן
צו זיי. נאָר ס'האָט זיך אַלץ גראָד אַזוי גע-
מאַכט, אַז די לעצטע פּאָר יאָר האָט ער אין
זײַן אורלויב-כוידעש ניט געקאָנט אַוועקפֿאָרן
פֿון דער היים. איצט ווײַל ער און מוז זיך
דאָרטן אָפּשטעלן כאָטש אויף אַ פּאָר טעג: ניט
אַזוי גיך וועט ער דאָך ווידער האָבן אַזאַ
געלעגנהייט.

איצט איז ער זיך געלעגן, די הענט הינ-
טערן קאָפּ, און געטראַכט. ס'איז אים געווען
אַ ביסעלע אומעטיקלעך, ס'האָבן זיך שוין
געלאָזט פֿילן די קומענדיקע מינוטן פֿון גע-
זעגענען זיך. די דאָזיקע מינוטן זײַנען שטענ-
דיק עפּעס אַזוינע מאָדנע, ווי עפּעס קלעמט
אין הארצן, עס בענקט זיך שוין נאָך אָט די,
וואָס באַגלייטן, און ס'ווערט אַלץ טיפֿער און
צערטלעכער דאָס געפֿיל צו זיי; און אין דער
זעלבער צײַט ווילט זיך, אַז דער צוג אָדער
די פֿלי-מאַשין זאָל שוין וואָס גיכער אָפּ-
גיין, און סײַ דער, וואָס פֿאָרט אַוועק, און
סײַ די, וואָס באַגלייטן, ווערן אַלץ שווײַגנ-
דיקער אָדער זיי רײדן וועגן גאָר זײַטיקע
זאַכן, וואָס אינטערעסירן אין דער דאָזיקער
מינוט קיינעם ניט פֿון זיי: מע וויל אַליין
אָפּווענדן די אייגענע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון
דער באַלדיקער געזעגענונג, וואָס האָט דאָך
שטענדיק אַ ביסעלע טרויעריקייט אין זיך,
זאָל זײַן כאָטש אַ מיקראָסקאָפּיש טיילכעלע
פֿון פּיזישן ניט-ווערן, מעג עס זײַן כאָטש
פֿון אַ צײַטווײַליקן...

פֿון אָט די געדאַנקען און געפֿילן האָט
איצט יעפֿימען צוריק אַרויסגענומען קאַזיס,
כאָטש ער אַליין האָט שוין אויך געפּלאָנ-
טערט זיך אין די זעלבע הינטערגעסלעך און
שטעגעלעך פֿונעם אייגענעם פּסיכישן לאַ-
בירינט. ער האָט שטיל געעפֿנט די טיר, אַזוי
שטיל, אַז בלויז אַ מענטש מיט אַ גאָר שאַרפֿן
כוש-האַשמיע האָט געקאָנט דערהערן ווי זי
עפֿנט זיך. דערזען, אַז יעפֿים שלאָפֿט שוין
ניט, האָט קאַזיס שטיל געזאָגט „גוט-מאָרגן!"
און אַ פֿרעג געטאָן:

— שלאָפֿסט שוין ניט?

— זעסט דאָך... און דו?

יעפֿימס פֿראַגע האָט געקלונגען אַ ביסל
לעפּיש. נאָר אַזוי איז דאָס שוין. פּונקט ווי
ערעוו געזעגענען זיך באַם צוג אָדער באַ
דער פֿלי-מאַשין רעדט מען אויך אָפֿטמאָל
ניט אַמפּלאַציקע און דערפֿאַר אָפּט קאָמי-
שע ווערטער, ווען מע וויל כאָטש אויף איין
טריט ווײַטער אָפּרוקן אַ געשפּרעך, וועלכער
וויל ניט אָפּטרעטן און וועט ניט אָפּטרעטן...
ביפֿראַט אַ געשפּרעך, וואָס האָט שוין זײַן
אָנהייב עטלעכע מאָל געהאַט און דאַרף
דאָך האָבן אויך אַ געוויסן סאָף...

קאַזיס האָט זיך צוגעזעצט אויפֿן ראַנד
פֿון יעפֿימס געלעגער. ער איז געווען אין
דער נאַכט-פּיזשאַמע און האָט אַ פּאָר מאָל
אינסטינקטיוו מיט אומרויִקע פֿינגער זי גע-
פּרוּווט פֿאַרמאַכן ביזן פּעסטן ניט הויכן
האַלדז, באַהאַלטנדיק די רונדע שטאַרק-האָ-
ריקע ברוסט. יעפֿים האָט עס באַמערקט און
מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— קאָנסט זיך ניט אָפּגעוווינען פֿון אָט
דער באַוועגונג, קאַזיס... דער ברייטער שראַם
טיילט די ברוסט דײַנע אויף צוויי העלפֿט...
איז וואָס? איך האָב דיר דאָך שוין, דוכט
זיך, געזאָגט: דאָס איז זייער אַ בעקאָוועדי-
קער אָרדען... אַמאָל פֿלעגט מען צו וויכטי-
קע אָרדענס טראָגן אַזעלכע ברייטע באַנטן...

אויך אָט דאָס האָט יעפֿים געזאָגט, קע-
דיי עטוואָס אָפּצורוקן דעם פֿאָרשטייענדיקן
שמועס, אָבער קאַזיס האָט איצט די בעפֿיי-
רעש איבעריקע ווערטער ניט אָנגענומען און
אַנטשיידן געזאָגט:

— פֿאָרסטו הײַנט, הייסט עס, אַוועק —
אויף ניט צו קומען?

יעפֿים האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט
און אויסגעשטרעקט די האַנט צום נאַכט-
טישל — צום שאַכטל פּאַפּיראָסן. קאַזיס האָט
די האַנט איבערגעכאַפּט:

— צו וואָס? דו רייכערסט דאָך ניט אויפֿן
פּוסטן מאָגן, און ריכטיק: אין אונדזער על-
טער דאַרף מען שוין היטן דאָס האַרץ...

— ניט פֿון אַלץ און ניט אַלעמאָל קאָן
מען עס אײַנהיטן. — יעפֿים האָט דאָך באַ-
פֿרײַט זײַן האַנט, גענומען אַ פּאַפּיראָס (די
האַנט האָט דערבײַ אַ שטיקל ציטער געטאָן),
פֿאַררייכערט און זיך טיף פֿאַרצויגן. ערשט
דאַן האָט ער געענטפֿערט אויף קאַזיסעס פֿראַ-
גע, זי איבערכאַזערנדיק: — פֿאַרוואָס עפּעס
אויף ניט צו קומען? איצט וועל איך שוין קו-
מען אָפֿטער. איך ווייס שוין דעם נײַעם
וועג... און דו צו מיר אויך...

— ניט דאָס מיין איך, יעפֿים. איך מיין:
ניט צו קומען אַהער אויף שטענדיק.

— ניין, מײַן טײַערער, — יעפֿים האָט
קאַזיסן אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און
אים צוגעטוליעט צו זיך: — ניין, מײַן טײַע-
רער. דײַן פֿאָרשלאָג, ווי טיף פֿון האַרצן
ער זאָל ניט זײַן, האָט ניט, אַזוי צו זאָגן,
קיין שום פֿעסטע באַזע אונטער זיך, אויב
מע זאָל זיך ניט רעכענען (און מע קאָן זיך

דערמיט אליין ניט רעכענען) בלויז מיטן סאנטימענט פון היים-וויי, בענקעניש נאָך די קינדער-יאָרן און נאָכן שטיקל ערד, אַף וועלכן די דאָזיקע יאָרן זײַנען אדורך. כאָטש דער דאָזיקער סאנטימענט איז א גענוג שטאַרקער און ביכלאל א געזונטער, איז ער נאָך קאָלאָסאל ווייניק, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן, אַף צו ענדערן ראַפּטאָם א לעבן, א גוט-אײַנגעפונדעוועט לעבן סײַ גײַסטיק, סײַ מאַטעריעל.

— מאַטעריעל האָב איך דיר שוין געזאָגט. דײַן געהאלט בא אונדז אפן קאָמבינאט וועט זײַן ניט קלענער, דער קאָלווירטישער מארק איז דאָ א סאך וואלוועלער ווי בא אײַך, פרוכטן א סאך מער. און גײַסטיק — פאָרט א הויפּט-אינזשעניער!.. און איך מיט דיר, א דערפינדער מיט א פארבאנדישן נאָמען — ווי מיר וועלן עס א הייב טאָן אונדזער קאָמבינאט!

יעפים האָט אים אויסגעהערט, ניט איבערשלאָגנדיק, אויב ניט רעכענען דעם שמייכל, וואָס האָט באגלייט זײַן שווײַגן די גאנצע צײַט, וואָס קאזיס האָט גערעדט. און אז דער כאוועער איז שטיל געבליבן, ווארטנדיק אַף יעפימס ענטפער, האָט יעפים שוין גאנץ ערנסט געזאָגט:

— מיר דוכט זיך, קאזיס, אז דעם באַגריף „אונדזער" טײַטשן מיר ביידע אויס א ביסעלע פארשיידן... דו פארשמעלערסט אים א ביסעלע... דער נאָוואָסיבירסקער קאָמבינאט איז אויך אונדזערער, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דאָרטן האָב איך א סאך אומבאגרענעצטע מעגלעכקײַטן פאר דער דערפינדונג, אַף וועלכער איך ארבעט איצט בעראָש פון א גרופּע זייער באגאבטע אינזשעניערן און ארבעטער.

— איך פארשטיי דיך זייער גוט.

— ניין, ניט אינגאנצן. — יעפים האָט זיך אופגעהויבן און, ארופלייגנדיק א האנט אַף קאזיסעס אקסל, אים אוועקגעזעצט צוריק לעבן זיך, — שלאָג מיך ניט איבער. זעץ זיך צוריק אוועק... דו רעדסט, קוקנדיק פון דײַן באאָבאכטונגס-פונקט און, ווי מיר דוכט, א ביסעלע א שמאָלן, ניט פון אלמעלוכישן פארנעם... — יעפים האָט ווידער א שמייכל געטאָן. — נאָוואָסיבירסק איז אויך א סאָוועטישע שטאָט, זייער א גרויסע, זייער א שיינע און זייער א וויכטיקע... עמעס, דאָרטן הייסט „היימלאנד" ניט „טעווינע", ווי אין דער ליטווישער ססר, נאָר „ראָדינא". דאָס איז, פארשטייט זיך, אלציינס. אָבער ביכלאל ווייסטו דאָך, אז ס'זײַנען אָפּט באם מענטשן פאראן צוויי „היימלאנדס": איינס — דאָס אָרט, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן,

דאָס צווייטע — יענץ, וואָס שרײַבט זיך מיט א גרויסן אָס אין אָנהייב און וואָס איז אונדז אלעמען טײַערער פון יענץ, וואָס שרײַבט זיך מיט א קליינעם אָס...

קאזיס האָט זיך ווידער א הייב געטאָן פונעם אָרט, א זאָג געטאָן מיט א שאָטנדל פון פארדראָס אין די אויגן:

— דו האלטסט, אז איך גליטש זיך אראָפּ אַף דעם, וואָס הייסט אַף רוסיש „מעסטנישעסטוואָ"?

— כאָלילע, — האָט יעפים געענטפערט מיט א באזונדערער ווייכקײַט אין קאָל, — וואָסי, איך קען דיך ניט? אָבער היטן זיך פון דעם דארף מען... ביפראט, אז דער געזונטער סאנטימענט צום היימלאנד מיט א קליינער ליטערע קאָן אמאָל ווײַט פארפירן... שא, זיץ רויק. אגעוו, דײַן יואָזיס (זאָל ער ווערט זײַן דעם נאָמען פונעם זיידן, וואָס ער טראָגט!) וואָלט דאָך גערן אוועקגעפאָרן אין אונדזער אלעמענס נאָוואָסיבירסק, פונוואנען דו ווילסט, איך זאָל אוועקפאָרן... דײַן יואָזאס בא זײַנע זעכצן יאָר ווײַזט, אָן סאָפעק, ארויס גרויסע פעיקײַטן צו מאַטעמאַטיק, און דו האָסט געזען, מיט וואָס פאר א פײַערל עס האָבן זיך אָנגעצונדן זײַנע שיינע גרויע אויגן, ווען איך האָב דערציילט וועגן אונדזערע ספעציעלע שולן פאר מאַטעמאַטיקער, וועגן אונדזערע גרויסע געלערנטע פונעם אקאדעמיע-פיליאל... א טײַערער יאָט דײַן יואָזאס, וועסט האָבן גרויס נאַכעס פון אים! אמאָל, אז עמעצער וועט פאר עמעצן דערציילן וועגן דיר, וועט ער צוגעבן: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך דעם בארימטן מאַטעמאַטיקערס יואָזאס פאשקונאסיס פאָטער!"...

די לעצטע ווערטער האָבן זיך צעשטראַלט אַף קאזיסעס פּאָנעם מיט א ברייטן גליקלעכן שמייכל.

— האלעווײַ, כאָימוקאָס! — און ער האָט דעם כאוועער צוגעטוליעט צו זיך. — איז ווי זאָגסטו, „ראָדינא" מיט א גרויסער בוקווע פאָרויס?..

ערשט איצט האָט יעפים בעקיצער גענומען אויסלייגן זײַנע איבעריקע ארגומענטן, פארוואָס ער וויל ניט און קאָן ניט אוועקפאָרן פון נאָוואָסיבירסק: סײַ פאר אים און נאָך מער פאר זײַן פרוי און איינציקער טאָכטער איז אָט די שטאָט ניט נאָר א טייל פונעם גרויסן היימלאנד, נאָר אויך געבוירנלאנד, וויגלאנד, יוגנטלאנד... דאָ איז יעדער שפאַן ערד זיי באזונדערס אײַנגעבאקן אין הארצן. וואָס פאר א רעכט האָט ער, יעפים, זיך ניט רעכענען מיט זייערע געזונטע געפילן, סאנטימענטן? כוץ דעם: לענע, די פרוי זײַנע,

איז דאך, ווי ער, קאזיס ווייסט שוין, א לערערן פון רוסישער שפראך און ליטעראטור, און איר, ווי דער טאכטערס מוטער-שפראך, איז דאך רוסיש. זאלן זיי זיך פלוצעם נעמען לערנען אן אנדער שפראך אן א באזונדער נויטווענדיקייט אין דעם? אין אנדערע באדינגונגען...

— אנדערע? אונדזער „טעווינע" איז אויך א טייל פון דער גרויסער „ראדינא". — האט קאזיס א זאג געטאן. נאר ווייטער אנטוויקלען זיין געדאנק האט ער ניט באוויזן. אין וואנט האט מען אנגעקלאפט. דאס ווענטל, אן אינווייניקסט, איז געווען א דינס. — דאס סיגנאליזירט מיין בירוטע... — ער האט א קוק געטאן אף יעפימס האנטזייגער, וואס איז געלעגן אפן נאכט-טישל. — אוי, האבן מיר זיך פארעדט! איך מוז דאך שוין באלד זיין אף דער ארבעט! און מע דארף נאך עסן פרישטיק, דעם לעצטן פרישטיק צוזאמען מיט דיר...

— דעם לעצטן?! פארוואס עפעס דעם לעצטן? איך ווייס שוין דעם נייעם וועג צו דיר, און דו, האף איך, וועסט זיך אויך דערוויסן דעם וועג צו מיר... און דערווייל... דערווייל גיי העלפן דער באלעבאסטע.

קאזיס איז ארויס. יעפים האט זיך האסטיק גענומען אנטאן. דער געשפרעך איז געבליבן ניט פארענדיקט.

איבער די צעכן פונעם קאמבינאט איז געגאנגען א גרעסערע גרופע אויסלענדישע טוריסטן — געוועזענע ליטווישע בירגער, וואס האבן נאך לאנג, איידער ליטע איז געווארן א סאוועטישע, עמיגרירט קיין אמעריקע. אויסער דעם אנגעשטעלטן פון „אינטוריסט", וואס איז מיט זיי געקומען פון ווילנע, איז קיינער מיט זיי ניט געווען. אין קיין איבערזעצער האבן זיי זיך ניט גענייטיקט. אלע האבן נאך גערעדט א פליסיקן ליטוויש, זעלטן אריינשטעלנדיק אן ענגליש ווארט. דאס זיינען אלץ געווען אדער געוועזענע שטעטלשע ארבעטער, אדער געוועזענע פויערים פון די ארומיקע דערפער, וואס האבן דא געהאט ווער לעבעדיקע קרויווים און ווער — טייערע קווארים... דאסראוו פון די געסט זיינען געווען שוין באיארטע מענטשן, אדער גאר אלטע לייט. איבער די צעכן מיט זיי איז געגאנגען דער דירעקטאר — קאזיס, דער הויפט-אינזשעניער, וואס האט זיי ערטערוויז, בא דעם אדער יענעם סטאנאק און מאשין געגעבן די געהעריקע דערקלערונגען, און יעפים.

יעפים איז שוין דא, אין אלע צעכן, א פאר מאל געווען. ער האט שוין דעם קאמבינאט מיט קימאט אלע זיינע פראדוציר-פראצעסן ניט שלעכט געקענט און האט שוין מער ניט געטראכט פון קומען אהער נאכאמאל. אבער נעכטן נאך, ווען קאזיס האט זיך דערוווסט, אז אין שטאט זיינען אנגעקומען אמעריקאנער טוריסטן, — און אזעלכע גרופעס באזוכן אלעמאל דעם קאמבינאט, די גרעסטע היגע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג — האט יעפים אינדערפרי באלד א זאג געטאן זיין כאווער:

— קאזיס, היינט גיי איך מיט דיר צו דער ארבעט. כ'וויל זען די טוריסטן. עפשער...

ער האט דעם זאץ ניט פארענדיקט. דאס צווייזילביקע ווארט „עפשער" מיט די פינטעלעך, וואס האבן זיך געפילט אין דער אינטאנאציע און אינעם קנייטש מיט די אקסלען, האט שוין דערעדט דאס ניט געזאגטע: עפשער וועלן דארטן זיין אלטע באקאנטע, עפשער אויך יידן...

נייו, קיין יידן זיינען דא ניט געווען. קיין אלטע באקאנטע ליטווינער האט ער דא אויך אין די ערשטע מינוטן ניט באמערקט, כאטש ער האט שטארק זיך איינגעקוקט אין זיי. עמעס, מיט קיין באזונדערן זיקארן אף צו פארגעדענקען פענעמער האט יעפים זיך קיינמאל ניט אויסגעצייכנט. ביפראט, אז ס'איז שוין פארביי א פערטל יארהונדערט, ווי ער איז אין דעם צווייטן מילכאמע-טאג אוועק פון שטעטל. דערצו איז דער גרעסטער טייל פון אט די טוריסטן אוועק פונעם שטעטל ווען ער, יעפים, איז נאך גאר א קינד געווען.

אזוי איז ער דורכגעגאנגען אלע קארפוסן און צעכן, ניט געפינענדיק מיט די אויגן קיין איין אלטן באקאנטן. נאר אז מ'איז אריין אין די רעמאנט-ווארשטאטן, האט איינער פון די טוריסטן, שוין גאר א באיארטער און א ביסל סטולעוואטער מענטש מיט א ריין-געגאלטן, פון זון און צייט פארברוינטן קאפ-שארבן, פלוצעם אראפגעווארפן פון זיך דאס רעקל, הויך פארקאטשעט די ארבל פונעם ווייסן אויבערהעמד און מיט א פריילעך פייערל אין די שטארק שוין אויסגעבליאקעוועטע בלויע אויגן, צוגעגאנגען צו איינער א קאוואדלע, געבעטן באם ארבעטער דעם האמער און זיך געשטעלט אפן ארבעטערס ארט.

— עך, לאמיר זיך דערמאנען די יונגע יארן! — האט ער א זאג געטאן, און דער האמער האט לייכט און ריטמיש גענומען פליען אינדערלופטן און מיט א הילכיקן קלונג זיך אראפגעלאזן צוריק צום אייזנשטיק אף דער קאוואדלע. די ארבעטער ארום האבן זיך ניט איינגעהאלטן און גענומען אפלא-

דירן. ס'האָט אפּלאָדירט אויך יעפּים. און פּלוצעם האָט עפּעס דאָס האַרץ בא אים א צאַפּל געטאָן, איבערן לײַב איז דורכגעלאָפן עפּעס א מאָדנע פרעסטעלע, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער רעגע פאַרוואַנדלט אין א ווייכער וואַרעמקײַט...

— דראַוגאַס (כאַווער), — האָט ער קוים אײַנגעהאַלטן דאָס אונטערשפּרינגענדיקע האַרץ, — איר האָט ניט געאַרבעט אמאָל בא געדאַליען אין קוזניע?..

דער טוריסט האָט אָפּגעלייגט דעם האַמער און זיך שטאַרק אַרײַנגעזויגן מיטן בליק אין יעפּימס פּאָנעם. און אין א רעגע אַרום:

— איך וואָלט שווערן, אַז דאָס איז מענדעלע דעם שנײַדערס זון. יאָ, יאָ, — דער אַלטער האָט שוין דאַפקע יאָ געהאַט א גוטן ריִע־זיקאָרן. — איך בין געווען זײַנער א שטענדיקער קונד... סווייקאַס (שאָלעם־אַלייכעם)! — ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט און אַרומגענומען. — א ווילער מענטש געווען, א קלוגער און א האַרציקער. ער האָט גוט געקענט אונדזער ברודער. ער האָט געגומען זייער ביליק. מיט אים האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט געדונגען...

די טוריסטן האָבן זיך ענג אַרומגעשטעלט אַרום זיי ביידן, זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, ווי די צוויי דערציילן, מיט קורצע אָפּגעהאַקטע זאַצן, איינער דעם אַנדערן וועגן זיך. דאָ און דאָרט האָט עמעץ פון די געסט אַרײַנגעשטעלט א וואָרט. צום סאָף, אַז דער באַגלייטער פונעם „אינטוריסט" האָט, קאָן זײַן, גאָרנישט מיינענדיק געכאַפּט א קוק אויף זײַן האַנטזייגער, האָט מען זיך גענומען אײַלן ערגעץ. אייגנטלעך, איז טאַקע דער פאַרפּלאַנירטער באַזוך אויפן קאָמבינאַט, אין גרונט, געווען פאַרענדיקט. עס איז נאָר פאַרבליבן אַרײַנצוגיין אין קלוב, וווּ ס'האָט בא די טישן מיט בלומען און קיבעד געדאַרפט פאָרקומען א כאַווערישער שמועס.

טאַקע דאָ, באַם טיש זיצנדיק, איינער נאָכן אַנדערן האָט דער אַמאָליקער שטעטלשער שמיד־אַרבעטער שטיל, פאַרזיכטיק, מיט מיטלײַד אין קול, א פרעג געטאָן בא יעפּימען, ווי עס רעדט א דאָקטער, ווען ער באַטאַפּט א שווערע בלוטנדיקע וווּנד באַם פּאַציִענט:

— כוץ דיר, איז ווער נאָך איבערגעבליבן פונעם טאַטן?

— קיינער ניט און גאָרנישט ניט... ניין, עפּעס איז יאָ איבערגעבליבן. — יעפּים האָט פון דער בוזעם־קעשענע אַרויסבאַקומען א לעדערן טײַסטערל, פון דאָרטן א פּאַפּירל, א קליינס, א פאַרוויקלטס. און פון פּאַפּיר: —

אָט דאָס, פרײַנט מײַנער, איז דער איינציקער אָנדענק פון טאַטן... — דאָס איז געווען אַן אַלטער שנײַדערשער פינגערהוט מיט א סאַך, א סאַך פּיצינקע, דינינקע גריבעלעך, די גרויס פון א נאָדל־קעפּל יעדערס. דער פינגערהוט, וואָס איז אמאָל זילבערדיק־העל געווען, איז איצט שוין געווען פאַרטונקלט. — אָט דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איז נאָכן טאַטן געבליבן. איך היט עס, ווי דאָס אויג אין קאָפּ... באַם אַרויסגיין פון שטעטל האָט דער טאַטע א שטיקל וועג מיך באַגלייט. ער, די מאַמע און דאָס ייִנגערע ברודערל... „מיר קאָנען ניט לויפן, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — א צו שווערער שפּאַן... מיט דער מאַמעס געשוואָלענע פיס, מיט מײַן אייגן לונג... וואָס איז באַשערט, איז באַשערט!.. דו לויף... און גיב אכטונג אויף זיך". דער טאַטע האָט דערבײַ באַמערקט, אַז עפּעס הענגט אַראָפּ פון מײַן מאַרינאַרקע א קנעפּל... האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט (דער טאַטע האָט אַלעמאָל געקאָנט א שמייכל טאָן!): „באַם שנײַדערס א זון פּאַסט ניט צו גיין מיט אויסגעריסענע קנעפּלעך"... ער האָט אויף דער קליאַפּע זײַנער אָפּגעוויקלט דעם לאַנגן פאָדעם, וואָס איז אַרומגעדרייט געווען אויף דער אַרײַנגעשטעקטער נאָדל, מיר דערלאַנגט די נאָדל מיטן פאָדעם און פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען דעם פינגערהוט. — „נו, דאָס וועט דיר צוניץ קומען". די פאָדעם האָב איך אויסגענייט. די נאָדל האָט זיך צעבראָכן באַם צונויפנייען מײַנעם א האַרטן רימענעם פּאַסיק, און דער פינגערהוט — אָט איז ער. דורך אַלע צאָרעס און שלאַכטן אים דורכגעטראָגן.

אינעם אַלגעמיינעם כאַווערישן שמועס באַם טיש האָבן זיך באַטייליקט קימאַט אַלע טוריסטן. אויך יעפּים מיט זײַן נײַעם פרײַנט. צום קיבעד אָבער האָבן זיי ביידע קימאַט זיך ניט צוגערירט...

יעפּים איז אין דעם אָוונט א פּאָר שאָ געבליבן אַליין. בירוטעס צעך האָט די וואָך געאַרבעט אין דער צווייטער וואַכטע. קאַזיס האָט הײַנט נאָך דער אַרבעט געהאַט עפּעס א באַראַטונג פון די דירעקטאָרן אין שטאָטקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און די באַראַטונג האָט זיך, ווי עס פּאַסירט, שוין צו לאַנג פאַרצויגן און יואָזאַס האָט טאַקע פאַרגעלייגט דעם טאַטנס גאַסט פאַרברענגען דערווײַל מיט אים, ביז דער טאַטע וועט קומען. יואָזאַס האָט ליב צו הערן דעם גאַסטס דערציילונגען וועגן דער ווײַטער גרויסער און באַרימטער שטאָט, וואָס איר אָפּערע, כאָרן, זאַוואָדן זעט ער אָפט אויפן בלויען עקראַן. אָבער יעפּים האָט באַמערקט שוין

באַלד אין דער ערשטער האַלב שאָ, אַז זײַן יונגער פֿרײַנט דרייט צו אָפּט אויס די לינקע האַנט מיטן זייגער אַרויף — אָפּאָנעם, אַז פֿאַר אים האָבן זיך די ווײַזערס גערוקט צו שנעל... האָט יעפֿים אים „אײַנגערעדט“, ער זאָל גיין וווּהין ער דאַרף: ער, יעפֿים, דאַרף בעמיילע איצט אָנשרײַבן אַ פּאָר נייטיקע בריוו... עמעצער וואַרט געוויס אויף אים, אויף יואַזאַסן. קאָן זײַן דער „עמעצער“ גייט אין אַ קורץ קליידעלע, טראָגט אַ פּאָר לאַנגע, בלאָנדע צעפּ און לערנט מיט אים אין איין קלאַס...

איצט איז יעפֿים געזעסן באַם פֿענצטער פֿונעם צימער, וואָס די גאַסטפֿרײַנטלעכע באַלעבאַטים האָבן אים אָפּגעגעבן אויף דער צײַט פֿון זײַן פֿאַרברענגען בײַ זיי. דאָס פֿענצטער איז אַרויס אויפֿן נאָענטן טײַכל, הינטער וועלכן ס'האָט נאָך אויך איצט, ווי אַמאָל, זיך ברייט אויסגעשפּרייט אַ מאַסיוו מיט רײַפֿנדיקן קאָרן, וואָס האָט זיך שטיל געגאָלדיקט אינעם כּיִעסדיקן פֿאַרנאַכט און באַלאָדן מיט פֿעלד-גערוך און מיט די אַראָמאַטן פֿון לאַנג שוין פֿאַרגאַנגענע יאָרן די שטילע ווינטלעך, וואָס זײַנען געקומען צום אָפֿענעם פֿענצטער און אָפֿענעם האַרצן... אַ טיפֿע זיסע און צוגלײַך אומעטיקע גאַמע פֿון געפֿילן האָט זיך אַלץ מער צעגאָסן איבער דער נעשאָמע. די פּרוזשינע פֿון היים-ווײ און בענקעניש נאָך דער קינדהײַט און יינגלצײַט, וואָס האָט זיך אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון אָנגעשטרענגטער אַרבעט און אַלערליי זאָרגן, אַלץ מער צונויפֿגעפּרעסט און אַלץ ווייניקער אָרט פֿאַרנומען, האָט איצט גענומען אָפּלאָזן, זיך ראַש פֿאַנאַנדערוויקלען, זיך אַלץ מער אויסברייטערנדיק...

...אָט שטייט דאָרטן, ווײַטלעך אין פֿעלד שוין, אַ קליין שטיבל, אַן אַלטע פֿויערשע כאַטע, אַ גרויע פּונווײַטן. דאָרטן, געדענקט ער, יעפֿים, האָט געוווינט סלוזשאַס, דער פּאַסטעך, וואָס האָט געפֿיטערט די שטעטלשע טשערעדע. אַ קליינוווּקסיק מענטשל מיט גאָר אַ ברייטער געדיכטער געלער באָרד, וואָס איז געווען גאָרניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם ניט אָנזעענדיקן קערפּערל. לעבט ער נאָך? ווער וווינט דאָרטן איצטער? יעפֿים האָט ביז הײַנט ניט באַוויזן צו פֿרעגן קאַזיסן וועגן דעם אַמאָליקן פּאַסטעך... אַלציינס... אָט ברענט דאָרטן איצט אַ פֿענצטערל מיט אַ ראָז-פּיאָלעטאָווען פֿײַערל אַזאַ... מיילעך דער מעלאַמעד האָט מיסטאַמע אין אַזעלכע קאָלירן זיך פֿאַרגעשטעלט דאָס „גינגאָלד“, מיט וועלכן ער פֿאַרטײַטשט פֿאַר זײַנע טאַלמידים די ווערטער „זאָהאָוו טאָהויר“ — דאָס גינגאָלד, וואָס ניט זיי, די קליינינקע טאַלמידימלעך, ניט ער, דער רעבע זייערער, האָבן קיינמאָל אין לעבן ניט געזען... אָט פֿליט איבערן פֿעלד אַ פֿויגל... לויטן פֿלי דערקענט נאָך יעפֿים פּונווײַטן, אַז דאָס איז אַ טויב... יעפֿים דערקענט נאָך ביז הײַנט אָט דעם מין געפֿליגלטע פֿונדערווײַטן. צוזאַמען מיט קאַזוקאַסן האָבן זיי קינדווײַז געהאַט איין שוטפֿעסדיקן טויבנשלאַק, טאַקע בײַ קאַזוקאַסן אויפֿן בוידעם, און זומער, די גאַנצע פֿרײַע צײַט זיך פֿאַרנומען מיט דרעסירן און „באַוועגן“ די טויבן, כאָטש ניט איין מאָל האָבן ביידע אַרײַנגעכאַפּט דערפֿאַר פֿון זייערע טאַטעס מיט רימענס... יאָ, דאָס איז אַ טויב... אָט פֿליט זי דאָ נאָענט פֿאַרבײַ... אַ ווײַסע... מיט אַ לעצטן אָנשטראַל אויף די פֿליגלען... יעפֿימען פֿרעסט עפּעס מאָדנע צונויף דאָס האַרץ. אַ מאָדנע זאַך: די לעצטע צײַטן באַמערקט יעפֿים, אַז דער זיקאָרן זײַנער נעמט ווערן שוואַכער. ער פֿאַרגעסט אָפּט הײַנט, וואָס ער האָט געלייענט נעכטן... סקלעראָז? ניין. צו פֿרי. פּאָשעט — אַ שטיקל יערושע פֿון דער קאָנטוזיע הינטער אָריאָל. אָבער דאַפֿקע דאָס, וואָס ער האָט געלייענט גאָר אַמאָל, געדענקט ער זייער גוט. באַזונדערס, אויב דאָס איז אין פֿערזן. דיכטונג האָט ער זייער ליב נאָך פֿון קינדווײַז אָן, פּונקט ווי מוזיק. אָט האָט ער זיך איצט פּלוצעם דערמאָנט אַ גאַנצע סטראָפֿע פֿון עפּעס אַ ליד פֿון אַ ליטווישן דיכטער, וואָס ער האָט געלייענט אַוודע מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק:

...ווײַט אין אַ שטיבל אין פֿעלד
פֿלאַקערט אין גינגאָלד אַ שויב...
עס פֿליט דורך די שקיִע און העלט
אַ ווײַסע פֿאַרשפּעטיקטע טויב...

יעפֿים מיט די פֿערזן אויף די ליפּן קוקט נאָך דער פֿליִענדיקער טויב. זי ווערט אַלץ קלענער, אַ פּינטעלע, ניטאָ, פֿאַרשוווּנדן, ציִ זי איז אַרײַן און זיך געשטעלט אויף אַ ראַנד פֿון דער פּרוזשינע, וואָס האַלט זיך נאָך אַלץ אין איין צעוויקלען דאָרטן ערגעץ טיף אין געמיט...

...אָט דאָ, אויף יענער זײַט טײַך, ניט ווײַט, איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַ באַן-ליניע. איצט איז זי שוין ניטאָ, מע האָט זי איבערגעטראָגן אַ סאַך ווײַטער. פֿונדאַנען זעט מען זי שוין ניט, אָבער אין דער שטילקײַט פֿונעם אָוונט האָט זיך נאָרוואָס גאָר דײַטלעך דערהערט דער רעדער-גערויש און לאָקאָמאָטיוו-אָטעם פֿון אַ פֿאַרבײַגייענדיקן צוג. און אַ צעצויגענער אָנזאָג אָדער וואָרן-רוף פֿון אַ הודאָק... טרו-ו-ו...

פֿונעם טאַטנס הויז האָבן זיך אויך פֿונעם פֿענצטער גוט געזען די באַן-ליניע, די

פאַרבײַגייענדיקע צוגן... און דער טרו-טרו זייערער האָט ערגעץ געדופן מיט זיך דאָס אונטערוואַקסנדיקע ייִנגל, וועמען ס'האָט אזוי געצויגן אין דער ווײַטער גרויסער וועלט אַרײַן, וואָס איז, צוליב איר ווײַטקייט און ניט דערגרייכבאַרקייט, געלעגן אין די מיען ווי עפּעס אַ מין פאַרקישעפטער כאָלעם פון אַ וווּנדער-מײַסעלע, וואָס האָט אומגעהייער שטאַרק געלאָקט מיט אַזאַ בלענדנדיקער שיינקייט, וואָס האָט געמאַכט דאָס האַרץ שנעלער קלאַפּן...

יאָ, ער, יעפים, האָט אָט די וועלט דערזען און דערקענט, אַ דערוואַקסענער שוין, מיט דערוואַקסנדיקן סייכל און באַוווּסטזיין. האָט זי אים אַנטוישט? ניין! וויפל שטורעמס זײַנען איבערן קאָפּ זײַנעם דורכגעגאַנגען, שיִר ניט דעם קאָפּ אַליין אַראָפּגענומען, אָבער דער אַמאָליקער וווּנדער-כאָלעם האָט זיך ניט אויסגעלאָשן. פאַרקערט: ער איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ מער וואָר... אַ וווּנדערלעך-שיינע וועלט. מע דאַרף נאָר, וואָס ווײַטער אַלץ ענערגישער, אַרבעטן אַף אויסראָטן דאָס שלעכטס, די מיִעסקייט, די דערנער, וואָס זײַנען נאָך דאָ אַפן רײַכן בלומיקן אינדזל... וואָסער אינדזל? יעפים כאַפּט זיך, אַז ער דענקט ווידער מיט עפּעס אַלטבאַקאַנטע פערזן... יאָ, יאָ... פון די פערזן געדענקט ער אַפילע דעם אַווטאָר — יויסעף באָושאָווער:

אָט דאָ, אַף דער ערד, ווו עס האָט אונדז געבאָרן
די מאַמע אַלס שקלאַפן פון קנעכטשאַפט צו לײַדן, —
אָט דאָ איז דאָס אינדזל פון אייביקע יאָרן,
מע דאַרף נאָר די דערנער, די דערנער אויסשנײַדן.

ער, יעפים, האָט זיך נאָך גאָר אַלס יונג ייִנגל גענומען העלפן אויסשנײַדן די דערנער. דערפאַר איז אים איצט אין דעם גאָלדענעם פאַרנאַכט, באַם פענצטער, פונעם אַמאָל אַזוי וואַרעם, זינגענדיק אַפן האַרצן...

■ ■ ■

באַם אירטיש

* * *

ווען ווילדע ענטלעך זײַנען נידעריק געפֿליגן,
פֿאַרטשעפּענדיק די דינע, נאַסע צווײַגלעך,
האָט אָן אויפֿהער מיך געצויגן און געצויגן
אין דער שטאָט, וואָס איז געוואַקסן אין דער טײַגע.

און ס׳האָט געקאָנט דאַן רירן מיך פֿון זינען
יענער הויכער, גרינער סעמאַפֿאָר,
וואָס האָט געפֿירט אַהינצו, ווו באַגינען
פֿלעכטן זשוקלעך אײַן זיך אין די האָר.

* * *

ווען פֿון בערג קומט אָן א קאַלטער ווינט,
זאָגסטו, אַז דאָס שיקן אים שאַמאַנען.
און די בענקשאַפֿט אין מײַן האַרץ אַצינד
קאָנסטו מיר ניט זאָגן איז פֿונוואַנען?

ווען דער ווילדער ווײַנטרויב צײַטיקט אויס,
זאָגסטו: אַזוי ווילן די שאַמאַנען,
און מײַן ווייטיק, וואָס איז איצטער גרויס,
קאָנסטו מיר ניט זאָגן איז פֿונוואַנען?

ווי א בלויער שטערן פֿאַלט אַראָפּ,
זאָגסטו, אַז דאָס רופֿן אים שאַמאַנען.
און דער רויש דער מאָדנער אין מײַן קאָפּ
קאָנסטו מיר ניט זאָגן איז פֿונוואַנען?

ווען לעם פֿאַנזע כ׳קוש דיר שטילערהייט,
וואָס זשע טוען דעמלט די שאַמאַנען?
גראָז אין בײַדל האָט די וועלט צעשפּרייט,
און איך וועל דערקלערן דיר פֿונוואַנען
אַזאַ בענקשאַפֿט אין מײַן האַרץ איז גרייט.

* * *

איך ווייס געוויס — דו וועסט פֿאַרגעסן פֿריִער,
איך — דערנאָך, ס׳וועט זײַן א גרויסער שאָד,
און פּונקט ווי שטענדיק וועלן פֿליִען, פֿליִען
טשאַטעס געגנדז צום אָוונטיקן בראָד.

ווי שטענדיק וועט דער בושל זיך פֿאַרבייגן,
זוכנדיק א פֿראָש לעם זײַנע פֿיס.
עס וועט דער ווינט ווי אַלעמאָל פֿאַרנייגן
די אַליִעכע לעם געלבלעכן קאַמיש.

ווי פֿאַראַיאָרן, וועלן ווערן צײַטיק
סאָנישניקעס הויכע אינעם לײַן,
נאָר בײדע מיר וועלן זיך דאַן שוין בײַטן,
מיר וועלן בײדע אַנדערע שוין זײַן.

און שטענדיק, ווען די ליבע וועט אונדז צי̇ען,
ווען איבער עפּעס וועט אונדז זײַן א שאָד,
מיט אונדז צוזאַמען וועלן האַסטיק פֿליִען
טשאַמעס געגנדז צום אָוונטיקן בראָד.

* * *

כ'האָב אזוי גוט געשפּילט אין דאַמינאַ,
און דאָס דריטע מאָל
שפּילט אויס בא מיר דער כאוועד,
דו ביסט פאראַן — און אומעטום ניטאָ,
טײַערע, געאַכטע, קוטשעראווע.

כ'האָב ניט געוווּסט,
און הייב ערשט אָן צו וויסן,
ווי מעכטיק און ווי גרויס די ליבע איז...
אָוונט... שטיל... עס זינגען ערגעץ פישער,
און ס'הוידעט אונדזער זעגל דער אירטיש...

דערנאָך מײַן גיכער אָפּפאַר... דער פּעראָן...
טונעלן טונקעלע און ליכטיקע עקספּרעסן...
איך האָב געוווּסט, אז די צעשיידונג
הייבט זיך אָן,
דו האָסט געפילט: עס ווערט
די ליבע גרעסער...

ביסט אומעטום פאראַן און ביסט ניטאָ,
מײַן טײַערע, געטרײַע, קוטשעראווע.
...כ'האָב אזוי גוט געשפּילט אין דאַמינאַ,
דאָס דריטע מאָל
שפּילט אויס בא מיר דער כאוועד.

א בליצשנעלע ליבע

זייער קורץ געווען
דער וועג איז:
ניט קיין טרויער,
ניט קיין פרייד,
אף איין גאנעק
זיך באגעגנט,
אף דעם צווייטן
זיך צעשיידט...

א בײַט

איך לייג דיר פאָר אָן קיין שום שפּאַס,
ווי מע זאָגט בא אונדז דאָ באַש נאַ באַש:

איך דיר — סיבירער קעלט א גאנצן וואָגן,
דו מיר — סאַכאַרער היץ א פולן לאָגל.

באשטראָפן די נאציסטישע פארברעכער!

די הײַנטצײַטיקע אדוואָקאטן פון די פאשיסטישע הענקער אין דער קאפיטאליסטישער וועלט, און קודעמקאָל אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, טײַנען, אז עס עקזיסטירט שוין מער ניט די פראָבלעם פון מיליטערישע פארברעכער — די רעכט-נאָרמאטיוון, וועלכע פונקציאָנירן אין דער דאָזיקער וועלט, דערלויבן ניט, קלוימערשט איבער די שוין פון לאנג פארגאנגענע יאָרן, צו באשטראָפן די מערדער פון אומשולדיקע מענטשן, ארויסגעבן זיי אף צו ווערן געמישפּעט אין רעשוס פון די רעגירונגען פון אנדערע לענדער. אזא מין, מישטיינסגעזאָגט, ארגומענטאציע איז אן אומבארעכטיקטע און אמאָראלע.

צווישן אנדערע, האָט מען באם מיליטערישן פארברעכער איוואן דעמיאניוק, איצט אן אײַנוווינער פון קליוולענד (שטאט אָהאיאָ), אָפּגענומען די אמעריקאנער בירגערשאפט, נאָר דעם סאָוועטנפארבאנד איז ער ניט איבערגעגעבן געוואָרן.

דעמיאניוק, וועלכער האָט געביטן דעם נאָמען איוואן אף דזשאָן, איז א געבוירענער אין פססר. אין די יאָרן פונעם צווייטן וועלט-קריג האָט ער מיטגעהאָלפן די פאשיסטן אינעם מאסן-מאָרד פון ייִדן אף די אָקופירטע שטאָכים. די פּראָקוראטור פון פססר האָט איבערגעגעבן דעם יוסטיץ-מיניסטעריום פון פשא די אויספאָרשונג-מאטעריאלן, וועלכע באשטעטיקן די מיטארבעטערשאפט פון דעמיאניוקן מיט די דײַטשישע פאשיסטן. צווישן די דאָקומענטן איז פאראן אן אָריגינעלע צײַגעניש וועגן זײַן דינסט אין עסעס-מיליטער, ווי אויך גוויִעס-אײדעס פון פארעטער, וואָס האָבן איינינעם מיט אים געווילדעוועט אין סאָביבאָרער טויט-לאגער.

דער געוועזענער וואכמאן פון סאָביבאָר איגנאט דאנילטשענקאָ האָט געדינט מיט דעמיאניוקן אין סאָביבאָר, אָנהייבנדיק פון מארט 1943. ער האָט דערציילט: „באגלײַך מיט אלע וואכמענער פונעם לאגער האָט דעמיאניוק אָנטיילגענומען אין דער מאסן-אויסראָטונג פון די ייִדן. איך האָב פיל מאָל געזען, ווי ער, א באוואָפנטער מיט א ביקס, פלעג באגלייטן אין אלע סעקטאָרן און זאָגנעס פונעם לאגער די דעפּאָרטירטע — געפירט זיי ביז צו די טויערן פון דער דושעגובקע... ווי אנדערע וואכמענער, פלעגט דעמיאניוק שלאָגן די ייִדן מיטן פריקלאד פון דער ביקס. ער האָט געהאט א שעם פון א דערפארענעם דיסציפלינירטן וואכמאן. די דײַטשן פלעגן אים סיסטעמאטיש שיקן אין די שכיינעסדיקע געטאָס נאָך ייִדן, קעדיי פארניכטן זיי אינעם לאגער".

דאָס אויסבאהאלטן פון דער שטראָף די נאציסטישע פארברעכער איז אומעגלעך צונויפפּאָרן מיט די פרינציפּן פון מאָראל און הומאניזם. ס'וואָלט געווען א יוישער, אז יענע, וואָס מעלדן זיך אלס קעמפער פאר מענטשן-רעכט, זאָלן טאָן אלץ, קעדיי די הענקער, וועלכע האָבן אָפּגענומען בא מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן זייער רעכט אף לעבן, זאָלן באשטראָפט ווערן אזוי, ווי זיי האָבן עס פארדינט. אין קעגנפאל איז דער רוף צו פארטיידיקן די מענטשן-רעכט ניט מער ווי צוויִעס.

פאראיאָרן, בײַזײַענדיק אלס אײדעס אף דער פרעסע-קאָנפערענץ אין אויסערן-מיניסטעריום פון פססר וועגן דער פראָבלעם פון פאראנטוואָרטלעכקייט פאר באגאנגענע מיליטערישע פארברעכנס קעגן דער מענטשהייט, האָב איך נאָכאמאָל איבערגעלעבט אלע מײַנע סאָביבאָרער ניסיוינעס. יאָרנלאנג האָב איך געהאָפט, אז דער ווייטיק וועט מיט דער צײַט פארטעמפּט ווערן. נאָר ניין!

מיד, א קריגסגעפאנגענעם, האָט מען געבראכט קיין סאָביבאָר דעם 22 סענטיאבער 1943. יעדן טאָג פלעגן אין טויט-לאגער אָנקומען עשעלאָנען מיט 2—3 טויזנט מענטשן, וועלכע די פאשיסטן האָבן אין מעשעך פון צוויי-דרײַ שאָ פארניכטעט. פון אונ-

דזער עשעלאָן זײַנען אָפּגעקליבן געוואָרן 80 מאנצבלען אַף דרינגענדיקע ארבעטן. מיך, אַלס טעסלער, האָבן די דײַטשן אויך צוגענו-מען. מע האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע, אוועקגעטריבן אין א צווייטן הויף, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט דראָט. דאָרט האָט מען אונדז ארײַנגעפירט אין א לאַנגן באַראַק מיט צווייִשטאָקיקע נאַרעס און געהייסן פארנעמען די ערטער.

מײַן ערשטער טאָג אין סאָביבאָר איז געווען א ווארעמער, א זוניקער. איך און נאָך עטלעכע פון אונדזער באַראַק זײַנען ארויס אין הויף. זיצנדיק אַף די קלעצער, וועלכע זײַנען דאָרט געלעגן, האָב איך באמערקט גרויע קנוילן רויך, וואָס זײַנען צאַפּן-מײַרעוודיקער פון אונדז געשטיגן ארוף-צו און צעגאנגען געוואָרן אין דער ווײַט. אין דער לופט האָט זיך פארשפּרייט א שארפער רייער.

— וואָס ברענט עס דאָרטן? — האָב איך געפרעגט איינעם א ייִדן פון א יאָר פערציק, ער איז ערשט געקומען פון דער ארבעט, ערגעץ פון אַן אנדער הויף.

— קוקט ניט אהין, — האָט דער ייִד געענטפערט. — דאָרט ברענען יענע, וואָס זײַנען הײַנט געקומען צו פאָרן איינעם מיט אײַך...

דער אַלטער לאַגערניק, וואָס זײַן ארבעט איז געווען סאָרטירן די זאכן פון די אומגע-בראכטע, האָט א סאַך געוווּסט. פון אים זײַ-נען מיר געוווירע געוואָרן, ווּהין אונדזערע כאַווירים זײַנען פארשוווּנדן און ווי־אַזוי דאָס קומט פאָר. מיט פּאַשעטע ווערטער, ווי ס'וואָלט זיך געריידט וועגן א זעלבסטפארשטענדלע-כער זאך, האָט ער דערציילט, און מיר, נײַ-אַנגעקומענע, וואָס האָבן שוין ביז אהער אויך ניט ווייניק איבערגעלעבט, האָבן דערשיטערטע געהערט:

— באלד ווי מע האָט אײַך אָפּגעטיילט און אוועקגעשיקט, האָט מען די איבעריקע צו-גענומען אין א צווייטן הויף. דאָרט באפוילט מען זיי אנידערלייגן די פעקלעך און זיך אויסטאָן, ווײַל מע גייט אין באָד. בא די פרויען שערט מען אָפּ די האָר. אַלץ ווערט געטאָן שטיל און גיך. אין איינע העמדער מיט הוילע קעפּ גייען די פרויען צוזאמען מיט די קינדער. הינטער זיי, אָפּגערוקט א הונדערט טריט, גייען די מאנצבלען אינגאנצן נאקעטע, אַלע ווערן באגלייט פון א שטארקער וואך. אָט דאָרטן איז זי, די באָד, ניט ווײַט פונעם אָרט, ווו עס שפּארט דער רויך. צווי געבײַ-דעס שטייען באנאנד — איינע פאר פרויען און קינדער, די צווייטע פאר מאנצבלען. ווי־אַזוי עס איז דאָרט אינווייניק אײַנגעאָרדנט, האָב איך אַליין ניט געזען, נאָר מענטשן, וואָס



אלעקסאנדער פעטשערסקי בא זײַן מאקעט
פון סאָביבאָרער טויט-לאגער

ווייסן, האָבן אויסגעמאָלט. אפן ערשטן קוק איז אַלץ אזוי, ווי אין א באָד דארף זײַן: קרא-נען פאר הייס און פאר קאַלט וואסער, שיס-לען צום וואשן זיך... ווי נאָר די מענטשן קו-מען אהין ארײַן, ווערן די טירן טייקעף פאר-האקט, און פון אויבן הייבן אָן זיך אראָפּלאָזן געדיכטע טונקעלע קנוילן, ס'דערהערן זיך שוידערלעכע געשרייען, נאָר זיי געדויערן ניט לאַנג. גיך גייען זיי אריבער אין א כאָרכלען, אין א ווארגן זיך און קאָרטשען זיך. מוטערס דעקן צו, זאָגט מען, זייערע אייפעלעך מיט די קערפּערס. דער „באָד-מײַסטער" גיט אכ-טונג אפן גאנג פון דער פּראָצעדור דורך א שײַבל אין דער סטעליע. אַף דער פופצנטער מינוט איז אַלץ פארענדיקט. די דילן צעעפע-נען זיך און די טויטע קערפּערס שיטן זיך ארויס אין וואַגאָנעטקעס, וואָס שטייען שוין גרייט אונטן, אין די באָד-קעלערס. די אנגע-פילטע וואַגאָנעטקעס קײַקלען זיך שנעל ארויס. אַלץ איז אָרגאניזירט לויטן לעצטן וואָרט פון דער דײַטשישער טעכניק. די קער-פּערס ווערן אין דרויסן אויסגעלייגט אין א געוויסן סיידער, מע באגיסט זיי מיט ברענ-שטאָף און מע צינדט זיי אונטער... מיר וועלן אויך אזוי ברענען. אויב ניט מאָרגן, איז אין א וואָך ארום, אין א כוידעש ארום...

אין אָט דער נאכט בין איך ניט גע-שלאָפן. אפן הארצן איז געווען שווער. ס'איז מיר געשטאנען פאר די אויגן דאָס צווייעריק מיידעלע נעליע, מיט א געקרײַזלט קעפּל, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז אין וואַגאָן. איצט האָב איך זי געזען אין יענער שרעקלעכער באָד. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז אויך איך בין דאָרטן, איך ווער דערשטיקט איינעם מיט מײַנע כאַווירים.

סאָביבאָר האָבן ארומגערינגלט א מינען-פעלד, פופצן מעטער די ברייט, א טיפער ריוו,

פול מיט וואַסער, און פיר רייען שטעכלדראָט. אונדז, זעקס הונדערט אַרײַנגעזעצטע אין אָט דער מעגושעמדיקער שטײַג, האָבן אָפּגעהיט פערצן אָפיצערן-עסעסאָווצעס און 250 וואַכמענער. דאָס איז שוין באַוווּסט — מיר איז אויסגעקומען ניט איין מאָל דערציילן וועגן דעם. אַ האַלב יאָר פאַר מײַן אָנקומען אין לאַגער האָט אים באַזוכט דער רייכספּיורער היינריך הימלער. לעקאָוועד זײַן וויזיט זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז-קאַמערן פון סאָביבאָר דרײַ הונדערט יונגע, שיינע מיידלעך — אַהין האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן נאַקעטע. אין אַ ספּעציעל פּענצטערל האָט הימלער סאַדיסטיש באַאָבאַכטעט זייער גסיסע.

22 טעג בין איך אָפּגעווען אין אָט דעם מענטשישן שעכטהויז.

אונדזער אָנקום, דער אָנקום פון סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, האָט געמאַכט אין לאַגער אַ שטאַרקן רושעם. מע האָט געוווּסט, אַז ערגעץ גייט אַ שלאַכט מיטן סוינע, און אָט זײַנען געקומען מענטשן, וואָס זײַנען שוין, עמעס, לאַנג פון דער שלאַכט אָפּגעריסן, דאָך ברענגען זיי מיט זיך דערפאַרונג פונעם קאַמף. מע האָט געקוקט אַף אונדז מיט נײַגער און האָפענונג, מע האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער וואָרט, מע האָט פאַרשטאַנען, אַז צווישן אונדז דאַרפן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו פון טאַט, און מע האָט געוואַרט, זיי זאָלן זיך באַווײַזן.

ס'זײַנען אַוועק עטלעכע שווערע טעג. וועגן זיי האָב איך ניט איין מאָל דערציילט אַף פאַרשיידענע באַגעגענישן און אויך ספּעציעל דעם יידישן לייענער — מיט פערציק יאָר צוריק איז אין פאַרלאַג „דער עמעס" אַרויס מײַן בוך „דער אופשטאַנד אין סאָביבאָר". דעריבער מעג איך און וועל איצט שרײַבן קורץ.

די לאַגערניקעס-אַנטיפאַשיסטן ווענדן זיך צו מיר און לייגן פאָר, כ'זאָל אַרײַן אין אונטערערדישן קאָמיטעט און נעמען דאָרט די אָנפירונג אַף זיך. דעם 12 אָקטיאַבער 1943, נאָך דעם, ווי כ'האָב אויסגעקלאָרט די אומגעבונג, האָב איך פאָרגעשלאָגן דעם קאָמיטעט אַ פּלאַן פונעם אופשטאַנד אין סאָביבאָרער לאַגער. אַנטלויפן דאַרפן אַלע, אָן אויסנאַם, לאַגערניקעס. מיט אייניקע אויסבעסערונגען איז מײַן פּלאַן אָנגענומען געוואָרן. אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר אים פאַרווירקלעכט.

דער קאָמיטעט האָט זײַן אופגאַבע אויסגעפילט. עלף אָפיצערן-עסעסאָווצעס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן אין מעשעך פון איין שאָ, שטילערהייט, אָן ראַש. פונעם לאַגער האָבן זיך אַרויסגעריסן פיר הונדערט מאַרטירער. שווער זײַנען געווען אונדזערע פאַרלוסטן. נאָר די, וואָס זײַנען אויסגעשטאַנען, האָבן דערנאָך פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

קעדיי פאַרניכטן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס, האָבן די פאַשיסטן, לויט היטלערס דירעקטן באַפעל, אָפּגעווישט דעם סאָביבאָרער לאַגער פון דער ערד און אַף זײַן אָרט פאַרפלאַנצט אַ וועלדל. עס זײַנען אָבער פאַרבליבן לעבן אַנטיילנעמער פונעם אופשטאַנד — ס'איז פאַרבליבן זייער זיקאָרן.

אין 1950 האָט דער מײַרעוו-דײַטשישער געריכט פאַרורטיילט דעם שעף פונעם צווייטן סעקטאָר אין סאָביבאָרער לאַגער הובערט האָמערסקי צו לעבנסלאַנגער טורמע, אָבער אין 1974 האָט מען אים באַפרײַט. ס'האָט זיך אופגעהויבן אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן, און דאַן מישפּעט מען אים נאָכאַמאָל. אין 1974 קומט צו פאָרן קיין מאָסקווע דער געריכט פון די געשוווירענע, אין זײַן באַשטאַנד זײַנען געווען 7 ריכטער פון פראַנקפורט-אַף-מײַן (דײַטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק). אין 1975 באַזוכן זיי מײַן היימשטאָט ראָסטאָוו-אַפן-דאָן און פאַרהערן מיך אַלס אײדעס. אין דאָנעצק פאַרהערן זיי אויך אַנדערע געוועזענע מאַרטירער פון סאָביבאָר.

איך האָב מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי האָמערסקי האָט אינעם סטאָליערוואַרשטאַט דערשאָסן אַ האָלענדער בלויז דערפאַר, ווײַל דער אומגליקלעכער האָט, איבערשטעלנדיק פון איין אָרט אַפן צווייטן אַ שראַנק, ניט געקאָנט אים אײַנהאַלטן אין די הענט און דער שראַנק איז אומגעפאַלן. דער ריכטער פון מײַרעוו-דײַטשלאַנד שניידער האָט זיך פאַרנומען מיט אויספרעגן מיך, וויאַזוי פּינקטלעך עס איז געווען אָנגעטאָן האָמערסקי, פון וועלכן רעוואָלווער האָט ער געשאָסן, צי איך האָב געזען, וויאַזוי די קויל איז אַרײַן אינעם קערפּער און וויאַזוי זי איז אַרויס, און צי איך בין איבערצײַגט, אַז דער האָלענדער איז געווען טויט.

דער אורטייל האָמערסקין, וועלכער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין 1977, איז געווען אַ זינלאָזער. דעם פאַרברעכער האָט מען פאַקטיש אַמניסטירט: ער איז פאַרורטיילט געוואָרן צו 15 יאָר טפיסע. נאָר ער איז שוין ביז דאַן אָפּגעזעסן 22 יאָר. האָט מען אים פאַר די 7 יאָר, וואָס ער איז „איבערגעזעסן" אויסגעצאָלט קאָמפּענסאַציע.

אין 1981 האָב איך געדאַרפט אַרויספאָרן קיין מײַרעוו-דײַטשלאַנד אַפן דריטן פּראָצעס איבער האָמערסקין. איך האָב שוין געהאַט געקויפט בילעטן, אָבער אַ טאָג ערעוו

דער רײַזע האָט מען מײַן אָפּפאָר אָפּגעשאפּן מאכמעס דער קרענק פונעם פארברעכער. דער געריכט האָט נאָכאמאָל אָף אים ראכמאָנעס געהאט.

דער צווייטער גאָרגלשנײַדער, דער עס־עסאָוועץ קאָרל פרענצעל, דער שעף פונעם ערשטן סאָביבאָרער סעקטאָר, איז אין 1966 פארורטײלט געוואָרן צו לעבנסלאנגער קאַטאָרגע. ער איז אָפּגעזעסן 14 יאָר, און מע האָט אים באפרײַט!

איך געדענק, ווי פרענצעל האָט געשלאָגן דעם קעכער שיר ניט ביזן טויט, ווײַל יענער האָט ניט באוויזן פאר 20 מינוט צעטײלן די לאגער־פּוילע צווישן די 600 מארטירער. פרענצעל האָט דעם קעכער אוועקגעשטעלט אָף די קני און, אונטערפּײַפנדיק עפּעס א ניגן, געמײמעסט אים מיט א בײַטש אין אײנקלאנג מיט אָט דעם ניגן. כ'בין דערבײַ בײַגעווען.

אײנמאָל האָט פרענצעל מיט אן אווטאָמאט אין די הענט ארויסגעפירט 11 קראנקע פונעם באראק און געבראכט זיי אין דריטן סעקטאָר אָף צו דערשיסן. צווישן די קראנקע איז געווען א יונגער האָלענדער. ווען זײַן פרוי האָט אים דערזען, איז זי צוגעפאלן צו פרענצעלס פיס, בעטנדיק אים, ער זאָל אָפּלאָזן איר מאן. פרענצעל האָט זי אָפּגעשטויסן. דאן איז זי מיט א שטאָלץ פארהויבענעם קאָפּ אוועק שטארבן צוזאמען מיט איר געליבטן. איך געדענק זייער גוט אָט דעם עפּיזאָד.

פרענצעל פלעגט אכזאָריעסדיק שלאָגן די לאגערניקעס. ער האָט עס געטאָן מיט פארגעניגן.

250.000 אומשולדיקע מענטשן זײַנען פארברענט געוואָרן אין סאָביבאָר! דאָס טאָר מען ניט פארגעסן.

מע טאָר ניט דערלאָזן, אז די ברוינע פּעסט זאָל זיך איבערכאזערן. די ווונדן, וועלכע דער פאשיזם האָט פארשאפט דער מענטשהײַט, יאטרען נאָך ביז איצט, די צײַט איז ניט בעקויעך זיי פארהײלן.

ניט לאנג צוריק האָט מען אין בראזיליע ארעסטירט דעם געוועזענעם שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון דעם סאָביבאָרער טויט־לאגער הוסטאוו פראנץ וואגנער, וועלכער האָט פערזענלעך אומגעבראכט עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן. דער פארברעכער האָט געבעטן, אז די בראזילער רעגירונג זאָל אים איבערגעבן דער פעדעראטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאנד. אָף אײנער א פּרעסע־קאָנפערענץ האָט וואגנער געזאָגט: „איך האָף, אז מע וועט מיך עסקאָרטירן אין מײַרעווידײַטשלאנד. איך האָב געקעמפט בײַס דער מילכאָמע פאר דײַטשלאנד (אומברענגען מענטשן אין גאז־קאמערן הײסט בא אים קעמפן פאר זײַן לאנד. — א. פּ.), פאר מײַן היים, און איך מיין, אז דאָס וועט גענומען ווערן אין אכט. אין מײַרעווי־דײַטשלאנד זײַנען פאראן בא מיר גוטע פרײַנט, און עס וועט זײַן יוישערדיק, אויב איצט וועט מיך שטיצן די דײַטשישע רעגירונג". א מאסן־הענקער אפּעלירט צו יוישער! ער טוט עס אומפארשעמט.

מיסטאמע ווייסן עס די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד", נאָר איך וועל נאָכאמאָל דערמאָנען, אז אין 1978 איז אין דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק דערשינען א בוך „די געשיכטע פון די דײַטשן". דער מעכאבער פון אָט דעם דיקן אָפּוס, אײנער א העלמוט דיוואלד, באהויפּטעט, אז בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען ניט פאָרגעקומען קײן מאסן־מאָרדן פון קריגסגעפאנגענע, און אוישוויץ האָט ביכלאל ניט עקזיסטירט. העלמוט דיוואלד קריכט פון דער הויט, קעדיי דערווײַזן, אז די קריגסגעפאנגענע אין דײַטשלאנד האָבן געלעבט ווי גאָט אין אָדעס, אלנפאלס, ניט ערגער פון דער פרידלעכער באפעלקערונג. אָט וויאזוי די אדוואָקאטן פונעם נאציזם נארן איצט אָף דעם אוילעם!

די נעאָפאשיסטן לייגן אײַן די וועלט, סטארענדיק זיך אײַנריידן דעם יונגן דאָר, אז די היטלערישע גאז־קאמערן זײַנען ניט מער ווי א לעגענדע, אז דאָס אויסראָטן מיליאָנען מענטשן איז צוגעטראכט פון דער פּראָפּאגאנדע. די פאלסיפיקאטאָרן ציטערן פארן עמעס. עס ברענט אָף זיי די הויט, ווען מע דעמאסקירט זייער שעקער. דעריבער האָבן זיי אזוי מוירע פאר די לעבנגעבליבענע אײדעס.

דער געוויסן פון די לעבעדיקע קאָן ניט און דארף ניט מאסקים זײַן מיט דעם, וואָס טויזנטער היטלערישע פארברעכער שפּאצירן פרײַ אָף דער ערד. דער געריכט פון די פעלקער מוז זיי דעריאָגן.

א ל ע ק ס א נ ד ע ר פ ע ט ש ע ר ס ק י,
געוועזענער אָנפירער פונעם אופשטאנד
אין סאָביבאָרער טויט־לאגער

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ליפע העלער

א פרוכטבאַרער שעפערישער וועג

נאָך אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן האָב איך פון צייט צו צייט באמערקט אף די שפּאַלטן פון די מינסקער ייִדישע צייטונגען „יונגער אַרבע־טער" און „אָקטיאַבער" הירש רעלעסעס אַרטיקלען, וועלכע ער פלעגט שיקן פון זיין שטעטעלע טשאַש־ניקי, וויטעבסקער געגנט. א ביסל שפּעטער האָבן זיך געוויזן באַוויזן זיינע לידער. סיי לויט דער עקזאָטיק און ניט געוויינלעכער טעמאַטיק, סיי לויט דער בילדערישער אויסדריקלעכקייט זיינען זיי מיר (אויך א ייִנגל פון א קליין שטעטעלע, וואָס האָט געהייסן דוקאָר) געווען נאָענט צום האַרצן.

דאָס, וואָס עס פאַרקריצט זיך אין זיקאָרן אין דער יוגנט, פאַרגעדענקט זיך אפן גאַנצן לעבן. אָט זיינען, צום ביישפּיל, שורעס פון רעלעסעס ערשטע לידער:

א יונגער בושל האָט פון נעסט
פאַרנייגט דאָס קעפּל;
די פליגל זיינען נאָך ניט פעסט —
דער ווינט קאָן זיי פאַרשלעפּן...

עך, ווי גליקלעך איז דער שוונג,
און דער דורכפאַל — אומדערטרעגלעך.
אַזוי, אַזוי, מיין בושל! יונג —
אַלץ איז מעגלעך.

עס האָט זיך שוין דאַן געפילט אין זיינע לידער אַן אויג פון א קינסטלער און די פעיִקייט איבער־צוגעבן אין קאַרגע שורעס דאָס, וואָס ווירקט אף אים און רעגט אים.

ביז היינט ווייס איך אף אויסווייניק רעלעסעס פּראָזע לידער „מיידל־קאָמיוגיסטקע", „צו די טייבע־לעך" און די שפּעטערדיקע „אפן טיש א בינטל בלומען", „אויס קינד", „דאָס קעלבל", וועלכע זיינען אַריין אין זיין ביכל „אָנהייב".

ווען איך בין אין אָנהייב האַרבסט 1934 יאָר צוריקגעקומען קיין מינסק נאָך די זומער־קאַניקולן און געקומען זיך לערנען אפן צווייטן קורס פונעם ייִדישן ליטפאַק באַם מינסקער פעדינסטיטוט, האָבן מיינע כאַווייִרים לויטן קורס, די דעמלט שוין באַ־וווּסטע יונגע דיכטער רוווע רייזין, הענעך שווּעדיק און דער יונגער פּראָזאַיִקער מאָטע דעגטיאַר מיר דערציילט, אַז קיין מינסק איז אָנגעקומען אויך הירש רעלעס און אַז ער וועט זיך לערנען אין זעלבן אינ־סטיטוט. אינגיכן, אין איינעם אַן אַפּרו־טאָג, ווען מיר אַלע זיינען געווען אפן מינסקער סטאַדיאָן, האָט רוווע רייזין צוגעפירט צו מיר א הויכן דאַרן יאַט אין א נייעם בלויען אָנצוג און אונדז באַקאַנט. דאָס איז געווען רעלעס.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר טאַקע אַזאַ האָב איך אים אומגעפער זיך פאָרגעשטעלט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיך האָט רעלעס שוין אויך גע־ווּסט לויט מיינע לידער, וועלכע איך האָב געדרוקט אין זשורנאַל „שטערן" און אין די ייִדישע צייטונ־גען. צו יענער צייט האָט מען שוין אין די ביכער־קראָמען געקענט קריגן מיין ערשטלינג, דאָס ביכעלע „געבוּרטס".

די ייִדישע סעקציע פונעם שרייבער־פאַריין איז אין ווייסרוסלאַנד דאַן באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק דיכטער, פּראָזאַיִקער, דראַמאַטורגן, ליטע־ראַטור־קריטיקער. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעטיילט די ערשטראַנגיקע דיכטער איזי כאַריק, מוישע קול־באַק, זעליק אַקסעלראָד, דער קריטיקער יאַשע בראָנ־שטיין. ס'זיינען געווען שעפעריש־אַקטיוו די באַגאַב־טע דיכטער און פּראָזע־שרייבער מענדל ליפשיץ, עליע קאַהאַן, הירש קאַמענעצקי, צאַדיק דאַלגאָפּאַל־סקי, אײַזיק פּלאַטנער, אײַזיק קאַהאַן, לייזער קאַ־צאָוויטש, מוישע טייף, אַרן יודלסאָן, ייִסראָעל סער־רעבריאַני, סאָרע קאַהאַן, נויעך גאַרעליק, לייב צאַרט, דאָוויד קורלאַנד, איטשע רעזניק, כאַים דונעץ, ראָכל בראָכעס, אורי פינקעל, ווי אויך די ייִנגערע גרו־פּע: מאָטל גרוביאַן, לייב טאַלאַלײַ, הירש בעריאַזקין, הענעך שווּעדיק, רוווע רייזין, מאָטע דעגטיאַר, הירש רעלעס, פּיניע פּלאָטקין, כאַים גורעוויטש, זכאַריע באַרסוק און דער אוטאָר פון אָט די שורעס.

אָפט פלעגן אָרגאַניזירט ווערן ליטעראַרישע אָוונטן און דעקאַדניקעס, געווידמעט דער שאַפונג

פון דעם אָדער יענעם שרײַבער. דאָס איז געווען א מין ליטעראַרישער באַריכט. די אָנטיילנעמער פונעם אָוונט פלעגן אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן דער שאַפונג פונעם שרײַבער. דאָס האָט ניט ווייניק סטימולירט צו נײַע זוכענישן און פּאַרטיפּעראונגען אין דער ווײַטערדיקער שאַפונג.

עס דערמאָנט זיך מיר א דעקאַדניק, וועלכער איז געווען געווידמעט הירש רעלעסן. דאָס איז פאָרגעקומען, אַף וויפל מיר געדענקט זיך, אין אַפּרעל 1935. עס האָט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער אוילעם — שרײַבער, סטודענטן, אַרבעטנדיקע. די מערהײַט — יוגנט.

זעליק אַקסעלראָד האָט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געקומען א יונגער טאַלאַנטפולער ליריקער מיט זײַן אייגענעם קאָלאָריט און ביז גאָר אויסדריקלעכער שפּראַך. רעלעס האָט געלייענט נײַע לידער. באַזונדערס האָבן אויסגענומען „דאָס שטעטעלע‟, „אין סאָד‟, אינטימע לירישע לידער.

פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן באַזונדערס אַקטיוו זיך דרוקן אין דער ייִדישער פּעריאָדיק פון ווײַסרוסלאַנד. נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט, אין 1937 יאָר, האָט ער געקאָנט בלײַבן אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון „אָקטיאַבער‟, נאָר אויסגעקליבן האָט ער פּעדאַגאָגישע טעטיקייט, צו וועלכער ער האָט געהאַט א באַזונדערע נייגונג. ער איז אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין סלוצק, און איך האָב שוין דאַן געאַרבעט אין באָברויסק אַלס לערער פון ליטעראַטור און פּאַרוואַלטער פונעם לערנטייל אין א מיטלשול. פון דאַן אָן האָבן זיך אונדזערע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן אַף א צײַט איבערגעריסן.

נאָך דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט רעלעס פאָרגעזעצט זײַן פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט אין מינסק. אויסער לידער, שרײַבט ער פּראָזע אין דער ייִדישער און רוסישער שפּראַכן. דער פּראָבלעם פון לערע און דערציִונג זײַנען געווידמעט זײַנע ביכער „נאָטיצן פון מײַנעם א קאָלעגע‟, „אַף ענגע פּאַרטעס‟, „איבער א שוועלער שוועל‟.

אויסער דעם, זײַנען אַרויס אין פּראָזע זײַנע בײַכער: „פּרײַנט און באַקאַנטע‟, „אין ליבן ווינקעלע‟ און „אונטער יעדן דאַך‟. דאָס זײַנען נאָוועלן און דערציילונגען וועגן די געשטאַלטן פון דער פּראָווינץ.

רעלעסעס פּראָזע טיילט זיך אויס מיט איר גאָטמוטיקן הומאָר, מיט ליריזם און בילדערישקײַט. זײַנע געשטאַלטן זײַנען אין דער מערהײַט פּראָווינציִעלע „מענטשן פון א גאַנץ יאָר‟, ערלעכע האָרעפּאַשניקעס מיט זייערע אייגנטימלעכע אַמביציעס, מיט זייער אַרט ריידן און דענקען, און דאָס מאַכט אינטעראַסאַנט און לעבעדיק אָט די ווערק.

א וויכטיקע אַרבעט האָט רעלעס אָפּגעטאָן אין זײַן פון שילדערן דאָס איצטיקע שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד. אין מעשעך פון פיל יאָרן פלעגט ער זומער אַרויספאָרן אין שעפערישע קאָמאַנדירונגען איבער די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד. אַף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד‟ פלעגן פון צײַט צו צײַט זיך באַווײַזן זײַנע פאַרצייכענונגען אַף דער דאָזיקער טעמע. ווו איז ער ניט אויסגעווען? ער איז אויסגעפאָרן קימאַט אַלע אַמאָליקע שטעטלעך פון וויטעבסקער, האָמליער, מאָגיליאָווער און מינסקער געגנטן. אומעטום האָט ער געטראָפן מענטשן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך דערנענטערן און אַפילע באַפרײַנדעט ווערן. אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע קאָמאַנדירונגען דערשײַנט אַצינד אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟ זײַן בוך „אונטערן פרידלעכן הימל‟. דאָס זײַנען דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, נאָוועלן און הומאָרעסקעס וועגן דעם איצטיקן אַרבעטער־ייִשעוו — געוועזענעם טכום־האַמוישעוו.

איינציײַטיק איז הירש רעלעס שעפעריש אַקטיוו אַלס דיכטער. דאָס וויסן גוט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד‟.

פון זײַן נאָכמילכאָמעדיקער דיכטונג טיילן זיך אויס די פּאָעמע „נאָכן שטורעם‟, וועלכע איז געווען געדרוקט אינעם מינסקער אַלמאַנאַך „מיט פעסטן טראָט‟ (אין 1948), די פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד‟ ציקלען „אוראַלער ווינטער‟, „שטעטלדיקע מאָטיוון‟, „אין באָברויסק‟, „דאָס האָט ער אונדז באַפרײַנדעט‟ (וועגן שאָלעם־אַלייכעמען) און אַנדערע.

אין זײַן פּאָעזיע פילט זיך ביזן הײַנטיקן טאָג דער אינטים־לירישער שטראָם, וואָס לויטן ערשטן אײַנדרוק דוכט זיך, אַז ער איז א פּערזענלעכער, נאָר אין טאָך דרינגט אַרויס פון אים ברייטע פאַראַלגעמיינערונג.

רעלעסעס לידער זײַנען דערשינען אין באַזונדערע זאַמלונגען אַף אַנדערע שפּראַכן — „א בערעזע הינטערן פענצטער‟ (איבערגעזעצט אין ווײַסרוסיש פון ריגאָר באָראָדולין. מעלוכע־פאַרלאַג פון ווײַסרוסלאַנד, 1981) און „די אָפּהילכן פון קלאַנגען‟ (אין רוסיש איבערגעזעצט פון נאַטעלאַ גאָרסקאַיאַ. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟, 1974).

אַף רעלעסעס שרײַבטיש ליגט איצט דער מאַנוסקריפּט פון א סעריע מעמואַר־פאַרצייכענונגען וועגן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד. א טייל פון זיי האָבן זיך געדרוקט אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד‟.

א סאַך יאָרן זײַנען דורכגעגאַן, זינט איך האָב זיך באַפרײַנדעט מיט הירש רעלעסן. פיל געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען פאַר אָט דער צײַט!

● ● ●

שטײגער-מאָטיוון
פֿונעם געגנטלעכן צענטער

די בּיראָבּידזשאַנער נייטערן יעלענע אַרנאַפּאָלי־נאַ — העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי. אין צענטער — דער מיטגליד פֿון צק קפּסס, ערשטער סעקרעטאַר פֿון דעם כאַבאַראָווסקער קאַנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי א. ק. טשאָרני גיט איר איבּער די הויכע באַלוינונג פֿונעם היימלאַנד.

דורכגעדרונגען מיט קאַמף

ניט לאַנג צוריק איז אין דער רוסישער איבערזעצונג דערשינען מישע לעווס „אויסדערוויילטס“. אינעם בוך זײַנען אַרײַן די ערשטע צוויי טיילן פון זײַן גרעסערער דערציילונג „ווען ניט די פרײַנט מײַנע...“ (ערשטער טייל — „קורסאַנטן“, צווייטער — „אומעטום אינאיינעם“), די גרעסערע דערציילונג „פּעראָ רוס“ און דער ראָמאַן „דער מישפּעט נאָכן אורטייל“.

אין דער פאָרעדע צום בוך שרײַבט מ. ראָלניקײַטע, אַליין דער אווטאָר פון א ריי ווערק וועגן די געטאָ־גרוילן אונטער דער היטלערישער הערשאַפט: „בא אונדז, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן גענעם, האַלט מען נאָך ביז איצט אין איין באַכפּרעגן זיך: וויאַזוי האָט מען אַזוינס געקאָנט אויסהאַלטן? אויב ריידן וועגן דעם סאַמע איקערדיקן, וואָס עס האָט געהאָלפן צו בלײַבן לעבן, איז עס — די קעגנזײַטיקע הילף“. די פאָרעדע טראָגט דעם נאָמען „טרײַהײַט“. דאָס איז בעעמעס א בוך וועגן גרויסער טרײַהײַט פון די סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן צו זייער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד, א בוך וועגן דעם, ווי אַרויסווײַזנדיק קעגנזײַטיקע ברידערלעכע הילף איינע די אנדערע, האָבן זיי געשמידט דעם זיג איבערן סוינע.

„ווען ניט די פרײַנט מײַנע...“ איז א דאָקומענטאַלע אווטאָביאָגראַפישע דערציילונג. דאָקומענטאַל איז אויך די גרעסערע דערציילונג „פּעראָ רוס“. דאָקומענטאַל, אָבער ניט אווטאָביאָגראַפיש, כאָטש די ביאָגראַפיע פון איר העלד (באַזונדערס אין די מילכאָמע־יאָרן), איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך אַף דער ביאָגראַפיע פונעם מעכאַבער. דער אָדעסער דאָקער־אַרבעטער פּיאָטער אָראַנסקי באַטייליקט זיך אין דער מילכאָמע אין פינלאַנד, שפּעטער אין דער גרויסער פאָטערלענדישער. א שווער פאַרוווּנדעטער, פאַלט ער אַרײַן צום סוינע, אַנטלויפט, טרעפט אָן קיין יוגאָסלאַוויע, פאַרייניקט זיך דאָ צו די קעמפער קעגן די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן, ווײַזט אַרויס אויסשליסלעכע געוואַגטקײַט, אָנפירנדיק מיט א רוסישן פּאַרטיזאַנישן באַטאַליאָן, ווערט באַוווּסט אַלס דער לעגענדאַרער פּעראָ רוס.

די דערציילונג פאַרכאַפּט ניט נאָר מיט די קאַלייִדאָסקאָפּיש זיך בײַטנדיקע געשעענישן, וועלכע ווערן אין איר באַשריבן, נאָר אויך, און עפּשער דעריקער, מיטן אויפן, וויאַזוי עס ווערט אַנטפּלעקט דער כאַראַקטער פון איר העלד.

מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבן האָט מ. לעוו געשטעלט פאַר זיך אינעם ראָמאַן „דער מישפּעט נאָכן אורטייל“. דאָס דאָזיקע פילפלאַנעווע ווערק שטעלט מיט זיך פאָר א ווײַטערדיקן שטאַפּל אינעם שרײַבערס שעפערישער ביאָגראַפיע.

אין צענטער פונעם ראָמאַן איז אַוועקגעשטעלט דער אויפשטאַנד פון די קאַצעטלער אינעם היטלערישן טויט־לאַגער סאָביבאָר אונטער דער אָנפירונג פונעם סאָוועטישן אָפיצער אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי (סאַשקאָ). דאָס אַליין, וואָס דער אויפשטאַנד ווערט באַשריבן גענוי און מיט פּראָטים, איז א גרויסער אויפטו. נאָר צום אונטערשייד פון זײַנע פריערדיקע ווערק, ווו עס ווערט באַשריבן בלויז די מילכאָמע־פאַרגאַנגענהײַט, אינטערעסירט דאָ דעם אווטאָר אויך דער הײַנטיקער טאָג. אינעם טויט־לאַגער האָבן אָרודעווועט פאַשיסטישע הענקער, וואָס פלעגן טאָגטעגלעך אָפּשיקן אין די גאַז־קאַמערן אומשולדיקע מענטשן — מאַנצבלען, פרויען, זקיינים, קינדער. נאָך דער מילכאָמע זײַנען זיי זיך צעלאָפן, אָט די אַלע וואַגנערס, באַוערס, אָבערלענדערס, פרענצעלס און זייער גלײַכן, זיך באַהאַלטן ווו ווער. בערנאַרד שלעזינגער, וועלכער האָט אַלס יִינגל זיך באַטייליקט אינעם אויפשטאַנד און איז געבליבן לעבן, פאַרנעמט זיך איצט מיט אויסזוכן די הענקערס, און דאָס גיט זיך אים טיילווײַז אײַן. עמעס, דעם מישפּעט איבער אָט די מערדער, איבער וועלכע דער אורטייל איז שוין לאַנג אַרויסגעטראָגן, האַלטן אין איין אָפּציִען די געריכט־אָרגאַנען פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, וועלכע זײַנען גערן זיי ריינוואַשן.

די מײַלע פון מ. לעווס ראָמאַן באַשטייט אין דעם, וואָס אין אים ווערן באַוויזן אין זייער גאַנצן גרויל ניט נאָר די בלוטיקע מײַסים פונעם נעכטיקן פאַשיזם, וועלכן מיר האָבן באַזיגט, נאָר אויך די געפאַר, וואָס עס טראָגן מיט זיך הײַנט די יאָרשים פון היטלערן, וועלכע טרוימען וועגן א נײַעם וועלטקריג. דער ראָמאַן וועט מיט רעכט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן יענע ווערק, וועלכע רופן צום קאַמף קעגן די מילכאָמע־אונטערצינדער.

מיכאַיל לעוו. „אויסדערוויילטס“. גרעסערע דערציילונגען, ראָמאַן. איבערזעצט פון יידיש. מאָסקווע „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1983.

ווי אונדז איז שוין אויסגעקומען אָפּצומערקן אײנעם אָפּרוף אױף דער ייִדישער אויסגאַבע פונעם ראָמאַן, זײַנען אין אים אָרגאַניש באַהעפט פובליציסטיק, דאָקומענטאַלישקייט און קינסטלערישקייט. און טאָקע דערפאַר פאַרבלײַבן אין זיקאָרן די צענדליקער אַרויסגעפירטע פערסאָנאַזשן — די קאָרבאָנעס, די הענקער, די קעמפער — סײַ יענע, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער פאַשיסטישער רויב־כײַע נעכטן, סײַ די, וואָס טוען אַלץ, קעדיי ניט דערלאָזן, זי זאָל אופהייבן דעם קאָפּ הײַנט.

דער בוך „אויסדערוויילטע" איז דורכגעדרונגען מיט קאַמף פאַר א גליקלעכער און פרידלעך לעבן.

ב. מילער

יאָרן פון געוויטער

אױף דער הילע איז אָנגעמאָלט א בוים אין א קאָנטראַסטיש־פאַרביקער באַקליידונג. אױף איר לעצטער זײַט — צוויי הוילע, פאַרסאַרפּעטע, אָפּגעהאַקטע שטענגלעך, פון זיי פאַלן אַראָפּ די לעצטע איינזאַמע, שוואַרץ געוואָרענע בלעטער. אױף דער ערשטער זײַט פון דער הילע — גאָר פאַרקערט: דער זעלבער פארסמאליעטער שטאם, אָבער פון אים וואקסן ארויס, צעשפּרייטן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט נײַע שפּראָצלינגען.

דאָס דאָזיקע געמעל דריקט אויס סימבאָליש דעם טאָך פון מאָטל גרוּוומאַנס לידער־זאַמלונג „יאָרן פון געוויטער", אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעשלאָסן מער פון הונדערט לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשאַפן אין מעשך פון די לעצטע צוויי צענדליקער יאָר. די מערהייט פון זיי איז געווידמעט די געשעענישן און די איבערלעבונגען פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אין זײַן בוך לידער שטרעבט מ. גרוּוומאַן צו באזינגען דעם העלדנטאַט פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון דער סאָוועטישער ארמיי, פון די, וועלכע האָבן מיט דער פרײַז פון בלוט און שווייס דעראָבערט דעם זיג. מאָטל גרוּוומאַנס לידער־זאַמלונג איז א לירישער מאָנאָלאָג פון א מענטשן, וואָס האָט ניט איין מאָל געזען דעם טויט פאר די אויגן.

מ. גרוּוומאַנס לידער זײַנען אופריכטיקע. ס'איז זיי אייגנטימלעך א פאַרשאַרפטע רעאַליסטישע אָפּשפּיגלונג פון דער ארומיקער וועלט. אין זיי איז פאַרבאָרגן דעם דיכטערס צער, זײַן ווייטיק. אין דער זעלבער צײַט איז די דאָזיקע ליריק שטענדיק א קרעפטיק־מענערישע, אַן אײַנגעהאַלטענע און הארבע.

אין שפּאָרעוודיקע ווערטער, קימאַט סקולפּטוריש איז אָנגעמאָלט א בילד פון א פאַרוווּנדעטן, בלינד געוואָרענעם סאָלדאַט, וועלכער זוכט און טאַפּט מיט אויסגעשטרעקטע הענט די ברענענדיקע ערד.

וואָרהאַפטיק שילדערט מ. גרוּוומאַן די טאָגטעגלעכקייט פון דעם מילכאָמע־שטייגער, די גרויזאַמע טויט־שלאַכטן. אין געציילטע מינוטן פונעם פײַער־איבערײַס טראָגן זיך אריבער די געדאַנקען, אהין, ווו עס איז פאַרבליבן דעם סאָלדאַטס היים — צו זײַנע נאָענטע און ליבע. עס כאַפּט אים ארום א בענקשאַפט. עמעצער ווערט אױף א רעגע אַנשלאָפן „און פּלוצעם, אין כוישעך — דורך דראָטן, סעקרעטן, דורך וואָלקנס, ווי טונקעלע געשפּענסטער" קומען אין כאָלעם „די מאַמע שטעטל", די פאַרשמאַכטע קינדער, די ניט דערליבטע פרוי. אין אזעלכע שאָען, ווען „א שווערע בענקשאַפט דרעמלט אין די אויגן", שרײַבן סאָלדאַטן בריוו. גרוּוומאַנס העלד שרײַבט אָבער ניט, ווײַל:

מײַן טאַטן מ'האָט דערשאָסן לעבן גרוב,
אין זעלבן טאָג — די מאַמע מ'האָט געקוילעט,
א בלויינק שטעטעלע געבליט האָט לעבן בוג,
איצט נישטערט דאָרט א ווינט אױף פּלעצער הוילע...

(„אין אלע עקן לאַנד", ז. 21)

אין מ. גרוּוומאַנס לידער איז ניטאָ קיין סימען פון ייִעש, פעסימיזם. זײַנע לידער זײַנען פול מיט גלויבן אין דעם ייִושער פונעם סאָוועטישן מענטשן, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פרײַנטשאַפט פונעם סאָוועטישן פאָלק, וועלכע איז נאָך קרעפטיקער געוואָרן אין די אָקאָפּעס, אױף די שלאַכטפעלדער פון דער הייליקער באַפרייונגס־מילכאָמע.

דער דיכטער פאַרקערפּערט דעם גרויסן עמעס פון דער היסטאָרישער הומאַניסטישער ראָליע, וועלכע ס'האָט אָפּגעשפּילט די סאָוועטישע אינטערנאַציאָנאַלע פרײַנטשאַפט אין דער רעטונג פונעם ייִדישן פאָלק.

פיל פון מ. גרוּוומאַנס פראָנט־לידער זײַנען געווידמעט דעם מאָראַלישן געשטאַלט פונעם סאָוועטישן שלאַכטמאַן. אין זיי ווערט באַשײַמפּערלעך באַוויזן, אז אין די סאַמע געפערלעכסטע סיטואַציעס איז דער סאָוועטישער קעמפער שטענדיק געווען און געבליבן א מענטש אין העכסטן זין פון וואָרט. די טאָגטעגלעכע שלאַכטן, די אומופהערלעכע האַריגעס און בלוטפאַרגיסונגען האָבן ניט אויסגעשעפּט דאָס מענטשלעכע באַם סאָוועטישן סאָלדאַט, ניט פאַרוואַנדלט אים אין אַן אווטאָמאַט. ער איז פול מיט ברענענדיקער סינע צום פאַראַכטעטן דײַטשישן

מאָטל גרוּוומאַן. „יאָרן פון געוויטער". מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1983.

פאַשיסט, אין אים פלאַקערט דאָס געפיל פון נעקאָמע צו די באַרבאַרישע כאַיאָלעס.

אין מאָמענטן פון העכסטער גײַסטיקער אָנשטרענגונג, ווען „אַף די פעלדער גיסט זיך בלוט, ס'איז די שטאָט אין פײַער", הערט ניט אויף דער סאָוועטישער סאָלדאַט, און צוזאַמען מיט אים דער דיכטער, צו זען די פילאַרטיקײַט פון דער וועלט, פונעם ארומיקן לעבן. ער הערט ניט אויף צו בענקען, האָפן און ליבן. שאַרף און לײַדנשאַפטלעך נעמט ער אויף מיט אַלע זײַנע כושים אַלץ, וואָס טוט זיך ארום אים.

דער סאָוועטישער סאָלדאַט האָט באַפרײַט ניט נאָר אונדזערע אייגענע היימען, ער האָט אויך געבראַכט מיט זיך באַפרײַונג פאַר אַנדערע פאַרשקלאַפטע פעלקער פון אייראָפּע. דער דיכטער זאָגט אונדז אָבער אָן: ס'איז נאָך פרי זיך אָפּצושטעלן. מיט דעם סאָף פון דער מילכאָמע האָט זיך ניט פאַרענדיקט דער קאַמף פאַר פרײַהייט, פאַר קרעפטיקן דעם נאָרוואָס אויסגעקעמפטן פרידן.

אין מ. גראָוומאַנס לידער־זאַמלונג זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל לידער וועגן די יאָרן, אין וועלכע דער סאָוועטישער מענטש האָט אָפּדאָסנײַ געבויט זײַן היים („ברויט", „נײַע כאַטעס", „לענינגראַד" אאַ.). דאָס זײַנען ווערק וועגן אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, וועגן דעם לויטערן גלויבן אין דעם מענטשן.

אַ געוויסן אינטערעס רופן אַרויס מ. גראָוומאַנס פילאָסאָפישע לידער, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו די געזעצמעסיקײַטן אין לעבן, אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט („פון אַ שטעגעלע", „מאַמעס", „אין וועג", „שטויב", „די ערשטע ליבע", „טאָפּאָל־צווײַט", „האַס און ליבע" אאַ.). אָפּט פאַרכאַפּט דעם לייענער אויך מ. גראָוומאַנס פּייזאַזש־ליריק. די מאָטיוון אין איר זײַנען נאַטירלעכע, אָן פּרעטענציעזקײַט.

דער דיכטער פאַרמאָגט אַ פילבאַר האַרץ, אַ דורכדרינגענדיק אויג און אַ שאַרפן אויער, מיט וועלכע ער נעמט אויף די אויסערלעכע וועלט און גיט אָן עמעסדיקע אָפּשפּיגלונג פון אירע פאַרבן, באַוועגונגען, רייכעס און זאַפטן.

אין דער לידער־זאַמלונג פאַרנעמט אויך געהעריק אָרט די ליבע־ליריק. אינעם ציקל „אַלץ, אַלץ נאָר דיר" זײַנען אויסגעדריקט טיפע ליבע־געפילן — אומרויִקע בענקשאַפט נאָך דער געגאַרטער באַגעגעניש, ווייטיק פאַר ניט פאַרווירקלעכטע שטרעבונגען, כאַראָטע, „וואָס די שענסטע געפילן זײַנען פאַרביטן... אַף שטויב". די ליבע־איבערלעבונגען זײַנען אין גראָוומאַנס ליריק אויסגעדריקט אייגנאַרטיק.

דער ציקל „אין לעבן פאַרליבט" ציט צו די אופמערקזאַמקײַט קוידעמקאָל מיט די לידער, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו דעם דיכטערס באַנעם פון דער ארומיקער וועלט. דער לירישער העלד איז פאַרליבט אין לעבן. כאָטש ער האָט „שוין וויפל פרילינגען געבליט", וויל ער ניט וויאַנען. אים דוכט זיך, אַז ער איז „געגליכן צו אַ בוים, ווען די קנאָספּן הייבן אָן צו פּלאַצן", ס'ווילט זיך אים „שטיפן מיטן ווינט", ער וויל „טאַנצן מיט דער זון". אינטערעסאַנט זײַנען אויך די לידער, אין וועלכע דער דיכטער באַמיט זיך אויסדריקן די געזעצמעסיקײַטן פונעם לעבן און פון דער נאַטור („פון אַ שטעגעלע", „זע נאָר, ווי ס'בײַטן זיך די צײַטן", „דער אומגעפאַלענער בוים", „שוין האַרבסט", „גליק", „ניט וווּנדער זיך, ניט שרײַ פון גליק" אאַ.). לויט זייער סטרוקטור זײַנען דאָס מיניאַטיורן, וועלכע זײַנען געבויט אַף ליבע־ און שטייגער־באַטראַכטונגען. אַ רײ לידער פון דעם ציקל איז געווידמעט די סוידעס פון דער דיכטונג, דער שעפערישער מי. אויך אין דעם דאָזיקן ציקל קערט זיך אום דער דיכטער צו זײַנע מילכאָמע־דערמאָנונגען, צו די ניסיוינעס, וועלכע ס'איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן בײַס די שלאַכטן מיטן סוינע פון דער מענטשהײַט.

ווי עס איז צו זען, זײַנען די מילכאָמע־מאָטיוון און די פראָנט־דערינערונגען די גרונט־טעמע פון מ. גראָוומאַנס דיכטערישער שאַפונג. אין די פראָנט־לידער אַנטפּלעקט זיך אַמבוילעטסטן דעם דיכטערס מײַסטערשאַפט. מע קאָן עס אויך באַמערקן אין זײַנע געלונגענע איבערזעצונגען פון דיכטערישע ווערק, וועלכע עס האָבן געשאַפן די באַוווּסטע רוסישע דיכטער מיכאַיִל לוואָוו, סעמיאָן גודזענקאָ, יוליִאַ דרונינאַ, וואַדים שעפנער, מאַרק מאַקסימאָוו, סעמיאָן באָטווינִיק, אַנאַטאָלי טשעפוראָוו, יעלענאַ איווינאַ. מיטן ספּעציעל אויסגעטיילטן ציקל „לידער פון שלאַכט־כאַווײרים" פאַרענדיקט מ. גראָוומאַן זײַן לידער־זאַמלונג. דאָ וואָלט מען אויך געקאָנט פאַרענדיקן די קורצע רעצענזיע וועגן איר.

עס ווילט זיך צום סאָף אַרויסזאָגן עטלעכע קריטישע באַמערקונגען. די ערשטע פון זיי געהער זיך אָן צו דער טעמאַטישער פאַנאַנדערטיילונג פון די לידער. ניט שטענדיק זײַנען באַזונדערע מאָטיוון צוגעפּאַסט צו די ציקלען. אינעם ציקל „אין סאַמע פײַער" זײַנען אַרײַן לידער, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו אים („אַ טרער", „בריוו פון פרײַנט" וואָלט זײַן מער פּאַסיק אײַנצושליסן אינעם ציקל „היימישע ראַכוועסן", און, פאַרקערט, „דער וועג פון לעבן", „אַ מיידל אַפן דאַך" וואָלטן בעסער זיך געלייענט אינעם אָפּטייל „אין סאַמע פײַער").

די צווייטע באַמערקונג. אין אייניקע לידער זײַנען אָפּגעשוואַכט די לעצטע פערזן. דעם דיכטער פעלט אויס אַמאָל דער נייטיקער פּאַטאָס צו פאַרענדיקן די ליד מיט קרעפטיקע אַקאָרדן. דער לייענער וואַרט און האָפט, אַז אין דער שלוס־שורע וועט ער דערהערן דעם דיכטערס דערהויבן קאָל, אָבער אָנשטאָט דעם קומען צומאָל אָפּגעשוואַכטע, אַלגעמיינע ווערטער:

פאַר אַלץ,
וואָס כ'האָב פאַרמאָגט אין אָט דעם לעבן,
פאַר אַלץ,
וואָס כ'האָב אין לעבן נאָך געוואָלט.

(„אין ערדשטיבל", ז. 6)

מעליצעדיק, ניט איבערצײַגעוודיק איז אויך די לעצטע פירשורעדיקע סטראָפע פון דער ליד „אין אָנגריף" (ז. 7).

און אײדער זיך וואַרפן אין שטורעם
קעגן בלוטיקן פײַנט, האָט געדוכט,
ס'ווערן רייען פאַרגליווערט, ווי שורעס
פון עפּעס אַ ריזיקן בוך.

שטרײַטבאַר איז דער סאָף פון דער ליד „א טויטער סוינע" און אייניקע אנדערע (ז. 25).

די דאַזיקע באַמערקונגען קאָנען אָבער ניט אָפּשוואַכן דעם אַלגעמיינעם גוטן אײַנדרוק פון מ. גרוווימאַנס לידער־זאַמלונג „יאָרן פון געוויטער".

מ. שלוימעס

„א קערפּער אָן א קאָפּ, וואָס הערט ניט אויף צו לויפן"

אין דער ייִסראָעלדיקער אַנטימילכאָמע־ליטעראַטור פאַרנעמט די שאַפונג פון רוט לעווין א וויכטיק אָרט. דער סאָוועטישער ייִדישער לייענער האָט שוין געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט אירע ליריש־פּובליציסטישע דערציילונגען „בא דעם טויער פון אײַזנברוך" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1970, נומ. 6) און „האָפענונג בײַסן שוואַרצן פרילינג" (דאָרט, 1977, נומ. 2), אין וועלכע ס'ווערן געשילדערט די אופּטרייסלונגען, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן דער באַפעלקערונג פון ייִסראָעל אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַכזאָריעסדיקע שלאַכטן און דער אָקופּאַציע פון די אַראַבישע טעריטאָריעס. די זעקסטאָגיקע מילכאָמע פון 1967 האָט זיך געענדיקט, אָבער די קריגס־אָפּעראַציעס דויערן. יונגע מענטשן פאַרגיסן בלוט, האַרגענען איינער דעם אַנדערן.

אין איר נײַער זאַמלונג „אווינאַאם לאַהאַוו און איך" פאַרעפנטלעכט די שרײַבערן א גרעסערע דערציילונג אונטער דעם זעלבן נאָמען און פינף קליינע נאָוועלן: „לאַנא, מײַן איינציקע טאָכטער", „זשאַקס ליבע", „פון אויבן איבער די וואָלקנס", „דער עקזאַמען אף צוטרוי" און „שטאָרכן". צוזאַמענגענומען אַנטשפּרעכן זיי גיכער דעם זשאַנער פון א פּאָליטישן ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערן געשילדערט די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין לאַנד פאַר די לעצטע 35 יאָר, דה. זינט ס'איז אופגעקומען די ייִסראָעל־מעדינע און ביז אונדזערע טעג.

רוט לעווין פירט די סיפּער־האַמײַסע אויסערלעך זייער רויִק. אָבער הינטער אָט דער רויִקײַט פילט זיך דער פאַרדראָס, דער אומרו און דער טיפער ווייטיק, וועלכע די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דעם לאַנד לעבט איבער. דערפאַר טאַקע איז דאָס ווערק זייער אַקטועל און ציט צו זיך צו די אומערקזאַמקײַט פון די לייענער.

...די שלאַכטן האָבן זיך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט. ס'רײַסן זיך ניט מער קיין באָמבעס. אָבער דער שאָטן און די אָפּקלאַנגען פון דער אַזויגערופענער „יאָמקיפּער־מילכאָמע" טראָגן זיך נאָך אַרום אין דער לופטן. מיט שפּאָרזאַמע, נאָר זייער טרעפלעכע ווערטער, שילדערט רוט לעווין די אַנטוישונג פון דער באַפעלקערונג. בא דער מערהײַט ייִסראָעלים האָט זיך שוין אויסגעוועפּט די שיקרעס פון קריגס־דערפאָלגן. אָנשטאָט איר איז אָנגעקומען א ביטערע אויסניכטערונג, אַן אָנוואַקסנדיקע פאַרצווייפלונג. איינצײַטיק וואַקסט די שפּאַנונג, ס'פאַרשטאַרקן זיך די עקסטרעמיסטישע שטימונגען. ביז גאָר פאַרערגערט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע.

רוט לעווין נוצט אויס אין דער שילדערונג די ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־אינפאָרמאַציעס, וועלכע הערן זיך אין יעדער הויז. מוירעדיק וואַקסט די אינפליאַציע. סע שטרײַקן די פּילאָטן, עס בונטעווען די סטודענטן, די יוגנט ביכלאַל. און אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די דערשײַנונגען מערקט זיך אָן אַלץ בוילעטער די אידעאָלאָגישע שפּאַלטונג אין דער געזעלשאַפט.

פאַרן לייענער גייען דורך צוויי טיפּן מישפּאָכעס, פאָרשטייער פון צוויי קלאַסן. פון איין זײַט, די אַרבעטער־מישפּאָכע פאַסקאָוו, אין וועלכער ס'וואַקסט דער דאַלעס, פון דער צווייטער זײַט, — דער מישפּאָכע־קלאַן פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכער ווערט אַלץ רײַכער און שטאַרקער.

די אויבנדערמאָנטע סאָציִאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדן באַווירקן די פּאָליטישע סיטואַציע אין לאַנד.

אין דער אָנפירונג פון פאַרשיידענע בלאָקן רוקן זיך אַרויס נײַע טוער, נײַע „אופגייענדיקע שטערן", וועלכע רײַסן זיך צו דער מאַכט מיט דער הילף פון קאָלערליי פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען.

דער בוך איז אָנגעשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אין נאָמען פון א דעמאָביליזירטן סאָלדאַט — איינעם פון די געוועזענע הייסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער ייִסראָעלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי („מאַפּאַי") — רוון פאַסקאָוו, וועלכער איז נאָך אַלס א קינד געקומען צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן פון רוסלאַנד קיין פּאַלעסטינע. דאָ באַפרײַנדעט ער זיך מיט אַן עמיגראַנט פון דײַטשלאַנד, דעם באַגאַבטן מוזי־

רוט לעווין. אבינועם להב ואחרים סיפורים (העבר.) (אווינאַאם וועאַכערים סיפּורים), טעל־אוויוו, פאַרלאַג „האַשאַכאַר", 1983.

קאַנט און קאָמפּאָזיטאָר ערנעסט גיורא פישמאַן, וועלכער איז אַנטלאָפן פון די היטלעריסטישע ראָצכים און זיך באַזעצט אין יִשׂראל. אין 1948 ווערט ער צוזאַמען מיט רווען פּאַסקאָוו מאָביליזירט אין דער אַרמיי. אין אַ שלאַכט מיט די אַראַבער ווערט דערהאַרגעט ערנעסט. אין געציילטע סעקונדעס שפּעטער באַקומט אַ שווערע קאָנטוזיע רווען. נאָר איידער דאָס געשעט, לעבט רווען איבער אַ שרעקלעכע דערשיטערונג — ער באַמערקט, ווי עס הערט נישט אויף צו לויפן... אַ קערפּער אָן אַ קאָפּ — דאָס לויפט ערנעסטס גוף איבערן שלאַכטפעלד, וואָס איז פאַרגאָסן מיט בלוט!

מער פון דרײַ כאָדאָשים ראַנגלט זיך ר. פּאַסקאָוו מיטן טויט, און ווען עס גיט זיך אים אײַן צו ראַטעווען זיך און ער קומט צו־זיך, איז זײַן ערשטע פראַגע: „ווו איז ערנעסט?"... פאַר זײַן נאָך פאַרנעפּלטן זינען באַווײַזט זיך ווידער דער אָנקעפּיקער קערפּער, וואָס האַלט נאָך אין לויפן...

מיט אַזאַ שוידערלעך בילד הייבט זיך אָן די גרעסערע דערציילונג „אווינאַאַם לאַהאַוו און איך".

די פּערסאָנאַזשן פון דער דערציילונג געהערן צו אַ גרויסער מישפּאָכע. בעראָש פון איר שטייט דער קאַפּיטאַליסט שמועל בליום. זײַן מאַכט און ווירקונג זײַנען קימאַט אומבאַגרענעצט. זײַנע געשעפטן זײַנען צעצווײַגט און צעשפּרייט נישט נאָר אין לאַנד גופע, נאָר אויך אין אויסלאַנד, אַפילע אין אַ ריי אַראַבישע לענדער.

נישט געקוקט אָף דעם, ווערט די מישפּאָכע צעשפּאָלטן און דעגענערירט. אין איר הערשן אויסגעלאַסנקײַט, זנוס און פּײַנטשאַפט.

פון שפּיטאָל האָט רווען פּאַסקאָוו זיך אומגעקערט אַהיים, אין דעם ענגן באַראַק־צימער, אין וועלכן עס וווינען אין גרויסער דאַכקעס זײַנע עלטערן און צוויי ייִנגערע שוועסטער. אין שטוב איז פאַר אים נישטאָ קיין אָרט. ער איז עלנט. אַלע זײַנע פרײַנט און פּאַרטיי־כאַווײרים האָבן אים פאַרגעסן, יעדערער איז פאַרנומען מיט זיך. אַפילע די געליבטע זײַנע, די קאַלע רות, האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט און אים פאַרלאָזט. אַ דעמאָראַליזירטער, ליגט ער גאַנצע טעג אין בעט און רייכערט. אין שטוב הערשט אַ טרויער. דער פאָטער, אַ שלאָסער, איז געוואָרן קראַנק און אַלט. ער לײַדט זייער פון נאָסטאַלגיע און שיקערט. אין די אָוונטן לייענט ער טשעכאָוון און וויינט. פון מאָל צו מאָל גייט ער צו צום זון און דערציילט אים, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, ווי עס אָרדענען זיך אײַן רווענס אַמאָליקע כאַווײרים:

„...אוי, זון מײַנער, דו האָסט נישט קיין פאָרשטעלונג, וואָס עס טוט זיך. מע האַלט אין איין כאַפּן, פּונקט ווי מאָרגן דאַרף שוין קומען דער טויט.

— וואָס כאַפּט מען, טאַטע?

— וואָס נישט! דירעס, פּלעצער, מעלוכישע סקלאַדן. אַלע כאַפּן און אומעטום. אין יאַפע, ראַמלע און אין יעראַך, ווו נישט? אָן איבערגעקערטע וועלט, זון, פּולקום אָן איבערגעקערטע. ווען דו וועסט אַרויסגיין אין גאַס, וועסטו אַליין זען..."

אָבער רווען איז פאַרזונקען אין זײַנע טרויעריקע איבערלעבונגען, אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל פאַר אים אַ ווערט, איז פאַרשוווּנדן. אים הערן נישט אויף צו פאַרפאָלגן די שלאַכט־בילדער און צווישן זיי — זײַן כאַווערס אָנקעפּיקער גוף, וואָס האַלט נאָך אין לויפן...

אין אַזאַ טרויעריקן מאַצעוו טרעפט אים די מאָלערן נילי — איינע פון זײַנע ווײַטע פלימעניצעס, וואָס געהערן צו דער פאַמיליע בליום. זי ליבט זיך אײַן אין אים, און כאָטש ער איז נישט בעקויעך ענטפערן איר מיט דעם זעלבן געפיל, ווײַל ער הערט נישט אויף צו ליבן רות, גיט ער זיך פאָרט אונטער דעם דרוק פון זײַן מוטער און פון נילים מעסירעסנעפעשדיקער ליבע.

רווען און נילי האָבן כאַסענע. דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס שלעפּט מיט זיך נאָך איינעם: ר. פּאַסקאָוו פאַרלאָזט זײַן היים, ווערט אָן איידעם אָף קעסט, און אָף אַזאַ אופן ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין קרײַז פון דער מישפּאָכע בליום, צו וועלכער ער פילט נישט קיין שום סימפּאַטיע. פאַרקערט! באַקומענדיק די מעגלעכקײַט צו זען זי פון דער נאָענט און זײַן אָפּט צווישן אירע מיטגלידער, ווערט ער אַלץ מער אופגעבראַכט קעגן די פּאַראַנדקעס, וועלכע הערשן דאָרט. צוביסלעך רײַפט זײַן קלאַסן־באַוווּסטזײַן און אַדאַנק דעם קריסטאַליזירט זיך אויס זײַן נײַע וועלט־אָנשויונג.

רווען פּאַסקאָוו קומט אָן אָף אַרבעט אין איינער פון די פירנדיקע ציִעניסטישע צײַטונגען אַלס פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר. אָבער אײַנגיכן קומט אים אויס צו פילן אָף זיך דעם דרוק פון דער צענזור און די נישט־צופרידנקײַט פון די רעדאַקטאָרן. ער ווערט אַלץ מער איבערצײַגט, אַז די אָפיציִעלע פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע אירע פאָרמען ווירקט מיט, עס זאָלן זיך אײַנגלידערן אין די מאַסן אַמעראַצעס, אײַגננוציקײַט, גלײַכגילטיקײַט, עגאָיִזם. ער פאַרלאָזט די אַרבעט און אָרדנט זיך אײַן אַלס קאָרעספּאָנדענט אין איינער פון די מיטל־מיזרעכדיקע צײַטונגען.

אין מעשעך פון פיל יאָרן לעבט ער מיט זײַן פרוי אין איין צימער. עס וואַקסן בײַ זיי צוויי קינדער. די מאַטעריעלע לאַגע בלײַבט אַ גענוג שווערע. נילי טוט אַלץ, קעדיי צו דערנענטערן איר מאַן צום פעטער שמועלן. זי האָפט, אַז יענער וועט סאָפּקאָלסאָף העלפן רווענען צו באַקומען אַ גוטע אַרבעט. אָבער רווען איז פאַראַקשנט, ווײַזט אָפּן אַרויס זײַן האַס און כויזעק בענעגייע דעם דאָזיקן „קאָרעוו" זײַנעם, וועלכן ער רופט נישט אַנדערש, ווי דער „אַלטער פוקס" אָדער „די אַקולע".

פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע קערט זיך ר. פּאַסקאָוו אום אַ נאָך מער דערשלאָגענער. די טויזנטער געהאַרגעטע און די נאָך מער פאַרטריבענע און נאַוונאַדנע אַראַבער — זקיינים, פרויען און קינדער — שטייען פאַר זײַנע אויגן.

מיט גרויס מײַסטערשאַפט שילדערט ר. לעווין דעם גײַסטיקן און אידייִשן מעטאַמאָרפאָזע־פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין פּאַסקאָווס נעשאָמע. ער איז ענדגילטיק אַנטוישט, די פּאָסטולאַטן, אַז „ייִדן האָבן רעכט אָף ביידע זײַטן פונעם יאַרדן", האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע און אומיוישערדיקע. עס מאַטערט אים דער באַוווּסטזײַן פון זײַן הילפלאָזיקײַט. איבער דעם ווערט ער אַלץ מער

ציניש געשטימט. ער פאַרלאָזט זײַן פּאַרטיי און ווערט נאָך מער איינזאַם. קעדיי צו פאַרגעסן דעם ווייטיק, קומט ער צו אַלקאָהאָל. בלויז אַף שיקרעס האַלטן זיך נאָך אויף די באַציִונגען צווישן רוווענען מיט דעם „אַלטן פוקס" שמועל בליום.

רוט לעווין מאָלט דעם טיפן אָפּגרונט, וועלכער ליגט צווישן אַט די ביידע מענטשן אין דעם שטײַגנדיקן פּראָטעסט און דעם עקל, וועלכע ס'רופן אַרויס בליומס סענטענציעס באַ דעם אויסערלעך־ציניש ן, נאָר גײַסטיק פאַרהאַרטעוועטן ערלעכן און יוישערדיקן רוווען פּאַסקאָוו.

...א נידעריק־וווקסיקער, א פּליכעוואַטער, א דיקער מיט א גרויסן בויך, מיט קליינע כוצפּעדיקע בלויע אייגעלעך, מיט א לאַנגער קרומער נאָז, וואָס דערגרייכט ביז צו די גראָבע, פײַכטע און גלוסטיקע ליפּן... זיצט „די אַקולע" און פּרעסט... אַן איבערגעזעטיקטער און זעלבסטצופרידענער, האַלט ער אין איין אַנטפּלעקן פאַר רוווען פּאַסקאָוון די סוידעס, וויִאַזוי צו ווערן א גוויר, וויִאַזוי מאַכן מיליאָנען. דער איקער איז „לעבן נאָר פון די פּראָצענטן".

ווי פון א פּוסטער פאַס ברומט אַרויס בליומס גראָבע שטים:

— דעמלט וועלן שוין די אַנדערע מיליאָנען קומען פון זיך אַליין.

רוווען רײַסט אים איבער און פרעגט:

— נו, און די מיטלען?

— די מיטלען דאַרפסטו אַליין אויסקלײַבן, יונגערמאַן. און דו ווייסט פאַרוואָס? ווײַל נאָך דעם, ווי דו וועסט זיי שוין פאַרמאָגן, וועט קיינער דיך ניט פרעגן וועגן „די מיטלען".

— באַלזאַק האָט אָבער געוואָרנט, אַז אונטער יעדער קאַפּיטאַל באַהאַלט זיך אויס א פאַרברעכן, — דערווידערט רוווען.

— א, דאָס איז בעלעטריסטיק. וואָס פאַר א פאַרברעכן קאָן זײַן א גוט געשעפט, א גוטע קאָמבינאַציע?

פון אַט דעם קורצן דיִאַלאָג דרינגט בוילעט אַרויס די פאַרדאָרבנקײַט און אַנדערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן די פּאַראַזיטאַרישע און רויבערישע „לעבנס־פילאָסאָפיע" פון שמועל בליום און זײַן גלײַכן.

מיט ציניש ער אָפנהאַרציקײַט דערציילט בליום, ווי זײַן שווער (בילים זיידע) איז געקומען פון מיזרעך־פּוילן קיין ייִסראָעל מיט א גרויסן אָנגערויבטן קאַפּיטאַל, וויִאַזוי ער פלעגט אומראַכמאָנעסדיק עקספּלואַטירן די אַרבעטער פון די קיבוצים און מיט דער הילף פון מעלוכע־האַלוואָעס פאַרגרעסערן זײַנע מיליאָנען.

פון אים, פון בליומען, איז איצט אַלץ אָפּהענגיק, „ווײַל אַלץ האָט א פּרײַז, און אַלץ פאַרקויפט זיך פאַר געלט". ער זעט ניט קיין שום אונטערשייד צווישן בען־גוריאָנען און מענאַכעם בעגינען, ווײַל ביידע נייטיקן זיי זיך אין אים, אין זײַנע קאַפּיטאַלן.

„...איין רעגירונג קומט, די צווייטע גייט אַוועק, אָבער דער קאַפּיטאַל בלײַבט אייביק, און יעדע רעגירונג נעמט אַראָפּ דאָס היטל פאַר זײַנע באַלעבאַטים". — אַזוי פּראָקלאַמירט שמועל בליום זײַן אויסגעלאַסענע מאָראַל. ער איז גרייט העלפן ר. פּאַסקאָוון — אַרײַננעמען אים אין איין געשעפט, אפילע אוועקשטעלן בעראָש פון א „פּיליִאַלכל", נאָר דערפאַר דאַרף רוווען זײַן געהאָרכזאַם, אוועקוואַרפן די „באַטלאָנישע" שרײַבערײַען, ניט שטערן בליומס מענטשן האַנדלען אַזוי, ווי זיי ווילן.

מיט אומקאָמפּראָמיסלעכער אַנטשלאָסנקייט זאָגט זיך אָפּ פּאַסקאָוו פון אַט דער „הילף" און רײַסט איבער די באַציִונגען מיט דער „אַקולע". איינצײַטיק אָבער מיט דעם מוז רוווען קאָנסטאַטירן, אַז עס איז געפאַלן און צעשמעטערט געוואָרן נאָך איינער פון די יעסוידעס פון זײַן פריִערדיקן ציִעניסטישן אַני מאַמין. דער אַלטער לאָזונג „קאָל ייִסראָעל כאַווייִרים" האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פון דער צײַט און איז ביז צום גרונט דיסקרעדיטירט געוואָרן קוידעמקאָל אַט דאָ — אין מעדינאַס־ייִסראָעל.

פאַר רוווענען ווערט קלאָר, אַז מיצאַד אים און זײַנע עלטערן — מיצאַד די, וואָס לעבן פון דער מי פון זייערע אייגענע הענט, קאָן ניט זײַן קיין שום פרײַנטשאַפט און קיין שום איינִיקײַט מיט די וואַלפישן, וועלכע דערנערן זיך נאָר פון רויבערײַ, פון דעם אײַנשלינגען פרעמדע לעבנס און פון צוויגענען דאָס גוטס און די מי פון די אַרבעטנדיקע.

מיט געדיכטע זאַפטיקע פאַרבן מאָלט רוט לעווין דעם פּאָרטרעט פון אווינאַאַמען.

אווינאַאַם לערנט זיך אין אוניווערסיטעט, ווערט דאָרט דער אָנפירער פון די סטודענטן. ער ליבט זיך אײַן אין דער לינקער לייבאָריסטקע — א יונג מיידל פון ענגלאַנד — סאַרע ווילִיאַמס.

פאַר דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע ווערט ער דערלעגירט קיין יאָהאַנעסבורג (דאָרעם־אַפריקאַנישע רעפּובליק) מיט א ספּעציִעלער שליכעס: מאָביליזירן די קאַפּיטאַלן פון די דאָרטיקע ייִדן.

ער ווערט איינער פון די אָנפירער פון דער נײַער פּאַרטיי „דאַש", וועלכע גרייט זיך צו די וואַלן אין דער פאַרייניקונג מיט גענעראַלן און וויסנשאַפטלער.

איינצײַטיק פאַרגעסט ניט אווינאַאַם וועגן זײַנע אייגענע געשעפטן. ער באַקומט נײַע הויך־באַלוינטע פּאָסטנס, קויפט אײַן טײַערע און רענטאַבעלע אַקציעס, לייגט אַרײַן זײַנע האַכנאָסעס און אַנדערע קאַפּיטאַלן אין די בענק, וועלכע צאָלן אויס גרויסע פּראָצענטן.

אין רעזולטאַט פון די וואַלן באַקומט ער דעם מאַנדאַט אין דער קנעסעט. נאָך עטלעכע טריט, און ער וועט זיך באַווײַזן אין דער רעגירונג אַלס מיניסטער. אָבער דאַפקע אין אַט דעם אַכרײַעסדיקן מאָמענט באַקומט אווינאַאַם א געפערלעכן קלאַפּ. ניין! ניט פון זײַנע פּאַרטייִשע קעגנער, נאָר פון זײַן אייגענער פרוי.

שוין באַלד נאָך דעם, ווי זי האָט כאַסענע געהאַט, האָט אילאָנקע אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זי האָט א טאָעס געהאַט, אַז אווינאַאַם איז ניט דער מאַן, אַף וועלכן זי האָט געוואַרט. זי דערזעט, אַז אַלע זײַנע אינטערעסן זײַנען אָנגעווענדט נאָר אין

איין ריכטונג — אַרײַן אין דער רעגירונג. זי באַשליסט זיך געטן מיט אים. אָבער קעגן דעם טרעט ארויס שמועל בליום. דאָס שטימט ניט מיט זײַנע פאַרשטעלונגען וועגן דער „אײנהײַט" פון דער מישפּאָכע, מיט זײַנע ביזנעס־אינטערעסן. קעגן דעם געט איז נאָך מער אָנגעשטעלט אווינאאם. ער ווייסט, אז דאָס וועט אומבאדינגט שאטן זײַן קאריערע. ער פארשטייט, אז, פארלירנדיק די פארבינדונגען מיט דער פאמיליע בליום, וועט ער באלד פארלירן אויך די מעגלעכקײַט צו רעאליזירן זײַן טרוים צו ווערן א מיניסטער. דערפאר נעמט ער אָן אלע מיטלען אײַנצורעדן אילאָנקען, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר פארטראכט.

אזוי פארענדיקט זיך „דער לעצטער אקאָרד" פון דעם ראָמאן. אין אים הערן זיך די ניצאָכן־קלאנגען פון פאלשקײַט, פארעטערישקײַט און צוזאמען מיט דעם די טרויעריקע נאָטע פון אנטוישטקײַט און ווייטיק פון דעם אָפּגענארטן קאָרעספּאָנדענט רוּוון פאסקאָוון, וועלכער האָט דערפירט צום לאָגישן סאָף די כראָניק פון זײַן געוועזענעם דערצויגלינג אוויבאאם לאהאוו.

ווי עס איז צו זען, איז דאָס ווערק א שארפע פּאָליטישע סאטירע אף די יעסוידעס פון דעם מעלוכע־רעזשים אין ייִסראָעל, אף דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקײַט און אף די רעדלפירער, וועלכע זײַנען אין דער גרעסטער מאָס די שעפער פון אָט דער אכזאָריעסדיקער ווירקלעכקײַט און טראָגן אף זיך די שולד פאר די שענדלעכע מײַסים, וואָס טוען זיך אין לאנד.

מיט ווייכע פארבן שילדערט רוט לעווין שמועל בליומס פרוי — די מומע סילבי, וועלכע הערט ניט אוף צו ליבן איר ערשטן אויסדערוויילטן. די דעפּרעסיע ברענגט זי אין א פּסיכיִאטרישן אנשטאלט, זי קערט זיך אום אהיים א פארענדערטע. דאָס שטערט איר אָבער ניט זיך פאנאנדערקלײַבן אין דעם טאכשיט, אין דעם אײדעם אירן — אין א. לאהאוו. פון דעם ערשטן קוק אף אים פארשטייט זי, ווער ער איז. זי רופט אים באלד אָן „דער קלעשטש" און האלט אונטער די טאָכטער אין איר קאמף פאר באַפרײַען זיך פון אים.

אויך צו אילאָנקען, ניט געקוקט אף איר דעמאָנסטראטיווער פרעכקײַט, באווײַזט ארויס די שרײַבערן פיל מיטלײַד. רוט לעווין רעאביליטירט זי. אילאָנקע ווערט געשילדערט אינעם ראָמאן ווי די „אָן שולד שולדיקע".

מיט ווארעמקײַט און ליבע שילדערט אויך רוט לעווין די אייגנארטיקע זיטן פון דער ייִסראָעלדיקער יוגנט, פון די סאברע־קינדער. זיי זײַנען טאקע געבוג שטעכעדיקע, עטוואָס ציניִשע. אָבער זיי גייען מיט זייער אייגענעם וועג. זיי קאָן מען ניט אונטערקויפן. פאר זיי זײַנען ניטאָ קיין אווטאָריטעטן. זיי האָבן וועגן אלץ זייער אייגענע מיינונג. די טראַגעדיע פון שמועל בליומען באשטייט אין דעם, וואָס ער בלײַבט איזאָלירט, קיינער פון זײַנע אייניקלעך וויל ניט יארשענען זײַן גוטס. זיי האָבן איין מאָל און אף שטענדיק זיך אָפּגעזאָגט פון אָנטיילנעמען אין זײַנע געשעפטן.

דאָס אייגענע לעבט איבער אויך אווינאאם. זײַן זון פארורטיילט אים און פארלאָזט אים. ער וויל זיך מיט אים ניט קענען. אפילע די פופצניאָריקע טאָכטער זײַנע זאָגט אָפּן ארויס איר אנטיפּאטיע צו אים און איר סאָלידאריטעט מיט דער מאמען.

מיט מיטגעפיל און מיט צערטלעכער לײַדנשאפט באשרײַבט ר. לעווין דאָס אראביש מיידעלע, וועלכע וויינט איבער דעם, וואָס די שטאָרכן פליִען אוועק צו זיך אהיים, און זי אליין מוז בלײַבן אין דער פרעמד („שטאָרכן").

די פרויען און די קינדער זײַנען די איינציקע מאזשאָרע קלאנגען אין דער סאטיריש־טרויעריקער געשיכטע פון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאפט, וואָס ווערט אף אזא הארב־רעאליסטישן אויפן געשילדערט אין ר. לעווינס לעצטן זאמלבוך.

דער ראָמאן, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן, הייבט זיך אָן מיט א שרעקלעך בילד. רוּוון דערזעט אפן שלאכטפעלד זײַן כאווערס אָנקעפּיקן קערפּער. די שרעקלעכע האליוצינאציע פונעם קאָנטוזיעטן סאָלדאט נוצט אויס רוט לעווין ווי א סימבאָל. די שרײַבערן גיט אונדז אָנצוהערן, אז די הײַנטצײַטיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאגע אין ייִסראָעל איז ענלעך אף א רײַטער אָן א קאָפּ, וואָס טראָגט זיך איבער דעם טראגישן לאנד. פון אָט דעם שרעקלעכן בילד הויכט ארויס דער שרײַבערנס ווייטיק, מיט וועלכן זי ווענדט זיך צו די לייענער:

„— מענטשן! שטעלט זיך אָפּ אף א ווײַלע! טוט א קוק, וואָס עס טוט זיך. ס'קאָן זײַן, אז מאָרגן וועט זײַן צו שפּעט, און א סאך פון אײַך וועלן אפּדערעמעסן בלײַבן אָן א קאָפּ".

דער בוך איז אָנגעשריבן אין א צוגענגלעכער און ראפינירטער שפּראך. ער לייענט זיך לײַכט און מיט גרויס אינטערעס. רוט לעווין ווײַזט ארויס מײַסטערשאפט אין בויען דעם דיִאלאָג. די פראזעס זײַנען קורץ, שארף און פּינקטלעך. יעדער פּערסאָנאזש פארמאָגט זײַנע, פאר אים צוגעפּאסטע אינטאָנאציעס. דערפאר איז לײַכט צו דערקענען די העלדן, אפילע פונוואנען זיי שטאמען (דײַטשלאנד, פראנקרײַך, רוסלאנד, פּוילן, ענגלאנד).

אויך אין די קליינע דערציילונגען (באזונדערס אין די מיניִאטיורן „פון אויבן איבער די וואָלקנס", „דער עקזאמען אף צוטרוי" און „שטאָרכן") טיילן זיך אויס די פרעכטיקע פּייזאזשן, וועלכע פארכאפּן דעם לייענער מיט זייערע אימפּרעסיִאָניסטישע פארבן.

רוט לעווין פארענדיקט איר ראָמאן מיט א דערקלערונג, אז זי האָט דערווײַל בלויז אָנגעשריבן „דעם עפּילאָג" פון איר פארטראכט ווערק. לאָמיר איר ווינטשן, אז זי זאָל דעם „פּראָלאָג" פארווירקלעכן מיט דערפאָלג און מיט דער זעלבער קינסטלערישער מײַסטערשאפט.

מ. וואָלף

א נײַע סאָוועטישע אויסגאבע איבער פראגן פון סעמיטאָלאָגיע



טביליסי, די הויפּטשטאָט פון דער גרוזינישער ססר, איז א וויכטיקער וויסנשאפטלעכער צענטער פון אונדזער לאנד. בעמעשעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער זײַנען דאָרט, לויט דער איניציאטיוו און באם אקטיווסטן אָנטייל פונעם איצט פארשטאָרבענעם אקאדעמיקער ג. וו. צערעטעלי, געפירט געוואָרן פאָרשונגען איבער סעמיטישער פילאָלאָגיע, דערונטער איבער העברעיִסטיק. איצט זײַנען די שילער פונעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן אָריִענטאליסט צוגעטראָטן ארויסצולאָזן א פּעריִאָדישן זאמלבוך „סעמיטאָלאָגיורי דיִעבאני” („סעמיטאָלאָגישע שטודיִומס”), וועלכן עס גרייט צו דער אינסטיטוט פון אָריִענטאליסטיק אפן נאָמען פונעם אקאדעמיקער ג. וו. צערעטעלי בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער גרוזינישער ססר. דער ערשטער נומער פונעם זאמלבוך איז דערשינען אין 1983.

דער זאמלבוך איז א צווייִשפּראכיקער — א טייל ארטיקלען זײַנען אָפּגעדרוקט אף דער גרוזינישער שפּראך, אנדערע — אף רוסיש, צוויי פון די זיבעצן ארטיקלען פונעם זאמלבוך נום. 1 זײַנען געווידמעט דער העברעיִסטיק.

די גרויסע ארבעט פון ניסאן באבאליקאשווילי (27 בוך־זײַטלעך) „וועגן די ייִדישע (העברעישע) עפּיגראפישע דענקמעלער פון קאווקאז” באזירט זיך אף די מאטעריאלן פון די פילײאָריקע עקספּעדיציעס פונעם אווטאָר און פון זײַנע קאָלעגן איבער די שטעט און יישובֿים פון גרוזיע, אזערבײַדזשאן און דאגעסטאן. נ. באבאליקאשווילי האָט אויסגעפאָרשט די אויפשריפטן אף די ווענט פון די סינאגאָגעס און אף די מאצייוועס אין די קעהילעס פון די גרוזינישע, קורדיסטאנישע (אראמעישע, אסירישע) ייִדן און בארג־ייִדן. דאָס ארטיקל אינעם זאמלבוך פארברייטערט און פארטיפערט די טעמע, וועלכע איז באלויכטן געוואָרן אינעם בוך פון דעם זעלבן אווטאָר „העברעיִשע אויפשריפטן אין גרוזיע” (טביליסי, 1971).

„סעמיטאָלאָגיורי דיִעבאני” („סעמיטאָלאָגישע שטודיִומס”). טביליסי, 1983.

האגאם די פעלד־ארבעט איבער דער אינווענטאריזאציע פון די עפּיגראפישע דענקמעלער פונעם היפּשן לויטן פארנעם רעגיִאָן האלט דער אווטאָר פאר ניט קיין פארענדיקטער, דאָך דערמעגלעכט דער באקומענער מאטעריאל צו מאכן אייניקע אויספירן און פאראלגעמיינערונגען. .דאָס ארטיקל באשטייט פון צוויי טיילן. אינעם ערשטן טייל „די אָפּשפּיגלונג פון ייִדישע (העברעיִשע) שפּראך־טראדיציעס פון דעם אלטן טעסטאמענט” שטעלט פאָר נ. באבאליקאשווילי די ערשטע רעזולטאטן פון דער וויסנשאפטלעכער באארבעטונג פונעם צונויפגעזאמלטן מאטעריאל, אינעם צווייטן טייל „מוסטערן פון דער העברעיִשער עפּיגראפיק פון קאווקאז” זײַנען פארעפנטלעכט פאָטאָגראפיעס פון 25 מאטעריעלע דענקמעלער, זייערע טעקסטן זײַנען אף איווריט און אין דער רוסישער איבערזעצונג.

ווײַזט אויס, אז גראָד אין די פאָלקס־ריטואלן, פארבונדענע מיטן טויט פון נאָענטע מענטשן, האָט געדארפט אָפּגעשפּיגלט ווערן די אידייע פון אומשטערבלעכקײַט פונעם מענטשלעכן גײַסט, די אידייע פון דער פארבינדונג צווישן די אָוועס און די שפּעטערדיקע דורות. ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אין דער פארגאנגענהײַט האָבן מענטשן געזוכט די דאָזיקע אידייע אין די ארויסזאָגונגען פונעם טאנאך, וועלכע זײַנען אן אומבאדינגטער אטריבוט פון די דענקמעלער, וואָס דער אווטאָר האָט דערלערנט. די פאָרמול, וועלכע כאזערט זיך איבער אין פארלויף פון יאָרטויזנטער, „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים” („זאָל די נעשאָמע זײַנע זײַן פארבונדן אין א קנופּ פון לעבן”) האָט געדינט אלס סימבאָלישער טרייסטאָנשפּאר פאר די נאָענטע, וועלכע האָבן פארלוירן א טײַערן מענטשן. די דאָזיקע פאָרמול איז פארשפּרייט אויך בא די אשקענאזים.

אף די שטיינערנע פינקייסים זײַנען פארקערפּערט זײַטלעך פון ביִאָגראפיעס פון באזונדערע מענטשן, ביִאָגראפיעס אָפט טראגישע. אָט זײַנען אייניקע פון די אויפשריפטן: „אוונער, רעפאָעלס זון איז אין 5659 יאָר (דה. אין 1898) געשלאָגן געוואָרן ביז טויט...”; „דאָ איז געבראכט צו קווורע דער פלאנצלינג פון פרייד, דער יונגער, ריינער און פולקומער מענטש ראכאמים, רעפאָעלס זון... און געשלאָגן איז ער געוועזן ביז טויט דעם 14־טן באנאכט אין שוואט, אינעם יאָר 5659 זינט דעם וועלטבאשאף (27.2.1898)”; „דאָ איז געבראכט צו קווורע און באגראָבן א מענטש א יוישערדיקער אינעם דינען גאָט. ווען עס האָט דערהארגעט א ראָצכישע האנט דינסטיק דעם 13־טן כוידעש, דעם 10־טן איר

619 יאָר לויט דער קליינער אויסרעכענונג (17.05.1859) ראַכמיִעלן דער זון פון אוריִעלן אָן יאָרשים...".

די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעשטעלט אין נ. באַבאַליקאַשווילים אַרטיקל, זײַנען אַ נײַער עטאַפּ אינעם דערלערנען די ייִדישע אַלטערטימלעכקײַטן פֿון קאַווקאַז. די אַרבעט ווערט איצט פֿאָרגעזעצט. עס ווילט זיך ווינטשן דעם אַווטאָר, ער זאָל וואָס גיכער באַאַרבעטן און פּובליקירן די ווײַטערדיקע מיטיילונגען וועגן די היסטאָרישע, אַנטראָפּאָנימישע, ליטעראַטור־פֿאָרשערישע אַספּעקטן פֿון דערלערנען די דענקמעלער, און, פֿאַרשטייט זיך, אויך מאַכן נײַע אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען.

צום אונטערשייד פֿון נ. באַבאַליקאַשווילים פֿונדאַמענטאַל־פֿאָרשערישער אַרבעט טראָגט דאָס ניט גרויסע אַרטיקל פֿון ק. ג. צערעטעלי „וועגן ניצן דעם טערמין „איווריט" אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור" אַ דיסקוטירנדיקן און פּאָלעמישן כאַראַקטער. דער מעכאַבער ווענדט זײַן אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דעם פֿאַקט, וואָס אין דער ליטעראַטור אויף רוסיש ווערט אָנגעווענדט דער טערמין „ייִדישע שפּראַך" סײַ בענעגייע איווריט און סײַ בענעגייע ייִדיש, און דאָס שאַפֿט געוויסע אומבאַקוועמלעכקײַטן. דער אַווטאָר האַלט, אַז דאָס רעכט צו רופֿן זיך „ייִדישע שפּראַך" פֿאַרמאָגט בלויז די סעמיטישע שפּראַך, און וואָס שײַעך דער אינדאָ־אייראָפּעיִשער (ייִדיש), אידענטיפֿיצירט זי ק. ג. צערעטעלי דורכויס מיט דער דײַטשישער שפּראַך. גלײַכצײַטיק דערווידערט דער אַווטאָר קעגן אויסנוצן אין רוסיש דאָס וואָרט „איווריט", ווײַל דאָס שאַפֿט אַן אומנייטיקן דובלירנדיקן טערמין.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אייגנטימלעך פֿאַר דער גאַנצער טביליסער שול פֿון סעמיטאָלאָגן, און פֿונדעסטוועגן איז ער אָן שום ספֿק אַ באַשטרײַטבאַרער. ער שפּיגלט אָפּ די סיטואַציע, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיטן קולטורעלן פֿענאָמען פֿון דעם גרוזינישן ייִדנטום. די גרוזינישע ייִדן ריידן אינעם שטייגער־לעבן אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער אויף דער גרוזינישער שפּראַך, און אויב אייניקע פֿון זיי האָבן אויסגענוצט און ניצן אויך איצט אין וועלכע־ניט־איז סיטואַציעס די שפּראַך פֿון ייִדן, איז עס בלויז איווריט. ייִדיש איז בײַ זיי ניטאָ. גאָר אַן אַנדער סיטואַציע איז געווען בײַ די אייראָפּעיִשע ייִדן פֿון רוסלאַנד — סײַ אינעם שטייגער, סײַ אויך אין די ריטואַלן האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אַן אייגענער שפּראַך, צי דאָס איז געווען ייִדיש אָדער לאָשנקוידעש. נאַטירלעך, אַז פֿאַר ביידע לעשוינעס האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט דער נאָמען „ייִדישע", וואָס עס האָט געשאַפֿן אומבאַקוועמלעכקײַטן, און מע האָט אָנגעהויבן רופֿן איווריט מיטן טערמין „העברעיִשע שפּראַך", אָבער דער געבורט פֿון איווריט (העברעיִש) אַלס רייד־שפּראַך האָט אַרויסגערופֿן אַ נײַעם ניט־געלונגענעם טערמין „הײַנטצײַטיקע העברעיִשע שפּראַך". דעמלט טאַקע האָט זיך באַוויזן אין רוסיש דאָס וואָרט „איווריט".

ערשטנס, טיילט אָט דער טערמין בוילעט אָפּ די דוירעסדיקע שפּראַך בײַ די ייִדן פֿון די ייִדישע לעשוינעס אין דער דיִאַספּאָרע (ייִדיש, לאַדינאָ), ווי אויך פֿון דער סעמיטישער אַראַמעיִשער שפּראַך. צווייטנס, האָט די רוסישע שפּראַך אים אַנטליִען אומיטלבאַר בײַ דער שפּראַך, וועלכע מע האָט געדאַרפֿט געבן אַ נײַעם נאָמען, און דאָס אַנטשפּרעכט פֿולקום דעם אינטערנאַציִאָנאַלן גײַסט פֿונעם XX יה.

מע קאָן נישט ניט דערווידערן אויך קעגן דעם, וואָס ייִדיש ווערט דעפֿינירט ווי אַ פֿאַקטיש דײַטשישער דיִאַלעקט, וועלכער האָט איבערגעלעבט אַ געוויסע ווירקונג פֿון דער עצעם „ייִדישער שפּראַך" (ז. 142).

ייִדיש איז אַ זעלבשטענדיקע שפּראַך, וועלכע שליסט אײַן אין זיך עלעמענטן פֿון דײַטשישע דיִאַלעקטן, ווי אויך אַ גרויסע צאָל ווערטער פֿון איווריט, פֿון די ראָמאַנישע און סלאַווישע שפּראַכן. דאָס אידענטיפֿיצירן ייִדיש מיט דײַטש איז ניט רעכטמעסיק. דער אַווטאָר פֿונעם אַרטיקל באַהויפּטעט, אַז צווישן איווריט און ייִדיש איז ניט פֿאַראַן קיין שום געמיינזאַמס, אויסער דער שריפֿט (ז. 142). אַוועקגייענדיק אין געביט פֿון „ריינע" גראַמאַטישע באַציִונגען, קאָן מען קאָנסטאַטירן דעם אונטערשייד פֿון די דאָזיקע צוויי שפּראַכן (האַגאַם אַפֿילע דאָ איז פֿאַראַן אַ ווײַטע קרוייוועשאַפֿט, אויב נעמען אין אַכט די „נאָסטראַטישע טעאָריע"). אָבער ווען מיר גייען אַריבער צו לעקסיק, בלײַבט קיין שום ספֿק ניט אין דער קרוייוועשאַפֿט צווישן איווריט און ייִדיש. די זאַך איז אָבער ניט נאָר אין דער לעקסיק און גראַמאַטיק (אַגעוו, איז דער סינטאַקסיס פֿונעם הײַנטצײַטיקן איווריט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס גענומען געוואָרן פֿון ייִדיש), נאָר אויך אין דעם, וואָס ביידע שפּראַכן — איווריט און ייִדיש — געהערן צו איין פֿאָלק.

איך בין, ווי אַ סאַך אַנדערע, איבערצײַגט, אַז ס'איז צוועקמעסיק די אָנווענדונג פֿון די טערמינען „איווריט" און „ייִדיש" אין דער וויסנשאַפֿטלעכער און פּובליציסטישער ליטעראַטור.

א. טאַרפּוסמאַן

א ליטעראַרישער דענקמאָל פונעס אַלטערטום



מיט גאָלדענע אויסיעס — „אַלפונשו. מײשר עקוב“ (לײען: אַלפאָנסאָ. מעיאַשער אַקאָװ) און מיט דער טראַנסקריפּציע פונעם נאָמען פון דעם אוטאָר און פון דעם טיטל אין דער רוסישער גראַפיק איז באַצירט די הילע פונעם בוך.

די אויסגאַבע פאַרמאָגט א צװײיענדיקן שאַרבלאַט. לינקס איז אָנגעװיזן די סעריע: שריפטלעכע דענקמעלער פונעם מיזרעך, נומער 62. רעכטס — די אָנגאַבן װעגן דעם בוך און זײַנע אָנטײלנעמער: פאַקסימילע פונעם קסאָװיאַד, דער טעקסט (פאָרװאָרט און בײַלאַגעס פון ג. מ. גלוסקינאַ, קאָמענטאַרן — ג. מ. גלוסקינאַ, ס. יאַ. לוריע. ב. א. ראָזענפעלד).

אַלפאָנסאָס װערק „מײשר עקוב“ (דער אויסגלײַכער פונעם קרומען) געהערט, לויט אַלע קריטעריען, צו די קלאַסישע אויסגאַבעס אינעם 20־טן יה. פון העברעיִשע װיסנשאַפטלעכע װערק בכלל, און שטעלט מיט זיך פאָר א נײַעם רינג אין דער גאָלדענער קײט פון אַזעלכע אויסגאַבעס אין רוסיש. די גענױקײַט מאַמעש פון יעדן אויסדרוק אינעם פעסטגעשטעלטן טעקסט, דער טיפער אַנאַליז פונעם „מײשר עקוב“ און זײַן אוטאָר איז צו פאַרגלײַכן מיט דער זעלבער קװאַליטעט, װעלכער פּ. ק. קאָקאָװצאָװ האָט דערגרײכט אין זײַן סעריע „צו דער געשיכטע פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער פילאָלאָגיע און העברעיִש־אַראַבישער ליטעראַטור“ «К истории средневековой еврейской филологии и еврейско-арабской литературы»

פעסטשטעלן דעם טעקסט פון א קסאָװיאַד פונעם 15־טן יה. (א געשריבענעם מיטן אַזױגערופענעם שפּאַנישן האַלב־קורסיװ) מיט דער הילף פון פאָטאָקאָפּיעס, װעלכע זײַנען געשאַפן אפן סמאַך פון אן אוניקאַלן קסאָװיאַד פון דעם בריטישן מוזײ, געהערט ניט צו די לײַכטע זאַכן. דער פאַקט, װאָס דער סויפער, װעלכער האָט געשאַפן די דאָזיקע קאָפּיע, איז געװען א קנאַפּער מײװן אפן סוזשעט פון דעם טראַקטאַט און זײַן קאָפּיע, איז ניט רײן פון טאָעסן, פון אײן זײַט, און די קימאַט פולקומע ענלעכקײַט אין די פאָטאָקאָפּיעס פון אַזעלכע אויסיעס װי אַלעף (א) מיט כעס (ח), בײס (ב) מיט כאָף (כ), פון די קורצפּיסיקע דאַלעד (ד) מיט רײש (ר) פון דער פאַרבינדונג פון אויסיעס גימל־װאָװ (גו) מיטן אײַען (ע) אאַז״װ., װי אויך דאָס באַנוצן זיך מיט געװײנלעכע און אומגעװײנלעכע פאַרקירצונגען און ראָשעטײװעס, פון דער אַנדערער זײַט, האָבן געפאָדערט פונעם פאָרשער פיל מער, װי עס פאָדערט זיך בײַ אַנדערע קסאָװיאַדן, דװיערהאַפטע אַקשאָנעס בײַם פעסטשטעלן יעדן אָס, יעדעס װאָרט פונעם קסאָװיאַד אין דעם אײגנטלעכן אורטעקסט פונעם אוטאָר. און געמאַכט האָט עס די פאָרשערין אף א גלענצנדן אויפן בעמעשעך פון... צװאַנציק יאָר!

דער טיפער אַנאַליז פונעם מאַטעמאַטישן טעקסט, דאָס פעסטשטעלן די אַלגעבראַיִשע צײכענונגען האָבן געפאָדערט פונעם פאָרשער פון „מײשר עקוב“, אויסער קענטענישן אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור אף העברעיִש און פון דער שעמישער ליטעראַטור אין אַלגעמײן, נאָך א ספּעציעלע באַהאַװנטקײַט אין מאַטעמאַטיק, און ספּעציעל אין דער אַזױגערופענער פּראָבלעם „די קװאַדראַטור פון א רונדן שעטעך“.

ג. גלוסקינאַ, װעלכע האָט באַקומען א צװײפאַכיקע בילדונג — א הומאַניטאַרע אף דער אַראַבישער קאַטעדרע פונעם לענינגראַדער אוניװערסיטעט, אונטער דער לײטונג פונעם פּראָפ. י. נ. װיניקאָװ (העברעיִש, אַראַמעיִש), פונעם אַקאַדעמיקער אי. יו. קראַטשקאָװסקי און פּראָפ. בעליאַיעװ (אַראַביש) און פונעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער װיסנשאַפטאַקאַדעמיע פונעם סאָװעטנפאַרבאַנד נ. פּיגולעװסקאַיאַ (סיריש) — און א מאַטעמאַטישע אינעם פיזיק־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט — איז, נאַטירלעך, דער בעסטער קאַנדידאַט אף צו פאַרקערפּערן אָט די דאָזיקע טעמע.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלט פאָר די אַרבעט „װעגן אוטאָר פונעם טראַקטאַט“. די פאָרשערין שטעלט פעסט, אַז „מײשר עקוב“ איז אן אָריגינעל העברעיִש װערק און ניט קײן איבערזעצונג, װי עס האָט אַלפּי האַשאָרע געשריבן דער פאָרשער און קענער פון העברעיִשע קסאָװיאַדן מ. שטײנשנײַדער (1816—1907).

טראָט נאָך טראָט, אַנאַליזירנדיק דאָס פאָרװאָרט פון אַלפאָנסאָ, א געשריבענעם אין געגראַמטער פּראָזע, און דעם פאָלגנדיקן טעקסט, פעסטשטעלנדיק דעם עלטער פונעם אוטאָר אין דער צײַט פון דער פאַרפאַסונג פונעם װערק, זײַן אַלגעמײנע בילדונג, זײַן באַהאַװנטקײַט אינעם טאַנאַך און אין טאַלמוד, זײַן אויפן פון ציטירן א שפּריכװאָרט, א װערטל פון די כאַכאָמים און, הױפּטזאַכלעך, פעסטשטעלנדיק דעם אַלגעמײנעם פילאָסאָפישן פּאָן, אף װעלכן עס איז אויסגעװעבט דאָס װערק, דעם אוטאָרס באַציִונג צו פּלאַטאָנען און אַריסטאָטעלן, װי אויך אַנדערע אָנשױנגען פונעם אוטאָר פון „מײשר עקוב“, — קומט גלוסקינאַ צו אן איבערצײַגנדיקן אויספיר, אַז דער מעכאַבער איז געװען דער באַװוסטער געלערנטער, רויפע און פילאָסאָף אַבנר (אװנער) פון בורגאָס, װעלכער איז נאָכן טױפן זיך אָנגערופן געװאָרן אַלפאָנסאָ דע װאַלידאָליד (1270—1350).

Альфонсо. Меяшер Аков. Издательство «Наука», Москва, 1983.

ניט נאָר פאַר דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר דער געשיכטע פון דער מאַטעמאַטיק האָט די אויסגאַבע פון „מיישר עקוב" א וויכטיקע באַדײַטונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער קסאַוויאַד זעלבסט, וועלכער איז דערגאַנגען צו אונדז, איז א דעפעקטיווער און געוויסע טיילן פון אַלפאָנסאָס ווערק פעלן אין אים בכלל. פונעם טראַקטאַט דערוויסן מיר זיך וועגן פיל גריכישע און אַראַבישע מאַטעמאַטיקער, וועמענס ווערק זײַנען געווען צוגענגלעך אַלפאָנסאָן, נאָר צו אונדז זײַנען זיי ניט דערגאַנגען. אַף זײַער סמאָך האָט אַלפאָנסאָ באַרירט אײַנעם „מיישר עקוב" פראָבלעמען, וועלכע האָבן געפונען זייער ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג־ערשט אין די אַנטדעקונגען פון די שפּעטערדיקע דורעס. אין דעם זין איז קעדײַ צו איבערכאַזערן דאָס, וואָס ס. יא. לוריא האָט געשריבן מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק: „דער פאָרשער, וועלכער וועט צוגענגלעך מאַכן דעם העברעיִשן קסאַוויאַד פאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפטלעכער וועלט, וועט שטאַרק מיטהעלפן דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער מאַטעמאַטיק".

ל. שומסקי

כראָניק

א מעמאָריאַל־טאָוול
עמאַנויל קאַזאַקעוויטשן



אין געגנטלעכן צענטער פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט איז בא דער געבײַדע פון די רעדאַקציעס פון די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן" און „ביראָבידזשאַנסקאיא זוועזדא" פאָרגעקומען א מיטינג, געווידמעט דער אַנטהילונג פון א מעמאָריאַל־טאָוול לעקאָוועד דעם באַוווּסטן סאָוועטישן שרײַבער, לאַורעאַט פון די מעלוכע־פּרעמיעס פון פססר עמאַנויל קאַזאַקעוויטש, וועלכער האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געאַרבעט דאָ אלס זשורנאַליסט און פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע לידער און דערציילונגען.

דעם מיטינג האָט אין נאָמען פון די פאַרשטייער פון דער ביראָבידזשאַנער געזעלשאַפטלעכקײַט געעפנט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרזיצער פון שטאָט־אויספּירקאָם נ. ברידאָווא.

מיט גרויס וואָרעמקײַט האָבן אַפן מיטינג גערעדט וועגן דעם שעפערישן וועג פון ע. קאַזאַקעוויטשן דער דיכטער, לאַורעאַט פון דער פּרעמיע פון כאַבאַראָווסקער קאָמיוג, רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" ל. שקאָלניק, דער שעף פון דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס נ. נעמיראָווסקי, דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם געגנטלעכן קאַנטקענטעניש־מוזיי יע. זשוקאָוו, די שילערן פון דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול מ. מאַזורקעוויטש.

אונטער די קלאַנגען פון א מאַרש ווערט אראָפּגעלאָזט דער צודעק, און פאַרן בליק פון די פאַרזאַמלטע אַנטפּלעקט זיך דער מעמאָריאַל־טאָוול מיטן בראָנזענעם באַרעליעף פונעם שרײַבער — אײַנעם פון די אַקטיווע בויער פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, דעם געוואַגטן אויסשפּירער אַף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

די שילער האָבן אַוועקגעלייגט צום מעמאָריאַל פרישע בלומען.

■

מאַקס גאָלדין,
פּראָפעסאָר

שטריכן פון דער געמיינזאַמקייט פון דער ייִדישער מוזיקאַלישער שאַפונג מיט דער מאָלדאַווישער

די פראַגע וועגן דער געמיינזאַמקייט און וועגן די פאַרבינדונגען אין דער מוזיקאַלישער שאַפונג צווישן דעם ייִדישן פאָלק און דעם מאָלדאַווישן דאַרף מען אָפּטראָגן צו די ניט גענוג פאַנאַנדערגעאַרבעטע פראַגן פון דער פאַרהעלטניסמעסיקער פאָלקלאָריסטיק. אין דער ליטעראַטור, עמעס, טרעפן זיך צומאָל באַזונדערע אָנווייַזונגען אויף אָט די פאַרבינדונגען. אַזוי, לעמאָשל, ווערט אין דער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע" געזאָגט: „צווישן די מעלאָדיעס פון ייִדישע פאָלקסלידער זייַנען פאַראַן אויך אַזעלכע, אויף וועלכע ס׳איז מערקבאַר די השפּעה פון יענע פעלקערשאַפטן, צווישן וועלכע עס לעבט די ייִדישע מאַסע, ווי, אַשטייגער, פון די ליטווינער, אוקראַיִנער, ווייַסרוסן, מאָלדאַוואַנער, רומענער אאַז״וו.". דער אויטאָר האַלט, אַז אַזעלכע מעלאָדיעס קאָן מען ניט אָפּטראָגן צו די אַמערסטן כאַראַקטעריסטישע ייִדישע מעלאָדיעס, אָבער גלייַכצייַטיק איז ער איבערצייַגט, אַז אין זיי מערקן זיך אָן מעלאָדישע אויסדרוקן, וואָס זייַנען אייגנטימלעך בלויז פאַר די ייִדן. וואָס איז שייַך די רומענער, ווערט באַזונדערס אָפּגעמערקט, אַז „אויף אייניקע דאָרעמדיקע כסידישע לידער האָבן געהאַט אַ ווירקונג די רומענער; דעריבער זייַנען די דאָזיקע לידער באַוווּסט אונטערן נאָמען „וואָלעכל".

אין דעם זעלבן גייַסט זאָגט זיך אַרויס אי. ליפּייַעוו, אַ טשוואַש לויט דער נאַציאָנאַליטעט, דער ערשטער אויספאָרשער פונעם קלעזמער־שטייגער און פון דער מוזיק פונעם ביז־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. „אין איר (אין דער מוזיק פון די ייִדישע אָרקעסטערס. — מ. ג.) זייַנען אַרייַנגעגאָסן געוואָרן, ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, די קלאַנגען פונעם מיזרעך, פון רומעניע און וואַלאַכיע[1]. אי. יאַמפּאָלסקי שרייַבט אין זייַן אַרטיקל „וועגן קלעזמער־מוזיק" (מוזיקאַלישע ענציקלאָפּעדיע, צווייטער באַנד, מ., 1974, ז. 362): „...אין איר זייַנען איבערגעשמאָלצן און אייגנאַרטיק פאַרקערפּערט דייַטשישע, פּוילישע, אוקראַיִנישע, מאָלדאַווישע אאַ. ווירקונגען".

מער קאָנקרעט זאָגט זיך אַרויס וועגן דער אינטערעסירנדיקער אונדז טעמע דער אָנגעזעענער זאַמלער פון ייִדישן מוזיקאַלישן פאָלקלאָר משה בערעגאָווסקי. וואָס שייַך דער פראַגע פון פאַרשפּרייטן די אַזוי־גערופענע געענדערטע דאָרישע טאָנאַליטעט אין דער ייִדישער אינסטרומענטאַלער מוזיק, מערקט ער אָפּ, אַז אָט די טאָנאַליטעט ווערט אָפּטער פון אַלץ באַנוצט אין די ווערק, וואָס זייַנען געבויט אין דער פאָרעם פון מאָלדאַווישע און רומענישע דאָינעס[1]. „אויסער די אייגענע דאָינעס, וועלכע ווערן אויסגעפּילט אויף אַ כאַסענע־מאָלצייַט, הויפּטזאַכלעך באַם טיש, — שרייַבט ער, — טרעפן זיך אויך אַנדערע ווערק אינעם סטיל פון דאָינעס". ווייַטער ברענגט מ. בערעגאָווסקי דעם סוזשעט פון דער דאָינע אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די ייִדישע קלעזמאָרים.

גרייטנדיק די אויסגאַבע פון מ. בערעגאָווסקין „די ייִדישע אינסטרומענטאַלע פאָלקס־מוזיק", בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דאָס ערשטע אָרט צווישן די נאַציאָנאַלע קוועלן פון דער קלעזמער־מוזיק דאַרף מען אָפּגעבן מאָלדאַוויע.

אין מאָלדאַוויע לעבן ייִדן שוין פון לאַנג, פונעם XIV יה. דאָס גיט אַ גרונט צו שטעלן די פראַגע וועגן ייִדיש־מאָלדאַווישע קעגנזייַטיקע שעפערישע פאַרבינדונגען. אָבער גלייַכצייַטיק שטויסן זיך אָן די אויספאָרשונגען אין גרויסע שוועריקייַטן. 1. אין דער ליטעראַטור (קינסטלערישער, מעמואַריסטיק אאַז״וו.) זייַנען ניט פאַראַן וועלכע־ניט־איז אָנווייַזונגען אויף די קאָנטאַקטן צווישן די ייִדישע און מאָלדאַווישע קלעזמאָרים; 2. דעם ייִדישן פאָלקלאָר (אַלנפאַלס, דעם געזאַנג־פאָלקלאָר) האָט מען אין מאָלדאַוויע ספּעציעל ניט געזאַמלט, און ער האָט זיך ניט אונטערשיידט לויטן סטיל פונעם ייִדישן פאָלקלאָר, וועלכער איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין רומעניע און אין אוקראַיִנע; 3. דאָס, וואָס אַ ריי אינסטרומענטאַלע פּיעסן רופן זיך „וואָלעכל", רעדט נאָך ניט וועגן דעם, אַז די מוזיק איז אַן אַנטליִענע. אינדערעמעסן איז אַנטליִען געוואָרן בלויז דער נאָמען, וואָס ווייַזט, מעגלעך, אָן אויף דעם אָרט, ווו עס זייַנען געשאַפן געוואָרן די אויבנדערמאָנטע מוסטערן (וואַלאַכיע). היסטאָרישע פאַראַלעלן קאָנען אָבער דורכגעפירט ווערן צווישן די מאָלדאַווישע

[1] Ив. Липаев, Еврейские оркестры (очерк). Русская музыкальная газета № 6—7 за 1904 г., столбец 170.

[1] М. Береговский. Измененный дорийский лад в еврейском музыкальном фольклоре, сборник «Проблемы музыкального фольклора народов СССР», М., 1973, стр. 377.

און ייִדישע פאָלקס־אָרקעסטערס אף אוקראַיִנע און אין אנדערע מעקוימעס.

ס׳איז, לעמאָשל, באוווּסט, אז עס האָט עקזיסטירט אן אָרקעסטער פון מאָלדאווישע מוזיקאנטן באם הויף פון אנא יאָאנאָוונע אין פּעטערבורג אין 1740 יאָר. ס׳זײַנען ברייט פארשפּרייט געוואָרן אָרקעסטערס אינעם שטייגער פון די מאָלדאווישע פּריצים. באוווּסט איז געווען אין אייראָפּע אין XIX יה. דער פּרעכטיקער מאָלדאווישער לעוטאר (פאָלקס־מוזיקאנט) יאנקו פּערזשא. זײַן שאפונג, פּונקט ווי די שאפונג פון א גאנצער פּלעיאדע מאָלדאווישע לעוטארן, ווי קאָסטאקי מארין, ג. כעררארא, געאָרגי מורטשא, שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די הייכן פון דעם אייראָפּעיִשן פאָלקס־אינסטרומענטאליזם. די קלעזמער־מוזיק פון אוקראַיִנע איז אויך איינע פון זײַנע הייכן.

מירן אָנרופן בלויז צוויי בארימטע קלעזמאָרים — סטעמפּעניו און פּעדאָצער[1], וועלכע זײַנען ברייט באוווּסט געווען ניט נאָר איבער גאנץ אוקראַיִנע, נאָר אויך אויסער אירע גרענעצן. אינעם אוקראַיִנישן פאָלקס־שטייגער האָבן, ווי באוווּסט, די פאָלקס־אָרקעסטערס פונעם הײַנטצײַטיקן טיפּ ניט באקומען א באדײַטנדיקע אנטוויקלונג. אויב אן אוקראַיִנישער פּאָרעץ האָט געדארפט, עס זאָל שפּילן אן אָרקעסטער לעקאָוועד א געוויסן פאמיליע־יאָמטעוו, האָט ער, אלס קלאל, אײַנגעלאדן קלעזמאָרים. די שפּעפּרישע פארבינדונגען האָבן, נאטירלעך, געדארפט אנטשטיין קוידעמקאָל צווישן די מער אָדער ווייניקער גלײַכווערטיקע לויט זייער פּאָטענציִאל און לויט זייערע דערגרייכונגען שכיינעסדיקע אינסטרומענטאלע קולטורן. און דאָס זײַנען די ייִדישע און מאָלדאווישע אינסטרומענטאלע קולטורן. ס׳האָט געהאט אן אָרט דער קעגנזײַטיקער אײַנפלוס פון די דאָזיקע קולטורן. לויט אונדזער מאטעריאל ווערט, אָבער, אמבוילעטסטן געשפּירט דער מאָלדאווישער אײַנפלוס אף דער ייִדישער מוזיק, דערבײַ ניט נאָר אף דער אינסטרומענטאלער, נאָר אויך אף דער וואָקאלישער, געזאנג־קולטור.

די נעשאָמע פון דער מאָלדאווישער מוזיק איז די דאָינע. די דאָינע ווערט אויסגעפּילט אף א פלוער (פּאסטעך־פײַפעלע) אָדער אף א פידל. די דאָינע זינגען מאנצבלעך און פרויען, דערוואקסענע און קינדער. לויט איר סטרוקטור צעפאלט זי זיך אף צוויי טיילן. דער ערשטער טייל איז אויסגעהאלטן אין א פרײַער אימפּראָוויזאציע־פאָרם. זי איז פול מיט אומעט, מאכשאָוועס, פארבאָרגענעם ווייטיק. דער צווייטער, באוועגלעכער טייל, שיידט זיך אונטער מיט א קלאָרקײַט פון דער פאָרם און טראָגט א לעבהאפטיקן טאנץ־כאראקטער.

אין דער דאָינע ווערן צוערשט געשילדערט די ליידן פונעם פּאסטעך, וואָס האָט פארלוירן זײַנע שאָף. נאָכדעם ווערט איבערגעגעבן זײַן פריידיקער געפיל, ווײַל ער האָט געפונען די שאָף. אזוי ווערט געווײנלעך דערקלערט די אָפּשטאמונג און דער אינהאלט פון דער דאָינע. אויב אָבער אופמערקזאם זיך אײַנהערן אין אָט דער מוזיק, באקומט די דאָינע אן אנדערן, א מער באדײַטנדיקן סאָציִאלן און קינסטלערישן אינהאלט. „זי איז געווען א קינסטלערישער אויסדרוק פון די טיפע מאכשאָוועס און איבערלעבונגען פונעם פאָלק, אין איר האָט דאָס מאָלדאווישע פאָלק אויסגעגאָסן זײַן פארביטערונג, ווייטיק, קריוודע, אָבער גלײַכצײַטיק דערמיט אויסגעדריקט אויך זײַן גלויבן אין א ליכטיקער צוקונפט. דאָס פאָלק דער אָפּטימיסט האָט אינעם פינאל פון דער דאָינע באשטעטיקט זײַן רעכט אף לעבן"[1].

די ייִדן האָבן איבערגענומען די מאָלדאווישע דאָינע. און ניט נאָר דעם זשאנער אלס אזעלכן. די קלעזמאָרים האָבן אנטליִען די עצעם מוזיק פון דער דאָינע. אָבער די ליד האָט איבערגענומען בלויז איר סוזשעט, וועלכער איז אין דער ייִדישער ווערסיע מאָדיפיצירט געוואָרן. די ייִדישע דאָינעס האָבן די קלעזמאָרים אויסגעפּילט אף כאסענעס.

אינעם דריטן באנד פון דעם ייִדישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר פון מ. בערעגאָווסקי, וועלכער ווערט איצט געגרייט צום דרוק, זײַנען אײַנגעשלאָסן סאכאקל פיר דאָינעס, איינע איז גענומען אינגאנצן פון די מאָלדאווישע דאָינעס, איינע טיילווײַז און אין צוויי זײַנען געבראכט טיפּישע רולאדעס, ריטמען, אינטאָנאציעס פון די מאָלדאווישע דאָינעס. 25 טענץ־נומערן פונעם אויבנדערמאָנטן דריטן באנד זײַנען געבויט אף די ריטמען און אינטאָנאציעס פון די מאָלדאווישע טענץ, מיט וועלכע עס פארענדיקן זיך די דאָינעס. נאָר אן ערעך אזויפיל זײַנען געשאפן געוואָרן אונטער א גרעסערן אָדער קלענערן מאָלדאווישן אײַנפלוס.

מ. בערעגאָווסקי האָט געהאלטן, אז די ייִדישע דאָינע שיידט זיך אונטער פון דער מאָלדאווישער לויט איר סטרוקטור. אָבער אין די 30־ער יאָרן זײַנען פּובליקירט געוואָרן זייער ווייניק מאָלדאווישע דאָינעס (אין קאָרטשינסקיס זאמלבוך), און פון זיי קען מען ניט באקומען א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם געבוי פון דער דאָינע. לויט די נאָכמילכאָמע־פּובליקאציעס, צווישן אנדערע — פון ב. קאָטליאראָוו[2], איז צו זען, אז די ייִדישע דאָינעס פארמאָגן ניט קיין שום אונטערשייד אין דעם געבוי.

דער סוזשעט פון די פארפאלענע און נאָכדעם געפונענע שאָף איז געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון דער פּאָפּולערער פאָלקסליד „דאָס פּאסטעכל", וועלכע ווערט געזונגען אף צוויי פארשיידענע זעלבשטענדיקע מעלאָדיעס. צווישן די ייִדן איז אָט דער סוזשעט מער פאנאנדערגעארבעט אין פארגלײַך מיטן מאָלדאווישן אָריגינאל, מער בארײַכערט דראמאטורגיש. ער דערציילט וועגן דעם, אז עס זײַנען פארפאלן געוואָרן ניט קיין שאָף, נאָר בלויז איין־און־איינציק שעפעלע — דאָס גאנצע „רײַכטום"

[1] סטעמפּעניו — דער צונאָמען פונעם פידלער יויסעף (יאָסעלע) דרוקער פון בערדיטשעוו (1822 — 1879). פּעדאָצער — דער צונאָמען פונעם טאלאנטפולן פידלער־ווירטואָז און קאָמפּאָזיטאָר אווראָם־מוישע כאָלאָדענקאָ (1828 — 1902), וועלכער האָט א לענגערע צײַט אָנגעפירט מיט דער בעסטער קלעזמער־קאפּעלע אין בערדיטשעוו.

[1] Лебедев Е. Н. Молдавские народные песни. М.—Л., 1951, стр. 7..

[2] Б. Котляров. О некоторых особенностях исполнительского стиля молдавского народного искусства. Сб. Проблемы музыкального фольклора народов СССР. М., 1973; Б. Котляров. О скрипичной культуре в Молдавии. Кишинев, 1955.

פונעם פאסטעך. נאָכדעם גייט א רייד וועגן אָפּזוכן עס, וועגן די פּלאָגן פונעם אומגליקלעכן פאסטעך. אין איין ליד געפינט ער זײַן שעפעלע, אין אן אנדערער, וואָס איז אמערסטן באקאנט אין אונדזער לאנד לויט דער אינטערפּרעטאציע פון זינאָווי שולמאן, געפינט ער ניט דאָס שעפעלע.

אין העסקעם מיטן סוזשעט איז געבויט די מעלאָדיע: צוערשט טראָגט זי א דערציילערישן כאראקטער, נאָכדעם ווערט זי דראמאטיזירט (אינעם דיאַלאָג פונעם פאסטעך מיט די אנטקעגנגייענדיקע פויערים). דער לעצטער טייל פון דער מעלאָדיע איז א טאנצנדיקער. „דאָס פאסטעכל" איז איינע פון די גלענצנדיקסטע ייִדישע פאָלקסלידער. ס'איז באוווּסט די ווירקונג אין אָט דער מעלאָדיע גיכער פאר אלץ פונעם אוקראַיִנישן פאָלקלאָר. אין דעם מיטעלן טייל פון דער מעלאָדיע הערן זיך, פונדעסטוועגן, אינטאָנאציעס פון סינאגאָגאלן רעטשיטאטיוו. ס'איז א פאקט: די ליד „דאָס פאסטעכל" (ביידע מעלאָדיעס) איז געשאפן ניט אין מאָלדאוויע, נאָר אין אוקראַיִנע. וועגן דעם זאָגט, אגעוו, איידעס איר געמישטער ייִדיש־אוקראַיִנישער טעקסט, און דאָס באטײַט, אז דער מאָלדאווישער סוזשעט וועגן די פארפאלענע שאָף, פונקט ווי די דאָינע אליין, איז גוט באוווּסט געווען אף אוקראַיִנע.

אויבן איז געגאנגען א רייד וועגן דעם אײַנפלוס פון דער דאָינע אף דער שאפונג פון די אוקראַיִנישע קלעזמאָרים און וועגן דעם, אז זי האָט גענומען איר סוזשעט אין דער ליד „דאָס פאסטעכל". פיל קאָמפּליצירטער איז די פראגע וועגן די קעגנזײַטיקע באצִיונגען פונעם ייִדישן געזאנג־מעלאָס און דעם מאָלדאווישן געזאנג־אינסטרומענטאלן מעלאָס. דאָ איז צומאָל שווער צו פאנאנדערגרענעצן דעם אײַנפלוס און די דויערסדיקע געמיינזאמקײַט. א ריי ייִדישע זינג־מעלאָדיעס דערמאָנען מיט זייער קלאנג מאָלדאווישע, און פארקערט. דאָס זײַנען מעלאָדיעס, וועלכע דריקן אויס טרויער, הארצווייטיק, אומעט. זייער טאָנאליטעט־געבוי איז א קרויווישער, אין זיי שפּילט א באזונדערס אויסדריקלעכע ראָל דער אינטערוואל פון א פארגרעסערטער סעקונדע, וועלכע גיט זיי צו אן אייגנארטיקן מיזרעכדיקן קאָלאָריט.

אָט, לעמאָשל, איז א מאָלדאווישע היסטאָרישע



ליד, די מעלאָדיע פון וועלכער דער ייִדישער צוהערער וועט אופנעמען ווי א ייִדישע.

אָט די ביידע מעלאָדיעס פארמאָגן אין זייער קוואל אן אלטערטימלעכע ליבע־ליד, וואָס האָט געשטייגערט צווישן די ייִדן און ניט־ייִדן אין דײַטשלאנד און אין טשעכיִע און איז שפּעטער באקאנט געוואָרן בא אונדז אין א געענדערטער פאָרם מיט די ווערטער „איך גיי ארויס אפן גאנעקל".

די אינטאָנאציע־פעדעם ציִען זיך צו א ריי ייִדישע מעלאָדיעס אויך פון די מאָלדאווישע כאסענע־לידער. אין איינער פון זיי הערן זיך אָנשוילעך די אינטאָנאציעס פון די לידער „אונטער יאנקעלעס וויגעלע" און „מעכוטענעסטע".



א בײַשפּיל פון איבערנעמען ייִדישע מוזיק מיצאַד די מאָלדאוואנער איז די טאנץ־ליד „בעסאראַבישער פריילעך". „פריילעך", דאָס איז דער ייִדישער „פריילעכס". אָבער דאָ גייט ניט אזוי אינעם נאָמען. די מוזיק פון דער טאנץ־ליד איז לויט איר עצעם כאראקטער א ייִדישע.

באזונדערס איז קרויוויש דער ייִדישער און מאָלדאווישער מעלאָס אין דער שוין אויבנדערמאָנטער דאָרישער טאָנאליטעט. מ. בערעגאָווסקי ברענגט אלס איליוסטראציע פון דער פארשפרייטקײַט פון אָט דער טאָנאליטעט 10 ייִדישע זינג־מעלאָדיעס. לויט אונדזער באָאבאכטונג, כאפט ארום די דאָרישע טאָנאליטעט לעכאָלהאפּאָכעס 50 זינג־מעלאָדיעס. פון די טאָנאליטעטן פון מינאָרישן מין איז זי אפן דריטן אָרט (נאָכן עאָלישן און פריגישן). ס'איז ניטאָ קיין שום צווייפל אין דעם, אז די דאָזיקע טאָנאליטעט אין דער ייִדישער ליד איז א זעלבשטענדיקע. זי טרעפט זיך אין דער סינאגאָ־



גאלער מוזיק, אפילע אין איר אוראלסטן שיכט, און עפּיזאָדיש — אין די פאַרשיידנסטע זינג־זשאַנרען. איר אויסדריקלעכע ספער איז — לאַמענטאַציע, אַנקלאַגע, באַדויערונג. אָבער אַף אייניקע „דאָרישע" לידער ליגט פונדעסטוועגן א שטעמפּל פונעם מאָלדאַווישן איינפלוס. מיר האָבן אין זינען די לידער, אין וועלכע עס הערן זיך כאַראַקטעריסטישע אינטאָנאַציעס פון מאָלדאַווישע טענץ. אלס בײַשפּיל וועלן מיר אָנרופן די כסידישע ליד „אַז גאָט וועט געבן געזונט און לעבן".

דער 9־טער און 12־טער טאַקטן ברענגען פּינקטלעך דעם אָנהייב פון דער צווייטער קני פון דעם פּאָפּולערן מאָלדאַווישן טאַנץ „וויוואַט"[1] (און ניט נאָר פון אָט דעם טאַנץ). די ווײַטערדיקע טאַקטן זײַנען א מאָדיפיצירטער „שפּליטער" פון דעם ערשטן, אימפּראָוויזירטן טייל פון דער דאָינע. די אַנגעוויזענע אינטאָנאַציע טרעפט זיך אין עטלעכע צענדליק מעלאָדיעס, זי אסאָציִירט זיך מיט די ייִדישע זינגלידער. ניט אומזיסט האָט אי. דונײַעווסקי זי אויסגענוצט אין דער ליד פונעם קינאָפילם „די גליקזוכער".

בא דער גאַנצער ייִדיש־מאָלדאַווישער קרויווע־שאַפט אין דער טאָנאַליטעט דאַרפן מיר גלײַכצײַטיק אונטערשטרײַכן, אַז די ייִדישע דאָרישע מעלאָדיעס היטן אין זייער נאַציאָנאַלן אויסזען. דאָס זײַנען ייִדישע מעלאָדיעס. בא די מאָלדאַוואַנער זײַנען אַזעלכע דאָרישע מעלאָדיעס, ווי די ייִדישע, ניטאָ.

אונדזער אָפּהאַנדלונג דאַרף באַטראַכט ווערן אלס ערשטער פּרווו אַף צו דערלערנען די ייִדיש־מאָלדאַווישע שעפערישע קעגנזײַטיקע פאַרבינדונגען אַף א קאָנקרעטן מאַטעריאַל. דאָ איז נאָך פאַראַן א סאַך אומקלאָרקייטן. די קלעזמאָרים האָבן גוט געוווּסט די דאָינע, פּונקט ווי דעם רײַכסטן זשאַנער פונעם מאָלדאַווישן טאַנץ. אָבער אַף וואָס פאַר אן אופן, מיט וועלכע וועגן איז דערגאַנגען צו זיי די שאַפונג פון די לעוטאַרן? מיר פאַרמאָגן ניט (דערווײַל) קיין איין פאַקט וועגן די פערזענלעכע קאָנטאַקטן צווישן קלעזמאָרים און לעוטאַרן. די מאָלדאַווישע ייִדן, ווי ס'איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן, האָבן געלעבט הויפּטזאַכלעך אין די שטעט און שטעטלעך. אין די דערפער זײַנען זיי ווייניק געווען, און דער מאָלדאַווישער טאַנץ, ווי די ליד, שטעלט מיט זיך פאָר פּויערישן פאָלקלאָר. עס האָבן עקזיסטירט עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען צווישן די שטעטלשע ייִדן און דעם מאָלדאַווישן פּויערטום, פאַרבינדונגען אין דער מאַטעריעלער און, ווי עס טרעפט געוויינלעך, אויך אין דער גײַסטיקער קולטור. אָבער בא די שטאָטישע ייִדן זײַנען אַזעלכע מעגלעכקייטן פאַר קאָנטאַקטן מיטן פּויערטום קימאַט ניט געווען. ביז איצט זײַנען, אויסער דעם אלעם, פּובליקירט מאָלדאַווישע פאָלקסלידער (צום אונטערשייד פון די טענץ) נאָך זייער ווייניק.

עס שטייט אויף, אזויאַרום, ניט איין פּראָבלעם, וועלכע דאַרף אַף ווײַטער געלייזט ווערן מיצאַד דער פאָרשונג.

---

[1] П. Стоянов. 500 мелодий де жокурь дин Молдова. Editura «Картя Молдовеняскэ», 1972, № 350.

קינסטלער שלוימע ווערבאָווסקי

א גאס־פאָטאָגראַף

פּאָרטרעט פונעם שרייבער
ה. רעמעניק



א לאסט־שיף. אָטשאקאָוו

עפּלביימער אין צוויט



נאטיורמאָרט

לעבן געלענדזשיק



דער פּאָרטרעט פונעם אייניקל אירע. יאם־קיזלשטיינדלעך

דאָס דאָרף זשעלניכע

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

אַ פּילזײַטיקער קינסטלער

אין איינעם אַן אָוונט האָט אין לאָקאַל פון אַ מאָסקווער קינאָ־טעאַטער צוגעצויגן מײַן אופמערקזאַמקײַט אַן אויסשטעלונג פון די ווערק פונעם קינסטלער שלוימע ווערכאָווסקי. אויף די ווענט פון דער פאָיע זײַנען געהאַנגען פּייזאַזשן און נאַטיורמאָרטן, געמאָלטע מיט אייל־פאַרב, טעמפּערא, אַקוואַרעל; געשטעל־געמעלן, געשאַפענע מיט אַ בלײַער, פלאָמאַסטער און מיט אַ קײַלכלפען; מאָזאַישע פּאָרטרעטן, צונויפגעשטעלטע פון שוואַרציאַמישע קיזלשטיינדלעך; עסקיזן צו דער פײַערלעכער אויספורעמונג פון דעמאָנסטראַנטן־קאָלאָנעס, פון מאָסקווער גאַסן און פּלעצער.

אינגיכן האָב איך זיך געטראָפן מיטן מאָלער. מיר זײַנען געשטאַנען בײַ זײַנס אַ בילד מיטן אונטערשריפט „באַנאַכט". אויפן יאַם־ברעג לעבן אַ שײַטער זיצן צוויי פישער און שמועסן צווישן זיך. דער אָפּשײַן פונעם באַגילדעטן פלאַם שעמערירט אויף זייערע פּנימער, אויף דעם טונקל־בלויען וואַסער און טײַעט אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער דאָרעמדיקער נאַכט. אַ ברייטער לעוואָנע־פּאַס שנײַדט דורך די יאַם־ווײַטעניש, און ווי אַ ציטערנדיקער וויִאָלאָנטשעל־קלאַנג ווערט ער פאַרלאָשן ערגעץ בײַם אומזיכטבאַרן האָריזאָנט... דער פאַרבן־בוי און די שײַן־סטרוקטור פונעם בילד, זײַן פאַרלאַנגזאַמטער צעצויגענער ריטם שאַפן אַ רויִק־טרוימערישע וועלט פון שטילקײַט, פון אומפאַרגענגלעכער לעבנס־ווערט.

— וווּ איז דאָס בילד געמאָלט געוואָרן? — פרעג איך בײַם קינסטלער.

— אין אָטשאַקאָוו, — ענטפערט מיט בענקשאַפט ווערכאָווסקי. — אויף מײַן היים־ערד. אַך, ניט פרעגט, ווען דאָס איז געווען. מיט העכער פופציק יאָר צוריק...

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז איך וועל קומען צו אים אַהיים.

צווישן די געמאָלטע, גראַפישע, מאָזאַישע פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן, נאַטיורמאָרטן, סוזשעטישע קאָמפּאָזיציעס הענגט אין ווערכאָווסקיס דירע אַ גרויסער אייל־פאַרביקער לײַוונט. אויף אים האָב איך דערזען אַ יאַט אין אַ גימנאַסטיאָרקע מיט אַן אויסדריקלעך, באַגײַסטערט פּנים. אין זײַנע הימל־בלויע פאַרכאָלעמטע אויגן — ענערגיע און ווילן. איך קוק זיך צו און געפין אינעם פּאָרטרעט אַ באַשײַמפּערלעכע ענלעכקײַט מיטן באַלעבאָס פון דער דירע סײַ אין די אויסערלעכע שטריכן, סײַ אינעם כאַראַקטער פון דעם געשטאַלט: דער יונגער מיליטערמאַן אויפן בילד — דאָס איז בעליסאָפּעק שלוימע ווערכאָווסקי.



— ווער איז דער מעכאַבער פונעם פּאָרטרעט? — פרעג איך בײַם קינסטלער. — אַ באַקאַנטע מאַניר, געגליכן צום סטיל פון סאָקאָלאָוו־סקאַליאַ...

— יאָ, טאַקע ער, פּאַוועל פּעטראָוויטש, האָט מיך געמאָלט אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר.

איך בין געווען באַקאַנט מיטן אַקאַדעמיקער פּ. פּ. סאָקאָלאָוו־סקאַליאַ, מיט איינעם פון די גלענצנדיקסטע סאָוועטישע קינסטלער. ער האָט פאַרהעלטניסמעסיק זעלטן געמאָלט פּאָרטרעטן, און מע וואָלט געדאַרפט זײַן אַן אויסנעמלעכער מענטש, קעדיי באַערט ווערן פון זײַן פּענדזל.

— ווי־אַזוי האָט אײַך דער גוירל צונויפגעפירט מיט פּאַוועל פּעטראָוויטשן? — אינטערעסיר איך זיך.

— סאָקאָלאָוו־סקאַליאַ איז מײַן לערער.

איך דערוויס זיך אייניקע פּראָטים פון שלוימע ווערכאָווסקיס לעבן.

דעם אַלעפבייס פון דער פּראָפעסיאָנעלער קונסט האָט ער דערלערנט אין אָטשאַקאָוו, ווען ער איז אין 1919, אַ צעניאָריק יינגעלע, אָנגעקומען אין דער סטודיע פונעם קינסטלער כאַצינסקי. טאַקע נאָר דעם אַלעפבייס האָט ער זיך דערוווּסט, ווײַל די דאָזיקע סטודיע האָט עקזיסטירט בלויז איין יאָר. שפּעטער שטודירט ער נאָך איין יאָר אין דער אָדעסער מאָלערישער שול. אומקערנדיק זיך אַהיים, קיין אָטשאַ־

קאָוו, ארבעט ער א שטיקל צײַט אלס קלוב־קינסטלער, אינגיכן פאָרט ער איבער קיין מאָסקווע. דאָ איז ער אין 1930 אָנגעקומען אף דינסט, אלס פרײַוויליקער, אין דער דיוויזיע פון ספּעציעלע אָנגעלעגנהײַטן אף פּ. ע. דזערזשינסקיס נאָמען, ווו ער ווערט א טוער אינעם ארמייִשן קלוב.

איינמאָל איז אין דער דיוויזיע געקומען צו פאָרן פּ. פּ. סאָקאָלאָוו־סקאַליא, וועלכער האָט פארבעטן צו זיך אין וואַרשטאַט דעם יונגן רויטארמייער. ווערכאָווסקי איז געוואָרן אן אָפּטער ארײַנגייער אין דער אטעליע פונעם אָנגעזעענעם מאָלער. אינגיכן, ווען סאָקאָלאָוו־סקאַליא איז מאַסקים געווען צו נעמען אף זיך די פליכטן פונעם אָנפירער פון דער סטודיע פון רויטארמייִשע מאָלער, האָט ער געבעטן, אז ווערכאָווסקי זאָל נאָמינירט ווערן אין איר אלס זײַן באַהעלפער. די מיטארבעטערשאַפט פון דעם יונגן ווערכאָווסקי מיטן רײַפן מײַסטער האָט געדויערט עטלעכע יאָר.

אין 1941 — 1942 געפינט זיך ווערכאָווסקי אין קירגיזיע, אין דעם ראַיאָנעם ייִשעוו לענינדאָרף עקספּאָנירט ער זײַן ערשטע קינסטלערישע אויסשטעלונג „דאָס הינטערלאַנד — דעם פראָנט“. ער באַווײַזט פּופּציק פּאָרטרעטן פון פּאָשעטע ארבעטסמענטשן, וועמענס העלדישע מי העלפט בײַצוקומען דעם סוינע, ווי אויך א ריי סאַטירישע פּלאַקאַטן, געצילטע קעגן די פאַשיסטן.

אָנהייבנדיק פונעם 1943 איז ווערכאָווסקי אין דער ארמיי, ווו זײַן קלייזײַען — דאָס פּענדזל, דער בלײַפעדער, די פּען — זײַנען נאָך שאַרפער געוואָרן. דער מאָלער שאַפט פּאָרטרעטן פון העלדן־פראָנטאָוויקעס, פּלאַקאַטן, סאַטירישע געמעלן, פארביקע פּאַנאָ, וועלכע רימען די העלדנמוטיקע רויטע ארמיי. ווערכאָווסקיס פּלאַקאַטן און פּאַנאָ זײַנען לאַקאָנישע, קלאָרע, דײַטלעכע. זיי ווערן אופגענומען אויגנבליקלעך און פונדערווײַטנס. זיי פלעגן באַגעגענען אונדזערע סאָלדאַטן אף פיל פראָנט־וועגן.

אין דער שטאָט פּאָלאָצק, אין 1945, עקספּאָנירט ש. ווערכאָווסקי די אויסשטעלונג פון זײַנע פראָנט־ארבעטן, וועלכע האָבן באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג מיצאַד די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן.

שאַפנדיק פּלאַקאַטן וועגן די פליִער־העלדן, וועלכע פלעגן פאַרנעמען אף זייערע קריגס־אַעראָפּלאַנען טאַראַנען קעגן פײַנטלעכע מאַשינען, האָט ש. ווערכאָווסקי איינצײַטיק געזאַמלט צײַטונגס־אויסשניטן און דערינערונגען, געווידמעט אָט די דרייסטע קריגסלײַט. ער זוכט אין די ארכיוון און ביבליאָטעקן, פירט א בריוו־אויסטויש מיט די מיליטערישע קאָמיסאַריאַטן און מיט געוועזענע פליִער, קערנדל צו קערנדל קלײַבט ער מאַטעריאַלן וועגן די לופט־טאַראַנען. איצט זײַנען שוין צונויפגעזאַמלט באַם קינסטלער אין די פּאַפּקעס, באַשטעטיקטע מיט דאָקומענטן, יעדיעס וועגן 578 טאַראַנען. שלוימע ווערכאָווסקי האָט פארעפנטלעכט אן ערעך פּופּציק ארטיקלען וועגן זיי אין צײַטונגען און זשורנאַלן, בעסוּכעם אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. די ראָל פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס אין דער פּאַטריאָטיש־מיליטעריש־דערציִערישער ארבעט צווישן דער יוגנט איז שווער איבערצושאַצן. און ס׳איז קיין צופעליקײַט ניט, וואָס דער סאָוועטישער קאָמיטעט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען, אין וועלכן ווערכאָווסקי ארבעט אקטיוו שוין פיל יאָרן, האָט א סאַך מאָל אָפּגעמערקט אָט די טעטיקײַט זײַנע מיט ערן־גראַמאָטעס און מעדאַלן.

שלוימע ווערכאָווסקי איז א קינסטלער אן אלזײַטיקער. א פונדאַמענטאַל אָרט אין זײַן שאַפונג פארנעמט פונדעסטוועגן די אויספורעמונג פון געזעלשאַפטלעכע אינטעריערן, די באַצירונג פון גאַסן, פּלעצער און מאַגיסטראַלן לעקאָווועד די אלפאָלקישע יאָמטויווים און די פײַערלעכע באַפּוצונג פון די קאָלאָנעס דעמאָנסטראַנטן. אין מעשעך פון עטלעכע יאָר איז ער געווען דער הויפּט־קינסטלער פונעם זשדאַנאָווסקער ראַיאָן אין מאָסקווע. אים פלעג אויסקומען פאַנאַנדערצואַרבעטן צו יעדן רעוואָליוציאָנערן יאָמטעוו עסקיזן פאַר אויספורעמונגען פון די פײַערלעכקײַטן. דאָס איז אן ארבעט א קאָמפּליצירטע, א סקרופּולעזע, וועלכע פאָדערט דערפאַרונג און מײַסטערשאַפט. א סאַך מאָסקווער טוישווים און געסט פון דער הויפּטשטאָט געדענקען מיסטאָם די אינסטאַליאַציע „פרידן דער וועלט“ אף דעם אבעלמאַנאָווער פּלאַץ, די איליומינירטע סיסטעם פון לײַכטע רערן־קאָנסטרוקציעס „דער אטאָם — דעם שאָלעם“, די עלעקטריפיצירטע אינסטאַליאַציע „אווראָרעס זאַלפּ“ אף דעם קינאָ־טעאַטער „רובין“, אין וועלכער עס האָבן געלויכטן צוויי טויזנט לעמפּלעך מיט דער הילף פון צוועלף איבערשליסונגען. באַזונדערע עלעמענטן פון די אויספורעמונגען שטרעבט שלוימע ווערכאָווסקי הארמאָניש פארייניקן מיט דער ארכיטעקטור פון די ביניאָנים אף די מאַגיסטראַלן און פּלעצער.

געוויינלעך בלײַבן ניט אלע עסקיזן באַם קינסטלער־דעקאָראַטאָר, באַם מאָלער־אויספורעמער. אויך שלוימע ווערכאָווסקי האָט ניט קיין מעגלעכקײַט באַווײַזן אף זײַנע פּערזענלעכע אויסשטעלונגען אלע געלונגענע דעקאָראַטיווע ארבעטן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. בלויז א קליינע צאָל פון זיי איז עקספּאָנירט געוואָרן אינאיינעם מיט דער ווערקשטעלמאָלערײַ, מיט די פּלאַקאַטן און מיט דער זשורנאַלגראַפיק.

איינע פון זײַנע אויסשטעלונגען האָט שלוימע ווערכאָווסקי דעמאָנסטרירט אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין 1977. און דאָס איז ניט צופעליק: קימאַט אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר איז ער אן אקטיווער מיטארבעטער פונעם זשורנאַל, ער שאַפט פאַר אים טאָוולען, שמוצטיטלען, רובריקעס, קעפּלעך, קעשענע־קאַלענדאַרן, איליוסטרירט ליטעראַרישע ווערק, מאָלט שריפטן.

שלוימע ווערכאָווסקי איז אלט געוואָרן 75 יאָר. ער איז פול מיט ענערגיע, מיט נײַע שעפערישע פּלענער.

גריגאָרי קוסטאָוו

■ ■ ■

א ביבליאָטעק אין סאָקאָלניקי

אין דער טיפֿעניש פֿונעם הויפּטשטאָטישן פּאַרק סאָקאָלניקי, א פֿאַרשאָטנטע מיט אַלטע ליפּעס, שטייט א צווײשטאָקיקע הילצערנע געבײַדע. אויף איר פֿאַסאַד — א מעמאָריאַל־ברעט, וועלכע איז שטענדיק, אין א באַליבי־קער צײַט פֿון יאָר, באַצירט מיט בלומען. אונטער דעם לעניניש פּראָפֿיל — אויסגעקריצטע גאָלדענע ווערטער: „וולאַדימיר איליטש לענין איז אין אָט דעם הויז בײַגעווען דעם 19 יאַנואַר 1919 אויף א יאָלקע אין דער „וואַלד־שול", און ער פֿלעגט אָפֿט קומען צו פֿאָרן אַהער ווינטער 1918 — 1919, ווען ס'איז דאָ געווען נ. ק. קרופּסקאַיאַ".

אין דער געבײַדע געפֿינט זיך דער פֿיליאַל פֿון דער מאָסקווער שטאָטישער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אויף א. נ. נעקראַסאָווס נאָמען. אויף א קופּערן שילדל לייענען מיר: „אָפּטייל פֿון די ליטעראַטורן אויף די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿון פֿססר".

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז ברייט פֿאָרגעשטעלט אין די צימערן פֿון אָט דעם הויז אונטער די ליפּעס פֿונעם סאָקאָלניקי־פּאַרק. מע קאָן דאָ קריגן ניט נאָר ווערק פֿון די הײַנטצײַטיקע שפֿעדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, — אויך אויסגאַבעס פֿון די פֿאַרגאַנגענע צײַטן, פֿיל פֿון וועלכע עס זײַנען שוין געוואָרן ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהײַטן, א באַזונדער אָרט פֿאַרנעמען די קאָמפּלעקטן פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט זײַנע בײַלאַגעס.

די פֿאָנדן פֿון די ייִדישע ביכער זײַנען איבערגעגעבן אין רעשוס פֿון די לייענער פֿון דער ביבליאָטעק. און לייענער זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק. דער אַנאַליז פֿון די אַבאָנענט־פֿאָרמולירן באַווײַזט, ווי פֿאַרשיידנאַרטיק עס איז דער קאָנטינגענט פֿון די מענטשן, וועלכע נוצן זיך מיט די טויוועס פֿון אָט דעם אָפּטייל פֿון דער ביבליאָטעק. דאָ קאָן מען באַגעגענען, לעמאַשל, דעם פֿיר־און־אַכציקיאָריקן פּענסיאָנער זינאָווי מיכײַלאָוויטש ליאַנדרעס, וועלכער האָט זײַן אָנפֿאַנג־בילדונג באַקומען נאָך אין כיידער, און דעם צוואַנציקיאָריקן סטודענט אַלעקסאַנדער רויטמאַן, וואָס האָט אויסגעלייענט, וויאַזוי מע דאַרף טײַטשן דאָס וואָרט כיידער, באַ שאָלעם־אַליכעמען. אינזשעניערן, דאָקטוירים, לערער, אַרבעטער — מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער און פּראָפֿעסיעס אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער פֿיליאַל פֿון דער נעקראַסאָוו־ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט א פֿילנאַציאָנאַלן לייענער־באַשטאַנד, מע וואָלט אַפֿילע געמעגט זאָגן — אַן אינטערנאַציאָנאַלן. צווישן די, וואָס לייענען רעגולער ביכער פֿון ייִדישע שרײַבער אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש וואָלט איך אָנגערופֿן, אַשטייגער, דעם אינזשעניער ניקאָלײַ דמיטריעוו, א רוס, דעם אַרבעטער לעאָניד באַביטש, אַן אוקראַינער, די סטודענטקע נאַדיעזשדאַ אַקולענקאָ, א ווײַסרוסיש מיידל, דעם מוזיקאַנט ראָלאַנד לאַציס, א לעט.

אָפֿטע געסט אין דער ביבליאָטעק זײַנען די איבערזעצער אי. שוואַרץ און נ. בערקאָווסקאַיאַ, דער קינאָדראַמאַטורג ל. בראַסלאַווסקי, די שרײַבער אָ. וואָלין, וו. ראָסעלס, דער קריטיקער א. טאַבענקינאַ און אַנדערע. און אויב אַדאַנק זייער טירכע וועלן לידער פֿון ייִדישע פּאָעטן און דערציילונגען פֿון ייִדישע פּראָזאַיקער דערגיין צום אַלפֿאַרבאַנדישן לייענער, וועט די נעקראַסאָוו־ביבליאָטעק מעגן זאָגן, אַז דאָ איז אויך פֿאַראַן איר כיילעק.

די ביבליאָטעק איז שוין פֿון לאַנג באַפֿרײַנדעט מיט דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". די רעדאַקציע האָט געהאָלפֿן דער ביבליאָטעק אויסצופֿורעמען די פֿאָנדן פֿונעם ייִדישן אָפּטייל, די דאָזיקע אַרבעט זעצט פֿאָר דער זשורנאַל ביז איצט. קימאַט אַלע טעטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער שענקען דער ביבליאָטעק זייערע נײַע ביכער. די לייענער באַמערקן עס און שאַצן עס הויך אָפּ.

אין לייענזאַל פֿון דער ביבליאָטעק שטייט א גרויסע גלעזערנע וויטרינע, אין וועלכער עס זײַנען אויסגעשטעלט ביכער מיט אויטאָגראַפֿן פֿון זייערע מעכאַברים. דאָ קאָן מען באַגעגענען פֿאַמיליעס פֿון די מאָסקווער טוישווים סערגיי באַרוזדין, מיכאַיל שאַטראָוו, בולאַט אָקודזשאַווא, יורי אַראַקטשייעוו. עס זײַנען פֿאָרגעשטעלט פֿאַרשטייער פֿון פֿיל נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן: גאַריף אַכונאָוו, טשינ־

גיז אײַטמאַטאָוו, געוואָרק עמין, אָטאַר טשילאַדזע, גונאַר פּריִדע, יורי זבאַנאַצקי, לילי פּראָמעט, נאָדאַר דומבאַדזע. דאָס אַלץ איז אַן אָנדענק פון די מערקווירדיקע ליטעראַרישע אָוונטן, באַגעגענישן פון די מאָסקווער לייענער מיט די אווטאָרן, וועמענס ביכער עס געפעלן זיי.

א פערטלייַלעק פון דער וויטרינע פאַרנעמען די ווערק פון ייִדישע שרײַבער. די פילְיאָריקע מיטאַרבעטערשאַפט פון דער ביבליאָטעק מיט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" באַקומט איר אָנטפּלעקונג, צווישן אַנדערס, אין דעם, וואָס די רעדאַקציע אָרדנט אײַן שעפערישע אָוונטן אין סאָקאָלניקי. אָט די ליטעראַרישע באַגעגענישן פון די שרײַבער מיט די לייענער זײַנען שטאַרק פּאָפּולער, עס באַזוכן די אָוונטן א סאַך מער ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איידער עס קאָן אַרײַנעמען דער זאַל פון דער ביבליאָטעק. דעם אוילעם גייט עס גאָר ניט אָן: מע שטייט אין די דורכגאַנגען, מע קלעפּט זיך צו די ווענט, און קיינעם אַרט עס ניט, מע איז צופרידן, מע האָט האַנאָע. אַף די באַגעגענישן לייענען זייערע ווערק און שמועסן מיטן צושויער ניט נאָר די מאָסקווער שרײַבער, נאָר אויך פּראָזאַיִקער און דיכטער פון אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע, ביראָבידזשאַן, פון אַנדערע געגנטן און שטעט. עס קומט פאָר אַן ערנסטער פאַרינטערעסירטער געשפּרעך וועגן דעם גוירל פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן די קלאַסיקער, וועגן די פּערספּעקטיוון אַף ווײַטער.

אַן אומבאַדינגטע אָנטיילנעמערן אין אָט די אָוונטן איז די מוזיק. לידער און ראָמאַנסן אַף די ווערטער פון ייִדישע דיכטער שאַפן א פײַערלעכע אַטמאָספער אין זאַל. די באַגעגענישן אין סאָקאָלניקי פאַרוואַנדלען זיך טאָמיד אין א יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור.

פּאַוועל קוזמענקאָ,
עלטערער ביבליאָטעקער

• • •

כראָניק

אינעם קלוב „ביראָבידזשאַנקע"

אינעם שטאָטישן פרויען־קלוב „ביראָבידזשאַנקע" איז פּאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכע זיצונג. דאָס מאָל האָבן זײַנע אָנטיילנעמער זיך באַגעגנט מיטן פאַרדינסטפולן לערער פון דער שול פון רספסר, קאַוואַלער פון א לענין־אָרדען ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער, וועלכע האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן דער דערציִונג פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר. מער פון 25 יאָר איז זי געווען דירעקטאָר פון דעם שול־אינטערנאַט אין ביראָבידזשאַן. הונדערטער אירע געוועזענע דערצויגלינגען האָבן פאַרענדיקט הויכשולן, זײַנען געוואָרן אינזשעניערן, דאָקטוירים, פּעדאַגאָגן, ספּעציאַליסטן פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

א סאַך וואַרעמע ווערטער זײַנען אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַפן אַדרעס פון דער אַקטיווער אָנטיילנעמערן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער עלטערער דערציִערן פון דעם שול־אינטערנאַט ל. גומיראָווא.

צום שלוס זײַנען פאַר די מיטגלידער פונעם קלוב אַרויסגעטראָטן מיט זייער שאַפונג יונגע דיכטער־אָנפאַנגער.

לייב ווילסקער

יעהודע האַלייוויס מאטאָנע

אין זײַן בוך „נײַע לידער“ (אַזוי ווערט דאָ און ווײַטער קורץ אָנגערופן דער בוך פון כ. שירמאַן „שירים חדשים מן הגניזה“, 1965) האָט דער געלערנטער באַשריבן אַ פראַגמענט, וועלכער געפינט זיך אין קעמבּ-רידזש און איז שיפרירט „נײַע סעריע 108, נומער 77“. דער פראַגמענט אַנטהאַלט זיבן לידער פון יעהודע האַלייווי, פולקומע אָדער טײלן פון זיי. פיר זײַנען אַדרעסירט צום דײַען פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריִע אַרן איבן אַלעמאַני, זיי האָט פּובליקירט כ. בראַ-די אין די ערשטע צוויי בענדער פון זײַן אויסגאַבע, וואָס איר טיטלבלאַט אין דײַטש איז: „דיוואַן דעס יעהודא האַלייווי“ (ב. 1 — 1894, ב. 2 — 1903. ווײַטער ווערט די אויסגאַבע אָנגערופן: כ. בראָדי).

כ. שירמאַן האָט אַרויסגעזאָגט אַ האַשאַ-רע, וועלכע רופט ניט אַרויס קיין מינדסטן צווייפל, אַז אויך די אַנדערע דרײַ לידער האָט דער דיכטער געווידמעט דער זעלבער פּערזענלעכקײַט, ווו, אַגעוו, אין איינער פון זיי ווערט בעפיירעש דערמאָנט „אַהרן“, וועל-כער איז באַצייכנט אַלס „נאָווי פון דער כאָכמע (וויסנשאַפט)“. און אין אַ צווייטער, געווידמעט אַ דיכטער, לייענען זיך אַזוי די לעצטע שורעס:

„ראה כי חסדך עלי בשירך
ואם לא נגדך אחוד ואמשול —
והוא צרי ביום צירי וחבלי.
למי אחוד, למי אשא משלי?“

(„זע נאַר, ווי מיט דײַן ליד באַגייסטו זיך מיט כעסעד מיט מיר.
זי איז מײַן רעפוע אינעם טאָג, ווען איך לײַד פון ווייעניש. און אויב ניט פאַר דײַנטוועגן וועל איך פאַר-פאַסן רעטעניש און דיכטונגען, פאַר וועמען זאָל איך זיי פאַרפאַסן?)

אַז דער דײַען איבן אַלעמאַני איז אויך באַוווּסט אַלס דיכטער, האָט געהאַט אין זײַן רעשוס קסאַווים פון יעהודע האַלייווי מיט רעטעניש פון לידער, באַשטעטיקט זיך לעצטנס אויך אַדאַנק דעם פּובליקירטן דורכן פּראָפ. ש. ד. גויטיין בריוו פונעם טוישעוו פון אַלעקסאַנדריִע בן-אַלעלאַ צו יעהודע האַלייווי (אין זשורנאַל „תרביץ“ [טאַרביץ], 1959), וועגן וועלכן איך האָב שוין פריִער געשריבן.

שוין אַ פּאָר יאָר האָט מיך געמאַטערט די פראַגע: צי קאָן געמאָלט זײַן, אַז דער פראַגמענטירטער קסאַויאַד פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג (ווײַטער געקירצט — 2פּ), נומער 178, זאָל שטאַמען פון אַ קאָ-פּיע פון יעהודע האַלייוויס אייגנהאַנטיקער צונויפגעשטעלטער זאַמלונג פון זײַנע רעטע-נישן און לידער אַלס אַ בײַלאַגע צו דער דערמאָנטער ליד?

און אָט נעם איך זוכן...

קוואַסיאַד 2פּ 178

דער אָנהייב פונעם קסאַויאַד פעלט. דער טעקסט הייבט זיך אָן מיט צוויי ווערטער „כולם לבושים“ („אַלע זײַנען אָנגעטאָן“) — אַ סאָף פון אַ רעטעניש. וועגן אַ זוים-קערן (בראָדי, ב. 2, ז. 200, רעטעניש נומער 17).

דערנאָך גייען נאָכאַנאַנד 35 אַנדערע רע-טענישן און פיל לידער. אַלע רעטענישן זײַנען פּובליקירט געוואָרן אַלס אָנגעהערי-קע צו יעהודע האַלייווי דורך אַ. האַר-קאַווי, כ. בראָדי און אַנדערע פאָרשער. זייער אינהאַלט — געגנשטאַנדן, אָדער פּערזענלעכע נעמען. די מערהײַט פון די לעצטע לאָזט זיך

פעסטשטעלן אַלס אייגנטימער פון יעהודע האַלייווים באַוווּסטע פרײַנט.

דאָ מוז מען אָבער גלײַך מאַכן צוויי באַמערקונגען.

ערשטנס. אין קיין שום באַוווּסטן ביז איצט קסאַוויאַד פון יעהודע האַלייווים ווערק זײַנען די רעטענישן ניט פאַרגעשטעלט אַזוי קאָמפּאַקט, ווי אין אונדזער קסאַוויאַד. דאָס איז שײַעך סײַ די באַוווּסטע קסאַוויאַדן, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאַנד, סײַ די קסאַוויאַדן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן אין די ביבליאָטעקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אַגעוו, געפונען האָב איך רעטענישן פון יעהודע האַלייווי אין די פאָלגנדע קסאַוויאַדן: 2פּ. נומערן 1—44, 3—106, 1—208, 3—600 און 614.

צווייטנס. די מערהײַט רעטענישן זײַנען צווייישורעדיקע און געבויט פּינקטלעך לויט דער זעלבער פּערזן-מאָס, וואָס אין איר איז פאַרפאַסט די אָקאַרשט דערמאָנטע ליד, וועלכע ס'האָט פּובליקירט כ. שירמאַן און וועלכע ענדיקט זיך מיט די צוויי איבערגעבראַכטע שורעס.

לאָמיר באַטראַכטן דעם קסאַוויאַד גענויער. קוידעמקאָל ענטפערן אויף דער פראַגע, צי איז ער באַוווּסט אין דער וויסנשאַפט.

עס דאַכט זיך, אַז נאָך דעם, ווי א. פירקאָוויטש האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם סיידער פון די בלעטער אין קסאַוויאַד נומער 178 פון זײַן צווייטער זאַמלונג און געמאַכט א רעשימע פון די צוגענגלעכע פאַר אים אָנהייבן פון די לידער, און נאָך דעם, ווי א. האַרקאַווי האָט געמאַכט פאַרן קסאַוויאַד א ביבליאָטעקיש קאַרטל, האָט זיך צום קסאַוויאַד ניט צוגערירט קיין האַנט פון אַן ערנסטן פאָרשער. אויסערלעך רופט טאַקע דער קסאַוויאַד ניט אַרויס קיין שום אינטערעס. אַלץ איז דאָ אָן אויסערגעוויינלעכס: דאָס פּאַפּיר, דער טינט, די מאַניר פון שרײַבן, דער קסאַוויאַד אין אַלגעמיין. די ערשטע 15 בלעטער זײַנען געשריבן מיט טונקל-ברוינעם טינט, און די לעצטע — מיט שוואַרצן, דורך איין סויפער, אין ראַשי-קסאַוו, צו 18-19 שורעס אויף א זײַטל, אויף 19 בלעטער פּאַפּיר פון מיזרעכדיקער אָפּשטאַמונג, אָן וואַסער-צייכנס. פונעם ערשטן אויגנבליק קאָן זיך אויך דאַכטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א גאַנץ געוויינלעכער אַנטאָלאָגיע, ווו עס זײַנען אײַנגעשלאָסן לידער פון פאַרשיידענע מיטלאַלטערלעכע דיכטער. מיר טרעפן זיך אָן אויף באַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי, אווראָהאָם איבן-עזראַ מיט זײַנע אַקראָסטיכן „אברם" און „אברהם"; מיר אונטערשיידן דאָ אויך אַן אַקראָסטיך „יוסף" און א צווייטן — „אלעזר".

א דעטאַלע פאָרשונג אָבער פונעם קסאַוויאַד מיט זײַנע אַראַבישע קעפלעך רופט צו אים אַרויס אַן אינטערעס פון א ריי שטאַנדפּונקט. קוידעמקאָל, לויט דער אויסערגעוויינלעכער קאָמפּאָזיציע. די בלעטער 1—13, 16—19 שטעלן מיט זיך פאָר פראַגמענטירטע אָדער גאַנצע ווערק פון יעהודע האַלייווי, און די בלעטער 14—15 בילדן א פראַגמענט, וועלכער אַנטהאַלט מערסטנטייל לידער פון אווראָהאָם איבן-עזראַ. צווייטנס, לויט דער אומבאַוווּסטער ביז איצט רעדאַקציע פון יעהודע האַלייווים לידער (אווראָהאָם איבן-עזראַס לידער בין איך געצוווּנגען דערווײַל לאָזן אין א זײַט, ווײַל מיר איז ניט צוגענגלעך די נייטיקע ליטעראַטור פאַר זייער פאָרשונג). דריטנס — לויטן אינהאַלט. אין קסאַוויאַד זײַנען פאַראַן אַזעלכע ניט פּובליקירטע ווערק פון יעהודע האַלייווי. פערטנס — און דאָס איז ביז גאָר וויכטיק — ווי עס ווײַזט אויס, טיילט אָפּ דאָס אָנשרײַבן פון דעם קסאַוויאַד פונעם לעבן פון יעהודע האַלייווי און אווראָהאָם איבן-עזראַ ניט קיין גרויסער צײַט-אָפּשניט.

מיר זײַנען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דער איצטיקער צוזאַמענשטעל פונעם קסאַוויאַד שטעלט מיט זיך פאָר טיילן פון צוויי זעלבשטענדיקע קאָפּיעס; זיי פאַרייניקט בלויז די האַנט פון איינעם און דעם זעלבן קאָפּיסט. די בלעטער 1—13 און 16—19 בילדן פינף פראַגמענטן פון יעהודע האַלייווים אויסגעוויילטע ווערק: דער פראַגמענט נומער 1 באַשטייט פון די בלעטער 1—6, נומער 2 — פון בלאַט 11, נומער 3 — פון די בלעטער 12—13, נומער 4 — פון די בלעטער 7—10 און נומער 5 — פון די בלעטער 16—19.

דער אורקוואַל פונעם פראַגמענט נומער 4, ווו מיר געפינען דעם אַראַבישן „להי" („אים געהערט אויך"), איז א שפּעטערדיקער רעזולטאַט פון א זאַמלער. דער אורקוואַל פון אַלע פיר ערשטע פראַגמענטן איז געווען געשאַפן, ווען יעהודע האַלייווי האָט נאָך געלעבט. דער אורקוואַל פונעם פינפטן פראַגמענט, ווו מיר געפינען דעם „להי ז"ל" („אים, זיכרוינוי ליווראָכאָ, געהערט אויך"), איז צוגעגעבן דורך א זאַמלער נאָך יעהודע האַלייווים טויט, דה. נאָך אווגוסט 1141. אַגעוו, דער דאָזיקער פראַגמענט איז זייער שלעכט אײַנגעהיט געוואָרן. די רעכטע זײַטלעך פון די בלעטער 16 און 17 לייענען זיך קימאַט אינגאַנצן ניט. עס איז אַפילע אומעגלעך פעסטצושטעלן, וויפל לידער זײַנען דאָרט פאַראַן.

לאָמיר באַדינגלעך אָנרופן דעם אורקוואַל

פון אלע פינף פראגמענטן פון יעהודע האַלייווים ווערק „קסאוויאד אלעף“, אין אונטערשייד פונעם „קסאוויאד בייס“ — דער אורטעקסט פון וועלכן עס זײַנען קאַפּירט געווען די אַנגעשריבענע טעקסטן אף די בלעטער 14 און 15 פון אונדזער קסאוויאד.

שויין די פאַרלויפיקע פאַרשונג פונעם קסאוויאד גופע מיט זײַנע אראבישע קעפלעך אין פארגלײַך מיט אלץ, וואָס עס איז ביז הײַנט-צו-טאָג באוווּסט אין דער ליטעראטור, דערלויבט וועגן דעם „קסאוויאד אלעף“ ארויסזאָגן א האשאָרע, וואָס לאָזט זיך פאַרמולירן אין פאָלגנדע טעזיסן:

1. יעהודע האלייווי האָט, זײַענדיק אין מיצראַיִם אין צײַט-אָפּשניט סעפּטיאבער 1140 ביז אלנפאלס ניט שפּעטער פון דער ערשטער העלפט פון 1141, צונויפגעשטעלט אייגנהאנטיק א זאמלונג פון זײַנע אויסגעווילטע ווערק, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט רעטענישן און איז געווען פאַרגעזעצט מיט קאסידעס (וועגן דעם דאָזיקן טערמין זע ווײַטער), מיניאַטיורן און אנד. אין דער זאמלונג האָט ער אויך ארײַנגענומען פיל פון זײַנע „מוּוואשאכן“ (וועגן אָט דעם טערמין זע ווײַטער). די זאמלונג מיט א פאַרגייענדיקער ליד האָט ער געשיקט צו איינעם פון זײַנע פארערער.

2. דער אדרעסאט, אָדער איינער פון זײַנע פרײַנט, האָט גלײַך, נאָך באם לעבן פונעם דיכטער, צונויפגעשטעלט א קאָפּיע.

3. נאָכן טויט פון יעהודע האלייווי (ארום אווגוסט 1141) האָט דער זעלבער אדרעסאט, איך שטרײַך אונטער: פאַרן אייגענעם געברויך, פארפולקומט זײַן קאָפּיע מיט אנדערע ווערק פונעם דיכטער, וועלכע ס'האָט אים געגליקט מיט דער צײַט צו אָפּזוכן.

4. דער דאָזיקער פארפולקומטער „קסאוויאד אלעף“ איז געווען דער קוואל פון יעהודע האלייוויס לידער, וועלכע א קאָפּיסט האָט איבערגעשריבן אין קסאוויאד 2פ 178. די לידער זײַנען בא הײַנט-צו-טאָג פאַרגעשטעלט אין די בלעטער 1—13, 16—19, לויטן סיידער, ווי זיי האָט צונויפגעלייגט גאַנץ צופעליק א. פירקאָוויטש אין פאַריקן יאָרהונדערט.

דער פילזײַטיקער וויסנשאפטלעכער אינטערעס פונעם קסאוויאד קאָן ניט אנטפּלעקט ווערן אָן א דעטאלן אנאליז פון זײַן אינהאלט. העיויס די קעפלעך אינעם קסאוויאד זײַנען געשריבן, כאָטש מיט העברעיִשע אויסיִעס, אָבער אין דער אראבישער שפּראך, האָבן מיר ניט קיין אנדער ברייִרע, ווי באקענען זיך מיט די טערמינען, וועלכע ווערן דאָרט באנוצט: „כמל“, „גירה“, „אכר“, „לה“, לה ז״ל און „לה זצ״ל“.

ווי באווּסט, איז אין מיטלאלטער געווען זייער טײַער דער שרײַב-מאטעריאל. קעדיי צו שפּאָרן פּארמעט אָדער פּאפּיר, פלעגט מען ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן אינטערוואלן, איבערלאָזן א פרײַע שורע אָדער אפילע דעם סאָף פון דער שורע. קעדיי אָבער מע זאָל וויסן, אז מע האָט דאָ צו טאָן מיט צוויי ווערק און ניט מיט איינעם, פלעגן די אווטאָרן פארענדיקן זייער ווערק מיטן וואָרט „כמל“ (לייען: קאמלון), וואָס באטײַט: „סאָף“, אָדער אָנהייבן דאָס פאָלגנדיקע ווערק מיטן וואָרט „גירה“ (גייראהו), אָדער „אכר“ (אכאר, אָדער אכרון), וואָס באטײַטן „אָן אנדער(ע)“, צוזאַמען מיטן קאָנקרעטן זשאנער: ליד, מיניאַטיור, רעטעניש אדג. די קאָפּיסטן פלעגן געוויינלעך איבערשרײַבן די קסאוויאדן אָן קיין שום ענדערונגען.

אנדערש פלעגן זיך באגיין צונויפשטעלער. צונויפשטעלער פון דיוואנען פון איין אווטאָר פלעגן אָפּט די „כמל“, „גירה“ און „אכר“ פארבײַטן מיטן וואָרט „לה“ (לאהו), וואָס באטײַט: „אים געהערט אויך“ — אָן אויסדרוק, וועלכער אנטשפּרעכט פולקום דעם לאטײַנישן „idem“, און ווערט ביז הײַנט-צו-טאָג באנוצט אין דער אייראָפּעיִשער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור. מע דארף האָבן אין זינען, אז בא צונויפשטעלער פון זאמלונגען פון פארשיידענע אווטאָרן הייסט דער „גירה“ אָדער „אכר“ ניט שטענדיק, אז דאָס פאָלגנדיקע און פאָריקע ווערק געהערן איינעם און דעם זעלבן אווטאָר. דעריבער, קעדיי אויסצומײַדן א טאָעס אין דער אווטאָרשאפט פונעם ווערק, מוז מען קוידעמקאָל ווי געהעריק פאָרשן יעדן קאָנקרעטן קסאוויאד. זאמלער און איבערשרײַבער פון ווערק פון פארשטאָרבענע אווטאָרן פלעגן לעקאָוועד זיי צום אראבישן „לה“ נאָך צוגעבן איינע פון די העברעיִשע אבּרעוויִאטורן „ז״ל“ אָדער „זצ״ל“. הויפּטזאכלעך פלעגן די זאמלער און איבערשרײַבער פון קסאוויאדן צוגעבן דעם „ז״ל“ אָדער „זצ״ל“ אין די ערשטע יאָרן נאָכן טויט פונעם געשטאָרבענעם אווטאָר.

„קצידה“ און „קטעה“

קצידה (לייען: קאסידא) איז אָן אראבישער טערמין, וועלכער באטײַט: א ליד מיט א געוויסן מיין, א טענדענציִעזע ליד. קאסידעס אונטערשיידן זיך לויט זייער טעמע און אינהאלט: אָדעס — ליבּ-לידער, געווידמעט

פאַרשיידענע פּערזענלעכקײַטן, באַשרײַבונגען פֿון טרויעריקע אָדער פֿרײלעכע געשעענישן און אַנד. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער קאַסידע זײַנען איר גרויסער פֿאַרנעם און אַ געהעריקער פֿאָרוואָרט.

קטעה (לייען: קיטאַ) איז אויך אַן אַראַבישער טערמין. דער רוסישער אַקאַדעמיקער אי. יו. קראַטשקאָווסקי האָט אַף אַזאַ מין אויפֿן באַצייכנט די ביידע טערמינען: „אייגנטלעך, פֿאַרמאָגט די אַראַבישע פּאָעזיע נאָר די צוויי הויפּט-פֿאָרמען: אַ גרויס ווערק, אַזוי-גערופֿענע „קאַסידאַ" (בוכשטעבלעך: טענדענציִעזע פּיִעסע), און אַ קליין ווערק — „קטעה" אָדער „מוקאַטטאַאַ" (בוכשטעבלעך: אַ פֿראַגמענט). דער אונטערשייד: אויב אין די „קטעה" פֿירט זיך דער דיכטער פֿרײַ סײַ אין געבוי פֿון דער ליד, סײַ אין אויסלייגן דעם אינהאַלט, איז ער אָבער אין דער קאַסידע געבונדן מיט אַ שטרענגן קאַנאָן, וועלכער איז פֿון פֿאָרויס באַשטימט דורך דער טראַדיציע נאָך אין פֿאַר-איסלאַמישן פּעריִאָד" (קראַטשקאָווסקי אי. יו., אויסגעוויילטע ווערק, באַנד. 2, 1956, ז. 473).

מוואַשעך איז אַן אַראַבישער טערמין, וועלכער באַטײַט בוכשטעבלעך: „אַרומגעגאַרטלטער מיט אַ גאַרטל, אַ באַצירטן מיט שיינע שטיינדלעך". אין דער פּאָעטיק באַטײַט ער סטראָפֿישע לידער, אין וועלכע יעדע פֿון זיי ענדיקט זיך מיט אַ „גאַרטל". דער „גאַרטל" באַשטייט געוויינלעך פֿון צוויי שורעס, וועלכע אונטערשיידן זיך מיט זייער געבוי, גראַם און גרייס פֿון די פֿאָריקע אין דער סטראָפֿע. דער געבוי, גראַם און גרייס אין אַלע „גאַרטלען" פֿון איין ליד מוזן זײַן איינע און די זעלבע. און, פֿאַרקערט, מוזן זיך אונטערשיידן פֿון די איבעריקע שורעס פֿון דער סטראָפֿע. דער גראַם פֿון יעדער סטראָפֿע מוז זײַן אַ זעלבשטענדיקער און טאָר זיך ניט איבערכאַזערן אין אַ צווייטער סטראָפֿע. פֿונדאַנען נעמט זיך, אַז די צאָל פֿון וואַריִאַנטן צווישן פֿאַרשיידענע מוואַשעכן — סײַ אין זין פֿון שורעס אין דער סטראָפֿע, סײַ אין זין פֿונעם גראַם און פֿאַרנעם ביכלאַל — זײַנען אַזוי פֿיל, אַז איינער אַ געלערנטער האָט צונויפֿגעשטעלט אַ רעשימע פֿון העכער 250 מוסטערן פֿון מוואַשעכן.

אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע, וועלכע איז געווידמעט די עטאַפּן פֿון דער אַנטוויקלונג און דעם אַרײַנדרינגען פֿונעם מוואַשעך אין דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער דיכטונג (1983), שטעלט זיך דער פּראָפֿ. ע. פֿליישער צווישן אַנדערס אָפּ אַף דער כאַראַקטעריסטיק פֿון די מוואַשעכן, וועלכע הייבן זיך אָן מיט אַ „גאַרטל" און ענדיקן זיך לויט אַן אַנגענומענעם מינהעג מיט אַן אַנטלײַענעם „גאַרטל" פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך. דער ערשטער „גאַרטל" ווערט אָנגערופֿן „דער וועגווײַזער" און דער לעצטער — מיטן אַראַבישן טערמין „כאַרדזשאַ", וואָס באַטײַט „אַרויסגאַנג". דער דאָזיקער טערמין איז פֿעסט אַרײַן אויך אין אַלע אייראָפּעיִשע פּאָעטישע טערמינאָלאָגיעס מיט דער זעלבער באַדײַטונג. די „כאַרדזשאַ" שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אויסצוג, וועלכער פֿאַרנעמט געוויינלעך צוויי שורעס, פֿון אַ פֿאָלקסטימלעכער ניט-ליטעראַרישער ליד, פֿאַרפֿאַסט אין אַראַביש אָדער אין דער פֿריִ-שפּאַניש-אַנדאַלוזישער שפּראַך. דער אינהאַלט פֿון דער „כאַרדזשאַ" איז אָפּטמאָל ווײַט ניט קיין איידעלער. לויט דעם, וואָס עס זאָגן איידעס פֿיל שרײַבער, פֿלעגן זיי צוטרעטן צו פֿאַרפֿאַסן אַ מוואַשעך ערשט נאָך דעם, ווען זיי האָבן פֿאַר זיך אויסגעוויילט אַ געהעריקע „כאַרדזשאַ". די „כאַרדזשאַ" איז ביז הײַנט-צו-טאָג געוואָרן אַ טעמע פֿון אַ מענגע פֿאָרשונגען אַף פֿיל אייראָפּעיִשע שפּראַכן, די ליטעראַטור וועגן איר איז ביז גאָר אַ גרויסע.

מיקויעך דער אַנטוויקלונג פֿונעם מוואַשעך אין דער העברעיִשער ליטעראַטור שטרײַכט אונטער דער פּראָפֿ. פֿליישער איינעקע באַלערעוודיקע פֿאַקטן. פֿון 711 יאָר, דה., ווען די אַראַבער האָבן דעראָבערט שפּאַניע, ביזן יאָר 950 איז אין שפּאַניע גאָרניט געשאַפֿן געוואָרן אין העברעיִש. ביזן יאָר 1040 זײַנען באַוווּסט בלויז 6 מוואַשעכן, געשריבענע אַף וועלטלעכע טעמעס. דרײַ פֿון זיי געהערן שמועל האַנאָגידן (993—1056), וועלכער האָט אין אַלגעמיין פֿאַרפֿאַסט אַרום צוויי טויזנט וועלטלעכע לידער, און איינע — שלוימע איבן-גאַבירואָלן (1022/1021, געשט. אין די פֿופֿציקער יאָרן פֿונעם 11-טן יה.), דער אויטאָר פֿון עטלעכע הונדערט אַזעלכע לידער. עטלעכע מוואַשעכן אַף רעליגיִעזע טעמעס שרײַבט מען אויך צו שלוימע איבן-גאַבירואָלן. דער אויפֿשוווּנג פֿון די מוואַשעכן אין דער העברעיִשער פּאָעזיע הייבט זיך ערשט אָן אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 11-טן יה. אַדאַנק די שאַפֿונגען קוידעמקאָל פֿון מוישע איבן עזרא (געב. ניט שפּעטער פֿון 1065, געשט. נאָכן יאָר 1135), יעהודע האַלייווי און, שפּעטער, אַווראָהאָם איבן עזראָ (1092—1167). אָט אַזוי, שריט נאָך שריט, האָט דער מוואַשעך, וועלכער איז, לויט כ. שירמאַנס באַמערקונג, אַ דערפֿינדונג פֿון דער אַראַבישער דיכטונג אין שפּאַניע און איר הויפּט-אָנטייל אין דער אַלגעמיין-אַראַבישער ליטעראַטור, ווי ביכלאַל אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, — געלאָזט טיפֿע וואָרצלען אויך

אין דער העברעיִשער. לויט די בײַשפּילן פֿון די דערמאָנטע דיכטער, האָבן העברעיִשע פּאָעטן אויך פֿון אנדערע לענדער געשאפֿן מיט דער צײַט פֿיל מוּוואשעכן.

דאָ מוז דערמאָנט ווערן נאָך איין וויכטיקער פּראט. די מוּוואשעכן זײַנען לעכאטכילע געשאפֿן געוואָרן אלס זינגלידער. אין פֿיל קסאוויאדן געפֿינען זיך אין די קעפּלעך צו די מוּוואשעכן צושריפֿטן: „לחן" (מעלאָדיע) און ווײַטער ווערט געבראכט דער אָנהייב פֿון א פּאָפּולערער אלגעמיין־באוווּסטער אין יענע צײַטן זינגליד. העיווּיס די מעלאָדיעס זײַנען ניט פֿיקסירט מיט נאָטן, זײַנען די ניגונים פֿון די מוּוואשעכן פֿאר אונדז אומבאקאנט.

דער אינהאלט פֿונעם קסאוויאד 2פּ 178

לאָמיר לאָזן אין א זײַט די רעטענישן, מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן דער קסאוויאד (בלעטער 1—3), און איבערגיין גלײַך צו דער באשרײַבונג פֿון די 48 לידער פֿון יעהודע האלייווי, וואָס מיר פֿיקסירן דאָ. די באשרײַבונג איז געמאכט לויטן סיידער פֿון די בלעטער 1—13, 16—19 אינעם קסאוויאד. זי באשטייט פֿון 4 הויפּט־עלעמענטן: א. דאָס קעפּל פֿון דער באשרײַבונג; ב. די ליד אין אנדערע קסאוויאדן, וועלכע געפֿינען זיך אין די ביבליאָטעקן פֿונעם סאָוועטנפֿארבאנד; ג. די ליד אין אויסגאבעס; ד. אנאָטאציע.

א. דאָס קעפּל פֿון דער באשרײַבונג אנטהאלט: 1. דעם לויפֿנדן נומער; 2. דאָס אָרט, וואָס די ליד פֿארנעמט אינעם קסאוויאד 2פּ 178; אין דער באשרײַבונג שיידט זיך אונטער דאָס לינקע פֿון דעם רעכטן זײַטל פֿונעם בלאט מיט דעם, וואָס אין אים, דה. אין לינקן זײַטל, פֿאר דער ציפֿער, איז צוגעגעבן א צווייפּונקט; 3. דאָס אראבישע קעפּל אין העברעיִשע אויסיִעס, דה. פּונקט ווי עס איז געבראכט אינעם קסאוויאד; 4. דער אָנהייב פֿון דער ליד; 5. אן איבערזעצונג אין יִידיש פֿונעם אראבישן קעפּל און פֿונעם אָנהייב פֿון דער ליד.

ב. די ליד אין אנדערע קסאוויאדן אין די ביבליאָטעקן פֿונעם סאָוועטנפֿארבאנד איז אויך דאָקומענטירט. דאָס אראבישע קעפּל פֿון די דאָזיקע קסאוויאדן ווערט אויסשליסלעך געבראכט בלויז אין די פֿאלן, ווען עס טראָגט אריין א וועזנטלעכן זין אינעם אינהאלט אָדער אין דער געשיכטע פֿון דער ליד. דאָ זײַנען באנוצט פֿאָלגנדיקע קירצונגען פֿון די קסאוויאדן־זאמלונגען:

ג — גינצבורגס קסאוויאדן־זאמלונג. געפֿינט זיך אין דער אלפֿארבאנדישער ביבליאָטעק אפֿן נאָמען פֿון וו. אי. לענין אין מאָסקווע;

1פּ און 2פּ באטײַטן אנטשפּרעכיק די ערשטע און צווייטע זאמלונגען פֿון פֿירקאָוויטשן, וועלכע געפֿינען זיך אין דער לענינגראדער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק.

ג. די ליד אין אויסגאבעס. דאָ ווערן גענומען אין אכט בלויז די בעסטע. די וועלטלעכע לידער — לויט די ערשטע צוויי בענדער פֿון דער דערמאָנטער אויסגאבע פֿון כ. בראָדי, די רעליגיִעזע — לויט דער אויסגאבע פֿון ד. יארדען „שירי הקדש לרבי יהודה הלוי" (ב. 1—3, 1978—1982; אין דער באשרײַבונג: יארדען) און „נײַע לידער". דאָ מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אז, אָנרופֿנדיק די אָדער יענע אויסגאבע, הייסט ניט, אז דער טעקסט פֿון דער אויסגאבע איז אידענטיש מיטן טעקסט פֿון אונדזער קסאוויאד. פֿארקערט, אין דער מערהײַט פֿאלן פֿארמאָגט דער קסאוויאד נײַע, אומבאוווּסטע וואריאנטן.

ד. אנאָטאציע. דאָ ווערן באמערקט זעקס מאָמענטן. ערשטנס, צי שטעלט די ליד מיט זיך פֿאָר אן אקראָסטיך. צווייטנס, עס ווערט אָנגעוויזן אלץ, וואָס קאָן נעגייע זײַן דער אווטאָרשאפֿט פֿון דער ליד. דריטנס, צי איז די ליד באוווּסט אין קסאוויאדן פֿון אויסלענדישע ביבליאָטעקן. פֿערטנס, צי איז די ליד ביז איצט אין ערגעץ ניט פֿארעפֿנטלעכט געוואָרן. פֿינפֿטנס, צי אנטהאלט דער מוּוואשעך א „כארדזשא". זעקסטנס, צי איז די ליד באוווּסט, פֿארשטייט זיך, אף וויפֿל מיר איז עס צוגעגנגלעך, אין אן איבערזעצונג אין יִידיש. די איבערזעצונגען אין יִידיש, וועלכע קאָנען פֿאָרשטעלן אן אינטערעס פֿארן לייענער פֿונעם זשורנאל, ווערן אויך געבראכט.

יעהודע האלייוויס לידער. לויטן סיידער אינעם קסאוויאד

1. ב. 3. מן קצאיד ומקאטע וגירה ומושח פי בן אל דיאן: מי יתנני כופר לעופר ישקני צופי ייני (פֿון די קאסידעס, מיניאטיורן און אנדערע [און] א מוּוואשעך פֿארן דײַענס זון: „איך וואָלט גערן א קאפּאָרע געוואָרן פֿארן הירש, וואָס טרינקט מיך אָן מיט מײַן זאפֿט און ווײַן"). קס. 2פּ 4—190, אפֿן בלאט, וועלכער איז נומערירט דורכן סויפֿער: פּב, דה. 82; ליד נומער 449. (אויסג. בראָדי, ב. 1, ז. 89).

2. ב. 3:—4. גירה. פי אברם בן עזרה: אש הנדוד נפלה ונפלאת המכוה באסירי התקוה (אן אנדער מוּוואשעך, געווידמעט אווראָהאָם איבן עזראָן: „דאָס פֿײַער פֿון

ארומוואנדערן איז געפאלן; די בראנד-ווונד איז ביז גאָר א שטארקע פאר די פארברונדע-נע מיט האָפענונג"). אויסג. בראַדי, ב. 1, ז. 91. די ווידמונג — און אנדערן דיכטער.

3. ב. 4—4:. גירה מתגולא: חמה בעד רקיע צמה אור לחיך גלי (און אנדער מוואַ-שעך, פאַרשטעלנדיק זיך אלס א פארליבטער: „[ליכטיקע] זון, אנטפלעק די שיין פון דיין באק דורך דיין הימלשן [און געדיכטן] צאָפּ". קס. 2פ 1—44, ב. 41—41:, ליד נומער 384 (אויסג.: כ. בראַדי, ב. 2, ז. 324). דאָס איז א ליבע-ליד, ווו די לעצטע צוויי שו-רעס בילדן די אזויגערופענע „כארדושא", געשריבענע אין אראביש מיט העברעישע אותיעס.

4. ב. 4:. מושח תגזל: שאלו מעופר שלומי (א ליבע-מוואַשעך: „פרעגט באַס הירש וועגן מיין צושטאנד"). קס. 2פ 1—44, ב. 39:, ליד נומער 372 מיט ווארױאנטן. (אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 14).

5. ב. 4—5:. מושח עזא בה הרון פי אכיה: עופר בין אנוש יתאחד בלבד (א מו-וואַשעך, ווו ער טרייסט [דעם דיכטער] הרון אין שייכעס מיט זיין ברודער: „א יונגער הירש פארייניקט זיך בלויז צווישן מענטשן"). בראַדי, ב. 2, ז. 322. מיט א קעפל אין העב-רעיש „א פריינטשאפטס-ליד" (די ווידמונג פעלט).

6. בל. 5. מושח פי נחמן זצ"ל: רחמי עבים יהמיו לערוגת גן ירק (א מוואַשעך, געווידמעט נאכמענען, דער אָנדענק פונעם צאדיק זאל זיין געבענטשט: „די ראכמאָנעס-געפילן פון די וואָלקנס לעכצן נאָך דער בייט פונעם גרינס-גאָרטן"). קס. 1פ 808, ב. 85—86:, ליד נומער 118 (אויסג. בראַ-די, ב. 1, ז. 171: „צו ר' נחמן (נאכמען) בען אזהאר").

7. ב. 5. מושח פי אבו סעיד אלדמיאטי וצל מן אלספר: לבי מעירי (א מוואַשעך. געווידמעט איבן סאַאיד אלדעמיאטי. אין שיי-כעס מיט דער רייזע: „מיין הארץ וועקט מיך אויף"). קס. 2פ 1—44, ב. 46, ליד נו-מער 396; 2פ 1—208, ב. 4—4: מיט א פארברייטערט קעפל אין אראביש; 2פ 614, ב. 1—1:. דאָס קעפל אין אראביש — אנ-דערש. (אויסג. בראַדי, ב. 1, ז. 73).

8. ב. 6. מושח אכר: שלום לצביה נערה ואם אש חשקה בי בערה (און אנדער מו-וואַשעך: „א גרוס דער יונגער אינדן, און אויב דאָס פייער פון דעם גלוסט צו איר האָט זיך אין מיר צעברענט"). קס. 2פ 206, ב. 8 (אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 17).

9. ב. 6—6:. מושח פי יוסף הלוי. ערכו כיום רעיוני (א מוואַשעך, געווידמעט יויסעף האליווי: „איצט האָבן זיך צונויפגעשטעלט מיינע ראַיוינעס"). קס. 1פ 808, ב. 88—88:, ליד נומער 121; 2פ 614, ב. 1: (אויסג. בראַדי, ב. 1, ז. 141).

10. ב. 7. [האין בגלעד הצרי] („איז דען אין גילעד קיין רעפוע ניט פאראן?").

11. בל. 7. לה יצף פי מקאם ענד אל חבר: למיטב כפרים ומבחר נרדים וראשי בשמים (און אים געהערט אויך א באשריי-בונג פון א מעסיבע באם „חבר": „צו די בעסטע לאוסאניע-פלאנצן, אויסדערוויילטע נארדן, דופטיקע בסאַמים"). קס. 2פ 2—106, ב. 1—1:, נומער 70. דער אָנהייב פעלט (אויסג. בראַדי, ב. 2, ז. 258—260).

12. ב. 7:. גירה. רם אשר מרומו יראה רזי שפלים (און אנדער מוואַשעך: „א הוי-כער, וועלכער זעט פון זיין הייך די סודעס פון די נידעריקע"). (אויסג. יאַרדען, ז. 178). אקראָסטיך: „יהודה". א פיוט אף סוקעס.

13. ב. 8. גזל ללחתן: ימות עולם חודשו זמירות ורננים והשעות לבשו לבוש הוד ועד-נים (א ליבע-ליד פאר א כאַסן-וועגן: „פון זינט די וועלט שטייט זיינען באנייט גע-וואָרן געזאנגען און לידער, די שאָען האָבן זיך באקליידט מיט א מאלבעש פון פראכט און פארגעניגן"). דאווידזאָן ברענגט דעם אָנהייב פון דער ליד אין זיין „אויצער", נאָר דער אוטאָר ווערט דערביי ניט אָנגעוויזן. די דערמאָנטע אויסגאבע אין „אויצער" איז מיר ניט צוגענגלעך.

14. ב. 8—9:. מושח אכר: יענה את מהלל יוצרו יציר נענה (און אנדער מוואַ-שעך: „אן אויסגעפייניקטע באשעפעניש זינגט א לויב-ליד איר באשעפער"). (אויסג. בראַ-די, ב. 3, ז. 36). אקראָסטיך: „יהודה".

15. ב. 9. גירה לשבת: יום שבתון אין לשכוח (און אנדער מוואַשעך אף שאבעס: „אינעם רו-טאָג טאָר מען ניט פארגעסן"). קס. 2פ 1—190, ב. 40, ליד נומער 175; 2פ 206, ב. 18—19 (אויסג. יאַרדען, ז. 645). אקראָסטיך: „יהודה".

16. ב. 9. מושח שבח: אימרות האל טהורות (א לויב-מוואַשעך: „גאָטס ווערטער זיינען ריינע"). קס. 1פ 808, ב. 31—31:, ליד נומער 39; 2פ 206, ב. 26—26:; 2פ 1—207, נומער 32; 2פ 614, ב. 32:. (אויסג. יאַרדען, ז. 433). אקראָסטיך: „יהודה".

17. ב. 9:. ללפורים. יום אגגי לחלק שלל (א מוואַשעך) אף פורים: „אין טאָג, ווען האָמען האָט זיך געגרייט צו פאנאנ-דערטיילן רויב...") (אויסג. יאַרדען, 891. פא-ריכט: יזם אגגי לחלק שלל („עס האָט האָ-מען פארטראכט צו פאנאנדערטיילן רויב"). אקראָסטיך: „יהודה".

18. ב. 10. לפסח. יום צאת צבאות המוני מתחת יד מעני [א מוּוואַשעך] אַף פּייסעך: „אײנעם טאָג, ווען עס זײַנען אַרויס די אַרמייען פֿון מײַנע מאַסן פֿון אונטער דער האַנט פֿון מײַנע פּײַניקער". דער פּיוט איז ביז הײַנט-צו-טאָג אין ערגעץ ניט באַוווּסט.

19. ב. 10—10:. וכן נשמת כל חי תברך את שם ה׳: יקרו וגדלו נפלאותיך מלספר („און דאָסגלײַכן, די נעשאָמע פֿון אַלדאָס לעבעדיקע לויבט גאָטס נאָמען: עס זײַנען צו טײַער און צו גרויס דײַנע וווּנדער, מע זאָל זיי קענען איבערדערציילן"). אַקראָסטיך: „יהודה". אַן אומבאַוווּסטער פּיוט.

20. ב. 10:. מושח אכר. מה תספרו לפני דודי או מה תזכירו מה תעוררו את האהבה (אַן אַנדער מוּוואַשעך: „וואָס וועט איר דערציילן מײַן פֿרײַנט, אָדער וואָס וועט איר אים דערמאָנען, צו וואָס וועט איר אויפֿוועקן די ליבע?") קס. 1פּ 808, ז. 48—48:; 2פּ 1—207, נומער 125; 2פּ 614 ז. 11: (אויסג. יאַרדען, 390). אַקראָסטיך: „יהדה". א פּיוט אַף פּייסעך.

21. ב. 11 [מי יתנני עבד אלוה עושני] („ווער וועט מיר דערלויבן זײַן א דינער פֿון גאָט, וועלכער האָט מיך באַשאַפֿן"). דער אָנהייב פֿעלט. קס. 1פּ 808, ב. 26:—27; 2פּ 614, ב. 37—37:. (אויסג. יאַרדען 64). אַקראָסטיך: „יהודה".

22. ב. 11. מושח אכר. בת בני בת בכורי התנערי נא ועורי מעפרך ושבי כי בא אורך קומי אורי (אַן אַנדער מוּוואַשעך: „טאָכטער פֿון מײַן זון, טאָכטער פֿון מײַן בכאָר, טרייסל זיך אָפּ און דערוואַך פֿון דײַן שטויב, זעץ זיך, ווײַל ס׳איז געקומען דײַן ליכט, שטיי אויף און לײַכט").

23. ב. 11:. גירה מושח: ימים קדומים אזכור כימי מרודי ידידי (אַן אַנדער מוּוואַשעך: „איך געדענק די אַלטערטימלעכע טעג, גלײַך ווי די טעג פֿון מײַן נידערגעשלאָגנקייט, פֿרײַנט מײַנער!") (אויסג. יאַרדען, 874). אַקראָסטיך: „יהוד[ה]".

24. ב. 12 [עפרה עת באוב מחץ קסמת] („איינדן, דאַן, ווען דו האָסט דורך צויבערײַ אויסגעקישעפֿט א שווערן קלאַפּ").

25. ב. 12—12:. מושח גירה: צבי יין הרקח (אַן אַנדער מוּוואַשעך: „הירש פֿונעם אַראָמאַטישן ווײַן").

26. ב. 12:. גירה שבח: יתברך אלהי עולם במעשיו (אַן אַנדער לויב-ליד: „געבענטשט זאָל ווערן דער גאָט פֿון דער וועלט דורך זײַנע מײַסים"). אַן אַקראָסטיך: א-ל. אַן אומבאַוווּסטער פּיוט.

27. ב. 12:—13. גירה רהט שבח: שם אלהים אודה בשיחי (אַן אַנדער לויב-ליד: „גאָטס נאָמען לויב איך אין מײַנע טפֿילעס"). קס. 2פּ 1—190, ב. 6:; 2פּ 206, ב. 48—48:. די ליד איז באַוווּסט אויך אין קסאַוויאַדן פֿון אייניקע אויסלענדישע ביבליאָטעקן (אויסג. יאַרדען, 329).

28. ב. 13. ומן מקטועאת יהודה פי אל תגזל: עורה ידידי מתנומתיך אשבע בהקיץ תמונתיך (און פֿון די מיניאַטיורן פֿון יעהודען, וואָס באַזינגען [פּרויען אָדער מענער]: „דערוואַך, פֿרײַנט מײַנער, פֿון שלאָף, איך זאָל קענען אָנזעטיקן זיך מיט דײַן בילד, ווען דו ביסט אויפֿגעוואַכט"). קס. 2פּ 1—44, ב. 17, ליד נומער 141 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 20).

29. ב. 13. גירה: בחיכם תנו שכר לאובד (אַן אַנדער ליבע-ליד: „איך שווער בא אײַער לעבן, גיט מעד (אַן אַלקאָהאָל-געטראַנק) דעם פֿאַרלאָרענעם". קס. 2פּ 1—44, ב. 18:, נומער 150; 2פּ 614, ב. 3: (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 12).

30. ב. 13. גירה: אשא שלומי על כנף הרוח (אַן אַנדער ליבע-ליד: „איך טראָג מײַן גרוס אַפֿן פֿליגל פֿונעם ווינט"). קס. 2פּ 206, ב. 68 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 21). איבערז. אין יידיש פֿון י. צינבערג: „אַפֿן לײַכטן פֿליגל פֿונעם ווינט, באַם פֿאַרגייען פֿון זומער-טאָג, שיק איך מײַן גרוס דעם געליבטן. איינציק איז פֿון אים מײַן באַגער: געדענקען זאָל ער דעם טאָג פֿון צעשיידן, ווען מיר האָבן דעם בונד פֿון ליבע געשלאָסן אונטערן שאָטן פֿון עפּלבוים" (צינבערג, י. די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בא יידן, ב. 1, ווילנע, 1929, ז. 129, 130).

31. בל. 13. גירה: חי הברית דודי וחייך (אַן אַנדער ליבע-ליד: „איך שווער, פֿרײַנט מײַנער, מיטן פֿרײַנטשאַפֿטס-בונד און מיט דײַן לעבן"). קס. 2פּ 1—44 ז. 19, ליד נומער 152 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 3).

32. ב. 13:. גירה: בכתה לפירודי דמע (אַן אַנדער ליבע-ליד: „זי האָט געוויינט איבער אונדזער צעשיידונג מיט א טרער"). קס. 2פּ 1—44. ב. 19, נומער 154.

33. ב. 13:. גירה: לחי כרצפת אש כרצפת שש (אַן אַנדער ליבע-ליד: „א באַק, ווי א צעגליטע פֿײַערדיקע קויל-האַלאָוועשקע — אַף א מאַרמאָרנעם דיל"). קס. 2פּ 1—44, ב. 19:, ליד נומער 156 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 31).

34. ב. 13. גירה: צבית חן שביתיני בצביך (אַן אַנדער ליבע-ליד: „כיינעוודיקע איינדן, דו האָסט מיך געפֿאַנגען מיט דײַן שיינקײַט"). קס. 2פּ 1—44, ב. 21:, נומער 173 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 19).

35. ב. 13:. גירה. לִיל גלתה אלי צביה... (אַן אַנדער ליבע-ליד: „אין דער נאַכט, ווען מיר האָט אַן אינדן אַנטדעקט...״). קס. 2פ 1—44, בל. 20:, ליד נומער 165 (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 20). איבערז. אין ייִדיש דורך י. צינבערג: „אײַנגעהילט אין דער נאַכט איז געקומען מײַן געליבטע. זי האָט מיר באַוויזן דעם פֿלאַם פֿון איר באַקן און דאָס גאָלד פֿון איר לאָקן, וואָס באַרוימען אַרום ווי פֿינקלדיקע רובינען די ווײַס-געטאָקטע קרישטאָלענע שלייפֿן; איר קישעף-געשטאַלט איז דער אופֿגייענדיקער זון געגליכן, בײַם זי באַצירט מיט איר שטראַלן-שפּיזן און גאָלדיקן פּורפּור די לוסטיקע וואָלקנס פֿונעם פֿרימאָרגן״ (י. צינבערג, די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב. 1, ווילנע, 1929, ז. 129).

36. ב. 13:. גירה: אשישות מבלי יין כבדות (אַן אַנדער מיניאַטיור: „גלעזער אָן ווײַן זײַנען שווער״). קס. 2פ 1—44, בל. 20:, נומער 163; 2פ 614, בל. 3: (אויסג. בראָדי, ב. 2, ז. 269).

37. ב. 13:. קלבה. ערבי: תקלת זגאגאתן (ער האָט זי [נומער 36] איבערגעזעצט פֿון דער אַראַבישער ליד „דער בעכער איז שווער״) קס. 2פ 1—44, ב. 20—20:, נומער 162. מיט אַן אַראַביש קעפּל: ולה קלב ביתין ערביה; 2פ 614, ב. 3:; דאָס קעפּל לייענט זיך אײַנגאַנצן ניט, און דער טעקסט פֿון ליד — בלויז טיילווײַז. דער טעקסט פֿון ליד איז געשריבן אין אַראַביש.

38. ב. 13:. נקלותי ודלותי בפירודי („איך האָב אָנגעווירן מײַן כשיוועס און פֿאַראָרעמט געוואָרן דורך מײַן שיידונג מיטן הירש״). קס. 2פ 614, בל. 3. מיט אַ פֿאַרגייענדן טעקסט פֿונעם אַראַבישן אָריגינאַל, ווי אויך מיט אַ קעפּל אין אַראַביש: וקלבהא באלעבראניה („און ער האָט זי איבערגעזעצט אין העברעיִש״). (אויסג. בראָדי, ב. 1, ז. 135). דאָס איז יעהודע האַלייוויס איבערזעצונג אין העברעיִש אַן אַראַבישע ליד, וועמענס אויטאָרשאַפֿט איז ניט פֿעסטגעשטעלט. דעם אַראַבישן אָריגינאַל האָט פּובליקירט כ. בראָדי (ב. 1., קאָמענטאַרן, ז. 219—220).

39. ב. 16. [דרוכת כל נעל ובכל יד מש.ת] („געטרעטן דורך יעטווידערע שיך און אין יעדע האַנט...״). דער טעקסט לייענט זיך ניט אָפּ זיכער. עס קאָן אַפֿילע זײַן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן בלויז מיט אַן אָנהייב פֿון אַ סטראָפֿע.

40. ב. 16:. מושה: יה שלח מקנא אל קהל המוניך (מוואַשעך: „גאָט, שיק אַן אײַפֿערזיכטיקן מאַן צום קאָהאָל פֿון דײַנע מאַסן״). אַן אומבאַוווּסטער פּיוט.

41. ב. 16:. גירה מושה: החיש לפדותי (אַן אַנדער מוואַשעך: „אײַל צו מיך אויסצולייזן״). געפֿינט זיך אויך אין קסאָוויאַדן-זאַמלונגען פֿון אייניקע אויסלענדישע ביבליאָטעקן. איז ערגעץ ניט פֿאַרעפֿנטלעכט.

42. ב. 17. מושה איצא: נאנח (?) ממכאוב (אַן אַנדער מוואַשעך: „זיפֿצט פֿון ווייטיק״). לייענט זיך ניט אָפּ געוויס. ניט אויסגעשלאָסן, אַז נאָך איין וואָרט גייט פֿאַר אינעם אָנהייב פֿון ליד. די אָנגעהעריקייט צו יעהודע האַלייוויס אויטאָרשאַפֿט באַשטעטיקט זיך אין קומענדיקן נומער (43).

43. ב. 17:. לה ז״ל מושה פי יוסף: הראיתם ברק בא מעני (איִם, זיכרוינוי ליוואָראָכאָ, געהערט אויך אַ מוואַשעך, געווידמעט יאָסעפֿן: „צי האָט איר געזען ווי אַ בליץ איז אַרײַן אין מײַן הויז?״). קס. 2פ 4—190, ב. 81: (אויסג. בראָדי, ב. 1, ז. 184).

44. ב. 18. מושה גירה: יפה כתרצה נעימות מאמרך (אַן אַנדער מוואַשעך: „דו ביסט שיין ווי טירצאַ — אַ פֿרויען-נאָמען, ווי אויך אַ נאָמען פֿון אַ געוועזענער שטאָט לעבן שכעם — די פֿײַנקײַט פֿון דײַנע רייד...״). (אויסג. יאַרדען, ז. 818—819).

45. ב. 18:. מושה אכר: אסרו ורתמו כוכבי ששונים (אַן אַנדער מוואַשעך: „פֿאַרבינדט און שפּאַנט אײַן די שטערן פֿון פֿרייד״). אַן אומבאַוווּסטע כאָסן-קאַלע-ליד. מיר גרייטן זי פּובליקירן.

46. ב. 18:. מושה אכר לה ז״ל: יה למיחלים (אַן אַנדער מוואַשעך, וואָס געהערט אויך איִם, זיכרוינוי ליוואָראָכאָ: („גאָט צו די, וואָלכע האָפֿן...״). דער טעקסט אין קסאָוויאַד לייענט זיך זייער שווער (אויסג. יאַרדען, 350). אַקראָסטיך: „יהודה״.

47. ב. 19. גירה רהט: „יונה איך תדמי כי איבתיך. (אַן אַנדער מוואַשעך: „טײַבעלע, ווי קאָן זיך דיר דאַכטן, אַז איך האָב דיך פֿײַנט?״) קס. ג. 1333, ב. 14—14:; 1פ 808, ב. 49—50:; 2פ 1—44, ב. 62:, נומער 143; 2פ 1—207, נומער 143 (אויסג. יאַרדען, 180). אַקראָסטיך: „יהודה״.

48. ב. 19:. יה אנה אמצאך מקומך נעלה ונעלם („גאָט, ווו קאָן איך דיך געפֿינען? דײַן אָרט געפֿינט זיך הויך און איז פֿאַרבאָרגן״). קס. 1פ 808, ב. 30—31:, נומער 38; 2פ 206, ב. 25—26:; 2פ 3—207, ב. 3—4:. נומער 4; 2פ 614, ב. 32—32: (אויסג. יאַרדען, 215). אַקראָסטיך: „יהודה״.

באַוווּסטע און אומבאַוווּסטע לידער פֿון יעהודע האַלייווי אינעם קסאַוויאַד 2פּ 178

געוויס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וועזנטלעכן אינטערעס אַלע 48 לידער פֿונעם קסאַוויאַד, אַפֿילע אויך די, וועלכע זײַנען שוין באַוווּסט אַלס פֿאַרפֿאַסטע פֿון יעהודע האַלייווי. אַ דעטאַלע פֿאָרשונג פֿון די לידער ביכלאַל, פֿון זייערע אַקראָסטיכן, פֿון די נײַע וואַריאַנטן אינעם טעקסט פֿון די לידער גופֿע וואָלטן געוויס געוועזן זייער נוצלעך.

לאָמיר נעמען, לעמאָשל, די ליד נומער 22: „בת בני בת בכורי התנערי נא ועורי מעפרך כי בא אורך קומי אורי" („טאָכטער פֿון מײַן זון, טאָכטער פֿון מײַן בכאָר, טרייסל זיך אָפּ און דערוואַך פֿון דײַן שטויב. זעץ זיך, ווײַל ס'איז געקומען דײַן ליכט. שטיי אויף און לײַכט!"). דאָס איז אַן אַקראָסטיך „יוסף" און דער דאָזיקער אָנהייב פֿון דער ליד ווערט געבראַכט דורך ל. צונץ אַלס אַ פֿאַרפֿאַסונג פֿון אַן אווטאָר מיטן נאָמען „יוסף" (ל. צונץ, ליטעראַטור-געשיכטע דער סינאַגאָגאַלען פּאָעזיע, 1865, ז. 569). אויסער דעם, ברענגט ער אַ ליד מיטן אָנהייב בלויז פֿון די ערשטע צוויי ווערטער „בת בני" („טאָכטער פֿון מײַן זון"), אַלס אָנגעהערטע צו יעהודע האַלייווי (ל. צונץ, די סינאַגאָגאַלען פּאָעזיע דעם מיטעלאַלטערס, 1855, ז. 63). ל. צונץ באַשרײַבט די סימאָנים, מיט וועלכע עס אונטערשיידן זיך בײַדע לידער: וועגן יעהודע האַלייוויס „בת בני" גיט ל. צונץ אַזאַ מין סימען: „די ערשטע סטראָפֿע זײַנער „מאורה" (אַ מין פּיוט, וועלכן מע גיט צו צו דער יאָמטעוודיקער און שאַבעסדיקער טפֿילע. — ל. ח.) ענדיקט זיך „כי בא אורך קומי אורי". וועגן דער ליד, וועמעס אווטאָר איז „יוסף", באַצייכנט ל. צונץ אויף אַזאַ מין אופֿן: „בת בני בת בכורי התנערי נא ועורי" — מאורה, ענדיקט „על פניך ואורי" (קאָדעקס A 1264, קאָפּענהאַגען מאַנוסקריפּט)". לויט אונדזער איבערצײַגונג, האָבן מיר צו טאָן מיט איינער און דער זעלבער ליד, וועלכע איז דאָ פֿאָרגעשטעלט אונטערן נומער 22 און אַנטהאַלט ביידע קלוימערשטע „אונטערשיידן".

דער פֿאַקט, וואָס אין דער ליד לייענט זיך דער אַקראָסטיך „יוסף", קאָן ניט דינען אַלס אַן ענדגילטיקער באַווײַז, אַז איר אַווטאָר איז ניט יעהודע האַלייווי. ערשטנס, קאָן געמאָלט זײַן, אַז אין ליד לייענט זיך אַן אַקראָסטיך „יוסף" בלויז צופֿעליק. ענלעכע פֿאַקטן טרעפֿן זיך, כאָטש זעלטן. צווייטנס. עס זײַנען באַוווּסט אַזעלכע פֿאַלן אין דער העברעישער (און ניט נאָר העברעישער; מיר, לעמאָשל, זײַנען אויך באַקאַנט פֿאַלן פֿון דער שוימרוינישער) מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, ווען אַ פּאָעט פֿאַרפֿאַסט אַן אַקראָסטיך, אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן אַן אַנדער נאָמען — אַ נאָמען פֿון אַ מענטשן, וועלכן דער דיכטער האָט בעדייע צו באַערן מיט זײַן ליד. אָט, לעמאָשל, האָט אווראָהאָם איבן עזראָ פֿאַרפֿאַסט איינעם פֿון זײַנע וועלטלעכע מווואַשעכן פֿאַר ברוך בן ג'ו (באָרוך בען דזשאָ), וועמעס אָנהייבן פֿון די ערשטע סטראָפֿן טראָגן די כסימע „ברוך" (עס האַנדלט זיך אין ליד „בעלי ריבי" — „מײַנע אָפּאָנענטן", וועלכע ס'האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ד. כהנא [קאַהאַנאַ] אין זײַן אויסגאַבע פֿון אווראָהאָם איבן עזראָס ווערק: „רבי אברהם אבן עזרא. קובץ חכמת הראב"ע", 1894, ז. 54—56). דער פּראָפֿ. ע. פֿליישער האָט אין זײַן קאַפּיטאַל ווערק, געווידמעט דער רעליגיעזער מיטלאַלטערלעכער העברעישער דיכטונג (שירת-הקודש העברית בימי הביניים, 1975) אָנגעוויזן פֿאַלן, ווען דיכטער האָבן געבראַכט אין דער כסימע פֿונעם אַקראָסטיך פֿרעמדע נעמען — נעמען פֿון שילער, קרויווים, קוידעמקאָל קינדער, און סטאַם גוטעפֿרײַנט. אַזאַ טראַדיציע האָט דער פֿאָרשער שוין אײַנגעפֿונען בײַ אלעזר הקילירי (עלאַזאַר האַקילירי), וועלכער האָט געלעבט אין פֿינפֿטן אָדער זעקסטן יה. ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט כאַסמענען זײַנע אַקראָסטיכן מיט נעמען „הודיה", אָדער „יהודה". סעדיה גאון (סעאַדיאַ-גאָען, 882—942) פֿלעגט כאַסמענען גאַנץ אָפֿט זײַנע אַקראָסטיכן מיטן נאָמען „שלמה" (שלוימע). דיכטער פֿון איטאַליע און דײַטשלאַנד פֿלעגן אין זייערע כסימעס אין די אַקראָסטיכן אָנווײַזן ניט זעלטן די נעמען פֿון זייערע קינדער אָדער אַנדערע קרויווים.

ווינטשנסווערט איז דאָ אונטערשטרײַכן, אַז דער קסאַוויאַד 2פּ 178 קאָן אויך באַהילפֿיק זײַן בײַ דער ווײַטערדיקער פֿאָרשונג פֿון יעהודע האַלייוויס פּאָעטישער יערושע: בײַם פֿעסטשטעלן פּינקטלעך דעם ענדגילטיקן טעקסט פֿון די אַנדערע געבראַכטע דאָ לידער — סײַ די שוין פֿאַרעפֿנטלעכטע, סײַ די, וועלכע זײַנען אַדהײַעם ניט אָפּגעדרוקט. איך האָב דאָ אין זינען די פֿאָלגנדיקע לידער: נומער 41. החיש לפדותי („אײַל צו מיך אויסצולייזן"). ווי געזאָגט, איז די ליד ביז הײַנט ניט פּובליקירט געוואָרן, כאָטש, אַלנפֿאַלס, איר אָנהייב רעכנט זיך אין איינציקע קסאַוויאַדן-זאַמלונגען אין אויסלאַנד; ווי אויך די שווער-לייענבאַרע לידער, די אָנהייבן פֿון וועלכע איך פּרוּוו, עמעס מיט פֿראַגעצייכנס, דעשיפֿרירן אויף אַזאַ מין אופֿן: נו-



פּ2, נומערן 10, 11

מער 39. דרוכה כל נעל ובכל יד... („געטראָטן דורך יעטווידערע שיך, און דורך יעטווידער האַנט...") און נומער 42. נאנח (?) ממכאוב („זיפצט פון ווייטיק").

אין די „נײַע לידער" פון כ. שירמאַן איז פאַראַן א ספּעציעלע אָפּטיילונג, וועלכע ציילט 64 וועלטלעכע מוּוואַשעכן פון אנאָנימע אווטאָרן. אין אינהאַלטספולן פאָרוואָרט צו דער דאָזיקער אָפּטיילונג קאָנסטאַטירט דער פאָרשער, אז צווישן די אַנאָנימע מוּוואַשעכן זײַנען געווים פאַראַן פיל פונעם שפּאַנישן פּעריאָד. נאָך מער, ער זאָגט ארויס א האַשאָרע, אז צווישן זיי זײַנען בעליסאָפעק פאַראַן ווערק פון די גרעסטע דיכטער פון יענעם פּעריאָד, ווי, לעמאָשל, שמוּעל האַנאָגיד, שלוימע איבן-גאַבירואָל, מוּישע, אַווראָהאָם און ייִצכאָק איבן-עזראָ, יעהודע האַלייווי און אַנדערע. מיר קאָנען מיט באַפרידיקונג פעסטשטעלן, אַפן סמאַך פון די איינצלנע דורך אונדז געפאָרשטע מוּוואַשעכן, וועלכע ס'האָט אונדז געגליקט צו געפינען אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, אז דער כוש פונעם גרעסטן פאָרשער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אינעם שפּאַנישן פּעריאָד האָט אים ניט אָפּגענאַרט.

דער קסאַוויאַד נומער 178 פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג זאָגט אונטער, איבער אונדזער האַשאָרע וועט באַשטעטיקט ווערן, אָנצונעמען אייניקע פון די מוּוואַשעכן פון די „אַנאָנימע אווטאָרן" אַלס שאַפונגען פון יעהודע האַלייווי. צוזאַמען מיט אַנדערע, אין ערגעץ ניט פיקסירטע לידער, באַקומען מיר די פאָלגנדיקע רעשימע פון צען אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי. מיר ברענגען זיי ניט לויט דער נומעראַציע, נאָר אין העברעיִשן אַלעפבייס-סיידער.

נומער 45. אסרו ורתמו כוכבי ששונים („פאַרבינדט און שפּאַנט אײַן די שטערן פון פרייד");

נומער 32. בכתה לפירודי דמע („זי האָט געוויינט איבער אונדזער שיידונג מיט טרערן");

נומער 10. האין בגלעד הצרי („איז דען אין גילעד קיין רעפוּע ניט פאַראַן?");

נומער 40. יה שלח מקנא אל קהל המוניך („גאָט, שיק אַן אייפערזיכטיקן מאַן צום קאָהאָל פון דײַנע מאַסן");

נומער 18. יום צאת צבאות המוני מתחת יד מעני („אינעם טאָג, ווען עס זײַנען ארויס די אַרמייען פון מײַנע מאַסן פון אונטער דער האַנט פון מײַנע באַדריקער").

נומער 13. ימות עולם חודשו זמירות ורננים והשעות לבשו לבוש הוד ועדנים („פון זינט די וועלט עקזיסטירט זײַנען געשאַפן געוואָרן געזאַנגען און לידער, די שאָען האָבן זיך באַקליידט מיט א מאַלבעש פון פּראַכט און פאַרגעניגן");

נומער 19. יקרו וגדלו נפלאותיך מלספר („עס זײַנען צו טײַער און גרויס דײַנע וווּנדער, מע זאָל זיי קאָנען איבערדערציילן");

נומער 26. יתברך אלהי עולם במעשיו („געבענטשט זאָל ווערן דער גאָט פון דער וועלט דורך זײַנע מײַסים");

נומער 24. עפרה עת באוב מחץ קסמת („אינדן, דאַן, ווען דו האָסט דורך צויבערײַ אויסגעקישעפט א שווערן קלאַפּ...");

נומער 25. צבי יין הרקח („הירש פונעם אַראָמאַטישן ווײַן").

נומער 32. בכתה לפירודי דמע כטל חרמון.

דער אָנהייב פון דער ליד איז געבראַכט אין דער ערשטער טאַבעלע פון לידער פון יעהודע האַלייווי אין דער אויסגאַבע פון זײַן דיוואַן דורך ש. ד. לוצאַטאָ (דיואן רבי יהודה הלוי, ליק 1864, אונטערן נומער 247), מיט דער צוגאָב-באַצייכענונג, אז דער טעקסט פעלט. געפונען האָבן מיר זי אויך אין קסאַוויאַד 2פּ 1—44.

דער קסאַוויאַד פון דער צווייטער פירקאָוויטשער זאַמלונג נומער 1—44 שטעלט מיט זיך פאָר געווים אן אויצער, אַן וועלכן ס'איז אוממעגלעך זיך פאָרשטעלן א פולע,

און דערצו נאָך וויסנשאַפטלעכע, אויסגאַבע פון יעהודע האַלייוויס ווערק. הויך געשאַצט דעם קסאַוויאַד האָט פּירקאָוויטש אַליין.

די ליד איז צו אונדז דערגאַנגען אין ביידע דערמאָנטע קסאַוויאַדן 1—44, בלאַט 19 נומער „קנד" (154), אונטערן אַראַבישן קעפּל „וקאל פי מעני אלגזל איצא" („און אין זין פון ליבע האָט ער אויך געזאָגט") און אין קסאַוויאַד 178, בלאַט 13, לינקע זײַט, אונטערן אַראַבישן קעפּל „גירה". בלויז מיט איין וואָרט אין דער דריטער שורע אונטערשיידן זיך די טעקסטן פון דער ליד אין די קסאַוויאַדן. מיר זײַנען גענייגט צו האַלטן, אַז די וואַריאַנטן זײַנען ניט אַנטשטאַנען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ סויפעריס שרײַב-פעלער, נאָר שטאַמען פונעם אוטאָר אַליין.

אָט איז דער טעקסט פון 1—44, און אין קײַלעכיקע קלאַמערן — דער וואַריאַנט פונעם קסאַוויאַד 178:

בכתה לפירודי דמע כטל חרמון
יורד עלי לחי לח מעסיס רמון
עת קנאו יעני (קסאַוויאַד 178: אורים)
דקמת לחייה
וישפכו גם דמעם כמי דימון.

עס פאָדערן זיך קאָמענטאַרן, קעדיי צו פאַרשטיין דעם אייגנטלעכן זין, וועלכן יעהודע האַלייווי לייגט אַרײַן אין אָט דער ליד.

די ערשטע שורע (בכתה לפירודי דמע כטל חרמון) — בוכשטעבלעך: „זי האָט געוויינט איבער אונדזער צעשיידונג מיט טרערן, ווי דער כערמאָן-טוי". די וואָרט-פאַרבינדונג „כטל-חרמון" טרעפט זיך בלויז איין-און-איינציק מאָל אינעם טאַנאַך, קאַפּיטל 133 פון דעם סייפער טהילים. דאָס קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר אין זײַנע געציילטע שורעס (באַשטייט אינגאַנצן פון 3 פּסוקים) אַ הימן דעם ברידערלעכן צוזאַמענלעבן: „אַך, ווי גוט און אָנגענעם ס'איז פאַר ברידער צו וווינען צוזאַמען!". ווײַטער גייען פאַרגלײַכונגען: „ווי דער בעסטער אייל אויפן קאָפּ"... „אַזוי ווי דער טוי פונעם כערמאָן"... מיטן לעצטן פאַרבינדט דער טהילים-אוטאָר די בראָכע פון אייביק לעבן צוזאַמען.

שורע 2 (יורד עלי לחי לח מעסיס רמון) — בוכשטעבלעך: „רינט אַראָפּ אויף אַ נאַסער באַק פון מילגרוים-זאַפט". דער אויסוואַל פון ווערטער איז דאָ ניט קיין צופעליקער. די וואָרט-פאַרבינדונג „עסיס-רמון" (מילגרוים-זאַפט) געפינט זיך בלויז איין מאָל אין טאַנאַך אין איינעם פון די ליבע-זאַצן פון „שיר-השירים" (2:8): „האַלעווײַ וואָלסטו צו מיר געווען ווי אַ ברודער, וואָס האָט געזויגן די ברוסט פון מײַן מוטער! וואָלט איך דאַן, טרעפנדיק דיך אין דרויסן, דיך געקושט, און קיינער וואָלט מיך ניט פאַרשעמט. איך וואָלט דיך געפירט און אַרײַנגעבראַכט אין הויז פון מײַן מוטער, קעדיי דו זאָלסט מיך לערנען. איך וואָלט דיר געגעבן צו טרינקען געשמאַקן ווײַן און זאַפט פון מײַנע מילגרוימען".

די דריטע שורע: „(עת קנאו עיני רקמת לחייה). דאָס וואָרט „רקמת" לאָזט זיך אין געגעבענעם טעקסט פאַרשטיין אויף צוויי אופנים: אַן אויסגעהעפט, אויסגעשטריקט פײַן געוועב מיט פילפאַרביקע פעדעם, אָדער אַ מאָזאַיִק מיט פילפאַרביקע שטיינדלעך. אַזוי-אַרום לאָזט זיך די שורע איבערזעצן:

„דאַן, ווען מײַנע אויגן האָבן אייפערזיכטיק
(באַטראַכט) דאָס בונטע געוועב פון אירע באַקן
(אָדער: דעם פילפאַרביק-מאָזאַיִשן אויסזען
פון אירע באַקן).

די פערטע שורע (וישפכו גם דמעם כמי דימון) — בוכשטעבלעך: „און עס האָבן זיך געגאָסן אויך זייערע טרערן, ווי די וואַסערן פון דימאָן".

„דימון" איז בלויז איין מאָל פיקסירט אין טאַנאַך, אינעם קאַפּיטל 15 פונעם סייפער ישעיה (יעשײַע): „כי מי דימון מלאו דם" — „ווײַל די וואַסערן פון דימאָן זײַנען פול מיט בלוט". אינעם קאַפּיטל רעדט זיך וועגן דער קינפטיקער מאַפּאָלע פון דער מעלוכע „מואב" (לייען: מאָאַוו).

די מערהײַט געלערנטע איז גענייגט צו האַלטן, אַז דער נאָמען „דימון" איז פאַרדאָרבן פון „דיבון" (דיוואָן) — דער הויפּטשטאָט פון דער מעלוכע „מואב". זי ווערט דערמאָנט אין דער אויפשריפט, מיט וועלכער ס'האָט פאַרייביקט זײַן נאָמען דער מיילעך פון מאָאַוו מישע (לייען: מעשא), וועלכער האָט געקיניגט אין דער צווייטער העלפט פון 9-טן יאָרהונדערט פאַר דער נײַער צײַט-רעכענונג. ווי באַוווּסט, איז די שטיינערנע אויפשריפט אַנטדעקט געוואָרן דורכן דײַטשישן געלערנטן קליין אין 1868 און איר טעקסט האָט דעשיפרירט מאַרק לידזבאַרסקי אין זײַן „האַנדבוך דער נאָרד-סעמיטישען עפּיגראַפיק", 1898. זי געפינט זיך אין לוווּר (פּאַריזש). ס'איז אַפילע אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ האַשאָרע, אַז דער נאָווי יעשײַע האָט ספּעציעל פאַרטוישט דעם נאָמען „דיבון" אין „דימון" אַלס שפּיל מיטן וואָרט „דם", וואָס באַטײַט „בלוט".

אַזוי־אַרום, איז דער זין, וואָס יעהודע האַלייווי לייגט אַרײַן אין דער שורע „וישפכו גם דמעם כמי דימון" — „און עס האָבן זיך

איך זײערע טרערן געגאָסן מיט בלוט, ווי די בלוטיקע וואַסערן פֿון דימוין (דיוואַן)".

די דריטע און פֿערטע שורעס לויטן קסאַוויאַד 178:

עת קנאו אורים רקמת לחייה
וישפכו גם דמעם כמי דימון.

קעדײַ צו פֿאַרשטיין דעם זין פֿון דער דאָזיקער רעדאַקציע, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויפֿן וואָרט „אורים". עס איז פּיקסירט אין טאַ־נאַך, מערסטנטייל צוזאַמען מיטן וואָרט „תמים" (לייען: טומים). די „אורים ותמים" האָבן זיך געפֿונען אינעם אַזױגערופֿענעם „חשן" (לייען: כוישן — אַ ברוסט־שילד אויפֿן אייבערשטן אָנטאָן פֿונעם קויהען־גאָדל) צוזאַמען מיט די אײַנגעפֿאַסטע אין גאָלדענע קעמערלעך אין פֿיר רייען צוועלף פֿאַרשידענע טײַערע איידל־שטיינער. וועגן דעם, וואָס ס'האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די „אורים", זײַנען פֿאַראַן כּלו־קעדייעס צווישן די געלערנטע. אין געגעבע־נעם פֿאַל אינטערעסירט אונדז בלויז, וועלכן זין ס'האָט געקאָנט יעהודע האַלייווי אַרײַנ־לייגן אין „אורים". יעהודע האַלייוויס פֿאָר־גייער — ראַשי (1040—1105) קאָמענטירט דאָס וואָרט „אורים" — „כתב של שם המפורש" — דאָס אָנגעשריבענע מיטן פֿולן אויסדרוק גאָטס נאָמען — „יהוה". יעהודע האַ־לייוויס מיטצײַטלער אַווראָהאָם איבן־עזראָ טײַטשט דאָס וואָרט „אורים" — „די געזעצן". אַזױ־אַרום, לאָזט זיך לויט דער רעדאַקציע פֿונעם קסאַוויאַד 178 איבערזעצן דער טעקסט פֿון די לעצטע צוויי שורעס אויפֿן פֿאָלגנדן אויפֿן:

אין מאָמענט, ווען די „אורים" האָבן
מעקאַנע געווען
דעם מאַזאַישן אויסזען פֿון אירע באַקן
און האָבן אויך געגאָסן זײערע בלוטיקע טרערן,
ווי די וואַסערן פֿון דימוין (דיוואַן).

צולעצט איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז די אויסדרוקן „טל חרמון" און „מי דימון" אַלס אַנטימאַנימען באַנוצט יעהודע האַלייווי ניט נאָר אין דעם ווערק. זײַנע אַ ליוב־ליד, גע־ווידמעט די ברידער „בני עזרא", וועלכע איז פֿאַרעפֿנטלעכט דורך כ. בראָדי (ב. 2, ז. 278), הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„דמע אשר היה כטל־חרמון
למה ואיך נהפך למי דימון"

(„די טרער, וועלכע איז געווען לויטער ווי דער טוי פֿון כערמאָן, פֿאַרוואָס און ווי אַזױ איז זי פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין וואַסערן פֿון דימאָן").

„מי דימון" — אַלס אַן אויסדרוק, וועלכער דאַרף אָפּשפּיגלען אַ מענגע בלוטיקע טרערן, געפֿינען מיר אויך אין אַנדערע ווערק פֿון יעהודע האַלייווי, ווי אויך בא זײַנע נאָכפֿאָל־גער.

אין דער ליד, וועלכע יעהודע האַלייווי האָט אָנגעשריבן צו זײַנעם אַן עלטערן מיט־צײַטלער, באַוווּסטן דיכטער און געלערנטן לייווי איבן אַלטאַבאַן, און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שלום לבת" („אַ גרוס דער טאָכטער", זי איז פֿאַרגעשטעלט אין קס. 2פּ 1—44, ב. 58—58:, ליד נומער 10; 2פּ 2—207, ב. 5; 2פּ 5—207, 3—:3; 2פּ 614, ב. 77—78, ליד נומער 56) געפֿינען מיר „כמי דימון שטפיה" („ווי די וואַסערן פֿון דימאָן זײַנען אירע שטראָמען"); דאָסגלײַכן אין יעהודע האַלייוויס עלעגיע אויפֿן טויט פֿון שלוימע איבן פֿערוציעל, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „זאת התלאה" („אָט דאָס איז דער פּײַן", געפֿינט זיך אין די קסאַוויאַדן 2פּ 1—44, ב. 55—:56; 2פּ 2—207, ב. 2:—4; 5—207, ב. 2:—3:3) שטויסן מיר זיך אָן מיט „בדמעה כמי דימון" — „מיט טרערן ווי די וואַסערן פֿון דימאָן". ניט אַנדערש, אַז די דערמאָנטע יעהודע האַלייוויס לידער זײַנען גוט באַקאַנט געווען יעהודע אַלכאַריזי (1175—1235), וועלכער ברענגט אין דער באַשרײַבונג פֿון גראַנאַטן די פֿאָלגנ־דע ווערטער: „ומחוץ עליהם טל הרמון, ומבית מימיהם כמי דימון, כאלו... מגוללים בדמים" („און אויסערלעך געפֿינט זיך אויף זיי דער טוי פֿון כערמאָן, און אינערלעך זײַנען זייע־רע וואַסערן ענלעך צו די וואַסערן פֿון די־מאָן, גלײַך... ווי זיי וואָלטן זײַן אײַנגעטונ־קענע אין בלוט"). אויך בא עלאַזאַר האַבאַוולי, דעם באַגדאַדער דיכטער, וועמענס ליטעראַ־רישע שאַפֿונגען לאָזן זיך מערקן אין די יאָרן 1195—1250, געפֿינען מיר אַ צווײשורעדיקע ליד מיטן אָנהייב „אהה שתו למי דימון דמעי" („אוי, ענלעך זײַנען געוואָרן מײַנע טרערן צו די וואַסערן פֿון דימאָן").

אַלע באַוווּסטע ביז איצט פּראַטים פֿון יעהודע האַלייוויס ביאָגראַפֿיע דערלויבן האַלטן פֿאַר מעגלעך, אַז ער באַשרײַבט דאָ זײַן גע־זעגענונג מיט דער באַסיעכידע (זײַן ווײַב האָט שוין דאַן ניט געלעבט), ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון שפּאַניע קיין מיצראַים. ווי שווער ס'איז פֿאַר אים געווען די צעשיידונג מיט דער טאָכטער, איז גוט באַוווּסט פֿון אַן אַנדער ליד, אין וועלכער ס'איז באַשריבן „די שרעק פֿאַרן יאַם און די ליידנשאַפֿט צו די אייגענע":

...עדי כי אטשה יוצאת חלצי
אחות נפשי והיא לי רק יחידה

(„אזוי אַז איך פאַרלאָז אפילו מײַן שטאַם, די פרײַנדן פון מײַן נעשאָמע, און זי איז בא מיר אַן איין־און־איינציקע").

אויב מיר האָבן ניט קיין טאָעס, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז יעהודע האַלייווי האָט די ליד פאַרפאַסט אין דער צײַט, ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער שיף, מיט וועלכער ער האָט גערײַזט פון שפּאַניע קיין מיצראַיִם, אָדער עטוואָס פריִער. העויס ער איז אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריִע דעם 9 סעפּטיאַבער 1140, האָט די ליד געקאָנט פאַרפאַסט ווערן, לויט אונדזער כעזשבן, אַרום אויגוסט—סעפּטיאַבער 1140.

נומער 10. [האין בגלעד הצרי?]

די ליד האָט פּאַרעפנטלעכט דער פּראָפ. שירמאַן אַלס א ליד פון אַן אַנאָנימען אויטאָר אין „נײַע לידער" אין דער אָפּטײלונג „מחברים עלומי שם" („אומבאַוווּסטע אויטאָרן", ז. 347). אַז די ליד איז יעהודע האַלייוויס ווערק, באַשטעטיקט דאָס פאָלגנדע אַראַבישע קעפּל פאַר דער ליד נומער 11: „לה יצף פי מקאם ענד אל חבר: למיטב כפרים"... („און אים געהערט אויך א באַשרײַבונג פון א מעסיבע באַם „חבר": צו די בעסטע לאַוואָסאַניע־פלאַנצן..." — א ליד, וועמענס יעהודע האַלייוויס אויטאָרשאַפט איז גוט באַוווּסט.

דער אָנהייב פון דער ליד פעלט אין אונדזער קסאַוויאַד, אָבער דאָ זײַנען געבראַכט אייניקע אומבאַוווּסטע שורעס אין פאַרגלײַך מיט דער אויסגאַבע פון כ. שירמאַן (די שורעס 14—16 פון אונדזער געגרייטער אויסגאַבע). פאַר א פולער נײַער סטראָפע פעלט נאָך פאָרט איין שורע (די שורע 13 לויט אונדזער געגרייטער אויסגאַבע).

נומער 24. עפרה עת באוב מחץ קסמת („אינדן, דאָ, ווען דו האָסט דורך צויבערײַ אויסגעקישעפט א שווערן קלאַפּ").

די ליד איז צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן פּראָפ. כ. שירמאַן אַלס א ווערק פון אַן אומבאַוווּסטן אויטאָר אין „נײַע לידער" (ז. 313, 314). דער אָנהייב פעלט אין אונדזער קסאַוויאַד. דאָ זײַנען פאַרגעשטעלט בלויז די שורעס 11—27, וועלכע אַנטהאַלטן אייניקע נײַע וואַריִאַנטן.

נומער 25: „צבי יין הרקח" (בוכשטעבלעך: — „דער הירש פונעם אַראָמאַטישן ווײַן").

די ליד האָט פּובליקירט כ. שירמאַן אינעם צווייטן באַנד פון די „ידיעות המכון לחקר השירה העברית" — „יעדיִעס פונעם אינסטיטוט פאַר פאָרשן די העברעיִשע דיכטונג" (1936). ער האָט אין איר אײַנגעזען אַן אַקראָסטיך „בלעם" (בילאַם) און אויף דעם



פּ 178, נומערן 24, 25

סמאַך זי צוגעשריבן דעם דיכטער יעהודע איבן בילאַם. אַלס אַזעלכע איז די ליד אַרײַן אין דאַווידזאָנס „אויצער פון דער פּאָעזיע און דעם פּיוט".

מיט דער צײַט האָט כ. שירמאַן אײַנגעזען, אַז דער באַמערקטער דורך אים אַקראָסטיך „בלעם" איז ניט מער ווי א צופעליקײַט. ער האָט געפונען די זעלבע ליד מיט א סאָף פון א טיטל אין אַראַביש: „...לאַם בן חסדאי". אויף דעם סמאַך האָט דער געלערנטער אַרויסגעזאָגט א נײַע האַשאָרע, אַז דער אויטאָר פון דער ליד איז א פאָרשטייער פון דער מישפּאָכע חסדאי (כאַסדאַי). „נאָר ביז איצט, — גיט צו כ. שירמאַן, — איז מיר ניט געלונגען קלאָר מאַכן די רעשטעניש פון די אויסיִעס „...לאַם", וועלכע פאַרגייען דעם מישפּאָכע־נאָמען" („נײַע לידער", ז. 298, באַמערקונג 8).

אין אונדזער קסאַוויאַד אַלפּי טאָעס: „יין צבי הרקח", נאָר דער איבערשרײַבער, רעדאַקטאָר אָדער אייגנטימער האָט געמאַכט אויפן וואָרט „יין" א סימען, וואָס זאָל באַטײַטן, אַז דאָס וואָרט דאַרף געלייענט ווערן אַלס צווייטס.

די אויטאָרשאַפט פון יעהודע האַלייווי פאָדערט נאָך געוויס צוגאָב־באַווײַזן.

צולעצט האַלטן מיר פאַר נייטיק אויך צו פּובליקירן דעם אַראַבישן אָריגינאַל „תקלת זגאגאתהן" (נומער 37), וועלכער איז איבער־



פ2 178, נומערן 32—38

געזעצט געוואָרן אין העברעיִש דורך יעהודע האַלייווי אין „אשישות מבלי יין" (ליד נומער 36). די מאָטיוון זײַנען פאָלגנדע.

ערשטנס, דער אַראַבישער אָריגינאַל איז אָנגעוויזן אין אַלע דרײַ קסאָוויאַדן (פ2 1—44, 178 און 614), ווו עס דערשײַנט אויך די איבערזעצונג „אשישות מבלי יין", כאָטש די קסאָוויאַדן אָנגעהערן פאַרשיידענע רעדאַקציעס. ניט אַנדערש, אַז דער ווונטש פון יעהודע האַלייווי איז געווען, אַז ווער עס וועט לייענען זײַן איבערזעצונג, זאָל זיך אויך באַקענען און פאַרגלײַכן מיטן אַראַבישן אָריגינאַל. צווייטנס, אין אונטערשייד פון אַנדערע יעהודע האַלייוויס איבערזעצונגען פון אַראַבישע לידער (זע, לעמאָשל, די באַשרײַבונג פון ליד נומער 38), איז דער אַראַבישער אָריגינאַל פון „אשישות מבלי יין" אַדהײַנט אין ערגעץ ניט פובליקירט געוואָרן. אין די עצעם אַראַבישע קסאָוויאַדן, געשריבענע מיטן אַראַבישן שריפט, איז ער ביז איצט ניט אַנטדעקט געוואָרן. אויך זײַן אווטאָר איז ביז הײַנט ניט באַוווּסט.

דעם אַראַבישן טעקסט פובליקירן מיר לויטן קסאָוויאַד פ2 178 און אין קײַלעכדיקע קלאַמערן ווערן געבראַכט די וואַריאַנטן פון פ2 1—44:

תקלת זגאגאתן אתתנא (זגאגאת אתנא) פרגא
חתי אדא מלית בצרף אלראחי (אלראחה)
כפת פכאדת (צוגעגעבן דאָס וואָרט: אַן)
תטיר במא חות
וכדא אלגסום תכף באלארואחי (באלארואח)

(דער בעכער איז שווער, ווען פון ווײַן
איז ער ליידיק,
גרינג ווערט ער, ווען ווײַן איז אין אים
יאָ פאַראַנען.
אײנײנעם — קימאַט ווי פאַרפלײַען זיי ביידע,
גרינג זײַנען נעשאָמעס מיט קערפּערס צוזאַמען).

איבערז: א. מאַרגאָלין

און איצט, ווײַבאַלד קיין אַנדער אויסוועג איז ניט פאַראַן, לאָמיר ברענגען יעהודע האַלייוויס וווּנדערבאַרע איבערזעצונג אין העברעיִש: (ליד נומער 36):

אשישות מבלי יין כבדות
ואולם מלאו יין — וקלו
והם חרש ככל חרשי אדמה,
כמו תקל גויה בנשמה.

(„קרוגן אָן ווײַן זײַנען שווערע, ערדענע קײלים זײַנען זיי, גלײַך ווי אַלע אַנדערע. נאָר, ווען זיי זײַנען אָנגעפילט מיט ווײַן — ווערן זיי לײַכטע, גלײַך ווי עס ווערט לײַכטער דער קערפּער אַדאַנק דער נעשאָמע").

ווי מיר זעען, זײַנען אין קסאָוויאַד פ2 178 פאַראַן לידער אָף וועלטלעכע טעמעס און פּיוטים. די צאָל פון די ערשטע איז אָן איבערוועגנדע. דאָ זײַנען פאָרגעשטעלט יעהודע האַלייוויס אויסדערוויילטע לידער וועגן ליבע, ווײַן, פרײַנטשאַפט און ספּעציעל וועגן געזעגענונג מיט פרײַנט, ווי אויך אַ פּאָר כאַסן-קאַלע-לידער (נומערן 1—6, 8—11, 13, 24, 25, 28—38, 43—45). אויסער אָריגינעלע, זעען מיר דאָ אויך יעהודע האַלייוויס איבערזעצונגען. ס'איז קעדײַ צו באַמערקן דעם יונגן עלטער פון די פערזאָנען פון אייניקע ליבע-לידער (15 יאָר!). די איבעריקע זײַנען געשריבן אָף נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טעמעס.

פון היסטאָריש-ליטעראַרישן אַספּעקט איז קעדײַ — אויב אויסמײַדן דעם אַלגעמיין באַוווּסטן היסטאָרישן פאַקט פון דער ווירקונג אָף דער העברעיִשער דיכטונג ביכלאַל און די פאָרגעשטעלטע דאָ לידער פון יעהודע האַלייווי ביפּראַט, סײַ אין זין פון פאָרם, סײַ אין זין פון אינהאַלט, פון דער דעמאָלטיקער אַראַבישער פּאָעזיע, — זיך אָפּצושטעלן קוידעמקאָל אָף צוויי מאָמענטן: ערשטנס, וועגן אויסשליסלעכן כאַראַקטער פון אייניקע לידער, און, צווייטנס, וועגן די דערמאָנטע אין קסאָוויאַד פערזענלעכקײַטן. אָבער וועגן דעם — אַן אַנדערס מאָל.

דאָס איז טשיקאַווע

דער ערשטער דענקמאָל לענינען

דאָס איז געשען אין 1923. וולאַדימיר איליטש לענין האָט שווער געקרענקט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעשפּירט נאָך דעם צושטאַנד פון זײַן געזונט.

אין יענע אומרויִקע טעג האָבן די אַרבעטער פון דער באָגאָראָדסקאָ-גלוכאָווער מאַנופאַקטור באַשטימט אַף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צו באַזוכן וולאַדימיר איליטשן. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון זעקס מענטשן. דאָס זײַנען געווען די בעסטע אַרבעטער, מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

אונדזערע דעלעגאַטן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו וו. אי. לענינען אַף אַ לאַסטמאַשין. דער שאָפער האָט ניט געוווּסט דעם וועג. עטלעכע מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וויִאַזוי מע פאָרט ווײַטער, ענדלעך איז מען געקומען צום ציל.

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש זײַנען די דעלעגאַטן איבערגעטראָטן די שוועל פון לענינס קאַבינעט. אין נאָמען פון די גלוכאָווער אַרבעטער האָבן זיי פאַרגעלייענט לענינען אַ באַגריסונגס-בריוו. די אַרבעטער האָבן געשריבן: „דעם כאווער לענין, דעם גרויסן פירער פון די אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט, דעם לערער און כאווער, דו, וועמענס נאָמען, ווי אַ וועגווײַזנדיקער שטערן, ווערט אָפּגעהיט מיט ליבע אין האַרצן ניט נאָר בײַ יעדן מיטגליד פון רקפּ(ב), אויך בײַ יעדן אַרבעטער און פּויער, דו ביסט אונדז נייטיק סײַ אין די אַרבעטס-טעג, סײַ אין די טעג פון פרייד און טרויער. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז דײַן מעכטיקער גײַסט וועט בײַקומען די בייזע קרענק!"

דאָס איז געווען די לעצטע אַרבעטער-דעלעגאַציע בײַם גרויסן פירער פון דער רעוואָלוציע. אַלס מאַטאָנע האָבן די גלוכאָווער געבראַכט לענינען אַכצן פלאַנצלינגען פון ווײַנשלביימער און פאַרפלאַנצט זיי אונטער די פענצטער פון איליטשס שטוב. פון דעמלט אָן גיבן די גלוכאָווער אַרבעטער אַכטונג אַף אָט דעם ווײַנשל-סאָד. יעדן פרילינג פאָרט מען קיין גאָרקי, קעדיי פאַרזעצן נײַע ווײַנשל-אַלייעס, מע הויפּנט אַרום די אַלטע. עס בליִען די ווײַנשלביימער אַלס סימבאָל פון וו. אי. לענינס לעצטער באַגעגעניש מיט די אַרבעטער. מיטן פירער האָט זיך דער סאַמע לעצטער געזעגנט דער שמיד דמיטרי וואַסיליעוויטש קוזניעצאָוו. ער האָט אַרומגענומען לענינען און געזאָגט אַזעלכע ווערטער: „איך בין אַ שמיד, וולאַדימיר איליטש. ווער געזונט, מיר וועלן אויסשמידן אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט!"

אַף מאָרגן, ווען די דעלעגאַטן האָבן אַף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דערציילט דעם אַרבעטער-קאָלעקטיוו וועגן דער באַגעגעניש מיט וו. אי. לענינען, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: לעקאָוועד אָט דער באַגעגעניש אויפשטעלן אַ סטאַטוע-מאָנומענט אַף דעם צענטראַלן גלוכאָווער פלאַץ. דער טאַלאַנטפולער קינסטלער-אויטאָדידאַקט פונעם אַרבעטער-קלוב פיאָדאָר פּעטראָוויטש קוזניעצאָוו איז באַאויפטראָגט געוואָרן שאַפן די סקולפּטור פונעם פירער. אָט וואָס עס האָט געשריבן די צײַטונג „ראַבאָטשאַיאַ מאָסקוואַ": „קוזניעצאָוו האָט באַשטימט מאַכן די סקולפּטור פון אײַזנבעטאָן. קיינמאָל ביז אַהער האָט ער מיט צעמענט ניט געהאַט צו טאָן, ניט געוווּסט, ווי מע באַגייט זיך מיט אים.

עס פלעגן קומען אינזשעניערן, קוועטשן מיט די אַקסל, קוקנדיק אַף קוזניעצאָווס אַרבעט, און אַוועק צוריק, ניט געבנדיק קיין שום אייצע. געהאָלפן האָבן די אייגענע מענטשן — בעטאָנשטשיקעס. זיי פלעגן באַווײַזן, וויִאַזוי דעם צעמענט צעפירן, און געבן אויך אַנדערע זאַכלעכע אייצעס.

געאַרבעט האָט קוזניעצאָוו אינעם קלוב, אין דעם אַלגעמיינעם זאַל. מע פלעגט אים שטערן. דער כאָר האָט געזונגען, ס'איז געגאַנגען אַ רעפּעטיציע, אַרבעטער זײַנען פּאַשעט געקומען אין קלוב זיך דערוואַרעמען. און יעדערער וויל אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט דאָרט אין ווינקל קוזניעצאָוו. דערצו נאָך איז

קוזניעצאָוו געווען דער פּאַרוואַלטער פון דער קלוב-ווירטשאַפט און דער אָנפירער פונעם „קינסטלערישן קרײַזל". א שאָ אכצן איין מעסלעס איז אים אויסגעקומען צו זײַן אף די פיס. אָט אזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער ערשטער דענקמאָל דעם כאַווער לעניץ".

מע דאַרף נאָך צוגעבן, אז דעם לעבעדיקן וולאַדימיר איליטש האָט פ. קוזניעצאָוו קיינמאָל ניט געזען, געאַרבעט האָט ער איבער דעם געשטאַלט פון לענינען לויט בילדער, פאָטאָגראַפיעס, דערציילונגען פון מענטשן, וועלכע האָבן לענינען געזען.

די עפענונג פונעם מאָנומענט האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דעם יאָרטאָג פונעם „בלוטיקן זונטיק" — דעם 9-טן יאַנוואַר, לויטן אַלטן סטיל, 1924 — דעם 22 יאַנוואַר לויט דעם נײַעם סטיל.

אפן גרויסן פּלאַץ אין גלוכאָוו אנטקעגן דער באַדעקטער מיט א גרויען לײַוונט סטאַטוע האָבן זיך אין אָט דעם טאָג פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט אַרבעטער. מע איז געקומען מיט א געהויבענער שטימונג, אָנגעטאָן ווי אף א יאָמטעוו, מיט לידער און פאָנען.

אָבער די עפענונג פונעם מיטינג האָט זיך פאַרהאַלטן. לעסאָף האָט זיך צו דער טריבונע א לאָז געטאָן א גרופּע אָנפירער פון דער אויעזדנער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. די פּנעמער בא אַלעמען — פאַרומערטע, אין די אויגן — טרערן. אף דער טריבונע — דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע איליא מיכײַלאָוויטש קוואַסמאַן. ער לייענט פאָר א טעלעגראַמע וועגן דעם, אז דעם 21 יאַנוואַר זעקס אזייגער מיט פופציק מינוט איז געשטאָרבן וולאַדימיר איליטש לענין. איצט וויינען די מערהײַט מענטשן אפן פּלאַץ. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט א גרויזאַמער גזאַר. אָט אזוי, אף מאָרגן נאָכן טויט פון וו. אי. לענינען, איז אין גלוכאָוו אנטהילט געוואָרן דער ערשטער אין דער וועלט דענקמאָל דעם פירער פונעם פּראָלעטאַריאַט.

פינף טעג און פינף נעכט זײַנען געשטאַנען לעבן אים אין ערן-קאַראַול אַרבעטער און פּויערים. אויך הײַנט, אין העכער זעכציק יאָר אַרום, ליגן טאָמיד בא דעם דענקמאָל לעבעדיקע בלומען.

• • •

כראָניק

אַן אַנדענק-בוך

ניט לאַנג צוריק האָט דער קאָלעקטיוו פון דער רעדאַקציע פונעם פאַרלאַג „ווײַסרוסישע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע" אפן נאָמען פון פּעטרוס בראָווקא אַרויסגעלאָזט די דריטע דערגאַנצטע און אויסגעבעסערטע אויפלאַגע „אף אייביק אין האַרצן פונעם פאָלק", געווידמעט דעם 40־טן יאָרטאָג זינט עס איז באַפרײַט געוואָרן ווײַסרוסלאַנד פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

די אויסגאַבע איז אַן ענציקלאָפּעדישער האַנטבוך, אין וועלכן עס זײַנען פאַרעפנטלעכט מער פון 2 טויזנט אַרטיקלען וועגן העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין ווײַסרוסלאַנד, ווי אויך וועגן זין און טעכטער פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן העלדנטאַט און געוואַגטקײַט אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען דאָס סאָוועטישע ווײַסרוסלאַנד פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

אינעם פאָרוואָרט צום בוך ווערט אונטערגעשטראָכן, אז אין פאַרלויף פון פיל יאָרהונדערטער האָט די געשיכטע ניט געוווּסט פון אזא מאַסן־העראָיִזם, וועלכן עס האָבן אַרויסגעוויזן די סאָוועטישע מענטשן בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פאַר אויסערגעוויינלעכע שלאַכט־פאַרדינסטן זײַנען בא 12.000 סאָלדאַטן, אָפיצערן און גענעראַלן באַערט געוואָרן מיט דער העכסטער באַלוינונג פון לאַנד — העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אינעם בוך זײַנען אָפּגעדרוקט 30 אַרטיקלען וועגן העלדן פון דער ייִדישער נאַציִאָנאַליטעט. צווישן זיי וועלן די לייענער זיך באַקענען מיט די ברידער ווײַנרוב — יעוווסיי און מאַטוויי, מיט דער באַרימטער פליִערן פּאָלינע געלמאַן, מיטן אַרבעטער פונעם ביראָבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד יאָסיף בומאַגין, מיטן אַרמיי־גענעראַל יאַקאָוו קרייזער און אַנדערע.

דער האַנטבוך באַשטייט פון 607 זײַטלעך. די אַרטיקלען זײַנען אילוסטרירט מיט פאָטאָבילדער פון די העלדן.

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ
Окончание урока XXVI

פאַר די, וואָס לערנען יידיש
סאָף פֿונעם לימעד XXVI

§ 46. Подобно неопределенной форме русского глагола, инфинитив употребляется также:

а) — в роли подлежащего. Ср.:

1) **«Смеяться** — здорово, врачи велят смеяться». (Шолом-Алейхем).

1) „לאַכן **איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן.**" (שאָלעם־אַלייכעם)

2) **«Обещать** и **любить** не стоит денег». (Пословица).

2) „צוזאָגן **און** ליב האָבן **קאָסט קיין געלט ניט.**" (שפּריכוואָרט)

б) — для выражения приказа, призыва:

1) **«Встать!»**

1) **אופשטיין!**

2) **«Выполнить** план по-ударному!» (из газеты).

2) „שלאָגלעריש רעאַליזירן **דעם פּלאַן!**" (קעפּל **אין א צײַטונג**)

в) — в сочетании с различными глаголами для выражения назначения или содержания действия, напр.:

1) Мы идем **посмотреть** новый фильм.

1) **מיר גייען** זען **דעם נײַעם פילם.**

2) «Когда посылают дурака **закрыть** ставни, то он их закроет во всем городе». (пословица — «пошли дурака богу молиться, так он лоб расшибет».)

2) „**אַז מע שיקט א נאַר די לאָדן** צו פאַרמאַכן, **פאַרמאַכט ער זיי אין דער גאַנצער שטאָט.**" (שפּריכוואָרט)

3) «Лучше с умным потерять, чем с дураком выиграть» (пословица)

3) „**בעסער מיט א קלוגן צו פאַרלירן, איידער מיט א נאַר צו געווינען.**" (שפּריכוואָרט)

г) — Сочетание инфинитива с личной формой того же глагола употребляется в еврейском языке очень часто, чтобы усилить, подчеркнуть значение данного действия, ср. подобные обороты и в русском:

1) **«Приглашать**(-то) **приглашали**, но мы не пойдем».

1) אײַנלאַדן האָט מען אײַנגעלאַדן, **נאָר מיר וועלן ניט גיין.**

2) «**Находиться** находится оно (местечко) в Малороссии..., а **называться называется** оно не Касриловка, а Воронко». (Шолом-Алейхем)

2) „**געפינען געפינט עס זיך (דאָס שטעטל. —** ש. ס.) **אין מאַלאָראָסיע..., און** הייסן **הייסט עס ניט קאַסרילעווקע נאָר וואָראָנקאָ.**" (שאָלעם־אַלייכעם)

В подобных оборотах при личной форме, не совпадающей с формой инфинитива (см. выше § 44в), употребляется зачастую вместо инфинитива [зайн] фиктивная форма *[изн]*, вместо *[вэлн]* — *[вилн]*, вместо *[висн]* — *[вэйсн]*:

1) «Быть ему следовало бы студентом, но (в действительности) он дантист». (Шолом-Алейхем)

1) „זײַן **וואָלט ער באַדאַרפט זײַן א סטודענט,** נאָר **איזן איז ער א דאַנטיסט.**" (שאָלעם־אַלייכעם)

2) **«Хотеть я хочу**, чтобы вы выслушали меня лично». (Шолом-Алейхем)

2) „ווילן וויל איך, **איר זאָלט מיך אַליין אויסהערן.**" (שאָלעם־אַלייכעם)

3) «Знать(-то) я знаю». (И.-Л. Перец)

3) ווייסן ווייס **איך.** (**י.־ל. פּערעץ**)

אויפגאַבע 6*: **שרײַבט אַרויס די נײַע ווערטער און זעצט איבער די בײַשפּילן:**

ווערטער: **אײַנדעקן** (זיך); 2) **אויספאַלן (דער יאָמטעוו פאַלט אויס אויף מאָנטיק)**; 3) **די בעט, ־ן;** 4) **בענקען** (נאָך עמעצן); 5) **דאַוונען;** 6) **דער טאַטע, ־ס;** 7) **סימכעסטוירע;** 8) **פּטער (זײַן, ווערן) פון...;** 9) **פּורים;** 10) **שטאַרק.**

1) укрывать(ся) (одеялом, простыней и т. п.); 2) выпадать (праздник выпадает, приходится на понедельник); 3) кровать, -и; 4) скучать (по кому-л.); 5) молиться; 6) отец, -ы; 7) «симхес-тойрэ» — название осеннего религиозного праздника; 8) избавиться от чего-л.; отделаться от чего-л.; 9) «пурим» — название религиозного зимнего праздника; 10) сильно, крепко, очень.

זאצן: 1) „שטארק בענקען נאָך זיי האָט מען ניט געבענקט". 2) „הייסן הייסט ער איציק, נאָר רופן רופט מען אים אלטער". 3) „דעקן דעק מיך איַן, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט". 4) „לערנען לערן איך ניט, דאַוונען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט — פּאַטער פון אלץ" (שאָלעם-אַלייכעם). 5) „טרינקען האָט מען געטר'ונקען, ווי פּורים און סימכעסטוירע זאָלן אויספאַלן אין איין טאָג" (אי. דרוקער). 6) „הייסן הייס איך יאָסל-בער און איך בין אין מיליטער. 7) טראָגן טראָג איך א מונד'יר און איך בין אן אָפיצ'יר" (פאָלקסליד).

Ключ к заданию 6:

1) Сильно скучать по ним не скучали. 2) Назвать назвали его Ицик, но зовут его Алтер. 3) Укрываться (одеялом) я укрываюсь, но спать не сплю. 4) Учиться не учусь, молиться не молюсь, петь не пою — избавлен от всего. 5) Пить-то пили, словно праздники симхес-тойрэ и пурим выпали на один и тот же день. 6) Звать зовут меня Иосл-Бер и я служу в армии. 7) Носить ношу я мундир, и я официр.

§ 47а. В отличие от неопределенной формы глагола в русском языке, **любой** инфинитив в еврейском языке в сочетании с артиклем или местоимением становится **существительным среднего рода.** Такое существительное отвечает на вопрос: «Что?» и. как правило, обозначает именно сам **процесс** действия; сравни, например, значения инфинитива и инфинитивного существительного в следующих предложениях:

1) „זיַין" — „דאָס **געזעלשאַפטלעך** זיַין **באַשטימט דעם באַוווּסטזיַין".**

2) „**לייענען"** — איר לייענען **איז אַלעמען געפעלן.**

1) **«быть»** — общественное **бытие** определяет сознание.

2) **«читать»** — **ее чтение** понравилось всем.

Сравните также:

1) **גיין — דאָס גיין;** 2) **שווימען — דאָס שווימען;** 3) **לאַכן — דאָס לאַכן;** 4) **נייען — דאָס נייען;** 5) **פאָרן — דאָס פאָרן;** 6) **ווערן — דאָס ווערן.**

1) идти — хождение; 2) плавать — плавание: 3) смеяться — смех; 4) шить — шитье; 5) ехать — поездка; 6) стать — становление.

אופגאַבע 7*: **שריַיבט ארויס די פאָלגנדיקע ווערטער און זעצט איבער די ביַישפּילן.**

ווערטער: 1) **אר'ויסרופן;** 2) **ברומען;** 3) **אין זינען האָבן;** 4) **כליפּען;** 5) **מעש'ונע;** 6) **עמעסע;** 7) **א קלייניקיַיט.**

1) вызвать; 2) рычать, гудеть, бормотать; 3) постоянно думать (о чем-либо); 4) всхлипывать; 5) странно; 6) настоящий, правдивый; 7) мелочь.

ביַישפּילן: 1) **„דאָס פאָרן פון יעהופּעץ קיין בויבעריק איז א קלייניקיַיט". 2) „דאָס זינגען יאָסעלעס איז מעשונע ווילד". 3) „עסטער האָט שוין דעמלט ניט געק'אָנט האָבן אין זינען דאָס לערנען און דאָס שריַיבן". 4) „עס האָבן זיך א גאָס געג'עבן מעל'אָדיעס. 5) „איך האָב נאָר געה'ערט א זינגען, א קרעכצן, א וויינען, א כליפּען, א ריידן, א ברומען — מעש'ונע מאָדנע קוילעס" (שאָלעם-אַלייכעם). 6) „איך האָב פונעם דערצ'יילן האַנאָע געה'אט". 7) עמעסע קונסט ווערט אר'ויסגערופן פון טראַכטן און רופט אר'ויס טראַכטן" (י. שריַיבמאַן).**

Ключ к заданию: 1) Поездка из ... в ... — это мелочь (=не требует усилий). 2) Пение Иоселе странно дикое. 3) Эстер уже тогда не могла думать об учебе и занятиях письмом (писанием). 4) (Вдруг) полились мелодии. 5) Я (же) слышал только (какое-то) пение, стенание, плач, всхлипывания, говорение, бормотание, — странные голоса. (Шолом-Алейхем). 6) Я наслаждался (самим) рассказыванием. 7) Настоящее искусство вызывается размышлением и вызывает размышления. (И. Шрайбман).

Урок XXVII

לימעד XXVII

אינהאַלט: באַטיַיט אין איבערזעצונג פונעם אינפיניטיוו (העמשעך)

§ 47б. Предлог [аф] в сочетании с инфинитивом получает значение **«чтобы», «для того, чтобы»:**

1) **„וויי-וויי, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! וויפל סגולעס אף** צו מאַכן **געלט דורך פּאַרר-**

1. «Батюшки, и чего только он там не вычитал! Сколько средств делать день-

ש׳יידענע רעצעפּטן! א רעצ׳עפּט אף צו פאר־ד׳ינען הונדערט רובל א כוידעש דורך מאכן די בעסטע טינטן״. (שאָלעם־אלייכעם)

ги по различным рецептам!» (=чтобы делать...)
Средство зарабатывать сто рублей в месяц изготовлением лучших чернил» (...чтобы заработать...) (Шолом-Алейхем)

2) אף צו האָדעווען זיך און די טויבן האָט אים געניגט גאָר א קליין ביסעלע שרײַב־מעלאָכע״. (דער ניסטער)

2. «**Чтобы прокормить** себя и голубей, ему достаточно было лишь немного писательского труда». (Дер Нистер)

אופגאבע 8*: שרײַבט ארויס די ווערטער אף צו איבערזעצן די ווײַטערדיקע בײַשפּילן.

ווערטער: 1) אויסניצן; 2) דער אומשטאנד, ־ן; 3) איבער; 4) באד׳ארפן; 5) דער באָכער, באָכערים; 6) דער בײַשפּיל, ־ן; 7) די ברעט, ־ער; 8) „גוואלד!״ 9) געציילטע; 10) דערל׳אָזן; 11) די העלדיש־קײַט; 12) ווו נעמט מען? 13) די וואַרניטשקעס; 14) דער זאָקן, זקיינים; 15) דאָס טעפּל, ־עך; 16) לאָזן זיך (גיין); 17) לאָזן נאָך זיך; 18) דער לאָקש, ־ן; 19) די לאָקשנברעט, ־ער; 20) די מוטער, ־ס; 21) דער מעסער, ־ס; 22) דער נויטבאדערפטיקטער; 23) די פּוטער; 24) דער פעפער; 25) קאטשען; 26) קאָכן; 27) די רעגע, ־ס; 28) שיידן זיך; 29) דאָס שמאלץ.

1) использовать; 2) условия, обстоятельства; 3) над; по; через; 4) надо, необходимо; быть вынужденным; 5) парень, -и; 6) пример, -ы; 7) доска; 8) «Караул!»; 9) считанные; 10) допускать; 11) героизм; 12) где взять; откуда достать?; 13) вареники, галушки; 14) старец, -ы; 15) горшок, -и; 16) отправиться, идти по ...; 17) оставить после себя; 18) лапша; 19) доска для раскатывания теста; 20) мать, матери; 21) нож, -и; 22) нуждающийся; бедный; 23) масло (сливочное); 24) перец; 25) катать; 26) варить; 27) минута, -ы; 28) распрощаться; 29) животный жир, смалец.

בײַשפּילן: 1) „גוואלד! ווו נעמט מען א לאָקשנברעט אף קאטשען די וואַרניטשקעס אָן פּוטער און אָן שמאלץ, אָן פעפער און אָן זאלץ? 2) ווו נעמט מען א מעסער אף צו שנײַדן די וואַרניטשקעס? 3) ווו נעמט מען א טעפּל אף צו קאָכן די וואַרניטשקעס? 4) ווו נעמט מען א באָכער אף צו עסן די וואַרניטשקעס?״ (פאָלקסליד). 5) „אָט די געציילטע רעגעס וויל איך, טאטע, אויסניצן אף זאָגן א פאָר ווערטער״. 6) „ריווע פלעגט זיך אָפט לאָזן איבער דער שטאָט אף צו קלײַבן פאר די נויטבאד׳ערפטי־קע״. 7) „מוטער מיט קינד, שוועסטער מיט שוועסטער האָבן זיך באד׳ארפט שיידן אף מער זיך ניט צו זען״. 8) „ווען ניט די אומשטענדן, וואָס דער סוינע האָט געש׳אפן אף ניט צו דערל׳אָזן צו קיין יידישער העלדישקײַט, וואָלט יעדער אומגעבראכט קינד אָדער זאָקן געל׳אָזט נאָך זיך בײַשפּילן פון העראָיזם״ (לויט דעם ניסטער).

Ключ к заданию 8:

1) Караул! Где достать доску для раскатывания (теста) для вареников без масла и жира, без перца и соли? 2) ... нож для резки теста... 3) ...горшок для варки вареников... 4) ...парня, чтобы кушать вареники (народная песня). 5) ...хочу использовать, чтобы сказать несколько слов. 6) Рива часто отправлялась..., чтобы собирать (подаяния) для нуждающихся. 7) Мать и дитя, сестра с сестрой должны были проститься, чтобы больше не видеться друг с другом. 8) Если бы не условия, которые враг создавал, чтобы не допустить (проявлений) героизма еврейского (населения), (то) каждый ребенок или старец оставил бы после себя образцы геройства. (Дер Нистер).

דאָצענט — שימען סאנדלער

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קיפּניס, איציק (1974—1894)

— פּראָזאיקער, דיכטער, דראמאַטורג. געבוירן אין שטעטל סלאָוועשנע, זשיטאָמירער געגנט, אין דער מישפּאָכע פון א גאַרבער. אין דער פריער יוגנט געארבעט אין פאַרשײדענע גאַרבערײַען. אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן האָט אים דער לעדער־פאַריין געשיקט קיין קיִעוו זיך לערנען. דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט ד. האָפשטיינען און זיך אָנגעשלאָסן אין דער ליטעראַרישער סוויווע. דעביוטירט מיט מיניִאַטיורן אין פּראָזע אין מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם". אין 1922 איז דערשינען זײַן ערשט פּראָזע־ביכל „מײַסעלעך פאַר קליינע קינדער", אין 1923 — זײַן לידער־זאַמלונג „אָקסן". אנערקענונג פון אַן ערשטראַנגיקן מײַסטער האָט אים געבראַכט דער פּראָזע־בוך „כאַדאָשים און טעג" (1926). דער גרונט־אינהאלט פון זײַן שאַפונג איז די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דער בירגערקריג, וועלכע ער האָט קינסטלעריש פאַרקערפּערט אף אַן אייגנאַרטיקן אויפן, באַווײַזנדיק דאָס שטייגערישע און אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע אינעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן. זײַן שאַפונג איז פאָלקסטימלעך, דורכגעדרונגען מיט ליבע צום פּאָשעטן פאָלקסמענטש. א גרויסער מײַסטער פון קינדער־פּראָזע, האָט ער ארויסגעלאָזט א גרויסע צאָל ביכער פאַר קינדער. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אף רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש, טאַדזשיקיש, פּויליש, העברעיִש. אין פאַרשײדענע יאָרן זײַנען אין זײַן איבערזעצונג אף ייִדיש דערשינען „רוסישע מײַסעלעך", א. קופּרינס „דער ווײַסער פּודעל", ד. גריגאָראָוויטשעס „דאָס גומענע ייִנגעלע", וו. דמיטריִעווס „מײַנע ווירא", ע. סעטאָן־טאָמפּסאָנס „די קליינינקע פּראַיִם", דזש. לאָנדאָנס „בעק", פּ. נאַנסענס „אין נאַכט און אײַז", טש. דיקענס „דעוויד קאָפּערפילד", מארק טווענס „העקלבערי פין".

ווערק: מײַסעלעך פאַר קליינע קינדער. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1922; הויף־כאַוויירים, דערציילונג. דאָרט, 1923; הינדע און הערשעלע, דערציילונג. דאָרט, 1923; מײַסעלעך. דאָרט, 1923; דאָס פאַנטאָפעלע, אַן עגיפּטיש מײַסעלע. דאָרט, 1923; דאָס ציגײַנערל, קינדער־דערציילונג. דאָרט, 1923; א בער איז געפליגן, מײַסעלעך. דאָרט, 1924; די פאַרשטערטע כאַסענע, קינדער־פּיעסע אין איין אַקט. דאָרט, 1924; רוסישע מײַסעלעך. קיִעוו, „סאָראַבקאָפּ", 1924; אָקסן, לידער. קיִעוו, „ווידערוווּקס", 1923; כאַדאָשים און טעג, א כראָניק. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1926; אונדזער מיידעלע לאַנע, דערציילונגען. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1929; אין קלעם, דערציילונגען. דאָרט, 1929; טאַטעשי, טאַטעשי און אנדערע מײַסעלעך. מינסק, צענטרפאַרלאַג, 1929; ס'קערט זיך א וועלט, א פּיעסקע פאַר יוגנט און קינדער. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1929; מײַסעס און דערציילונגען. כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג, 1929; דערציילונגען, דאָרט, 1930; אָט ווער מיר איז היינט געפעלן, לידער. מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטרפאַרלאַג, 1930; דאָדל און שאַיכאַלי, ליד. דאָרט, ווײַסרוסישע אָפּטיילונג, 1930; מײַסעלעך. מינסק, צענטרפאַרלאַג, 1930; שטענדיק גרייט, א געגראַמטע פּאָעמע פאַר קינדער. מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטרפאַרלאַג, ווײַסרוסישע אָפּטיילונג, 1930; זעליק דער ראַדיסט און אנדערע דערציילונגען. מאָסקווע, „עמעס", 1933; כאַרעווע נעסטן, דערציילונגען. כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1933; 12 דערציילונגען (1922—1932). דאָרט, 1933; בורו־מורו, מײַסעלעך פאַר קליינע קינדערסוועגן. כאַרקאָוו—אָדעס, קינדער־פּאַרלאַג, 1935; א נאָמען וועט שוין זײַן, דערציילונג. כאַרקאָוו, קינדער־

פארלאג, 1935; פרייד, דערציילונגען פאר קינדער. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1935; א שיינע אָרדענונג, דערציילונג. מאָסקווע, „עמעס", 1936; דוראָווס שול, ליד. מאָסקווע, „עמעס", 1937; קליינע דערציילונגען. קיִעוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1937; א לאנד, וואָס שײַנט פאר דער גאנצער וועלט, לידער. דאָרט, 1937; א קײַלעכדיק יאָר. דערציילונגען. מאָסקווע, „עמעס", 1938; אז דער זיידע איז געשלאָפן, דערציילונג. קיִעוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1938; יונג און אלט, מײַסעלעך און דערציילונגען. אָדעס, קינדערפארלאג, 1938; ציפּ, ציפּ, באָבינקע. דערציילונגען. קיִעוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1938; כאנע־ריווע גייט א טאנץ, פּיעסע אין 3 אקטן. דאָרט, 1939; פון די יונגע יאָרן, דערציילונגען. דאָרט, 1939; די שטוב, ראָמאן אין דרײַ טיילן. דאָרט, 1939; ווער עס לאכט דער לעצטער, דערציילונגען. מאָסקווע, „דער עמעס", 1939; דער ערשטער טראָט, דערציילונגען. קיִעוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1939; דערציילונגען און מײַסעס. קיִעוו—לוואָוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1939; צום נײַעם לעבן, דערציילונגען. דאָרט, 1940; די צײַט גייט, בילדער און דערציילונגען. דאָרט, 1940; פאר די קליינע קינדערסוועגן, דערציילונגען. מאָסקווע, „דער עמעס", 1940; צום לעבן, דערציילונגען. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1970; אונטערוועגנס, דערציילונגען. דאָרט, 1979.

ביבליאָגראפיע: ד. בערגעלסאָן, וועגן קיפּניסעס בוך „כאדאָשים און טעג", צײַטונג „אָקטיאבער", 1927, נומ. 71 און 96; י. נוסינאָוו, א ווינקל פון יאָר 1919. אַרײַנפיר צום בוך „כאדאָשים און טעג", קיִעוו, 1926; י. בראָנשטיין, וועגן אי. קיפּניסעס „אפן וויהאָן", זשורנאל „שטערן", 1927, נומ. 7—8, 9; ס. זשוקאָווסקי, צו דער איצטיקער ליטעראַרישער סיטואציע. זשורנאל „פּראָליט", 1929, נומ. 11—12; י. בראָנשטיין, פון א קאסרילעווקער ווינקל. זשורנאל „שטערן", 1926, נומ. 9—10; ס. רייף, וועגן קיפּניסעס „מײַסעס און דערציילונגען". זשורנאל „די רויטע וועלט", 1929, נומ. 5—6; מ. ליבערמאן, אי. קיפּניסעס „זעליק דער ראדיסט". זשורנאל „שטערן", 1933, נומ. 9; ג. יאבראָוו, אי. קיפּניסעס „די שטוב". דאָרט, 1940, נומ. 1; מ. מיזשיריצקי, וועגן אי. קיפּניסעס „די שטוב", אינעם בוך „ליטעראַריש־קריטישע עטיודן". קיִעוו, אוקרמעלוכנאצמינדפארלאג, 1940; י. לוואָווסקי, וועגן איציק קיפּניסעס דערציילונג „קראסאווטשיק". זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1969, נומ. 10; כ. לויצקער, איציק קיפּניס. דאָרט, 1966, נומ. 2; איציק קיפּניס, נעקראָלאָג. דאָרט, 1974, נומ. 5; ר. רובין, פּאָשעט און פּראָסט? אוי, ניין... וועגן איציק קיפּניסן. דאָרט, 1978, נומ. 9; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקאיא ענציקלאָפּעדיא", 1966, ב. 3, ז. 522—523; לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, צווייטע אופלאגע, ב. 3, ווילנע, 1929.

■ ■ ■

די „נאַציאָנאַלע פּאָליטיק" פונעם ייִסראָעלדיקן ציִעניזם...

דאָס אויפשטעלן אַ פּאַרקאַן פון שטעכל־דראָט אַרום דעם באָדן וואָס מען האָט צוגערויבט בײַ די בעדואינער אין פּיתחת רפיח

בענעגייע די בעדויִנער פון פּאַלעסטינע

בענעגייע דעם פאָלק פון ליוואַן...

דער פאשיסט קאהאנע — א דעלע־
גאט פונעם יִשׂראלדיקן קנעסעט

אָט דאָס זײַנען די כעווריעלײַט,
מיט וועלכע קאהאנע און זײַן
גלײַכן קלײַבן זיך אָנפירן מיט דער
מעדינע

ווייער אידעאל: קויעך אָנשטאָט
יוישער...

"Sovietish Heimland" has already published essays by a member of the family, Evsei Yatsovsky, about the heroic struggle of the communists in the Lithuanian underground movement. In the present issue, the author is represented by a series of documentary short stories, "Young Communists of the Koven Underground".

The contemporary lawyers of the fascist executioners in the capitalist countries, above all in the USA, claim that the problem of war criminals no longer exists—the laws effective in those countries do not permit, they say, under the "statute of limitation", the punishment of those who have committed crimes against humanity. The absordity of this argument is exposed in an article by the former leader of an uprising in the fascist death camp of Sobibor, Alexander Pechersky of Rostov-on-the-Don.

Over sixty years ago, on the second day after the death of V. I. Lenin, on the central square of the Ukrainian town of Glukhov in the Sumskaya Region, a memorial, the work of F. P. Kuznetsov, a local amateur sculptor, was put up to the leader of he revolution. The story is told in our article, 'The First Monument to Lenin".

In our feature, "Literary Criticism: Problems of Art", we are printing an article by Lipa Geller of Minsk about the work of poet and prose-writer Girsh Reles; Professor Max Goldin of Riga contributes an article about the creative ties between Jewish literature and Moldavian; and art critic Georgy Kustov of Moscow discusses the drawings of Solomon Verkhovsky, whose work is represented by the art insert in our January issue.

We are publishing short reviews by B. Miller on a collection, "Selected Writings" by M. Lev ("Sovietsky Pisatel" Publishers, 1983); by A. Torpusman on a collection "Research on Semitology" (Tbilisi, 1983); by L. Shumsky on the book "Alphonso. Meyashar Akov" ("Nouka" Publishers, 1983); by M. Volf on a collection of verse by M. Gruvman "The Blizzard Years" ("Sovietsky Pisatel" Publishers, 1983); and by M. Shloimes on a book by progressive Israeli writer R. Levin, "Avinaam Lachav and Other Tales" (Tel-Aviv, 1983).

"The Library in Sokolniki" is the heading of an article by Pavel Kuzmenko of Moscow in which this senior librarian of the N. N. Nekrasov Central Municipal Public Library tells about the well-known Moscow branch which houses a big collection of literature in the languages of the peoples of the USSR, Jewish included.

"Our Information" contains a research article by Lev Vilsker of Leningrad, "A Present from Jeguda Halevi", about new research being done on the creative heritage of the great medieval poet.

Our January issue includes the regular features, "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to those learning Yiddish", "Chronicle of Literary Life" and others.

Supplement:
Ber Galperin. "Everything Depends on People"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 1, January, 1985

"Soviet literature today is an organic alloy of spiritual values being created by all the nationalities and peoples of the USSR. It is therefore fully possible to understand the desire of the writers, artists, musicians and architects to draw on the centuries-long cultural tradition of their people, to reflect the life of their native republic more profoundly and more vividly. Furthermore, creative practice shows that the more closely one national culture is bound up with the others, the more intensively it absorbs those features of the creative experience of the fraternal peoples which have acquired international significance, and the more quickly and fruitfully it develops. The greater too, is the contribution that it makes to enriching the spiritual life of the whole Soviet people, of our whole society". With these words, Comrade Konstantin Ustinovich Chernenko, General Secretary of the CC of the CPSU, addressed the anniversary plenum of the Board of the Writers' Union of the USSR on 25 September 1984. We are opening our first issue for 1885 with this speech.

Poetry is represented this time by a sequence of poems from C. Gurevich of Novosibirsk and by a verse collection including contributions from P. Kirichansky of Kiev, Z. Veitsman of the Amur Region, M. Gruvman of Novgorod, D. Khaikina of Kiev, B. Miller of Birobijan, L. Geller of Minsk, M. Pens of Makhachkala, E. Beider of Gorky, L. Berinsky of Moscow and M. Golbshtein of Simferopol. We are also publishing a cycle of poems from our readers.

"The Time of Great Hopes" is the title of a new novel by Grigory Polyanker of Kiev. It is about the Great Patriotic War. The events take place outside Stalingrad at first, then on the Kursk Bulge.

Not long before his death at the end of September last year, senior Soviet Jewish writer Ber Calperin sent to the editors a cycle of verse which he had translated from the Lithuanian. In his covering letter, he wrote: "As with my translations from Hebrew, German, French, Spanish and other languages, I have done these from the Lithuanian not from literal versions, but from the originals". The selection published in the current number includes poems by A. Baltakis, J. Strelkūnas, V. Palčinskaitė, A. Hurginas, V. -Yu. Vaičiūnaitė, A. Maldonis, E. Mieželaitis, V. Hiedra and E. Matuziavičius.

Authors Faivl Sito and Girsh Bloshtein both made their mark in Soviet Jewish literature. Faivl Sito would now be seventy-five years of age. He made his debut at the end of the Twenties with a short novel, "Orphanage No. 40", and in the course of his short life (he died in 1945 at the age of thirty-six) he wrote many short stories, novellas and a novel.

Sito was successful at the literary parody, wrote several plays that were performed by Jewish theatres and, during the Great Patriotic War, was editor of a front-line newspaper. To mark the 75th birthday anniversary of this talented man of letters, we are publishing his little-known short stories about the war. For the 90th birthday anniversary of Girsh Bloshtein, we are featuring his unpublished story, "In the Old House", from his literary heritage.

The Yatsovsky family are well known in Lithuania for their active involvement in the underground revolutionary movement of the Twenties and Thirties.

М. Шлоймеса — на книгу прогрессивной израильской писательницы Р. Левин «Авинаам Лахав и другие рассказы» (Тель-Авив, 1983).

«Библиотека в Сокольниках» — под таким заголовком напечатана статья Павла Кузьменко (Москва), в которой старший библиотекарь Центральной городской публичной библиотеки им. Н. А. Некрасова рассказывает о филиале этого известного в Москве книгохранилища, в котором собрано большое количество литературы на языках народов СССР, в том числе на еврейском.

Под рубрикой «Наши сообщения» публикуется исследование Льва Вильскера (Ленинград) «Подарок Иегуды Галеви», посвященное новым изысканиям по творческому наследию великого поэта средневековья.

Завершается январская книжка журнала традиционными рубриками «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «В помощь изучающим идиш», «Хроника литературной жизни» и др.

Приложение к номеру:
Бер Гальперин. «Все остается людям»

гинала». В цикл произведений, публикуемых в настоящем номере журнала, вошли стихотворения литовских поэтов А. Балтакиса, И. Стрелкунаса, В. Пальчинскайте, А. Хургинаса, В.-Ю. Вайчюнайте, А. Малдониса, Э. Межелайтиса, В. Гедры.

Заметный след оставили в еврейской советской литературе писатели Файвл Сито и Гирш Блоштейн. Файвлу Сито исполнилось бы сейчас 75 лет. Дебютировавший в конце 20-х годов повестью «Детский дом № 40», он написал за свою короткую жизнь (он умер в 1945 году в возрасте 36 лет) много рассказов, повестей и роман. Успешно работал Ф. Сито в жанре литературной пародии, написал несколько пьес, поставленных еврейскими театрами, во время Великой Отечественной войны был редактором фронтовой газеты. Отмечая 75-летие со дня рождения этого талантливого литератора, журнал публикует его малоизвестные рассказы на военную тему. К 90-летию Гирша Блоштейна печатается неопубликованный рассказ «В старом доме» из его литературного наследия.

Семья Яцовских известна в Литве активным участием в подпольном революционном движении 20-х — 30-х годов. В свое время «Советиш геймланд» уже печатал очерки одного из членов этой семьи — Евсея Яцовского о героической борьбе коммунистов литовского подполья. В нынешнем номере автор выступает с циклом документальных рассказов «Комсомольцы ковенского подполья».

Современные адвокаты фашистских палачей в капиталистических странах, и прежде всего в США, утверждают, будто больше не существует проблемы военных преступников — правовые нормативы, действующие в этих странах, не позволяют-де, из-за «срока давности», наказывать преступников против человечества. Абсурдность подобной аргументации разоблачается в статье бывшего руководителя восстания в фашистском лагере смерти Собибор Александра Печерского (Ростов-на-Дону).

Более 60 лет назад на центральной площади города Глухова, Сумской области (Украина), на второй день после смерти В. И. Ленина был установлен памятник вождю революции, сделанный местным самодеятельным скульптором Ф. П. Кузнецовым. Об этом рассказывается в материале «Первый памятник Ленину», напечатанном в номере.

В рубрике «Литературная критика, вопросы искусства» печатаются статья Липы Геллера (Минск) о творчестве поэта и прозаика Гирша Релеса, проф. Макса Гольдина (Рига) — о творческих связях еврейской музыки с молдавской, искусствоведа Георгия Кустова (Москва) — о работах графика Соломона Верховского, художественная вклейка которого помещена в январской книжке журнала.

Публикуются короткие рецензии Б. Миллера на сборник «Избранное» М. Лева (издательство «Советский писатель», 1983), А. Торпусмана — на сборник «Исследования по семитологии» (Тбилиси, 1983), Л. Шумского — на книгу «Альфонсо. Меяшар Аков» (издательство «Наука», 1983), М. Вольфа — на сборник стихов М. Грувмана «Метельные годы» (издательство «Советский писатель», 1983),

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 1, январь 1985

«Советская литература предстает сегодня как органический сплав духовных ценностей, создаваемых всеми нациями и народностями страны. И потому вполне понятно стремление писателя и художника, музыканта и архитектора опереться на многовековые культурные традиции своего народа, глубже и ярче отобразить жизнь своей республики. Вместе с тем художественная практика убеждает: чем теснее национальная культура связана с другими, чем интенсивнее вбирает она в себя те черты духовного и художественного опыта братских народов, которые приобрели интернациональное значение, тем быстрее и плодотворнее она развивается. Тем больший вклад она вносит в обогащение духовной жизни всего советского народа, всего нашего общества». Такими словами заканчивалась речь Генерального секретаря ЦК КПСС товарища Константина Устиновича Черненко на юбилейном пленуме Правления Союза писателей СССР 25 сентября 1984 года. Этой речью открывается первый в нынешнем году номер журнала «Советиш геймланд».

Поэзия номера представлена циклом стихотворений Х. Гуревича (Новосибирск) и коллективной подборкой, включающей стихи П. Кириченского (Киев), З. Вейцмана (Амурская область), М. Грувмана (Новгород), Д. Хайкиной (Киев), Л. Геллера (Минск), М. Пенса (Махачкала), Э. Бейдера (г. Горький), Л. Беринского (Москва), М. Голбштейна (Симферополь).

«Время больших надежд» — так называется новый роман Григория Полянкера (Киев). Тема романа — Великая Отечественная война. События происходят сначала под Сталинградом, затем на Курской дуге.

Незадолго до кончины (он умер в конце сентября прошлого года) старейший советский еврейский писатель Бер Гальперин прислал в редакцию цикл стихотворений, которые он перевел с литовского языка. Б. Гальперин писал в своем письме: «Перевод с литовского, как, впрочем, переводы с древнееврейского, немецкого, французского, испанского и других языков, я делаю не по подстрочникам, а с ори-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 31.10.1984. Подписано к печати 18.12.1984 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 607.

Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019. пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Утверждать правду жизни, высокие идеалы. Речь Генерального секретаря ЦК КПСС товарища К. У. Черненко на юбилейном пленуме Правления Союза писателей СССР 25 сентября 1984 года.

Г. Полянкер. Время больших надежд (роман).

Стихи Х. Гуревича, П. Киричанского, З. Вейцмана, М. Грувмана, И. Бухбиндера, Д. Хайкиной, Л. Геллера, Б. Синельниковой, М. Пенса, Э. Бейдера, Л. Беринского, М. Голбштейна.

Из современной литовской поэзии. Стихи А. Балтакиса, И. Стрелкунаса, В. Пальчинскайте, А. Хургинаса, Ю. Вайчюнайте, А. Малдониса, Э. Межелайтиса, В. Гедры в переводе Б. Гальперина.

Публицистика. А. Печерский. Наказать нацистских преступников!

П. Кузьменко. Библиотека в Сокольниках.

Наши сообщения. Л. Вильскер. О найденных рукописях Иегуды Галеви.

Это интересно. Хроника. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 1